STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07932

A TOG-BUKH FUN A YIDN VOS HOT NIT GEVOLT FORN KAYN YISROEL

Velvl Tshernovetski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דעם חשובן פריינט און נאציאנאלן אידן,

ביי וועמען י ע ד ע ר אידישער בוך, און

ספעציעל א בוך וועגן י ש ר א ל, איז טייער

און געשעצט, דעם חשובן כלל-טוער, פריינט

ליפשיץ

מיט דרך ארץ און פריינטשאפט געווידמעט

דער מ ח ב ר.

אין 5-טן יאָר פון ישראל־זעלבסשטענדיקייט מאַרשירן די אידישע קרעפטן איבער די ישראל־גאַסן







א): אויבן (פון רעכטס צו לינקס) דער מאַיאָר בעט דערלויבעניש ביים זיכערהייטס־מיניסטער אונצוהויבן דעם מאַרש. ב): די ישראל־טאַנקן (אַ סברא... פון אייגענער פּראָדוקציע) מאַרשירן דורך.

די איבעריקע בילדער: — אַ טייל פון חייל מאַרשירנדיק נעבן דער אָפּיציע־לער פּאַלקע.

דער פינפטער „יום העצמאות"־טאָג פון זעלבשטענדיקייט.
ישראל-קרעפטן מאַרשירן אין חיפה











צענדליקער און צענדליקער טויזנטער אידן פון גאַנצן לאַנד און פון דער גאָרער וועלט זענען בייגעווען אַט דער דורכמאַרש פון די ישראל־קרעפטן. בלויז אַ טייל פון דעם וואָס ישראל פאַרמאָגט האָבן מיר געזען און דאָס איז אויך גענוג צוצונעמען דעם אַפּעטיט ביי די אַראַבישע גענעראַלען ניט אָנצוהויבן קיין צווייטן „ראונד".

א „טאָג-בוך" פון אַ אידן, וואָס האָט ניט געוואָלט פאָרן קיין ישראל

ד י ר, וואָס האָט מיך אינספּירירט צו פֿאָרן קיין ישראל, ד י ר — וואָס האָט מיך באַגלייט און זיך מיט מיר „געדראַפּעט“ אויף די בערג פֿון ירושלים און אין די זאַלץ־וויסטענישן פֿון סדום, דיר — מ יי ן פ ר ו י ג אָ ל ד ע — מיט ליבע און דאַנק.

ג ע ו י ד מ ע ט

מיין ליבן האַרציקן חבר און פריינט, דעם אומדערמיד־
לעכן פאָרשער און וויסנשאַפטסמאַן,

ש מ ע ו ן ע ר נ ס ט

דער קלוגער, האַרציקער און סימפּאַטישער פרוי

ר ב ק ה ע ר נ ס ט

פאַר זייער פאַרזיסן אונז די טעג און וואָכן וואָס מיר
זענען געווען אין ישראל —

ת ו ד ה ר ב ה

ערשטער באַנד

ווי אַזוי מען פאָרט קיין ישראל ?

אַרויסגעגעבן פון :

„דער אַרגענטינער מאַגאַזין"
בוענאָס איירעס
1953

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyringht by **Valentin Chernovetzky**

V. CHERNOVETZKY

A "Tog-Buj" fun a iden, vos hot nit ghevolt forn kain Israel

("Diario" de un Judío, que no quería viajar a Israel)

Editado por :
"EL MAGAZINE ARGENTINO"
BUENOS AIRES
1 9 5 3

אַ בוך וועגן ישׂראל וואָס שיידט זיך אונטער פון אַנדערע ביכער

פאַר די איבער פינף יאָר זינט דעם אויפקום פון מדינת ישׂראל זיינען דערשינען אַ שפּאַר ביסל ביכער, מאָנאָגראַפיעס, אָפּהאַנדלונגען, רייזע־שיל־דערונגען, א. א. וו. וועגן דער יונגער מדינה פון אונדזער אַלט פאָלק; זיי זיינען דערשינען אין אידיש, העברעאיש און אין פרעמדע שפּראַכן, איינשליס־לעך אויך שפּאַניש; די באַשרייבונגען זיינען ניט נאָר פון פּראָפעסיאָנעלע שרייבער; עס זיינען פאַראַן פול געשריבענע פון טוריסטן, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געשריבן און ניט געהאַט קיינמאָל קיין שרייבערישע אַמביציע. ניט אומזיסט הפנים, האָבן אונזערע חכמים פעסטגעשטעלט אַז אווירא דארץ ישׂראל מחכים; אָבער ניט אַלע ביכער זיינען אַ באַווייז אויף דער חכמה פון זייערע מחברים...

די מיינסטע מאָנאָגראַפיעס פון דעם סאָרט דריקן אויס, נאַטירלעך, דעם סוביעקטיוון צוגאַנג און איינדרוק פון זייערע מחברים צום אָביעקט פון זייערע באַשרייבונגען: די אידישע מדינה, איר אויפקום, איר אַנטשטייונג, אין וווּקס, איר אַנטוויקלונג; אייניקע באַהאַנדלען איר פּראָבלעמאַטיק, די אינערלעכע און אויסערלעכע שוועריקייטן; אַנדערע די עליה, די עקאָנאָמיק, די אינסטיטוציעס, די מלוכה איינשטעלונג א. א. וו.

גאָר ווינציק, אָבער, געבן זיך אָפּ צו שילדערן דעם לעבן, ווי ער איז, ווי ער זעט אויס טאָג־טעגלעך; דאָס פּאָשעטע וואָכעדיקע לעבן פון דעם פּאָשעטן מאַסן־מענטש אין דער נייער מדינה — זיין גיין, זיין שטיין, זיין עסן, זיין אַרבעט, זיין מסחר, זיין טרינקען, זיין רעאַגירן אויף די געוויינטלעכע פּשוטע ענינים פון טעגלעכער הצטרכות אויפן פון די נייע באַדינגונגען און נייע אומ־שטאַנדן, געשאַפענע אין דער יונגע מדינה, וואָס איז אויפגעקומען אין דעם אַלטן לאַנד. דאָס דאָזיקע, וואָס איז אפשר דאָס עסענציעלע, איז עפּעס ווי פאַרזעען געוואָרן מצד דער מערהייט, וואָס האָבן געשריבן וועגן ישׂראל ביכער אָדער רייזע־איינדרוקן, רעפּאָרטאַזשן אָדער מאָנאָגראַפיעס. איבערן וואַלד האָט מען כמעט ניט ווי ניט באַמערקט די ביימער.

און ווייטער: וועגן ישׂראל האָט מען פאַר די לעצטע פינף יאָר געשריבן אַמיינסטן טיפּזיניק, אינטעלעקטועלמעסיק: ווען עס „האָט געאַרט מער ווי

אַלץ דער גורל" און „מערכה" פון אידיש און וועמען עס „האָט געדריקט ביים האַרץ מער ווי עפּעס אַנדערש די געדריקטע לאַגע", נעבעך, פאַר פּריוואַט־קאַפּיטאַל. ווער עס האָט געזען אין דער יונגער מדינה די פאַרקערפּערונג — און שוין — די רעאַליזירונג פון אַלדאָס בעסטע, פון אַלדאָס שענסטע און דאָס דערהויבנסטע אין די נאַציאָנאַל־אידישע און אוניווערסאַלע אידעאַלן און ער האָט עמאָציאָנעל, זיך ממש פאַרכלינעט צו שילדערן ישראל אַלס די שוין פאַר־ווירקלעכטע אַרקאַציעס, דאָס לאַנד פון טאָטאַלן גליק און העכסטן ווילזײַן, נאָר אין סאַמער ליכט — און ווער עס האָט אין קעגנטייל אויסגערעדט אויפן לאַנד און אויף זײַן אײַנשטעל אַלדאָס בייז, זעענדיק נאָר שאָטן און שאָטן, אָן אַ פּינק ליכטיקייט. פון איין עקסטרעם ביז צו צווייטן; סוביעקטיוויטעט ביזן העכסטן גראַד.

דאָס בוך פון פריינט וועלוול טשערנאָוועצקי, — „אַ טאָג־בוך פון אַ אידן, וואָס האָט ניט געוואָלט פאָרן קיין ישראל", און איז דאָך געפאָרן קיין ישראל, געהערט לחלוטין ניט צו דעם מין ביכער און באַשרײַבונגען וואָס מיר האָבן אויבן דערמאָנט. הגם געשריבן איז עס גראָדע פון אַ פּראָפעסיאָנעלן שרײַבער, האָט דער מחבר זיך באַמיט צו אויסמיידן — און דאָס איז אים געלונגען — ווי ווײַט מעגלעך די ספּעציעלע, ליטעראַרישע פּליטערלעך און דעם אינטעלעקטואַליסטישן רעקוויזיט", מיט וועלכן די מיינסטע ביכער וועגן מדינת ישראל קומען אַזוי גע־דיכט באַפּוצט און באַשײַנט. ער האָט, אין קעגנטייל, געשריבן פשוט, פאָלקס־טימלעך, עמך'דיק אַזוי צו זאָגן. ער האָט געשריבן וואָס און ווי אַזוי ער האָט געזען דאָס לעבן אין ישראל; דאָס לעבן פשטו כמשמעו, אין אַלע ווינקלען און געביטן; אין גאַס און אין שטוב; אין מאַרק און אין קראָם; ביי דער דער אַרבעט און בעת דער רו; אין דער וואָכן און שבת און יום־טוב, אין שטאָט און אין דאָרף; אין קיבוץ און אין מושב.

און געשריבן איז עס, ווי געזאָגט, כמעט אָן „ליטעראַטור" — לעבן, ממש איז געווים, ניט קיין קלענערע הדרגה ווי ליטעראַטור. און ניט דערפאַר, וואָס עס ווערט ניט געשטעלט דער דגש אויף דער נאַקעטער פּראָבלעמאַטיק, פעלט די ישראל פּראָבלעמאַטיק — און איר קאָמפּליצירטקייט און פאַרפּלאָנטערטקייט — אינעם טאָג־בוך. מער ניט די ענינים און פּראָבלעמען אין דער יונגער מדינה, די שווערע קאָמפּליצירטע פראַגן, וואָס האַלטן באַזאָרגט אונדזער גאַנץ פאָלק אין פאַרבינדונג מיט דער מדינה, באַקומען זיך, במילא, פון דער באַשרײַבונג דאָס פשוטען לעבן, פון דער באַשרייבונג פון דאָס געוויינטלעכע פון דאָס שטענ־דיקע, פון דאָס אויסערלעכע אַזוי צו זאָגן, אָן די אָנדייטן אויף די **פּראָבלעמען מיטן פינגער**, אָן צו אָנרופן די פּראָבלעמען און פראַגן ביים נאָמען, אָן צו דאַרפן באַשעפטיקן זיך מיט זיי, אַזוי צו זאָגן, באַזונדער אַבסטראַקט, אָן צו דאַרפן ווידמען פאַר זיי אין דעם בוך ספּעציעלע קאַפּיטלען און „טיפזיניקע" באַטראַכ־**טונגען**.

דער מחבר האָט אויסגעקליבן פאַר זײַן בוך וועגן מדינת ישראל די פאָרמע פון א טאָג־בוך; א איד איז געפאָרן קיין ישראל און פאַרצייכנט, טאָג און טאָג, אַלע זײַנע שטימונגען, געדאַנקען, באַמערקונגען, איינדרוקן, איבערלעבונגען, פאַרזוכונגען, טרעפעניש, באַגעגענישן אאַז״וו. פון דעם מאָמענט אָן, וואָס ער האָט פאַרטראַכט צו מאַכן א רײַזע בכלל, דערנאָך קיין ישראל בפרט, דורך דער רײַזע ביז ישראל, אויף דער רײַזע אין ישראל — אַלץ, אַלץ, שמועסן און באַאָבאַכטונגען, דאָס געזעענע און דאָס געהערטע, דאָס באַמערקטע, און דאָס דורכגעטראַכטע — ביז זײַן פאַרלאָזן ישראל.

דאָס איז א געלונגענער איינפאַל: א טאָג־בוך, אויב מען קען זיך נאָר אויסהיטן פון זען די פאַלשע און איבערטריבענע „אינטעלעקטואַלישקייט״ און סובּיעקטיוויטעט, איז די בעסטע פאָרמע צו זײַן רעאַל מיט זיך און מיט דאָס ארומיקע און די איבערגעגעבענע אַלץ — אַפילו אומוויכטיקע פּרטים, וואָס זענען אָבער, צומאָלס, זייער כאַראַקטעריסטיש — ווי עס זעט אויס איר דער וואָכעדיקער און לעבעדיקער ווירקלעכקייט.

דאָס דאָזיקע בוך האָט די דאָזיקע גרויסע מעלה. עס ווערט אין אים באַשריבן די אידישע מדינה אָט ווי דער מחבר האָט געלעבט אין איר, אין משך פון די וואָכן פון זײַן פאַרזאַמען דאָרטן, שעה נאָך שעה, טאָג נאָך טאָג; קיין זאַך ניט פאַרבאָרגן, קיין זאַך ניט פאַרמינדערט און קיין זאַך אויך ניט... פאַרגרעסערט און אַרויסגעהויבן. במילא זײַנען אין דעם בוך, גאַנץ אָפט, געמישט ליכט מיט שאָטן — ווײַל אַזוי איז אומעטום, אין אַלע לענדער און צײַטן דאָס לעבן, — און טיפע עמאָציע קומט, צומאָלס, נאָענט, פאַר דיר נאָך, געוויינלעכע, פּשוטע, איך וואָלט אַפילו, געזאָגט, באַנאַלע, איבערלעבונגען, אײַנדרוקן און שטימונגען.

אַזאַ איז דאָס בוך: עס איז געשריבן ווי א טאָג־בוך פון א מאַסן־איד פאַר מאַסן־אידן. זאָל דער ברייטער אידישער עולם לייענען א טאָג־בוך פון א אידן א ציוניסט, וואָס האָט אָבער, מורא געהאַט צו פאָרן קיין ישראל, כדי ניט אַנטוישט צו ווערן אין זײַן ציוניסטישער „טראַדיציע״, אין זײַן ציוניסטישער אײַנשטעלונג... ער איז אָבער פאָרט געפאָרן, געזען און, טאָג אײַן, טאָג אויס, פאַרצייכנט אַלץ. און: — איז ער אַנטוישט געוואָרן? איז ער געשטאַרקט געוואָרן אפשר אין זיין ציוניסטישער „וועלט־אַנשויאונג״ דורך זײַן רײַזע אין דער מדינה? דער מחבר לאָזט איבער פאָרן לייענער די מסקנות און דעם אורטייל. און עס איז גוט און וואַרהאַפטיק, אַזוי. אידן וועלן לייענען די פּשוטע טאָג־באַשרײַבונגען פונעם מחבר און וועלן אַליין, אָן זײַן מיטבאַטייליקונג, קענען טראַכטן, לערנען און „דרינגען״ פונעם בוך.

יוסף מענדעלסאָן

פון מחבר צום לייענער

...ס'מוז זײַן אַ טעות! פאַראַן אין „קעפּל" פון בוך אַן איבעריק וואָרט! דאָס וואָרט „נישט"! ס'הייסט? ווי איז דאָס מעגלעך אַז עס זאָל זיך געפינען אַ איד וואָס וויל נ י ש ט פאָרן קיין ארץ ישראל? וועלכער איד — צי וועלכער פאַרטיי ער זאָל נישט געהערן — וועלכער איד וויל עס נישט פאָרן קיין ישראל, וויל נישט אָנקוקן ירושלים, תל־אביב, פּתח־תקוה, ראשון־לציון, דעם נגב און דעם גליל?

וועלכער איד — מעג ער זיין ווי אַסימילירט, — וועלכער איד וויל עס נישט אָנקוקן די הרי־יהודה, צפת און באר־שבע, דגניה און רמת־גן?

און לסוף:

וועלכער איד, וויל עס נישט אָנקוקן די נייע קיבוצים בכלל און — אַלס אַרגענטינער איד — די קיבוצים פון די אַרגענטינער חברה בפרט?

און... דאָך איז דאָס אמת! דער שרייבער פון אָט די שורות, דער מחבר פון אָט דעם בוך — האָט נישט געוואָלט, נישט געהאַט דעם מינדסטן חשק, א י צ ט — ספּעציעל איצט — צו פאָרן קיין ארץ ישראל.

— וואָס־זשע? אפשר אַן אַנטי־ציוני?, אַ קאָמוניסט רחמנא לצלן?, אָדער — להבדל — אַ בונדיסט וואָס גלויבט נאָך אַלץ קאָנסערוואַטיוו, אַז... ציוניזם איז שאָוויניזם?

חלילה! חס וחלילה! דער מחבר פון „טאָג־בוך" איז אַ ציוני מבטן ומלידה! ווען ער איז אַלט געווען קוים זעקס יאָר — איז דאָן געשטאָרבן דר. הרצל ז"ל, האָט ער אים באַוויינט, גלייך מיט אַלע אידישע קינדער פון זיין שטעטל און פון זיין חדר, און עס געדענקט זיך אים נאָך די טרערן וואָס ער האָט פאַרגאָסן זינגענדיק:

„ציון, ציון, עיר אלוהינו
מה גדול שברך, מי ירפה לך"

און פון ד ע מ אָ ל ט אָ ן, און ב י ז ה י י נ ט־צ ו־ט אָ ג, איז ער פאַרבליבן אַ ציוני! אַן אומפּאַרטייאישער ציוני! ער סימפּאַטיזירט מיט אַלע אידן און מיט אַלע פּאַרטייען וואָס גיבן און וואָס טוען עפּעס פאַר ציון!

ווי אזוי־זשע נעמט א איד און מעלדעט, און שרייבט, און גיט א נאמען זיינס א בוך אז...

„ער האט נ י ש ט געוואלט פארן קיין ישראל״!...

און אט איז דער „פארוואס״:

דער שרייבער פון אט די שורות, דער מחבר פון דעם בוך וועגן ארץ ישראל, האט מורא געהאט צו פארן קיין מדינת ישראל! ער האט מורא געהאט פאר א סך זאכן — ספעציעל, אבער, האט ער מורא געהאט פאר...

— אנטוישונג!

ער, דער ציוני, ער, דער פארביסענער שונא און באקעמפער פון קאמוניזם און קאמוניסטן, ע ר, אט דער שרייבער, ביי וועמען צ י ו ן איז געווען איינגעבאקן אין הארצן, און האט אט די ליבע איבערגעגעבן צו זיינע קינדער, ער — האט מורא געהאט, אז ער וועט איצט קומען קיין צ י ו ן, אין ז י י ן ציון, און וועט דערזען וואס מען האט געמאכט פון זיין גרויסן חלום און גרויסע פאנטאזיע, אויף וועלכן דער גרויסער אומשטערבלעכער מנהיג האט געזאגט „אם תרצו, אין זו אגדה״, ווען ער וועט דערזען דאס שפרינגען אין פנים אריין פון די „צאברעלעך״, ווען ער וועט דערפילן אויף זיינע פלייצעס, אדער אפילו אויף פרעמדע פלייצעס — דאס איזדיקעווען זיך פון די „פקידים״ און שוטרים — וועט ער... צוזאמענברעכן!

ווי האט ער, דער שרייבער, געשעפט אט די ידיעות, אז אין ישראל איזדיקעוועט מען זיך, אז די פקידים און די שוטרים דערגייען די יארן, אז די „צאברעלעך״ — שפרינגען אין פנים אריין?...

דאס פרעגט נישט! רעדט זיך דורך מיט א „יורד״ וועט איר אליין הערן!... זיי — אט די „מרגלים״ — ברענגען צוריק אלע „גוטע נייעס״!

צי וועט ער ווערן אוים ציוני?

חלילה! ז י י ן ציון, ז י י ן גאולה ווי ער האט זיך פארגעשטעלט — וועט בלייבן אויף אייביק איינגעגראבן אין זיין נשמה, אבער: —

ער וועט זיך שעמען פאר די אנטי־ציונים מיט וועלכע ער האט א גאנץ לעבן געקעמפט און דיסקוטירט!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער שרייבער פון אט די ווייטערדיקע שורות, איז א חסיד פון אידיש־לשון, פון מאמע־לשון!

ער, אלס חובב־ציון, איז אויך א חובב שפת עברית! אבער — נישט קיין קנאי! פונקט פארקערט! ער האלט — צוזאמען מיט נאך מיליאנען אידן — אז אן דעם גלות בכלל און אן אידיש לשון בפרט — וואלט מדי־

נת ישראל נישט געקאָנט געבוירן ווערן און וועט נישט קאָנען עקזיסטירן!

יאָ! קאַטעגאָריש! וועט נישט קאָנען עקזיסטירן! כדי ארץ ישראל און מדינת ישראל זאָל קאָנען עקזיסטירן — מוז זי רעדן צום גלות — לפחות די נעקסטע 25 יאָר! און צום גלות וועט מען מוזן בלויז און בלויז רעדן אידיש!

און ווען דער שרייבער וואָס באַקומט די ישראל-צייטונגען און ער לייענט די מינדערשעצנדיקע באַציאונג וואָס מען האָט דאָרט צו אידיש! גיט עס אים אַ ברען אין האַרצן און אַחוץ אַנטוישונג גנבעט זיך אויך אַריין שנאה.

איינמאָל האָט דער מחבר פון אָט דעם בוך געלייענט ווי אַזוי די ישראל-שוטרים האָבן געהייסן אָראָפּלאָזן דעם פאָרהאַנג פון אַ טעאַטער בעת מען האָט געשפּילט אויף אידיש „מירעלע אפרת". דערמאָנט, האָט ער זיך, דער שרייבער, אַז צוריק מיט 35 יאָר, בעת ער האָט געלעבט אין אַדעס און איז געגאַנגען אין אידישן טעאַטער פון מישע פיזשאָן, האָט זיך אויך געטראָפן אַז... די צאַרישע פּאָליציי האָט געהייסן אַראָפּלאָזן דעם פאָרהאַנג וויל... מען האָט נישט געטאָרט שפּילן קיין אידיש טעאַטער!...

דעמאָלט, אין אַדעס, האָט מען די גזירה אָפּגעשריען מיט אַ פּופּ-ציקער! איצט, אין ישראל, אין דער אידישער מדינה, האָט נישט געקאָנט אָנגיין די „שטיק" פון געבן אַ פּופּציקער...

אָך! יאָ! שפּעטער, האָט דער שרייבער שוין געלייענט, אַז דער העכ-סטער געריכט האָט בטל געמאַכט די גזירה און געפּאַסקנט אַז אין אי-דישן לאַנד מעג מען שפּילן אידיש טעאַטער!...

אַ וואונד אין האַרצן איז שוין אָבער געבליבן און דער שרייבער פלעגט ענטפערן זיינע בני בית, און זיינע באַקאַנטע חברים, וועלכע האָ-בן אים געפרעגט: ווי קומט עס וואָס ער איז נאָך נישט געפאָרן? —

ער האָט געהאַט פאַר זיי איין ענטפער!

ער האָט אָפּגעלעבט אַ לעבן — 55 יאָר — אַלס ציוני און וויל שטאַרבן אַלס... ציוני!

ער וויל נישט זען מיט זיינע אייגענע אויגן דאָס, וואָס מען דער-ציילט אים!...

אָט דערציילט מען אַז ווען איר קומט אָן קיין מדינת ישראל טוט מען אייך — ביי דער אַדואַנאַ — אויס נאַקעט!

נאָך מער! מען דערציילט, אַפילו, אַז ביי דער אַדואַנאַ איז פאַראַן

א... שניידער און א שוסטער, וואס נייען צענויף אייערע מלבושים און אייערע שיך וועלכע מען האט צעטרענט און צעריסן בעת'ן זוכן ביי אייך דעם קאנטראבאנד...

אט דערציילט מען, אז קיין ישראל זיינען געקומען א סך קארמאנ־טשיקעס און גנבים פון דער סמאטשע־גאס און פון אדעסער טאלטשאק און ווען איר קומט אן אין חיפה'ער פארט אדער אויפן לופט־פלאץ פון לוד, און בעת איר קושט זיך מיט אייערע פריינט — גנבעט מען דערוויילע ביי אייך אוועק די וואליזעס מיט די זאכן וואס איר פירט! אנדערע האבן זיך אפילו געוויצלט אז ווען איר קומט מיט אייער פרוי אהין און איר פארקוקט זיך — גנבעט מען צו די פרוי אויך!...

אויף איינעם א באקאנטן, וואס האט א פרוי א בארימטע מיאוסקייט האט מען אפילו זיך געוויצלט, אז דאס איינציקע מיטל ווי אזוי ער זאל פטור ווערן פון זיין מכשפה איז — ער זאל פארן מיט איר קיין ארץ־ישראל און ביים אנקומען צום פארט — זיך פארקוקן!...

דער שרייבער פון אט די שורות האט געוואוסט אז מען טרייבט איבער, מען טרייבט א סך איבער, אבער עפעס, א שמץ מנהו, איז פארט דא!... און ווען ער האט דאס געהערט וועגן זיין ארץ ישראל, זיין מדינת ישראל ווי ער האט זיך פארגעשטעלט אין פאנטאזיע, און ווען ער האט זיך צוגעהערט צו די גרוסן פון טוריסטן און „יורדים", האט ער פארלארן דעם חשק צו פארן און צו זען, צו אלעס אדער א טייל איז אמת!...

און די „מילחמה", דער „בירגער־קריג" צווישן די פארשיידענע „פעל־קער" פון אידנטום וואס באוואוינען דאס אידישע לאנד?

וויפל האט מען זיך נישט אנדערציילט וועגן די געשלעגן צווישן די נייע עולם, צווישן די איראקער מיט די פוילישע, צווישן די תימנער מיט די ליטוואקעס, צווישן די אונגארן מיט די בעסאראבער! מען לייענט און... דאס הארץ וויינט! דאס בלוט טריפט פון דער נשמה!...

אט דאס איז דאס אויסגעבענקטע לאנד? אט וועגן דעם לאנד האבן מיר עס געזונגען עוד לא אבדה תקוותינו?... ניין! איצט איז נישט קיין צייט צו פארן! איך וועל פארן דאן, ווען אלע אידן וועלן ווערן... ארץ ישראל אידן, ווען זיי וועלן ווערן אויס ליטוואקעס, אויס תימנער, אויס קורדן און אויס פוילישע!...

און די געשיכטע מיטן אידישן געדרוקטן ווארט? אין ישראל גייען ארויס צייטונגען אויף דער פארפלוכטער — טויזנט מאל טוי־

זנט — פאַרפלוכטער דייטשער שפּראַך! נאָר אַז עס קומט צו אַ אידישער טעגלעכער צייטונג — „סטייעט״ נישט קיין פּאַפּיר, געדויערט וואָכן און חדשים ביז מען קריגט אַן ענטפער אַז... — מען דערלויבט נישט!

עס גיט אַ קלונג אין האַרצן יענער קאַזאַצקער אויסרוף:

„סטראַגאַ וואָספּרעשטשאַיעטסיאַ! און דער מוח רעדט צום האַרצן:

עס וועט איבערגיין! דאָס לאַנד בויט זיך! מעגלעך, אַז זיי מוזן אפשר אַזוי האַנדלען! שפּעטער מיט יאָרן, וועט אַלץ ווערן נאָרמאַל! די „צאַברעלעך״ וועלן קליגער ווערן און די שוטרים ונוגשים וועלן אויך פּראַקטישער ווערן! און ווי האָט דאָרט געזאָגט אַ מיניסטער: מיין טאַטע איז קיין מיניסטער נישט געווען, פאַלגלעך קאָן איך נאָך נישט די גאַנצע תורה פון מיניסטערשאַפט...

דערווייל, אָבער — זאָלן פאָרן אַנדערע!... און ער האָט זיך ערנסט געגרייט אויף אַ רייזע קיין נאָרד-אַמעריקע!... דאָרט אין נאָרד-אַמעריקע, האָט ער פריינט און גוטע פריינט, דאָרט געפינען זיך די גרויסע אידישע צייטונגען און זשורנאַלן! דאָרט וועט ער טרעפן און זיך באַקאַנען מיט די גרויסע אידישע שרייבער! ספּעציעל — גאָר ספּעציעל, וויל ער קענען פערזענלעך דעם נשמהדיקן אידישן שרייבער ד נ י א ל ט ש א ר נ י! אַ! אין נאָרד-אַמעריקע, אין ניו-יאָרק, וועט ער שווימען ווי אַ פיש אין וואַסער! ער וועט דערנאָך פאָרן קיין קליוולאַנד, קיין מיאַמי, קיין וואַשינגטאָן און ספּעציעל קיין מעקסיקע! אַך! דאָרט, אין מעקסיקע, האָט ער אַ סך פריינט! ער וועט דערנאָך באַשרייבן אי נאָרד-אַמעריקע, אי מעקסיקע און עס וועט זיין וואָס צו לייענען!... אַ קליניקייט! ניו-יאָרק!

און... געווען נאָך „עפּעס״ פאַרוואָס דער מחבר פון אָט דעם „טאָג-בוך״ האָט נאָך ניט געוואָלט פאָרן קיין ישראל! דער „עפּעס״ איז געווען:
— די מורא פון ניט ק אָ נ ע ן קומען צוריק... די מורא אַז ישראל שטייט אויף דער שוועל פון מילחמה אָדער מיט די אַראַבער אָדער מיט רוסלאַנד.

די לעצטע שיסערייען אויף דער ישראל-אַראַבישער גרענעץ האָבן אַנגעוואָרפן אַ שרעק אויף יעדן אידן בכלל און ספּעציעל אויף ד י , וואָס האָבן דאָרט קינדער אָדער וואָס קלויבן זיך אַהין צו פאָרן! אין גאַס, אין די קאַפעען, ביי יעדן צוזאַמענקום מיט מענטשן האָט מען וועגן דעם גערעדט! ווען מען האָט אייך אַ זאָג געטאָן: „איר זאָלט קומען געזונטערהייט״, האָט עס געקלונגען, ווי איינער ריכט זיך, אַז ביז אייער קומען — ווער ווייסט וואָס אין ישראל וועט ווערן...

די לעצטע געשעענישן מיט רוסלאַנד האָט פאַרשטאַרקט די מורא! מען איז געווען זיכער אַז: אָדער די אַראַבער וועלן באַקומען מערער חוצפּה און וועלן אָנפאַלן אויף די אידן, אָדער... רוסלאַנד אַליין וועט פון איר „סטראַשונעק״ פון איבעררייסן די באַציונגען איבערגיין למעשׂיב און וועט אינוואַדירן ישׂראל און...

מער פעלט אים טאַקע ניט, אַז ער זאָל פּלוצים ווערן אַ געפאַנגע־נער ביי סטאַלינס מענטשן! מער פעלט אים ניט אַז ער זאָל אַריינפאַלן אין די הענט פון די „יעווסעקן״... און, ניט איינמאָל, האָט ער ביי־נאַכט ניט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן טראַכטנדיק, אפשר איז טאַקע איצט געפערלעך צו פאָרן קיין ישׂראל, און ניט איינמאָל... האָט זיך אים — דעם מחבר — געחלומט, אַז ער געפינט זיך אין ישׂראל ווען די סאָוויעטן לאָזן זיך דאָרט אַראָפּ מיט פאַראַשוטן, און נעמען איין ישׂראל... אַז משה סנה ווערט אינערן מיניסטער און שיסט ווילנערן און מיקונים קומט, ווערט אויבער־מיניסטער און דערשיסט סנה׳ן אין דערנאָך קומט אַ באַפעל פון מאָסקווע צו באַשטימען מוהאַד פּאַשאַן פאַר אויבער־מיניסטער און ער דערשיסט אי מיקונים׳ן אין די אַנדערע אי־דישע קאָמוניסטן!...

דאָס אַלץ האָט זיך אים געדרייט אין קאָפּ די לעצטע טעג און נעכט און — עס האָט באַ אים צוגענומען דעם אַפּעטיט און חשק צו פאָרן קיין ישׂראל, אַלנפאַלס — איינער פון די מאָטיוון — איז דאָס געווען!...

— — — — — — — — — — — —

ווער האָט עס דעם „אויבערשטן״ געגעבן די עצה אויסצושניידן אַ ריפּ און מאַכן אַ פרוי?

און וואָס טוט מען, ספּעציעל, מיט אונדזערע אידישע ווייבער?

האָט גאָט געהאָלפן דעם דאָזיקן שרייבער, אַ אידענע, וואָס עלטערט זיך מיט אים אין נחת און פריידן, אַ פאָר און דרייסיק יאָר, און, אָט די אידענע האָט זיך איינגעשפּאַרט:

ניין און ניין! זי פאָרט נישט קיין ניו־יאָרק! זי וויל נישט זען קיין שענערע שטאָט פון בוענאָס איירעס! פאַר איר — איז בוענאָס איי־רעס אויך גענוג!... זי וויל זען ארץ ישׂראל! זי וויל זען מדינת ישׂראל! זי וויל זען... עם ישׂראל! טאַקע אָט די „צאַברעלעך״ אויף וועמען איך „טראָג אַ הארץ״ נאָך איידער איך קאָן זיי! אָט די אידישע וויזשילאַנטן און אידישע קאָמיסאַרן, און אידישע ריכטער, און אידישע... אַדוואָנאַ־

באַאַמטע מיט וועמען מען סטראַשעט אַזוי יעדן רייזנדן! זי האָט דער-לעבט צו זען אַן אייגענעם אידישן אַמבאַסאַדאָר! מען האָט זי שיעור צעקוועטשט אין דעם שטופעניש ווען דער אַמבאַסאַדאָר איז געקומען קיין אַרגענטינע, ווייל זי איצט זען אַ אידישן פּאַרלאַמענט, אַ אידישן דע-פּוטאַט און אפילו אַ אידיש... געשלעג צווישן תימנער און אשכנזים!

און — אייער אידענע פירט ב ײ א י י ך נישט אויס?...

דער שרייבער האָט מיט איר, אָבער, געשלאָסן אַן אָפּמאַך:

נישט פאַרבאָרגן! אַלעס וואָס זיי וועלן זען אין מדינת ישראל, גוטס אָדער חלילה, שלעכטס — ווי שלעכט עס זאָל נישט זיין — זאָל עס פאַרצייכנט ווערן און באַשריבן ווערן! נישט האַנדלען מיט מידת הדין — אָבער אויך נישט פאַרשטעלן זיך די אויגן און נישט זען, נישט ו ו ע ל ן זען וואָס קאָן עמעצן נישט שמעקן ווען ער וועט עס לייענען!

און, מיט האָפענונג אין האַרצן, מיטן „אפשר איז אַלעס געוועזן בלויז רכילות", האָט זיך דער שרייבער און זיין פרוי גאָלדע בת אַברהם לבית קניאזשאַנסקי פון אומאַן, זיך אויפגעזעצט אויף דער שיף „קאָנטע גראַנ-דע" און דעם 21-טן מערץ אָפּגעשיפט זיך קיין ארץ ישראל.

— — — — — — — — — — — —

ד ע ר מ ח ב ר

דער „הר ציון" אין ירושלים — דאָס הייליקע און... שוידערלעכע



1): דוד המלך׳ס „צימער". 2): אין „שוידער-קעלער" („מרתף השואה") וואו עס געפינען זיך די גראַטעוועטע טייקן פון די ספרי תורות, געשענדעטע דורך די נאַצים. 3): אויף דער „טעראַסע" פון דער געביידע. דער עולם קוקט אַריבער צו די אַראַבער. 4): דער הר ציון פון וויַטנס. דער וועג לינקס, איז שוין „קיינעמס לאַנד". 5): אין אַ צווייטן צימער פון „שוידערלעכן קעלער" אויפן הר ציון. 6): אַ וועג וואָס געהער שוין צו דער אַראַבישער טייל. 7): אַ חדר אין „הר ציון" וואו מען איז זיך מתיחד מיטן רבונו של עולם... 8): דער אינערלעכער אויסזען פון קבר פון דוד המלך.

אין ישׂראל איז פֿאַראַן פֿון אַל'ץ און אַלעמען...

1, 2, 3, און 4): אויף אַ „בונדיסטישער" פּייערונג דערעפֿענונג פֿון אַ ביב־ליאָטעק אויפֿן נאָמען פֿון פֿראַנץ קורסקי. אויף בילד 1 זעט מען דעם באַרימטן שרייבער יואל מאַסטבוים, אויפֿן בילד 3: — רעדט דער שרייבער פּוקס. אופֿן בילד 4 זעט מען דעם גאַסט פֿון אַמעריקע ב. שעפֿנער.

5): אַלגעמיינער אויסזען פֿון דער מיסטישער שטאָט צפת מיט אירע ישיבות.
6): צפת — ביים ברעג פֿון ים כנרת. 7): מירון און די חורבה פֿון דער אַלטער שיל וועלכע איז צעשטערט געוואָרן פֿון די קרייצלער. 8): דער אויסזען פֿון דער ישיבה אין מירון.

אַ טאָג־בוך פון אַ אידן וואָס האָט נישט געוואָלט פאָרן קיין ישראל

8־טער נאָוועמבער 1952.

באַקומען היינט אַ בריוו פון אַמעריקע. מען עצה׳ט מיר קומען אַהין אויף אַ שפּאַציר. איך דאַרף ברענגען אַהין אַביסל ביכער. די חברים און ספּעציעל די טעפּליקער לאַנדסלייט וועלן שוין זען, אַז איך זאָל אָפּלייזן פאַר זיי אַ גוטן פּרייז!...

איך מאַך טאַקע אַ חשבון אַז ווען איך פאָר קיין אַמעריקע און איך פאַרזאַם זיך דאָרט אַ חדש — קום איך צוריק מיט אַ שיינע פאָר דאָלער...

אָבער פאָרן אליין — טויג נישט! די קינדער — אַלע חתונה געהאַט — יעדער איינער האָט זיך זיין שטוב און זיין... בעט! זיי וועלן נישט וועלן לאָזן די מאַמע אליין — אַבער, ווער וועיסט צו זיי וועלן זיין אַזוי געטריי און קומען אַקאָמפּאַנירן די מאַמע די פאָר חדשים וואָס זי וועט דאַרפן זיין אַליין!...

און אפשר זיינען זיי גערעכט! מען קאָן נישט פאָדערן ביי זיי אַזאַ קרבן! נו, וועט די מאַמע גיין צו זיי שלאָפן!...

אָבער, ניין! אויב פאָרן — איז אינצווייען! שוין אַוועק יענע יאָרן ווען מען איז אַליין געפאָרן! דעמאָלט איז די פרוי געבליבן מיט דריי קליינע קינדער און איצט דאַרף זי בלייבן מיט... פיר גרויסע... ווענט!

מען דאַרף טראַכטן פון פאָרן אין צווייען! זאָל קאָסטן וואָס עס וויל זיך!

דעם זעלבן אָוונט באַנאַכט, נעם איך אָן אַ באַשלוס. מיר פֿאָרן אין צווייען!

איך פאַרפּיר אַ שמועס וועגן ,פֿאָרן! נאָך איידער איך זאָג וואוהין זאָג איך פריער אַז... מיר פֿאָרן ביידע! אי דאָס וויל איך פֿאָרן צווייטע קלאַס! איך דערמאָן זיך, ווי אַזוי איך בין געפֿאָרן פֿון נעאַפּאָל קיין אַרגענטינע מיט דער — אַמאָל באַרימטער שיף — „פּראַנטשעסקי" אויף וועלכע עס זיינען דעמאָלט געפֿאָרן פיר הונדערט אידישע אימיגראַנטן און אַ פּאָר טויזנט איטאַליענער. האָב איך דעמאָלט געבעטן ביי גאָט, אַז איך זאָל נאָך דערלעבן אַמאָל צו פֿאָרן... צווייטע קלאַס! יענע „דריטע" קלאַס פֿון דער „פּראַנטשעסקי" ליגט מיר נאָך איצט אין טעם...

איך רעד פּאַוואָלינקע, איך צי די ווערטער: — מיר וועלן מאַכן אַ רייזע קיין אַמעריקע! דו — אַזוי רעד איך צו מיין פרוי — דו וועסט זיך זען מיט בעטין, מיט טאַניען! דו וועסט שפּאַנען איבער די גאַסן פֿון ניו-יאָרק! און איך? — איך האָב גאָר גרויסע פּלענער! איך וויל קאָנען דאָס אידישע ניו-יאָרק! איך וויל קאָנען די אידישע שרייבער! ספּעציעל, וויל איך פּערזענלעך זיך באַקענען מיט.. דניאל טשאַרני, מיט מ. אשעראָוויטש, מיט מוקדונין, ניגערן, און אַפילו מיטן בייזן... וואַרשאַווסקי-באַשעוויטש-זינגער! איך האָב גאָר גאָר אַ גרויסן חשק צו קאָנען חיים ליבערמאַן און זען צו עס איז טאַקע אמת אַז ער זיצט און שרייבט מיט אַ יאַרמעלקע אויף זיין גאונישן קאָפּ! איך וועל אַפילו גיין זיך באַקענען מיט...שלום אַש'ן און אים פרעגן היתכן?...

איך רעד! איך דערצייל מיין אידענע וואָס פאַר אַ פּראָגראַם איך האָב נאָך אין מיין לעבן און ווי גליקלעך איך וועל זיך פילן, ווען איך וועל צוגיין אין מיטן בראָנקס אָדער ברוקלין צו אַ גאַרדאָוואָי און וועל זיך מיט אים אויסטענה'ן, בפירוש אויף אידיש! איך דערצייל איר ווי אַזוי איך וועל באַזוכן די ניו-יאָרקער ישיבות — און פּאַרוואָס נאָר ניו-יאָרק — מאַך איך צו איר — גלייך, ווי איך זאָל שוין זיצן אויף דער שיף און איך טענה זיך אוים מיט איר — פּאַרוואָס נאָר ניו-יאָרק? מירן אויך פֿאָרן קיין קליוולאַנד! מירן זיין אָנגעלייגטע געסט ביים פריינט שויפּר (שבח), ביי מיין קרוב אַפּטייקער! איי, סטייטש, ער ענטפערט אַפילו נישט אויף קיין בריוו? נו, דו קאָנסט דאָך אַמעריקע! שטענדיק פּאַרנעמען! שטענדיק — הו-האַ! מען כאַפּט אַ „לאַנטש" מען כאַפּט אַ „סענדוויטש" און מען לויפט ווייטער!

מיין זגתי איז נישט איבעראַשט! זי טאַנצט נישט אויף פאַר פרייד

ווי איך האָב געדענקט! עפּעס אַ קליינינקייט! פאָרן קיין אַמע־ריקע! מאַכן אַ „לוסט-רייזע"! זי בלייבט רואיק, גלייך ווי נישט זי מיינט מען!

וואָס איז? געפעלט איר נישט אַמעריקע? וויל זי נישט זען בעטין מיט טאַניען — אירע צוויי יוגנט-חבר'טעס?

יאָ! זי וויל זיי זען! נאָך אַ מין זען! נאָר...

זי וויל נישט צוליב דעם פאָרן קיין ניו-יאָרק! זי וויל נישט זען קיין גרעסערע און שענערע שטאָט ווי בוענאָס איירעס! זי וויל בעסער פאָרן... קיין ארץ ישראל! זי וויל נאָך — ביי איר לעבן — זען דאָס וואָס זי האָט זוכה געווען צו הערן! אויב נישט קיין ארץ ישראל — פאָרט זי נישט!...

9־טער נאָוועמבער.

היינט, ביים עסן, האָבן מיר פאַרגעזעצט דעם שמועס. זי האָט נישט קיין חרטה! אויב קיין אַמעריקע — זאָל איך פאָרן אַליין! אויב קיין יש־ראל — פאָרט זי אויך! זי שפּילט שוין אויך אויף מיינע סענטימענטן אַז אַ... אידישער שרייבער דאַרף פ ר י ע ר —פאַר אַלץ — פאָרן קיין ארץ ישראל! דו וועסט זען — זאָגט זי מיר — דו וועסט קומען פון דאָרט אַן אַנדער מענטש!... איי, סטייטש! ווער האָט איר געזאָגט אַז איך וויל בייטן מיין מענטשהייט אויף אַן אַנדערער?...

15־טער נאָוועמבער.

מיר באַשטימען צו פאָרן קיין קאָרדאָבאַ אויף אַ פּאָר וואָכן! איך דיסקוטיר שוין נישט וועגן אַמעריקע! איך דענק, אַז אפשר דאָרט, אין אַ רואיקער אַטמאָספער, וועל איך זי איבערצייגן, אַז אויף די עלטערע יאָרן דאַרף מען אַ... לעב טאָן! מען דאַרף זען די גרויסע וועלט, די גרוי־סע שטעט, די וואָלקנקראַצער! און אין ישראל? וואָס וועט זי זען?

10טער דעצעמבער.

מיר האָבן זיך היינט געטראָפן מיט אַ באַקאַנטן וואָס קומט, נאָר־וואָס אָן צוריק פון ישראל. ער איז זיך געפאָרן אַהין באַזעצן! ער איז געפאָרן אַלס „עולה" און, אין אַכצן מאָנאַטן אַרום, איז ער געקומען

אַלס „יורד"! אַ יורד אין פולשטענדיקן זינען פון וואָרט! ער איז געבליבן אָן אַ סענט ביי דער נשמה און ער זוכט אַ שטעלע!... וואָס ער האָט אונדז אָנדערציילט פון ישראל? — זאָל עס נאָר פאַלן אויף די פוסטע וועלדער און וויסטע פעלדער! מיין פרוי האָט געציטערט ווען ער האָט דערציילט... זי האָט געמיינט אַז דאָס וועט פאַרשטאַרקן מיין מיינונג און מיין ווילן נישט צו פאָרן קיין ישראל! נאָר — פונקט פאַרקערט! ערשט פון זיינע רייד האָב איך באַקומען חשק צו זען וואָס דאָרט קומט פאָר! עפּעס האָט זיך נישט געגלויבט אַז אַלע זיינען דאָרט אַזעלכע רשעים, און ווי נאָר מען פּאַקט אַ אידן פון אַמעריקע אָדער אַרגענטינע — „שופט" מען אים אָפּ, מען נעמט צו ביי אים די פּאָר גראָשן זיינע, מען קוועטשט אים אויס ווי אַ לימענע, און מען שיקט אים צוריק אַ היים צו „מאַכן" אַנדער געלט!...

אָט דער איד מיט דער „גוטער" אינפאָרמאַציע און מיינונג וועגן ישראל, האָט מיר געגעבן דעם ערשטן שטויס דווקא יאָ צו פאָרן קיין ישראל...

15־טער דעצעמבער.

מיר זיינען שוין צוריק אין בוענאָס איירעס. מיר ווערן געוואוירע אַ נייעס! כּאַסיעס צוויי קינדער (אונדזערע באַקאַנטע) האָבן שוין אָפּגעדינט אין דער ישראל אַרמיי און קומען שוין די טעג צוריק אַ היים! כּאַסיע מיט חיימן (זייערע עלטערן, עולים פון אַרגענטינע) וואָלטן אויך געקומען — נאָר זיי האָבן נישט אויף הוצאות...

קיין סך מוט — געבן, מיר אָט די גרוסן, נישט צו! מיין פרוי מאַכט זיך אָבער נישט קיין וועזן! ווייסעך? זיי האָבן זיך נישט צוגעפּאַסט צום לאַנד! זיי זיינען נישט קיין אידעאַליסטן! האָבן אויף זייער לעבן נישט אַריינגעוואָרפן קיין צען סענט אין דער קרן־קימת פּושקע! נישטאָ פון וועמען אַראָפּנעמען אַ ביישפּיל!...

2־טער יאַנואַר 1953.

נעכטן האָבן מיר דעפיניטיוו באַשטימט! מיר פאָרן קיין ישראל! אגב. לויטן חשבון — קאָסט די רייזע זייער ביליק! איך באַשטים אָנהויבן גיין „זוכן שיפן" און פרעגן פרייזן!

5-טער יאַנואַר.

איך בין שוין היינט געווען אין צוויי שיפס-קאָמפּאַניעס! איינע אַ פראַנצויזישע — און איינע אַ... בעלגישע. עס איז טאַקע אמת! די רייזע קאָסט זייער ביליק! עס איז מיר פשוט, אַ חדוש פאַרוואָס די גרויסע מאַסן פאָרן נישט אויף אַ שפּאַציר קיין ישראל!... וואָס יאָ! די פּרייזן זיינען אויף דער... דריטער קלאַס! נו? שטייט דען מיין טאַטן נישט אָן צו פאָרן דריטע קלאַס? און ווען עס איז דאָ פערטע — וואָלט איך דען נישט געפאָרן?...

שאַט! וואָס גיי איך אַרום זוכן קאָמפּאַניעס? עפּעס האָבן מיר דאָך אַ היימישן אידן וואָס הייסט פ ע ל ד און ע ר פאַרזאָרגט שוין מיט שיפסקאַרטעס! איך וועל צופאָרן צו פעלדן!

7-טער יאַנואַר.

איך האָב גערעדט טעלעפאָניש צו פעלדן! ער הייסט מיר קומען און זאָגט מיר אָן אַ „בשורה" אַז אויף צו פאָרן מיט ד י שיפן וואָס ער „פאַרמאָגט" דאַרף מען זיך באַזאָרגן מיט זעקס מאָנאַטן פריער! אַלנ-פאַלס מאָרגן זאָל איך מיט אים פאָרן אין דער קאָמפּאַניע וועלן מיר זען וואָס מען קאָן אויפטאָן!... קיין גרויס האָפענונג — זאָל איך נישט לייגן!

נו, וועדליג די ערשטע אַרבעט פון וועלן פאָרן קיין ישראל — איז דאָס אַ „גוטער" סימן! אַבי איך האָב געמיינט, אַז אויף צו פאָרן קיין ישראל, דאַרף מען נאָר האָבן חשק און אַ פּאָר גראָשן אין קעשענע!...

8-טער יאַנואַר.

אַזוי ווי געטראָפן! אויף צו פאָרן מיט אַ שיף ביז אייראָפּע, אין דריטע קלאַס דערצו — איז שוין ל אַ נ ג ניט פאַראַן קיין בילעטן! און אויב איך וועל זיך אויף לאַנג פאַרלאָזן — וועט קיין צווייטע א ו י ך נישט סטייען!

איך קום שוין אַ היים אַ „האָפענונגסלאָזער" נו, וועלן מיר שוין פאָרן איבער אַ יאָר, אַז גאָט וועט געבן יאָרן!...

ביים טיש זאָג איך אָן מיין פרוי די בשורה. נישטאָ קיין בילעטן דריטע קלאַס! איך בין געווען זיכער אַז ווען איך וועל איר פאַרלייגן

צו פֿאָרן צווייטע קלאַס, ווי „פּריצים" וועט זי נישט וועלן! זי איז... אי עקאָנאָמיש אי באַשיידן!

איך האָב שוין ווידער אַ טעות! זי איז וויליק צו פֿאָרן צווייטע קלאַס, אַפילו ערשטע קלאַס, אַבי צו פֿאָרן קיין ישראל!... עפּעס אַ „ישראל-נישט גוטער" איז אַריין אין איר!

9-טער יאַנואַר.

מען קלינגט אין טעלעפֿאָן פֿון דער עלטסטער אידישער באַנק אין אַרגענטינע, פֿון דער קאָמערציאַל באַנק. מען מעלדעט מיר — אין נאָמען פֿון פּרעזידענט חיים בעטשער און סעקרעטאַר דוד צוקער, אַז, אַזוי ווי זיי זיינען געוואוירע געוואָרן אַז איך קלויב זיך צו מאַכן אַ רייזע קיין ישראל, האַלטן זיי פֿאַר זייער געזעלשאַפֿטלעכן חוב צו שטעלן צו מיין דיספּאָזיציע זייער אָפּטיילונג — שיפֿסקאַרטן-פֿאַרקויף. זיי זוכן נישט קיין געשעפֿט און קיין סענט פּרנסה ביי מיר! זיי גלויבן, אַז ווען אַ אידישער שרייבער וויל פֿאָרן אָנקוקן ישראל — און פֿונעם „אָנקוקן", וועט מן הסתם אַרויס אַ בוך — ווילן זיי, מיטהעלפֿן אַ שרייבער אין אָט אַזאַ הייליקער אַרבעט!

נסים מן השמים. אַ אידישע באַנק זאָל האָבן אַ אינטערעס אַז אידישע שרייבער זאָלן פֿאָרן אָנקוקן ארץ ישראל! אַבי איך האָב געמיינט אַז אַ באַנק האָט בלויז אינזינען... געלט און געלט!

12-טער יאַנואַר.

איך האָב שוין געגעבן אָן אוידערויף אויף צוויי שיפֿס-קאַרטעס און דווקא צווייטע קלאַס און דווקא אַ ספּעציעלע „קאַיוטע". מיר פֿאָרן ווי... פֿאַבריקאַנטן אָדער גרויסע סוחרים. אַ האַלבע שטאָט באַקאַנטע ווייסט שוין אויך אַז מיר פֿאָרן! מיר האָבן געקויפֿט די שיפֿס-קאַרטעס צו פֿאָרן מיט דער גרויסער איטאַליענישער שיף „קאָנטע גראַנדע" וואָס גייט אָפּ קיין זשענעווע דעם 21-טן מערץ.

איצט דאַרף מען מאַכן דעם פּאַספּאָרט מיט די איבעריקע „שאַלעבמוינעכצן" וואָס ווערן געמאַכט — אַזוי זאָגט מען מיר „איינס און צוויי"...

13־טער יאַנואַר.

איך האָב אָנגעהויבן מאַכן די פּאַפּירן אין אַ „שלעכטן" טאָג. עס איז, אי אַ... דינסטיק אי דער 13־טער. ביי די היזיקע איז „מאַרטעס טרע־סע" אַ אומגליקלעכער טאָג. אין אַזאַ טאָג, טאָר מען זיך נישט איינשיפן און מען טאָר נישט... חתונה האָבן! פאַרגלוסט זיך מיר, פּונקט אין אַט דעם טאָג, אָנהויבן דאָס כלאָפּאָטשען די פּאַפּירן!...

דער „מאַרטעס, טרעסע" האָט זיך נישט געלאָזט באַזיגן! ער האָט געלייגט שטיינער און קלעצער אין וועג און ווען נישט... מירסקי?

זאָגט נאָר: — מירסקין קאָנט איר? אויב נישט — איז אַ שאָד!

חבר מירסקי איז דער פּראָטאָטיפּ פון אַמאָליקן בעל-הבתישן שתדלן, מיטן איינציקן אויסנאַם, וואָס ער טראָגט נישט קיין לאַנגע באָרד, גייט נישט קיין שיפּעצע, טראָגט אויך נישט קיין זאַמשענעם שטעקן און ווען ער גייט צום פּריץ עפּעס בעטן — האָט ער נישט קיין מורא פאַר קיין הינט וואָס זאָלן אים אָנכאַפּן פון הינטן און אָפּרייסן אַ פּאָלע. ער איז, אַ נאָש בראָט, גייט זעלטן אַ שניפּס, רעדט אַ שיינעם ליטווישן אידיש, און ווען איר בעט אים אַ טובה — לויפט ער אין פייער אריין.

וואָס איז שייך דעם „פּריץ", איז ער אויסגעקאָכט און אויסגעבונדן אומעטום, מען באַגעגנט אים אומעטום מיט אָפענע אָרעמס און —

ווען נישט מירסקי — ווער ווייסט אויף ווען די רייזע מיינע וואָלט אַרויס!...

12־טער פעברואַר.

גיט מיר אַפּ מזל טוב! איך האָב שוין פאַרטיק די פּאַספּאָרטן און איך גיי שוין זיי וויזירן. פריער דאַרף מען גיין זיך שטעלן אַזעלכע „פּאָקן", אַן איינשפריצונג קעגן טיפוס. מען זאָגט אַז אָט די איינשפּרי־צונג גיט אַמאָל די וועלט צו זען! עט! מן הסתם טראַכט מען אויס און מען לייגט צו...

13־טער פעברואַר.

דער אויבערשטער האָט געשטעלט מיין אידענע פאַר אַ נסיון! דו האָסט געוואָלט פאָרן? האָסט געוואָלט ארץ ישראל? טאָ... וואָט טעביאָ! וויים, אַז אַזוי גרינג קומט נישט אָן!

פונעם אינזשעקסיאָן קעגן טיפוס האָט זי באַקומען אַ נשקשה'דיקע פּאָרציע היץ און די האַנט? — זי קאָן מיט איר קיין ריר נישט טאָן! און איך? גלייך װי גאָרנישט! איך װײס אַפילו נישט אין װעלכן אָרט מען האָט דעם אינדזשעקסיאָן געגעבן!...

פאַרנאַכט גייען מיר צום דאָקטאָר בומאַזשני! אַז נאָר לעבן זאָל ער! ער לאַכט זיך אויס און זאָגט אַז... ביז ישראל װעט זיך עס פאַר־היילן! מיין אידענע נעמט אַלעס אָן באהבה. עס אַרט זי נישט װאָס די האַנט „ברענט". זי... פאָרט קיין ישראל!

14טער פעברואַר.

שלעכטע ידיעות! עפּעס דערציילט מען אַז דער איטאַליענישער קאָנסול מאַכט שװעריקייטן מיט דער װיזע דורך איטאַליע! עפּעס טשע־פּעט ער זיך צו די געבוירענע פון יענעם זייט „אייזערנעם פאָרהאַנג"... עפּעס דאַרף מען שיקן אַ בילד דורך... טעלעװיסיאָן קיין איטאַליע און זיי װעלן באַשטעטיקן דאָרט די װיזע! װייסעך מן הסתם אַ מעשה!

פאַרנאַכט באַשטעטיקט זיך אָט די נײַע גזירה! עס דאַרף קאָסטן נייע עטלעכע הונדערט פעזעס!

אַז מען װיל פאָרן קיין ישראל — דאַרף קאָסטן! זאָל צו געלט זיך אויסלאָזן!...

16־טער פעברואַר.

מזל טוב! אין אַ גוטער שעה. די הענט האָבן זיך שוין פאַרהיילט! מיר גייען היינט צום אידישן קאָנסול!

איך בין די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן! דורך מיינע אויגן גיט מיר אַ שװעב דורך די גאַנצע אידישע געשיכטע, זינט דעם חורבן בית שני ביז היינט. עס שװעבט מיר פאַר די אויגן... ירושלים עיר־הקדשה, די „קרייץ־צוגן", די צייטן פון רש"י און רמב"ם, דערנאָך די שפּעטער־דיקע יאָרן מיט די פּאָגראָמען אויף די אידן! איך דערמאָן זיך װיפל מאָל איך אַליין האָב געזען דעם טויט פאַר די אויגן אין די אוקראַאינער פּאָגראָמען, איך זע פאַר מיינע אויגן מיליאָנען אידן װאָס זיינען אומגע־קומען אין דער לעצטער װעלט־מילחמה! גיי װייס, גיי ריכט זיך, אַז איך װעל אַמאָל דערלעבן אַ טאָג װען איך װעל זאָגן מיין אידענע::

גיי, טו דיך אָן. מיר פאָרן אין אידישן קאָנסולאַט!

מיר האָבן זיך אָנגעטאָן יום-טוב׳דיק! מיר האָבן דערפילט דאָס הייליקייט פון מאָמענט. מיין אידענע שמייכלט! ווי איינער זאָגט:

מאַי דאָך, ער פאָרט בלויז אין א י ד י ש ן קאָנסולאַט — וואָרפט עס שוין מיט אים! וואָס וועט זיין שפּעטער, ווען ער וועט שטיין ביי די טויערן פון ירושלים?...

אַ שוואַרץ-חנעוודיק מיידל פון אַ יאָר אַכצן אַטענדירט מיך. זי הויבט אָן רעדן מיט מיר שפּאַניש און הערנדיק אַז איך בין מבין כל דבור אויף עברית — רעדט זי העברעאיש און גיט מיר אַ פּאָר פּאַפּירן אויסצופילן. שפּעטער אַטענדירט אונדז שוין דער הויפּט-בעאַמטער, חבר קאַפּלאַן. אַ סימפּאַטישער בחור, וואָס הויבט אָן מיט וואונטשן איך אַ גליקלעכע רייזע...

ווייזט אויס אַז די ארץ ישראל פּקידים זיינען ניט אַזוי היימיש!.. ווען זיי האָבן א ז א שמייכעלע ווי אָט דער קאַפּלאַן — וואָלט מען צו זיי ווייניקער טענות געהאַט...

18-טער פעברואַר:

ווידער אין אידישן קאָנסולאַט. מיר נעמען אָפּ אונדזערע פּאַספּאָרטן! איך געב אים אַ בלעטער אויף, און דערזע אויף אים אַ „וויזע", אַ שטעמפּל מיט א י ד י ש ע אותיות! אַ וועלט-פּאַספּאָרט און אויף אים לשון-קודשע אותיות פון חומש, פון תנ"ך! איך ווער שוין ווידער סענטימענטאַל און צ וו יי גרויסע טרערן מאַכן נאַס מיינע אויגן-גלעזער פון די ברילן!

מיין עמאָציע ווערט אויף אַ מינוט פאַרשטערט. אין דער זעלבער צייט וואָס א י ך באַקום דעם וויזירטן פאַרפּאָרט פון ישראל-קאָנסולאַט, באַקומט אויך זיין פּאַספּאָרט אַ צווייטער איד וואָס פאָרט אויך קיין ישראל, אָבער... ער פאָרט אנדערש! ער איז אַ מיליאָנער! ער פאָרט ע ר ש ט ע קלאַס, און וועט דערנאָך אויספאָרן גאַנץ אייראָפּע און חלומט אַפילו אַריינצופאָן קיין... פּוילן! ער וויל נאָך אָנקוקן זיין געבוירן-שטעטעלע! ער איז זיכער, אַז מיט די צענדליקער טויזנטער דאָלאַרן וואָס ער פירט מיט זיך — וועט ער עפענען אַלע טירן פון דער וועלט!...

איידער מען האָט אים אַריינגערופן צו געבן אים די פּאַספּאָרטן, איז ער שוין געווען אומגעדולדיק! וואָס הייסט? א י ם ? אַזאַ יחסן?

א מענטש וואס קאטארע האנדלט מיט די גרעסטע פאבריקן און פאר־קויפט סחורה דער רעגירונג, אים זאל מען הייסן ווארטן און ניט אטענ־דירן צו דער מינוט און אים געבן דעם פאספארט אויף א גאלדן טעצעלע!..

דערלעבט די מינוט. מען רופט אים אויס. ער בעט מיך איך זאל ווארטן אויף אים ביז ער וועט ארויסגיין פון „דארט". ער קומט ארויס מיטן פאספארט, גייט צו צו מיר און מיט א פרעך, גראב־יונגיש שמיי־כעלע, גיט ער מיר א ווייז די העברעישע וויזע און גיט מיך א פרעג:

— א נו, גיט א לייען איבער! וואס האט מען דארט... אנגע־פאטשקעט?

— — — — — — — — — — — —

איך בין געבליבן אן לשון. ווידער שטייט א טרער אין די אויגן! אין קאפ פליען געדאנקען:

גאטעניו! צוליב אים און אזעלכע ווי ער האסטו געדארפט שאפן א אידישע מדינה?...

א צווייטער געדאנק, דער יצר הטוב ענטפערט מיר! נישט געזארגט אט, די, גראבע יונגען, אט די פשוטע און קליינע מענטשעלעך, ווען זיי קומען קיין ארץ ישראל אויף בלויז איין מאנאט, ווערן זיי אויסגע־לייטערט! דו וועסט זען, ווען ער וועט קומען צוריק, וועט ער רעדן אנדערש!...

דער יצר הרע לאזט זיך אבער נישט באזיגן! ער שושקעט מיר אריין אין צווייטן אויער:

פונקט פארקערט! ער וועט קומען צוריק א „מרגל!" א פארביטערטער! דא, אין דעם זאטן, פעטן, לאנד, מיט זיינע צענדליקער מיליאנען פעזעס, איז ער געוואוינט, אז מען זאל אים חנפענען, מען זאל אים אפ־געבן כבוד, מען זאל אים אויסדרוקן א דאנק אין דער עפנטלעכקייט פאר א בענקל אדער א טישל וואס ער האט געשאנקען אין זיין פאריין! דא איז ער געוואוינט אז די שענסטע בעלי הבתים זאלן קומען צו אים נאך זיין ביישטייערונג און זאלן ווארטן א האלבע שעה ביז ער זאל זיי אויפנעמען... דא איז ער געוואוינט אז די גרעסטע קינסטלער און שוי־שפילער זאלן זיך בוקן פאר אים אין דרייען ווייל... ער קויפט שטענ־דיק די בעסטע „פאלקא" אין טעאטער און גיט א שיינע „פראפינא", און ווען ער וועט קומען קיין ארץ ישראל און וועט זען, אז נישט בן גריון, נישט שפרינצאק און נישט קיין אנדער גרויסע פערזענלעכקייט איז אים געקומען באגעגענען און אים אויפנעמען מיט מוזיק ביים

פאָרט, און אויב ער וועט נאָך האָבן מזל און — ביי דער אדוואָנאַ — אריינפאַלן עפעס צו אַ שטרענגן אָדער נישט פראַקטישן און נישט טאַקטישן בעאַמטן — דאַן... דאַן וועט ער קומען צוריק נאָך אַ גרעסערער... פאַרגרעבטער יונג און וועט נאָך ווערן אַ שונא ציון!...

אַט, אַט דער געדאַנק, האָט ביי מיר אין קאָפּ געזיגט! עס האָט געדויערט בלויז אַ פּאָר סעקונדן, אָבער איך האָב אַלץ „אויסגעהערט" און אָנגענומען אַ „באַשלוס"...

איך לייען אים דעם העברעישן טעקסט און זעץ אים איבער אויף אידיש, אַז דאָס שרייבט מען, אַז... מען עפנט ברייט די טויערן, פאַר דעם חשובן, זייער חשובן, אידן און גרויסן נדבן געצעל בן זרח, וואָס פאָרט קיין ישראל און מען בעט די ארץ-ישראל'דיקע באַהערדן, אים אויפנעמען בסבר פנים יפות...

25־טער פעברואַר:

איך האָב געהאַט געסט.חברים זיינען געקומען מיר פאַרלייגן אַז מיר זאָלן אַקצעפּטירן אַ אָפּשיד-מסיבה וואָס זיי ווילן אונדז איינאָרדענען! זיי זאָגן אונדז אָפּנהאַרציק: ווייל עס האַנדלט זיך פון אַ רייזע קיין ארץ ישראל — ווילן זיי, אַז די „שטאָט" זאָל אונדז געזעגענען!...

איך האָב אָנגענומען דעם פאָרשלאָג מיט פאַרגעניגן! איך פיל, אַז צו מיין פּעסימיסטישער שטימונג צו מיין רייזע קיין ישראל, וואָלט נישט געווען איבעריק ווען איך באַקום אַביסל וואַרעמקייט פון פאָרויסן...

26־טער פעברואַר:

די „שטאָט" רעשט שוין מיטן „באַנקעט" חברים גרייטן זיך צו קומען! די נאָטיצן אין די צייטונגען און אין דער אידישער ראַדיאָ-שעה, זיינען זייער וואַרעמע! איך בין זיכער אַז ווען איך פאָר קיין אַמעריקע אָדער אויסטראַליע וואָלט מען מיר אַזויפיל אויפמערקזאַמקייט נישט געשענקט! ארץ ישראל — איז עפּעס אַנדערש!...

28־טער פעברואַר:

איך האָב שוין די איטאַליענישע „וויזע". אַז מען מעג דורכרייזן און זיך אָפּשטעלן אויף... 8 טעג אין איטאַליע! איך פאַרשטיי זיי נישט

די איטאַליענער, וואָס וואָלט זיי געאַרט ווען זיי דערלויבן צו בלייבן אין איטאַליע אַכט וואָכן!... וואָס זשע? זיי דערלייגן דען צו אונדז זייער באַבעס ירושה? די דאָלאַרן בלייבן דאָך ביי זיי! לאָקשן — בלייבן — לאָקשן!...

2־טער מערץ:

„פּעקלעך”! ווען גאָט האָט באַשאַפן די ערשטע מכות האָט ער פאַרגעסן צוגעבן נאָך איין מכה צו זיי! „פּעקלעך”!

גוטע ברידער און סתם אידן, ווייבער און מיידלעך, באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע, אַלע, אַלע, „זיינען זיכער” אַז באַ זיי וועל איך זי־כער נעמען אַ „פּעקל” צו זייערע פריינט!

וואָס? איך נעם נישט קיין פּעקלעך? וואָס הייסט איך נעם נישט קיין פּעקלעך? נו! מילא! אַז איך נעם נישט — ווייס איך וואָס איך טו! אָבער ביי אים, באַ איר, אָט דאָס קליינע פּעקעלע — מוז איך נעמען!...

און אַזעלכע זיינען געווען... אַ פּאָר הונדערט! אַ פּאָר טויזנט!

די באַקאַנטע און גאָר נאָענטע, פאַרשטייען מיין לאַגע, פאַרשטיי־ען און וויסן, אַז אויב איך זאָל ווערן אַ „פּעקל־נעמער” און אַ „פּעקל־פירער” — דאַרף איך האָבן אַ שיף בלויז פאַר זיך אַליין!... זיי פאַר־שטייען אויך, אַז איך קאָן נישט נעמען ביי זיי קיין... דאָלאַרן, ווייל איך קאָן נישט ווערן קיין קאָנטראַבאַנדיסט צוליב זיי!

די פרעמדע — די „חשובע אַבאָנענטן” — אַ סך פון זיי ווילן נישט וויסן פון גאָרניט! סהייסט? ער איז שוין באַ מיר אַ „סאָסיע” כך וכך יאָרן און איך וויל אים ניט טאָן אַזאַ קליינע טובה ווי מיטנעמען אַ פּאָר קאָרטלעך סחורה פאַר זיין ברודער וואָס האָט זיך געראַטעוועט אָדער פאַר זיין איינאיינציקער געבליבענער שוועסטער!...

איך זאָג איטלעכן אָפּ און... שאַף זיך שונאים! ממש שונאים!...

איין אַלטיטשקן גוטן ברודער קאָן איך נישט אָפּזאָגן! ער בעט מיך מיטנעמען... אַ קליין פּלעשעלע פּערפומע! נו! ווי איז מען אַזוי שלעכט? ער ברענגט עס מיר שוין איינגעוויקלט און איינגעפּאַקעוועט גלייך ווי דאָרט זאָל זיין מי יודע וואָס!...

3־טער מערץ:

אַלץ איז שוין פאַרטיק! איך קאָן זיך שוין פּאַקעווען אין וועג אַריין! איך בין נאָר אַביסעלע נערוועאיש... מען דאַרף איבערקומען דעם... באַנקעט! די חברים פון דער אָרגאַניזיר־קאָמיסיע פאַרזיכערן מיר, אַז אַלץ וועט זיין דערפאָלג! מען האָט איינגעלאַדן פופציק אינסטיטוציעס און פון 46 איז שוין אָנגעקומען אַ פּאָזיטיווער ענטפער! איך פּועל ביי די חברים, אַז עס זאָל נישט זיין קיין סך רעדנער! איך — וועלכער בין אָפט דער קרבן פון אויסהערן אַ סך רעדעס ביי אַ באַנקעט — וויל נישט אַז ביי מ י ר —זאָלן אַנדערע זיין קרבנות! מען זאָגט מיר צו! בלויז פיר רעדנער וועלן זיין!... נו! פאַרשטיי איך שוין אַז דער באַנקעט וועט זיין אַ דערפאָלג!

12־טער מערץ:

איך פיל זיך ווי אַ חתן־בחור! מיט וועמען איך טרעף זיך זאָגט מען מיר — „ביז שפּעטער״! אויב די אַלע וואָס זאָגן מיר „ביז שפּעטער״ וועלן טאַקע קומען — וועט מען דאַרפן צעוואַרפן די ווענט פון סאַלאָן!...

היינט ווער איך געוואויער אַ נייעס! מיינע קינדער — לעבן זאָלן זיי — גרייטן פאַר מיר אַ באַזונדערע אָפּשיד־וועטשערע! ערגעץ אין אַ רעסטאָראַן פון צענטער! זיי ווילן זיך מיט אונדז באַזונדער געזעגענען!... נו! פיין פון זייער זייט! נישט אַלע קינדער פאַרשטייען ווי אַזוי צו געזעגענען זייערע עלטערן!...

13־טער מערץ:

איך בין די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן! איך בין נאָך אַלץ אונטערן איינדרוק פון נעכטיקן אָוונט!

ווען איך בין אַריין מיט דער פרוי אין סאַלאָן באַגלייט פון מיינע צוויי „אונטערפירער״ משה ראַבין און בערנאַרדאָ זעליקאָוויטש, איז מיר געוואָרן... פינצטער אין די אויגן — פאַר עמאָציע! דער גרויסער סאַלאָן „ראָסיני״ איז פול פון איין עק צום צווייטן! מען באַגעגנט אונדז מיט אַפּלאָדיסמענטן! אַ פריינט פרעגט מיך צו... איך זע עמעצן! איך טאַק אים אָפּ אַ ליגן אַז איך זע יעדערן! אין דער אמת׳ן — שווינדלט מיר פאַר די אויגן! איך זע קיינעם נישט!

מען באַזעצט אונדז „אויבן־אָן״! פון איין זייט — דער פאָרזיצער

פון קאָמיטעט, מיין אַלטער פריינט יעקב אוורוצקי און פון דער צווייטער זייט — מיין טייערער געוועזענער תלמיד און איצטיקער פריינט ב. זעליקאָוויטש. „טאָסטמייסטער" איז מיין אַלטער פריינט און חבר משה נ. שפרינבערג.

עס הויבט זיך אָן די „אָפיציעלע" טייל. פריינט אוורוצקי הויבט אָן גוט, אָבער... ער פארקריכט אין דער זייט מיט... אַ פיש און מיט מאָסקווע, און — ער מוז באַלד ענדיקן! שפרינבערג גיט שוין דעם פאַסיקן טאָן און... אָן „ארמיי" פון קעלנער הויבן אָן דערלאַנגען דאָס עסן!...

די רעדעס זיינען אַלע קורצע און געלונגענע! דער ראש המדברים איז חבר דוד הירש ער פראוווט זיך אַ וויצל טאָן אָף מיין חשבון! איך בין זיכער, אַז ער מיינט נישט צו שלעכטן, אַז ער וויל מיך נישט ווי טאָן! ער וויל זיך בלויז אַ שפּיל טאָן מיט אַ וואָרט! דער עולם פאַרשטייט עס אַנדערש און דערפאַר... באַקומט ער זייער וויניק אַפּלאָדיסמענטן ביים ענדיקן זיין רעדע!

אַ גרעסערן „אָפשניט" האָט ער פון׳ם טאָסטמייסטער! ער גיט אים אַ זאָג אַריין מיטן גראָבן פינגער און... דער עולם אפלאודירט שטאַרק שפרינבערגן! אַ סימן אַז מען האָט אַנדערש אויסגעטייטשט הירש רעדע! אַ שאָד!...

די שטאַרקסטע רעדע האַלט דער פּאַרזיצער פון זשורנאַליסטן און ליטעראַטן-פאַריין, דער באַרימטער שרייבער און טריבון יעקב באַטאַשאַנסקי! ער „זאָגט" אויך אַריין הירשן און... איך בין נישט איבעריק צופרידן! איך בין אַלץ איבערצייגט ביי זיך אַז הירש האָט נישט געמיינט קיין שלעכטס ווען ער האָט געזאָגט אַז ער איז נישט קיין מבין אויף מיין שרייבן!...

לעאָ פיידמאַנס קאָנצערט פאַרווײַלט דעם עולם! עס ענדיקט זיך דער אָונט. איך דאַרף רעדן און... קאָן נישט! גיכער פון אַלץ גלוסט מיר וויינען! טאַקע פאַרוואָס האָבן טאַטע-מאַמע, שווער און שוויגער, ברודער און שוועסטער, שוואָגער און שוועגערן, נישט דערלעבט צו זען אָט דעם כבוד וואָס מען גיט אָף זייער פריינט, זייער אייגענעם!...

14-טער מערץ:

היינט באַנאַכט — אַ צווייטע געזעגענונגס וועטשערע! ביים פריינט ראָבין אין שטוב. מיר זיינען נישט אַליין! עס איז איינגעלאַדן אַ טייל

פון דער קאָמיסיאָן פון קאַבאַזשיטאַר שולע. די מסיבה איז זייער אַ גע־שמאַקע! איך גלויב, אַז צווישן די בייוועזנדע דאַרף אויך הערשן... קנאה! נו! איך וואָלט דען בעסער געוועזן?...

15־טער מערין:

היינט האָבן אונדז די קינדער געזעגנט! מען „פאַרפירט" אונדז אין אַ לוכּאָסע רעסטאָראַן אין „צענטער" און מען סערווירט, לכבוד אונדז, אַ געהויבענע וועטשערע! דערביי טראָגט מען אונטער דער פרוי אַ שיינע רייזע-מתנה! מיין אַלטיטשקע — ווי דער שטייגער איז — וויינט פאַר פרייד!

מתנות! פריינט ברענגען מתנות! עס האָט זיך שוין באַלד געלוינט די רייזע צוליב די מתנות! דער פריינט פּעדראָ קאַפּלאַן גיט מיר אַ מתנה וואָס איך וועל די גאַנצע צייט פון זיין אין ישראל אים מוזן... אינזינען האָבן! דאָס איז אַ טייערע לעדערנע האַנט-טאַש פאַר אַלע מיינע פּאַפּירן און נאַטאַס! דאָס זעלבע — אָבער פאַר דער פרוי — ברענגט דער האַרציקער פריינט ישראל לערמאַן! און אַזוי גייט אוועק אַ סדרה מתנות!...

מיר ווייזט זיך אויס, ווען אַנשטאָט קיין ישראל —איך פאָר קיין נאָרד-אַמעריקע וואָלט מען מיר קיין מתנות נישט געבראַכט נאָר מען וואָלט... געקומען באַשטעלן וואָס איך זאָל זיי ברענגען פון דעם דאָ־לאַר-לאַנד!...

16־טער מערין:

עס שטייט ערגעץ געשריבן, אַז ווען די אידן לערנען תורה ווערט זייער מלאכה געטאָן דורך אַנדערע! מיט מיר איז, ווייזט אויס אויך אַזוי! אַז איך גיין טאָן אַזאַ הייליקע מלאכה ווי פאָרן קיין ארץ ישראל, ווערט מיין אַרבעט פון פאַרזאָרגן מיין באַגאַזש, מיינע פּעקלעך, געטאָן דורך אַנדערע!

דער „אַנדערער" איז, מיין חבר, דער באַוואוסטער פּעדאַגאָג יוסף שוסטערמאַן! ער איז שוין פּראַקטיש! ער ווייסט וואו אַ טיר עפנט זיך! ער ווייסט מיט וועלכער קאָמפּאַניע אונטערהאַנדלען, און ער פאַר־זאָרגט מיר אַלץ! ער פאַרזאָרגט די באַוואוסטע און קאָרעקטע אידישע

איבערשיק-געזעלשאַפט „נגבה", און זי וועט שוין טאָן אַלץ, אַז איך זאָל זיין פריי פון „קלאַפּאָט" מיט קעסטלעך און „פּעקלעך"!

„פּעקלעך"? קיין פרעמדע פּעקלעך פיר איך טאַקע נישט; אָבער ווי אַזוי קומט מען קיין ישראל און מען נעמט ניט מיט זיך, אַביסל צוקער, אַביסל זשערבאַ, אַביסל רייז און אַביסל בוימל! איך וועל דאָך זיך טרעפן מיט אַרגענטינער — טאָ ווי לאָזט מען נישט איבער קיין מתנה אַז מען קומט אין אַ אידישער שטוב?...

אָט די פּעקלעך און פּעק דאַרף מען פאַרזאָרגן! מען דאַרף האָבן אַ גאַנצן קאַמיאָן אויף זיי און מען דאַרף פאַרלירן צייט זיי אָפּצושיקן: דאָס אַלץ האָט מיר שוסטערמאַן פאַרזאָרגט! אַ דאַנק אים און נאָך אַ גרעסערן יישר כוח — אָט דער „נגבה" און דעם בארימטן „ס א מ ו ע ל"!

17־טער מערץ:

אַך! ווי איז מען שוין עלטער מיט פיר טעג! די נערוון וועלן פּלאַצן! אמת! אַלץ איז שוין פאַרזאָרגט! כאָטש נעם, שוין, און זעץ זיך אויף דער שיף! וואָס זשע טוט מען אָבער וואָס... מען קאָן ביינאַכט נישט אַנטשלאָפן ווערן! ווי אויף צו להכעיס — זיינען די נעכט אַזוי צעצויגן, אַזוי לאַנג!... ערשט פאַרטאָג ווער איך אַנטשלאָפן און... איך כאַפּ זיך באַלד אויף!

אַ שטיקל פאַרדינסט פון דער רייזע — האָב איך שוין! איך האָב שוין פאַרלוירן... זעקס קילאָ פון מיין וואָג! אויב די נאָענטע דריי חד־שים וועל איך אַזוי אָנהאַלטן און וועל פאַרלירן נאָך אַ צען־פופצן קילאָ — וועט די רייזע זיך שוין האָבן געלוינט...

18־טער מערץ:

היינט האָט זיך די טיר נאָך ניט פאַרמאַכט און דער טעלעפאָן האָט זיך נאָך ניט אָפּגערוט! מענטשן קומען ברענגען בריוו קיין ישראל אָדער מען קלינגט און מען געזעגנט זיך!

דאָס ברענגען אַזויפיל גרוסן און בריוו צו פריינט מאַכט מיר גלויבן אַז איך האָב... געהאַט אַ טעות!

איך האָב געמיינט, אַז די זאַטע און פאַרמעגלעכע אַרגענטינער אידן, אינטערעסירט נישט זייערע קרובים אין ישראל! אַ סימן? — אָט ליגן ביי מיר בריוו פון ישראל צו זייערע קרובים, איך דרוק אָפּט זייערע נעמען, און... מען רופט זיך נישט אָן!

איצט, ווען צענדליקער און הונדערטער אידן ברענגען בריוו און גרוסן, הויב איך אָן גלויבן, אַז אפשר טליעט יאָ אַ שטיקעלע פייער פון פריינטשאַפט צו אָרעמע פריינט וואָס וואַלגערן זיך אין לאַגערן מעבר לים!... זאָל איך האָבן געהאַט אַזאַ טעות?...

אפשר צוליב דעם האָט זיך געלוינט צו פאָרן קיין ישראל!

18־טער מערץ: (פאַרנאַכט)

מזל טוב! איך האָב שוין די שיפסקאַרטן! ביז היינט — דריי טעג פאַר דער רייזע האָבן איך זיי נישט געהאַט!

אַ געשיכטע מיט אַ מעשה:

די קאָמפּאַניע „איטאַלמאַר", דורך וועמען די „קאָמערסיאַל באַנק" קויפט די שיפסקאַרטן, און ספּעציעל איר גענעראַל־דירעקטאָר, דר. ב ר ו נ ע ל י, האָבן באַשלאָסן, אַז אַ אידישן זשורנאַליסט דאַרפן זיי באַהאַנדלען אַנדערש ווי אַ געוויינלעכן בשר ודם.

ווי אַזוי זשע באַהאַנדלט מען אַנדערש?

מען וויל מיר בייטן די קאַבינע! אַנשטאָט צווייטע קלאַס זאָלן מיר פאָרן — ערשטע!

איז מילא! כאשר אני לעצמי. דאָס הייסט — אַ מאַן אַליין פון „מיין גראַד" — איז פאָרן מיטן ערשטן קלאַס אין אַזאַ לוכאָסער שיף — אַ האַלבע צרה! מען פאַרזאָרגט זיך מיט אַ האַלב טוץ העמדער מיט האַרטע קראַגנס און מען איז אַ „מיליאָנער" גלייך מיט אַלע מיליאָנערן פון ערשטן קלאַס!

אַנדערש איז, מיט אַ פרוי! זי דאַרף האָבן אַ... פאַר טוץ קליידער צווישן זיי — כאָטש אַ טוץ ל אַ נ ג ע קליידער ווי עס פּאַסט פאַר אַ „גראַנד־דאַמע" פון אַ מיליאָנער!...

עס האָט מיך געקאָסט אַרבעט אָפּשרייען די „גזירה"! אָבער, עפּעס האָט מען מיר געביטן!

אַנשטאָט אַ קאַבינע פאַר צוויי — האָט מען מיר געגעבן אַ קאַבינע פאַר פיר — בלויז פאַר אונדז ביידע!...

דער „איטאַלמאַר" און דעם דר. ברונעלי ספּעציעל — אַ האַרציקן דאַנק!...

19־טער מערץ:

היינט — ווידער אַ וועטשערע! פון הכנסת אורחים קומט אָן אַ בריוו אַז היינט האָבן זיי אַ אינסטיטוציאָנעלן אַקט, באַגלייט — מיט אַ וועטשערע! און לכבוד אונדז — האָבן זיי רעזערווירט צוויי פּלעצער, אַלס ערן־געסט פון אָוונט, ערב אונדזער אָפּרייזן קיין ישראל!

טאַקע געווען אַ שיינער אַקט. אַ גרויסער עולם! אָבער, „אויבן־אָן" האָב איך זיך נישט געוואָלט זעצן! איך וויל נישט קיין ספּעציעלן כבוד! מיר זיצן צווישן פריינט און פאַרברענגען עטלעכע שעה אין אַ מחיה'דיקער סביבה!

20־טער מערץ:

היינט איז אַ טאָג פון פּאַקעווען די וואַליזעס! וואָס מער איר נעמט מיט — אַלץ מער, ווייזט זיך אייך אויס — וועט איר דאַרפן!

מילא מיט מיין מענערישן גאַרדעראָב וועל איך תיכּף פאַרטיק! מיט דער פרוים קליידער איז טאַקע אַ פּראָבלעם! אַ פרוי מוז האָבן כאָטש אַ טוץ קליידער! און... וואַליזעס ווערן אָנגעפּולט און עס פעלט נאָך אַזויפיל!...

דער פּראָבלעם פון די וואַליזעס, איז נישט אַזוי דאָס „שלעפּן" זיך מיט פּעק — ווי די אַדואַנעס וואָס מען דאַרף אויפפּאַקעווען און פאַרפּאַקעווען! אַז איר דערמאָנט זיך „אַדואַנע" פאַרלירט איר דעם חשק צו פאָרן!

היינט האָב איך אַזש אַ ציטער געטאָן!

מיין פרוי לייגט פאָר אַז איך זאָל צעפּאַקעווען דאָס „פּלעשעלע פּערפומע" וואָס דער אַלטער פריינט האָט מיר יענע וואָך מיטגעגעבן צו זיין פּלימעניצע קיין ישראל! דאָס פּלעשעלע קאָן זיך נאָך צעברעכן און פאַרגיסן און פאַרפלעקן די מלבושים! זי וועט עס בעסער האַלטן ביי זיך אין האַנט־טאַש!

מיר צעפּאַקעווען דאָס פּעקעלע און געפינען דאָרט אַ.. אוצר פון צירונג!...

טרערן שטעלן זיך מיר אין די אויגן! איך שטעל זיך פאָר: איך קום אין דער אַדואַנע פון ישראל, מען זעט אָט דאָס פּעקעלע, מען פרעגט מיך וואָס דאָרט געפינט זיך? — ענטפער איך: — פּערפום! מען גלויבט

מיר נישט אויפן וואָרט, מען פּאַקעוועט עס אויף און... מען געפינט צירונג! ...

עס גייט נישט אין דעם, צי מען אַרעסטירט מיך אָדער מען אַרעסטירט מיך נישט! מעגלעך, אַז מען וואָלט מיר אפשר געגלויבט אויף א שבועה, אָבער דער ביזון! דאָס דאַרפן זיך פאַרענטפערן! ...

און אפשר פאַרקערט! אפשר וואָלטן באַלד געפלויגן טעלעגראַמעס, קיין ניו-יאָרק און בוענאָס איירעס, קיין מאָנטרעאַל און מאָנטעווידעאָ, קיין ריאָ דע זשאַנעירא און סאַנטיאַגאָ דע טשילע! די טעלעגראַמעס וואָלטן געווען סענסאַציאָנעלע:

„אַ אידישער שרייבער, אַ מחבר פון ביכער, וו. טשערנאָוועצקי פון בוענאָס איירעס האָט געוואָלט אַריינשמוגלען קיין ארץ ישראל צירונג! ער האָט געזאָגט, אַז ער פירט כלומרשט, אַ פּלעשעלע פּערפומע וואָס עפּעס אַ איד האָט אים מיטגעגעבן! די באַהערדן פון ישראל האָבן קאָנפיסקירט דעם קאָנטראַבאַנד און אַרעסטירט דעם קאָנטראַבאַנדיסט”...

עס פאַלט מיר איין אַ געדאַנק. צוגיין צום פענצטער און אַרויסוואַרפן דאָס צירונג דורכן פענצטער! אַ צווייטער געדאַנק: פאַרקויפן דאָס צירונג, איבערגעבן דעם באַטרעף אין אידישן שפּיטאָל אַלס געשאַנק, קויפן אַ פלעשל פּערפומע און... אָפּגעבן אין ישראל די „מתנה” וואָס מען האָט „אָפיציעל” געשיקט דורך מיר!

דער שכל הישר זיגט! איך רעד טעלעפאָניש אַז מען זאָל קומען אָפּנעמען דאָס פּעקל ...

די שטימונג פון דער רייזע ווערט שוין, אין אַ היפּשער מאָס צעשטערט! ... דאָס גליק איז, וואָס עס קומען זיך צענויף די קינדער און די אייניקלעך צו פאַרברענגען מיט אונדז דעם טאָג! איך פאַרגעס פון דער „פּערפומע” און מען פרייט זיך מיט די בני בית!

ביינאַכט, די קינדער פאָרן אַהיים! מען דאַרף זיך געזעגענען מיט די אייניקלעך! מיר ווילן נישט אַז זיי זאָלן קומען צום שיף! עס וועט זיין שווער זיך מיט זיי געזעגענען! ... די אַלטיטשקע וויינט! איך האַלט זיך איין, באַהערש זיך, זאָג צו אַז מאָרגן וועל איך זיי נאָך פאָרן זען, און ...

האָט איר שוין אייניקלעך? אויב יאָ! — וועט איר אונדז מיטפילן ווי אַזוי מען געזעגנט זיך מיט צוויי טייערע אייניקלעך! ...

21־טער מערץ:

היום הרת עולם! היינט איז דער גליקלעכסטער טאָג פון מיין לעבן. דער טאָג האָט זיך גראָדע אָנגעהויבן מיט... פאַרביטערונג:

7 אינדערפרי קומט צו מיר אַ פריינט זיך געזעגענען! איך קען דעם פריינט שוין אַ סך יאָרן! ער איז געווען אַ טיכטיקער ציוניסטישער עסקן, אויך זיין פרוי פלעגט שטענדיק אַרבעטן לטובת דעם קרן קימת און בכלל לטובת ארץ ישראל! צוריק מיט דריי יאָר, איז ער געווען פון די ערשטע עולים קיין ישראל! ער האָט פאַרקויפט זיין הויז, זיין געשעפט און איז מיט געזאַנג און פרייד געפאָרן זיך באַזעצן אין הייליקן לאַנד.

צוריק מיט עטלעכע מאָנאַטן איז ער געקומען צוריק אָן אַ סענט! ממש — אָ ן אַ ס ע נ ט ! ביים אַראָגיין פון דער שיף האָט ער נישט געהאַט צו צאָלן קיין טרינק־געלט די באַדינער פון דער שיף!...

ער איז נישט געקומען פאַרביטערט! ער האַלט, אַז ער אַליין איז שולדיק וואָס ער האָט זיך נישט געקאָנט צופּאַסן צום ארץ ישראל לעבן: אויף צו גיין אין אַ קיבוץ איז שוין צו שפּעט פאַר אים! ער איז שוין אַריבער די זעכציק! האַנדלען... אויפן שוואַרצן מאַרק האָט ער נישט געוואָלט, האָט ער פאַוואָלינקע אויסגעגעבן זיין געלט!

ער איז נישט פאַרביטערט אָבער... ער גיט מיר עטלעכע עצות: זיך נישט נעמען צום האַרצן אויב איך וועל זען, אַז אין ישראל שענקט מען ווייניק אויפמערקזאַמקייט צו גלות־טוריסטן! ער דערציילט מיר אַזאַ זאַך:

דאָ, אין אַרגענטינע, ווען עס קומט עפּעס אַ... „שליח" אַ מינדערוויכטיקער טוער פון הסתדרות אָדער אַנדער אינסטיטוציע און באַוועגונג — מאַכן די צייטונגען פון אים אַ גאַנצן „צימעס", דרוקן אינטערוויוען מיט אים, דרוקן זיין בילד און רעכענען אויס זיין גאַנצן יחוס;

די דאָרטיקע צייטונגען, די ישראל־בלעטער, זיינען אַנדערש! אַפילו ווען מאָרגענטוי אָדער דר. סילווער קומט, שענקט מען אים עטלעכע שורה׳לעך אין דער זייט פון דער צייטונג! זיי האַלטן אַז דער גרעסטער „גראָבער פינגער" פון גלות, איז ווייניקער ווערט ווי דאָס קלענסטע פינגערל פון מדינת ישראל — אויב דאָס „קליינע פינגערל", האָט... פאַרטיידיקט דעם נגב אָדער איינגענעמען דעם גליל!

אַזוי אַרום — טענה׳ט ער מיט מיר איין — טאָמער וועט מען מיין בילד נישט דרוקן און טאָמער וועט מען מיר קיין צוויי שורות נישט

שענקען — זאָל איך זיך נישט נעמען צום האַרצן! מיט גרעסערע פון מיר טוט מען אויך אַזוי!...

ער, דער פריינט, דער „יורד", איז נאָך אַלץ געטריי ארץ ישראל, כאָטש ער איז געבליבן אויף דער עלטער „אויף דער גאַס" — ער וויל מיר פאַראויסזאָגן, וואָס פאַראַ שוועריקייטן, אַ אונזעריקער זאַטער איד, האָט אין ישראל און הייסט מיר זיין גרייט צו אַט די שוועריקייטן און... נישט אַנטוישט ווערן! דער עיקר — ער הייסט מיר פאָרן אָן אי־לוזיעס, אָן פּרעטענזיעס און מיט אַ סך געדולד!...

ווען דער פריינט איז אַוועקגעגאַנגען האָט ער מיך איבערגעלאָזט אין אַ שווערער שטימונג! עטלעכע שעהן פאָרן אויפזעצן זיך אויף דער שיף האָב איך זיך ווידער געשטעלט די פראַגע:

און אפשר האָב איך נאָך נ י ש ט געדאַרפט פאָרן קיין ישראל?...

8 אינדערפרי.

...אין קאָפּ שווינדלט אַביסעלע! ס'זאָל זיין נערוועזיטעט? זאָל עס זיין רייזע־פיבער? ניין! איך בין שוין, ניט איינמאָל אַוועקגעפאָרן אויף דריי מאָנאַטן פון דער שטוב! גיכער פון אַלץ איז דאָס... עמאָציע! ישראל! מ ד י נ ת י ש ר א ל ! צי איך פאָר מיט, מער אָדער וויי־ניקער חשק — דער פאַקט אָבער — איך פאָר קיין ישראל! איך וועל זען מיט מיינע אייגענע אויגן אָט יענע ערטער, וואָס איך האָב געלערנט אין חומש!

און אַזעלכע ערטער זיינען דאָ אַ סך! אָט, וויל איך זען באר שבע! אָט האָב איך גרויס חשק צו זען... סדום! אי סדום! דאָס ערשטע וואָס איך וועל פרעגן אַ אידן אין סדום איז — צי ער שעמט זיך נישט צו ענטפערן ווען מען פרעגט אים ערגעץ:

— פון וואַנען זענט איר?

און ער ענטפערט:

— פון סדום!

אָ! איך וואָלט אין סדום נישט געוואוינט, אַפילו, ווען גילט מיך אָפּ!...

מערער פון אַלע שטעט, דרייט זיך איצט פאַר מיינע אויגן דער נאָ־מען... ירושלים!

וויפל מאָל אין טאָג, האָב איך קינדווייז, דערמאָנט דעם נאָמען ירו־שלים? נו! און גרויסערהייד? האָט דען דאָס האַרץ קיין ציטער נישט

געטאָן ווען מען האָט דערמאָנט ירושלים. ווען אונזערע שונאים האָבן געוואָלט צעשטערן אונזער ירושלים, מיין ירושלים!

איצט פאָר איך קיין ירושלים!...

אמת! אַ קליינער חלוק איז פאָרט פאַראַן!

אַלס קינד, האָב איך געהאָפט אַז קיין ירושלים וועט מיך ברענגען משיח! איך וועל קומען אַהין ברחמים ווי עס שטייט געשריבן:

וירושלים עירך ברחמים תשוב!

קומען — קומט מען גאָר אַהין מיט אַ... אויטאָבוס, און נישט אַ דאַנק משיח׳ן, נאָר אַ דאַנק די שיפסקאַרטעס, אַ דאַנק דער... „קאַנטע גראַנדע״.

אַ געדאַנק פליט דורך אין קאָפּ: צי וועט משיח בן דוד נישט קומען קיין ירושלים פליענדיק אויף אַ ...זעקס-מאָטאָרנדיקן קריגס-עראָפּלאַן?

9 אין דערפרי.

עס קומט דער קאַפּיטאַן פון „נגבה״ און טראָגט אַראָפּ די זאַכן, די פּעק און פּעקלעך — אייגענע, פאַרשטייט זיך — די וואַליזעס, און די... מצות, די ביכער און... רעזניקס וואורשט וואָס ער שיקט דורך מיר, אַז איך זאָל טיילן אין ארץ ישראל וועמען איך וויל!

אַ חוץ דער מצווה האָט מאַרקאָס רעזניק נאָך אַן אויסרעכענונג! ער וויל וויסן, ווי אַזוי זיין וואורשט וועט אָנקומען קיין ישראל? אויב דער וואורשט וועט אָנקומען אין אַ גוטן צושטאַנד, וועט שוין די ישראל-אידן קיין וואורשט נישט פעלן!...

נאָך אַ גרויס פּעקל פיר איך — דאָס האָט מיך פאַרזאָרגט דער באַרימטער אידישער אַלמאָסענעראָ פון בוענאָס איירעס, פון קאָריענטעס גאַס, ה׳ לוי נעמיראָווסקי! ער שיקט מיט מיר קעסטלעך פלייש און טע, געטריקנטע פלוימען און קאָנסערווירטע פרוכטן! ער האָט געמאַכט מיט מיר אַ „געשעפט״:

איך וועל האָבן די מצווה פון טיילן און ער וועט האָבן די מצווה פון געבן!...

אָט די אַלע פּעק און פּעקלעך נעמט מען איצט צו און מען פירט זיי צו דער שיף, קיין ישראל!...

12 אזייגער.

איך קום אין קאַפע אריין — ווי אַלע טאָג, זיך געזעגענען מיט די פריינט און חברים! מען ווינטשט מיר, פון גאַנצן הארצן אַ פאָר געזונט! איך פיל, אַז מען פאַרגינט מיר, מיטן גאַנצן הארצן! מקנא זיין? — דאָס איז נישט שייך! נו, איך? בין דען נישט מקנא יענע וואָס פאָרן ווי „גראַפן" און וועלן אויספאָרן גאַנץ אייראָפּע?

ווער עס איז מיך מקנא — אגב ער פ אַ ר ג י נ ט מיר מיטן גאַנצן הארצן — איז מיין חבר, פון ערשטן טאָג וואָס איך בין אין אַמעריקע — דער באַרימטער פעדאַגאָג און מחבר פון טעקסט-ביכער פאַר קינדער — דער אינספעקטאָר פון וועד החנוך, ה' א ב ר ה ם ט ק אַ ט ש!

ער געזעגנט זיך מיט מיר, און ער פאַרשטעלט זיך, און ווישט אויס אַ טרער פון די אויגן! ער, דער הונדערט פּראָצענטיקער איד! ער, דער פאַרביסענער קעגנער פון יעווסעקציע און אַלץ וואָס שמעקט מיט לינקס און מיט אַנטי-ציוניזם! ער, דער תלמיד חכם ובעל גמרא, ער איז צו אַלץ פעאיג, אַ חוץ צו... שטאַרקע עלנבויגנס: וואָלט ער געהאַט עלנ-בויגנס! וואָלט ער, לפּחות, געקאָנט חנפענען! וואָלט ער שוין, צוויי מאָל געפאָרן קיין מדינת ישראל און דווקא אויף קהל'שע הוצאות!...

זיין בענקעניש צו זען ארץ ישראל, איז אומגעהויר גרויס! זיין קע-שענע — איז אָבער, קליין! ספּעציעל נאָך, ווען זיין גרעסטער חלום אין לעבן איז, נישט בלויז אַ ל י י ן פאָרן און אָנקוקן ארץ ישראל, נאָר אויך ווייזן דאָס לאַנד זיין פרוי און זיין בן יחיד'ל! זיין זונדעלע טראָגט דעם נאָמען פון זיין גרויסן זיידן ש מ ע י ה ביי וועמען דאָס וואָרט „ציון" און „ירושלים" באַדייטעט — קדושה! הייליקייט!...

באַם געזעגענען זיך מיטן חבר טקאַטש, באַם ווינשעווען אים: „איבער אַ יאָר, זאָל איך ד י ר מיט דיין פרוי און קינד אַזוי ארויס-באַגלייטן, האָב איך געפילט, אַז ער... וויל זיך מיט מיר צוקושן!

און אפשר זיינען, טאַקע דאָס געווען זיינע טרערן?...

נאָך אין איין איד דערפיל איך... קנאה — כאָטש ער פאַרגינט מיר מיטן גאַנצן הארצן די רייזע! דאָס איז מיין חבר, דער אייגנטימער פון דער דרוקעריי וואו איך דרוק מיין זשורנאַל, י ע ק ב מ ו ש ק אַ ט!

ער איז נאָך אַ שטיק „בונדיסט", ער קאָן נישט פאַרגעסן וואָס ער האָט געלערנט אין זיין יוגנט, אין זיין „בונדישן חדר" אַז אַלץ וואָס ציון און ציוניזם איז טריף! דאָך, די לעצטע יאָרן, דאָס אויפקומען פון מדי-נת ישראל, האָט מיט אים אַ טרייסל געטאָן! און וואָלטן נישט אונזערע

ציונים, און ספּעציעל — אַ ארץ ישראל שליח, אַ געוויסער תקיף, וואָלטן זיי אים נישט ספּעציעל באַליידיקט, וואָלט פון אָט דעם מושקאַטן געוואָרן אַ פאַרברענטער ציוני, און ער וואָלט זיך אַזוי נישט צוגעהערט צו אַלץ וואָס מען דערציילט... שלעכטס אויף ישראל און אויף דער דאָרטיקער רעגירונג!....

איצט, מיט מיין פאָרן אַהין, האָפט ער, אַז איך וועל דערציילן דעם אמת וואָס איך וועל זען! ספּעציעל אינטערעסירט אים צו וויסן די לאַגע פון דערציאונגס-וועזן ביי קינדער און... און צו מען קען אַרויסגעבן אין ישראל אַ... אידישע טאָג-ציימונג!

איך האָב אַ האָפענונג, אַז אין אַ שיינעם טאָג וועט נאָך מושקאַט אַרויסגעבן אין ישראל אַ אידישע טאָג-ציימונג און... דווקא נישט קיין בונדיסטישע...

איך האָב נאָך אַ דריטן חבר וואָס איז מיך מקנא ביז... טרערן!... דאָס איז מיין „שני למלך" — פריינט אברהם פּערלין!

ער, אַ געוועזענער אידישער לערער פון יענע צייטן ווען מען האָט גענומען געהאַלט... הונדערט פּעזעס אַ מאָנאַט און דעם געהאַלט האָבן די בעלי הבתים אויסגעצאָלט מיט... „ריפּעס" אָדער ענטראַדעס צו אַ „פּיק-ניק" — ער, וואָלט אַוועקגעגעבן 10 יאָר פון זיין לעבן פאַר איין טאָג שפּאַצירן אין תל אביב אָדער ירושלים!...

צי וועט אַמאָל זיין חלום מקוים ווערן?...

14 אַזייגער.

מיר האָבן „אָפּגעגעסן" אָנבייסן! שוין דאָס אמתע „עסן" איז דאָס געווען! די נערוון לאָזן נישט נעמען קיין ביסן אין מויל אַריין! איצט, פיל איך שוין מיט די אידן וואָס זיינען... אַרויס פון מצרים און זיך געלאָזט אין וועג אַריין קיין ארץ ישראל! איצט פאַרשטיי איך שוין פאַרוואָס זיי האָבן אַפילו קיין ברויט נישט אויספּייעט צו באַקן און געמוזט באַקן מצות!

יאָ! טאַקע דערמאָנט זיך אין מצות! איך פיר מיט זיך עטלעכע קילאָ מצות און דריי הגדות! אויב עס וועט זיין „מיט וועמען" — וועל איך פּראַוועון אַ סדר אויף דער שיף!

„מיט וועמען"? — איך שטעל זיך פאָר, אַז מיר וועלן האָבן אידן אויף דער שיף, ס'איז נאָר אַ פראַגע צי די אידן וועלן זיין... אידישע אידן, וועמען אַ סדר אינטערעסירט!...

16.30 נאָכמיטיק.

בלייב געזונט בוענאָס איירעס! מיר פאָרן צו דער שיף! אַ מאָדערנע לעבן! מיר פירן מיט זיך נישט קיין שום באַגאַזש, אַ חוץ אַ האַנט-טאַש און אַ פּאָר טאָרטן וואָס אייגענע האָבן צוגעשיקט! מיין איידעמל, מיין שאולק׳ל, פירט אונז אין זיין קליינעם אויטאָ, צום פּאָרט. די שיף גייט ערשט אָפּ 20 אַזייגער! אָבער מיר דאַרפן דאָרט זיין אַרום פינף אָדער האַלב זעקס! מענטשן וועלן קומען אונז באַגלייטן — דאַרף מען זיין פריער.

מיר קומען צום פּאָרט און טרעפן שוין דאָרט טויזנטער מענטשן! צווישן זיי אַ סך אידן! הייסט עס — אַז עס פאָרן יאָ אידן מיט דער שיף! וועט דאָך זיין פריילעך! וועט אפשר זיין מיט וועמען און פאַר וועמען צו פראַוועון אַ סדר...

אַ מערקווירדיק פאָלק איז דאָס אידישע! נישט די איטאַליענישע, נישט די שפּאַניאָלישע, נישט די פראַנצויזישע פּאַסאַזשירן אינטערעסירט צי מיט דער שיף פאָרן זייערע לאַנדסלייט! ביי אונז, אידן, אַז מען דערפילט אידן, אַז מען ווערט געוואוירע אַז מען איז צווישן אידן — פילט מען זיך זיכערער, היימישער און... וואַכעדיקער!...

18 אַזייגער:

מיר זיינען שוין, אויף דער שיף! די קינדער, מחותנים, חברים און פריינט, זיינען מיט אונז! צענדליקער חברים זיינען געקומען אונז גע-זעגענען! נאָענטע און וויטערע, באַקאַנטע און... לייענער!...

מען פילט זיך געשמייכלט! ערשט איצט, דערפיל איך, אַז ווען נישט אָט די באַגלייטער וואָלט דאָס אָפּפאָרן קיין טעם נישט געהאַט!... איך גיב זיך דאָס וואָרט, שטענדיק פאָרן באַגלייטן פריינט צו דער שיף!... איך האָב מורא צו זאָגן, אַז עס האָט זיך שוין געלוינט דאָס פאָרן צוליב אָט דעם מאָמענט פון ווערן באַגלייט צו דער שיף! אַ האַל-בע מאה אויף דער שיף און אַ פּאָר מאות ביים ברעג איז אַ גוטער אַקטיוו פון פריינט!...

איינעם פון מיינע באַגלייטער, מיין האַרציקן פריינט און געוועזע-נעם תלמיד בערנאַרדאָ זעליקאָוויטש, האָב איך שוין „אָנ-געשטעקט"! ער איז אַזוי באַגייסטערט פון דער שיף און פון דער סביבה אַרום מיר — אַז ער באַשטימט פאַר ענדע יאָר — מאַכן אַ ריי-

זע מיט זיין סימפאטישער פרוי קיין ישראל! א! ווען ער וועט פארן קיין ישראל וועט די מדינה פון אים הנאה האבן! ער וועט קומען אהין נישט מיט ליידיקע הענט און נישט מיט קיין אויסגערעכנטן גראשן... און ווער ווייסט? אפשר וועט ער באשליסן א טייל פון זיינע פעיקייטן און זיין אינטעליגענץ — איבערלאזן אין ישראל, אויפבויענדיק דארט א גרויסע אינדוסטריע, אדער אויפשטעלנדיק דארט א גרויס קאמערץ־הויז!

ביים געזעגענען זיך, זאגט ער מיר עטלעכע מאל:

איר וועט נאך זען, לערער! איך וועל אויך פארן קיין ישראל!...

19.30 אזייגער:

מערקווירדיק! א גאנצן טאג האבן די שעה'ן און די מינוטן זיך געצויגן! איצט — לויפן זיי אזוי שנעל! מען קלינגט און מען הייסט די געסט אראפגיין פון שיף! מען הויבט זיך אן געזעגענען! אך! ווי שווער עס איז דאס געזעגענען זיך!

דאנקען גאט וואס די איינציקלעך זיינען נישטא!... עס הויבט זיך אן א קושעניש! די אלטיטשקע ווײנט און ווײנט! איך האלט זיך איין! פע! עס פאסט נישט פאר א „מאנסביל" צו וויינען! אבער — וויינען גלוסט זיך! וויינען פאר פרייד! נאך אלעמען, וואלט איך איצט געוואלט אז עמעצער זאל מיך פרעגן:

וואוהין פארט איר רב' וועלוול? און איך וואלט געענטפערט מיט שטאלץ: — קיין ארץ ישראל!...

20 אזייגער:

די שיף רירט! א הערלעך שיין בילד! הונדערטער, טויזנטער טיכלעך און הענט פלאטערן פון ביידע זייטן, אי פון שיף, אי פון ברעג! איר זעט קלאר יעדערן! דוכט זיך, אז איר זעט טרערן אויך!... מען ווישט זיך די אויגן!...

די שיף רירט פאמעליע און דער עולם גייט פאראויס, באגלייך מיט דער שיף!...

אך! ווי געטלעך אט די מינוט איז!...

אדיע בוענאס איירעס! אדיע טייערע און ליבע! מיר זאלן אייך טרעפן אלע געזונטערהייד!...

— — — — — — — — — — — — —

די שיף איז שוין אויסער דעם „ראַדאַ" זי גייט שוין מיט אירע „אייגענע כוחות", און דער עולם לאָזט זיך אין עס-זאָל מקים זיין די מצווה פון ערשטער „אומזיסטע" אכילה אויף דער שיף. ווי א דיריזשאָר זאָל מיט זיין צויבער-שטעקעלע דיריגירן דעם עולם — אַזוי גייט יעדער איינער צו „זיין" קלאַס. ביים אריינגאַנג, זיצט א שיפס-אָפיציר און ווייזט אָן יעדן איינעם וואו ער וועט אין משך פון די נעקסטע זעכצן טעג דאַרפן זיצן און עסן.

מיר זיצן שוין אַרום טיש. איך קוק זיך אַרום איך זוך באַקאַנטע אידישע פנימער! וועדליג דער אידישער עולם ביים אָפגיין פון דער שיף האָב איך זיך געריכטעט צו טרעפן בלויז היימישע, און וואו נישט וואו — אויך א „זייעריקן"! איך האָב אָבער, א טעות! דערווייל — באַמערק איך בלויז איין באַקאַנטן אידן...

וואו זשע זיינען עס אַלע אידן וועלכע מען האָט אַזוי אַרויסבאַגלייט מיט אידישע אויסגעשרייען?...

22-טער מערץ:

זיבן אין דער פרי קומט אָן די שיף קיין מאָנטעווידעאָ. דער פרי-מאָרגן איז שיין און בעט זיך, ממש, מען זאָל אַראָפגיין מאַכן א שפּאַ-ציר! מיין פרוי שלאָפט ווי א דער'הרגעט'ע! דאָס נעכטיקע געזעגענען זיך איר'ס, האָט זי שטאַרק אָפּגעשוואַכט!... איך גיי אַרויס אויפן דעק. עס וואַרט אויף מיר א חבר און פריינט ש מ ח ה ג ו ט ג אָ ל ד! מיר מאַכן א שפּאַציר איבער מאָנטעווידעאָ. פאַראַן גענוג צייט. די שיף שטייט פיר שעה!

אַרום צען אַזייגער זיינען מיר שוין דאָ צוריק אויף דער שיף! איי-דער וואָס ווען — מיר פאָרן שוין ווייטער!

וועדליג דער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן שיין, האָט ער זיך געענדיקט גאָר נישט פיין!

אַרויספאָרנדיק אין ברייטן ים, האָב איך זיך אָנגעהויבן פילן שלעכט! דער ים האָט מיך, ווייזט אויס, געוואָלט אויספּרואוון צו איך וועל נישט חרטה האָבן אויף דער רייזע...

ס'האָט שוין געהאַלטן א פּאָר מאָל ביי... חרטה! ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַז איך וועל שוין קיין לעבעדיקער נישט פאַרפאָרן!... א

גליק, וואָס מיין פרוי ליידט נישט פון דער ים־קראַנקהייט און קאָן מיך ראַטעווען!...

איך בין שוין, דאָס איבעריקע פון טאָג, איבערגעלעגן אין בעט! פון גיין עסן וועטשערע איז קיין רייד נישט געווען! אגב, איך בין נישט געווען איינער... דער גאַנצער עס־זאַל איז צו וועטשערע, געווען ליידיק!...

23־טער מערץ:

ס'איז אַביסעלע איבערגעגאַנגען! דער שטורעם איז אויך קלענער! איצט איז די צייט אַרויסצולאָזן זיך זוכן אידן! זוכן „שיפס־ברידער"...

קיין אַרגענטינער אידן — אַ חוץ אַ האַלב אַסימילירטן און „פּוסטאַ־קראַטישן" אידן ז—ס, געפין איך נישט! דערפאַר שיקט מיר גאָט צו אַ בראַזיליענער אידן! דער אויסזען זיינער איז גאָר נישט קיין סימפּאַטי־שער, מען זעט, אַז ער איז אַן אַרויפגעאַרבעטער „אַל־רייטניק", וואָס קאָן זיך אפשר נישט רעכט אונטערשרייבן!...

דער איד שאַרט זיך צו! פאַרבינדט אַ שמועס, דערציילט אַז ער האָט אין בוענאָס איירעס מחותנים און וויל וויסן צו זיי זיינען... אויך רייך! אייגנטלעך, וואָלט ער געקאָנט פאָרן אין ערשטן קלאַס, נאָר עס איז דאָרט „סקוטשנע"! ער דערציילט, אַז ער איז רייך, גאָר גאָר רייך, האָט דירות און קלייטן און איז... אַ סימפּאַטיקער פון סאָוויעטן־לאַנד ער איז ברוגז אויף די אידן פאַרוואָס זיי... באַשמוצן רוסלאַנד! ער איז חלילה נישט קיין קאָמוניסט — אָבער... סאָוועט־רוסלאַנד האָט געראַטעוועט אַ סך אידן... דאַרף מען איר דאַנקען, אַפילו ווען זי באַגייט עוולות קעגן... ציוניסטן!

ניין! זיך קאַליע מאַכן די שטימונג און דיסקוטירן מיט אָט די גראָ־בע נפשות. וואָס דער אויבערשטער האָט זיי געבענטשט מיט הייזער און געלט — דאָס וויל איך נישט! איך לאָז אים איבער און... גרים זיך אים נישט, ביז ער גייט אַראָפּ אין ריאָ!...

איך בין זיכער, אַז ווען עמעצער גייט צו צו אים און רוימט אים איין אין אויער אַריין אַז... איך פאָר, דירעקט פון וואָל־סטריט קיין ישראל, און איך פיר מיט זיך עטלעכע מיליאָן דאָלאַר פאַר די ציוניסטן פון תל אביב, כדי זיי זאָלן אָנהויבן אַ מלחמה מיט „זיין" רוס־לאַנד — גלויבט ער אויף מיר!...

24-טער מערץ:

סאַנטאָס! אַן אַלטע האַפן-שטאָט פון בראַזיל! אַ גרויסע שטאָט אָבער אידן וואוינען דאָרט זייער ווייניק! דאָס ביסל אידן וואָס וואוינען דאָרט — ציען זיך צוביסלעך אַרויס קיין סאַן פּאַולאָ וועלכע איז שוין געוואָרן אַ „אידישע" שטאָט.

די שיף שטייט עטלעכע שעה. מען דאַרף אַראָפּגיין זוכן אַ אידן און טאַקע פאַרזוכן דעם טעם פון... ש ט י י ן אויף האַרטער ערד!

מיר שפּאַנען אויס די וויכטיקסטע גאַסן! מיר זוכן אידישע נעמען אויף די שויפענצטער! נישטאָ אַזעלכע!

אידן אין סאַנטאָס, ווילן זיך, ווייזט אויס, נישט וואַרפן אין די אויגן מיט זייערע טיפּיש-אידישע נעמען...

מיר מאַכן אַ שפּאַציר אין שטאָט אַריין אין... אַ טראַמוויי! איך געפין אויס אַז דאָס בעסטע געשעפט אין סאַנטאָס, דאַרף זיין, ווערן אַ קאָנדוקטאָר פון אַ „באָנדע" (טראַנוויי) ער נעמט ביי אייך צו 80 סענט (אַרום 40 אַרגענטינער) פאַר דער רייזע און... גיט אייך קיין בילעט נישט! ערגעץ אונטן, שטייט אַ „אינספּעקטאָר" — אַ שוואַרצער שייגעץ, און... ציילט די קעפּ פון דער אָפענער גרויסער „באָנדע"!

ווען איך האָב דערנאָך געפרעגט אַ אידן פון בראַזיל, וואָס איז מיט אונז געפאָרן קיין ארץ ישראל, און וואָס קאָן גוט דאָס לעבן פון בראַזיל: און מיט וואָס זיינען די בעלי-הבתים פון דעם טראַמוויי זיכער אַז ביידע שוואַרצע האָבן געמאַכט יד אחת און מען לייגט אין קעשענע אַריין די 80-ער סענט?

ענטפערט ער אייך:

ווער זאָגט אייך אַז זיי זיינען זיכער...

יאָ! דאָס בעסטע געשעפט איז צו זיין אַ „גוואַרדאַ" (בילעטן-פאַר-קויפער) פון די סאַנטאָסער טראַמווייען!...

25-טער מערץ:

די שיף קומט אָן קיין ריאָ מיט אַ פאַרשפּעטיקונג פון עטלעכע שעה! אין ריאָ דע זשאַנייראָ פאָרט איז... אַ שטרייק! מען קאָן דאָרט נישט אָנגרייטן קיין פּראָוויזיע און מע האָט עס געטון אין סאַנטאָס!

אַרום זעקס פאַרנאַכט (אַנשטאָט 7 אינדערפרי) ווערן מיר „צוגע-שלעפּט" צום פּאָרט! ווען נישט די אייגענע מאַטראָסן פון דער „קאָנטע

גראַנדע" וואָלט די שיף נישט געהאַט ווער עס זאָל איר צובינדן די „שיף-בענדלעך" צו די „סלופּעס" פון פּאָרט.

דאָס אַראָפּלאָזן די פּאַסאַזשירן וואָס פאָרן קיין ריאָ, דאָס אַראָפּ און אַרויף לאָזן די „געסט" וואָס קומען זיך זען מיט די, וואָס פאָרן ווייטער אָדער די וואָס ווילן אָנקוקן די שטאָט — דאָס אַלץ קומט אָן מיט שוועריקייטן! עס איז אַ שטופּעניש און אַ אומאָרדענונג און קיינער ווייסט נישט, וואָס-ווער באַפעלט, אָדער וואָס מען רעדט צו אים!

ענדלעך שטופּן מיר זיך דורך צום ברעג! עס רעגנט גאַנץ נשקשה-דיק, עס איז שוין שטאַרק פינצטער! אָבער — ווי גייט מען נישט אַראָפּ אין ריאָ, דערהויפּט, נאָך, ווען איך האָב אַזאַ „הייליקע מיסיע": — קויפן עטלעכע קילאָ קאַפּע אויף צו צעטיילן אין ישראל! טאַקע ווי קומט מען קיין ישראל אָן קאַפּע?

מיר האָבן דערווייל געשלאָסן קאָנטשאַפט מיט אַ אידישער פאַמי-ליע, געוועזענע איינוואוינער פון ווויזשאַ אַלבאַ, און איצטיקע בוענאָס איירעסער, אַברהם דיקענשטיין הייסט דער איד, זיי פאָרן זיך זען מיט אייגענע אין ישראל.

מיר שפּאַצירן צוזאַמען איבער אַ גאַס וואָס פירט צו דער באַ-רימטער „ריאָ בראַנקאָ". דאָרט שטעלן מיר זיך אָפּ און האַנדלען איין קאַפּע! אין דרויסן גייט אַ שטאַרקער רעגן!

אין ריאָ דערזעען מיר דאָס ערשטע מאָל, ווי אַזוי די גאַס ווערט רעגולירט דורך „רויטע" און „גרינע" טראַפיק-לוסן! עס געפעלט אונז מער זיכערער! ווען עס איז אַ „רויטער" סימן — שטעלט זיך אָפּ דאָס לויפעניש פון די אויטאָס און דו קאָנסט רואיק און זיכער דורכגיין די גאַס!

ס'האָט זיך שוין, באַלד, געלוינט דאָס אַראָפּגיין אין ריאָ, און ווערן פאַרנעצט, אָבי באַטראַכטן אָט דעם שיינעם ספּעקטאַקל!

דער פאַרקויפער פון „קאַפּע" שטעלט מיר צו דעם חשבון, האָט אַ „אומשולדיקן" טעות אין... הונדערט קרוסייראָס! ער איז זיכער אַז אַ טוריסט וועט נישט איבערעכענען...

איך „נעם אים אַרויס פון טעות"! צופעליק — האָב איך נאָך פריער אויסגערעכנט וויפל איך דאַרף צאָלן און אים אָנגעגרייט דאָס געלט!...

פאַרן פאַרלאָזן די קאַפּע — רוף איך אַרויס דעם רעדאַקטאָר פון „די אידישע פּרעסע" דעם חבר דוד מאַרקוס! ער קומט צולויפן מיט אַ טאַקסי, ווייל מיך פירן צו זיך! זיי האָבן איצט אַ גאַסט, אונזער אַרגענטינער משה קאָסטרינסקי! איך וואָלט אים אוודאי געוואָלט

זען! איך דערמאָן זיך אָבער, אַז די שיף וועט נישט וואַרטן אויף מיר, פונקט ווי זי האָט נישט געוואַרט אין מאָנטעווידעאָ אויף יענער איטאַליע־נערן וואָס האָט זיך „פאַרשפעטיקט" און געטראָפן די שיף שוין פאָרנ־דיק! אַ גליק, וואָס זי האָט געקראָגן אַ שיפל וואָס האָט זי — פאַר אַ היפשער סומע — צוגעפירט צו דער שיף ווען יענע איז שוין געווען עט, עט! יענץ בילד שטייט מיר פאַר די אויגן און — מיר איילן זיך צו דער שיף! מיר נעמען אונזער איינגעהאַנדלטע סחורה, מיט וועלכער מיר קלויבן זיך מחיה זיין עטלעכע ארץ ישראל פאַמיליעס — און מיר גייען צוריק צום שיף!...

גיי, זיי אַ נביא, אַז אויך דאָ אין ריאָ וועט די שיף שטיין עטלעכע איבעריקע שעה!...

26־טער מערץ:

שוין! מיר פאָרן שוין אין „טיפן ים"! זיבן־אַכט טעג וועלן מיר זען בלויז הימל און וואַסער! מען דאַרף זיך אָרויסלאָזן... זוכן אידן! ס'איז ערב פסח! מען דאַרף זען, צי עס איז דאָ מיט וועמען פּראַווען אַ סדר! כאָטש צוריקגערעדט, פאָרן דאָך אין דריטן קלאַס עטלעכע צענדליק אידן און צווישן זיי — עטלעכע עולים און חלוצים — און מיר וועלן זי־כער קאָנען פּראַווען אַ סדר!

איך דאַרף לאַנג נישט זוכן! אָט באַקאַנען מיר זיך מיט אַ בראַזי־ליענער אידישע פאַמיליע, מאַן און ווייב — לואיס און מאשא טאַבאַטשניק. זיי וואוינען אין ווייטסטן פונקט פון בראַזיל — אין רעסיפע, פּראָווינץ פערנאַמבוקאָ, און פאָרן קיין ישראל אויף אַ שפּאַציר צו אייגענע! ווי קומען אידן אין אַזאַ פאַרוואָרפענעם מקום, ממש — אין אַ עק וועלט? אַ פראַגע אַזאַ! דער טאַטע אירער איז שוין דאָרט... פערציק יאָר!

ווי קומט איר טאַטע אַהין? אויך אַ פראַגע! ער איז... געפאָרן צו אייגענע!

ווייזט אויס, אַז אין די ווייטסטע ווינקעלעך פון אַמעריקע זיינען געווען אידן נאָך... איידער קאָלאָמבוס איז געקומען אַהין!

און אפשר? אפשר איז דאָס געווען גאָטס ווילן אַז אַ טייל פון אידנ־טום זאָל בלייבן לעבן, האָט ער זיי צעוואָרפן איבער דער גאַנצער וועלט, און אין אַזאַ עק וועלט ווי רעסיפע האָט ער פאַרוואָרפן פופצן הונדערט

אידישע נפשת וואָס האָבן דאָרט אַן אַנשטאַלט, אַ שולע, אַ שוחט אַון אַפּילו אַ... וויצאָ!

אַט איז, טאַקע, פּרוי טאַבאַטשניק אַ טוערן פון דער „וויצאָ” און וויל זיך אַ רים טאָן אַז... זי קאָן העברעיש! באַמערקנדיק אָבער, אַז אני הקטן בין „מבין כל דבור” אויף העברעיש און איך קאָרעגיר איר, אַן אַרויסגעזאָגטע פראַזע — האָט זי שוין מער קיין העברעיש נישט גערעדט...

אַט, די דריי פאַמיליעס אונזערע, ווערן פאַרבונדן אויף דער שיף! מיר פאַרברענגען שיין צוזאַמען,, שפּילן אין „רעמי” צוזאַמען און גייען... אין דריטן קלאַס צוזאַמען.

דאָס „גיין אין דריטן קלאַס” איז ביי אונז אַ שטיק אַפּפרישונג! פאַראַן דאָרט אַ שטיק אידישע סביבה נאָך וועלכער ס׳בענקט זיך! פאַרשטייט זיך, אַז דער בוענאָס איירעסער נגיד, דער „פּוסטאָקראַט” דער איד ז—ם וואָס פאָרט מיט אונז אין צווייטער קלאַס — אים אינטערעסירט נישט די אידישע סביבה! ער רעדט אַ גאַנצן טאָג פון געשעפט, פון... סקאָט — (האַסיענדאַ) און פון... רייכטום! וואָס איך באַמערק, אָבער, אַז זיין פרוי דאַרף י אַ בענקען נאָך אַביסעלע אידישקייט און אידן! זי קוקט מיט קנאה אויף אונדזערע דריי אידישע פאַמיליעס וואָס... רעדן אידיש צווישן זיך און עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז ווען מען גיט זי נאָר אַ בעט — וואָלט זי אַריין אין קאָן!...

מיר בעטן זי אָבער נישט! סיידן — מירן זען — זי וועט זיך בעטן אַז מען זאָל זי מיטנעמען צום סדר — דערוויל אָבער, חברט זי זיך מיט די איטאַליענערקעס!...

זאָל שוין דאָ באַמערקט ווערן: דער זעלבער בוענאָס איירעסער „אידלעק” איז שפּעטער מיט 2 חדשים געפאָרן צוריק מיט דער זעלבער שיף וואָס איך. ער איז אויסגעפאָרן גאַנץ אייראָפּע און אין דייטשלאַנד האָט דער „פאַרבראַכט” אַ פּאָר וואָכן!... אָנגענומען דאָרט רעפּרעזענטאַנץ פאַר אַרגענטינע אָבער, קיין ישראל — איז ער נישט אַריינגעפאָרן!... ישראל? — פע! עס שטייט אים ניט אָן!

27־טער מערץ:

פיין! גוט! אויסגעצייכנט! מירן פּראַוון אַ סדר! די מענטשן פון דריטן קלאַס — און עס פאָרט דאָרט אויך אַהיים אַ ישראל אָפיצער,

ה' זאַפּאָראָווסקי — האָבן שוין כמעט ווי אָרגאַניזירט! זיי וואַרטן בלויז אויף אונז!

מיר האָבן זיי היינט שוין געמאָלדן, אַז מירן זיין מיט זיי ביים סדר! אַ גליק וואָס איך האָב נישט פאַרגעסן מיטצונעמען... די הגדות! אלא נישט — וואָלטן מיר געדאַרפט פּראָווען דעם סדר אויסנווייניק!...

מצה? פאַראַן גענוג! סוועט סטייען אויף גאַנץ פסח! אַביסל פיר איך, אַביסל די פאַמיליע טאַבאַטשניק, וועט שוין סטייען צום סדר, ווען מיר זיינען אַפילו הונדערט אידן!

מען האָט שוין אויך באַשטעלט דעם „מעניו": האַרטע אייער, געקאָכטע פיש, יויך און עוף!

אידן זיינען אומעטום אידן! אויב.. מען וויל נאָר זיין אידן!...

פאַרנאַכט האָבן מיר געהאַט אַ שיינעם ספּעקטאַקל און... היבש עגמת נפש!

מען מעלדעט דורך די „הויך-רעדנער" און עס איז געמאָלדן אין דער „שיף-צייטונג", אַז היינט פאַרנאַכט, אַרום האַלב פינף, וועט זיין אַ פּראָבע פון... „ראַטעווען זיך"! דאָס גיט מען די פּאַסאַזשירן אַ לעקציע ווי אַזוי צו האַנדלען אויב עס טרעפט זיך אַן אומגליק מיט דער שיף און זי דאַרף אונטערגיין!...

דערהערט דאָס וואָרט „אומגליק" „שריפה", „אונטערגיין" ווערט פאַרקילט דאָס בלוט!... עס איז טאַקע אַ „פּראָבע", אָבער דער געדאַנק, אַז אַזעלכעס קאָן געשען — קלאַפּט אין קאָפּ אַריין!

צו דער אָנגעוויזענער שעה, זיינען מיר שוין אָנגעטאָן אין די רעטונגס-גאַרטלען, גרייט זיך צו וואַרפן צו די רעטונגס-שיפלעך! די שיף גיט אַ שניידנדען פייף און ביי יעדן איינעם... שטעלט זיך אָפּ דאָס האַרץ!

אין 5 מינוט אַרום — האָט זיך דער ספּעקטאַקל געענדיקט בכי טוב!..

28-טער מערץ:

דאָס לעבן אַף דער שיף גייט נאָרמאַל! מען עסט, מען טרינקט, מען שלאָפט און מען גייט... אין סינע!

אַ נאַכט איבער אַ נאַכט ווייזט מען אונז „סינע"! די בילדער אַלע איטאַליענישע, שוין גאָר אַלטע, אָבער — האָט מען דער אַ ברירה צו גיין אין אַ צווייטן סינע?...

פאַרנאַכט שפּילט אַ שיינער אָרקעסטער און דער עולם טאַנצט!

מיר האלטן אין איין שפאצירן איבער דער שיף און ביז איצט זיינען מיר נאך נישט אויסגעוווען אין אלע ווינקעלעך! א גאנצע שטאט! א געמיש פון פעלקער! איר הערט דא צענדליקער שפראכן רעדן — אריינגערעכנט אראביש און להבדל — העברעיש, איר זעט פארשיידענע טיפן מענטשן און זיטן און וויפל איר זעט — האט איר נאך אלץ גאר נישט געזען!

אט למשל האב איך „אנדעקט" אויף דער שיף אן אייגענע... דרוקעריי וואס דרוקט די טאג-טעגלעכע „מעניום" און וואס גיט ארויס א טאג-טעגלעכן ביולעטין אין דריי שפראכן: איטאליעניש, שפאניש און פארטוגעזיש! מיר באקומען די טעלעגראמעס דורך ראדיא און מען דרוקט זיי דא איבער! הכלל — מיר פירן דא א גרויסשטאטיק לעבן!

היינט ווערן מיר געוואוירע פון א נייעם אויף דער שיף! מיר פירן א גאנץ צענדליק „פאליזאנען" (מענטשן וואס האבן זיך ארויפגעגנבעט אויף דער שיף אן שיפסקארטן)! די גרעסטע טייל פון זיי האבן זיך ארויפגעכאפט אין ריא! דריי פון זיי האט מען באפרייט און זיי קומען אפ מיט... ארבעטן אויף דער שיף! א סברא אז זיי וועלן שוין טאקע בלייבן שיפס-ארבעטער, ווייל מען איז צופרידן פון זיי און זיי ווייזן ארויס צו זיין פיינע מענטשן! זיבן פון זיי זיצן אונטערן שלאס! פאראן צווישן זיי אזעלכע, וועמען די פאליציי פון דער וועלט זוכט ארום! מיר האבן אפילו א ריינעם אריער — א דייטש — אויך צווישן די מארטירער!...

ליגן א גאנצן טאג, אין אט די היצן, אונטערן שלאס, עט הינטן אין קאיוטע — בין איך זיי... נישט מקנא!...

29־טער מערץ:

היינט איז בא אונז — שיף־איינוואוינער — א גרויסער יום־טוב! היינט שניידן מיר איבער דעם „עקוואטאר־פאס". דער עולם לאכט! מירן אנהויבן פארן „מיטן קאפ אראפ" — „בארג אראפ"! די שיף קאמאנדע האט צוגעגרייט א גאנצן יום־טוב וועלכער האט זיך אנגעהויבן פון אינדערפרי אן!

דער מיטיק איז אויך עפעס יום־טובדיק, כאטש אין די פשוטע טעג איז אויך נישט צו פארזינדיקן!

ארום האלב פינף, האט זיך אנגעהויבן דער ספעקטאקל! מען האט פארפוצט א פאסאזשיר — אן ארגענטינער אדוואקאט — אלס קיסר

„נעפּטון" מיט א קרוין אויפן קאָפּ און זיין פרוי אַלס קעניגין! און זיי ביידע — באַגלייט פון א „קעניגלעכער סוויטע" האָבן געטיילט „דיפּלאָ־מען" צו די יעניקע וועלכע... האָבן זיך געלאָזט אָנשמירן דאָס פּנים און באַנעצן מיט וואַסער!

דער עולם האָט געהילכט מיט געלעכטער אַז עס האָט זיך גע־דאַרפט הערן אויף צענדליקער מײַלן! לסוף האָט מען דעם „קעניג" „נעפּטון" צוריק... אריינגעוואָרפן אין וואַסער! אָבער, שרעקט אייך נישט, נים אין ים אַריין האָט מען אים אַריינגעוואָרפן — נאָר אין „באָד-באַסיין"!

„באָד-באַסיין"! דער פּראַגרעס פון דער מענטשהייט! אונזער שיף האָט דריי „באָד-באַסיינען" („פּילעטאַ דע נאַטאַסיאָן") פאַר אַלע דריי „קלאַסן"! אונזער „צווייטער קלאַס" האָט זייער א וואַזשנעם שווים-באַ־סיין, און זינט מיר זיינען אַרויסגעפאָרן פון ריאָ, ד. ה. זינט... איך קאָן שוין שטיין אויף די פיס, גייט נישט דורך איין טאָג אַז איך זאָל נישט שווימען א האַלבע שעה אין די ים וואַסערן!... איך האָב מיטגענומען מיט זיך א באָד-אַנצוג פאַר ישראל און ער קומט גאָר צונוץ אויף דער שיף!...

אַרום זעקס פאַרנאַכט פאָרן מיר דורך דעם „עקוואַטאָר", און די שיף פייערט אָט דעם מאָמענט מיט א לענגערן פײַף!...

ווען די שיף פייפט — איז א סך היימלעכער! נאָר בעסער איז... זי זאָל נישט פײַפן!... ווען א שיף פייפט — איז נישט קיין גוטער סימן!...

אויפדערנאַכט איז א קאַרנאַוואַל — און א „קאָסטיוזשאָן" — פאַר־ווײַלונג. דער עולם — יונג און אַלט, מענער און פרויען, טאַנצן ביז פאַר־טאָג! ס׳גלוסט זיך נישט גיין שלאָפן!

גאָטעניו! פאַרשטער אונז נישט די פרייד פון פאָרן אויף דער שיף!

30-טער מערץ:

היינט איז ערב פּסח! עס גיט אייך א נאָג ביי דער נשמה!...

איך דערמאָן זיך, אַלע ערב פּסח אין דער היים! דאָס קריגן — מיט שוועריקייטן — די „אידישע" פיש, דאָס קריגן די עופות, דאָס האָרע־ווען פון דער פרוי און דינסט און ספּעציעל געדונגענע קעכנע! עפּעס א קליינינקייט! ביים טיש, ביים סדר, וועלן זיין א פּאָר מנינים געסט! מיין טעכטערל — אַלס יינגסטע פון אַלע — קוקט איבער אין דער הגדה דעם

מה נשתנה! זי וואָרט שוין אַז אַ אייניקל זאָל אויסגעוואַקסן און זאָל איבערנעמען איר „אַרבעט" פון פרעגן די קשיות!...

דאָס אַלץ קריכט אין קאָפּ אַריין, — און כאָטש מיר פאָרן קיין ישׂ־ראל — און כאָטש מירן היינט אויך האָבן אַ „סדר" — דאָך, גיט אַ נאָג ביי דער נשמה! עס טוט באַנג וואָס... מען זיצט נישט אין דער היים ביים אייגענעם טיש!

ביים טאָג ווערן מיט געוואוירע: פון ערשטן קלאַס זיינען פאָראַן דריי אידן: דער אַרגענטינער כלל טוער ה' אנכעל רייטער, פון מאַ־טאַדעראָס און אַ בראַזיליענער פּאָר־פאָלק וואָס האָט חתונה געהאַט און פאָרט אויפן האָניק־חודש קיין ישׂראל! שפּילעוויטש הייסן זיי!

דאָס פּאָר־פאָלק — זייער אַ סימפּאַטיש פּאָרל, רעדן אויך אַ פיי־נעם אידיש, קערן אונז אום דעם „פאַרלוסט" פון דעם „פּיסטאָקראַטישן" ז.—ם, וואָס שעמט זיך צו קומען צום סדר!... אין אַלגעמיין, וועלן מיר האָבן ביים סדר פערציק נפשות!...

21 אַזייגער. מיר „גייען צום סדר"! דער עולם באַטראַכט אונז, וואָס פּלוצים, האָבן מיר זיך פאַרפּוצט אין טונקעלע אַנצוגן, אָנגעטאָן שניפּסן, און זיך באַזאָרגט מיט שליאַפּעס!... זיי פרעגן אונז, צי מיר קלויבן זיך פאַרלאָזן די שיף און גייען... אין אַן אַנדער סינע!

היינט, גיט מען דאָ אַן אינטערעסאַנטנעם פילם און מיר גייען גאָר ערגעץ אַוועק!... גיי דערצייל די ערלים, אַז דאָס גייען מיר פייערן דעם דאַטום ווען מיר זיינען צום ערשטן מאָל, באַפרייט געוואָרן פון די מצרים, פון די אַמאָליקע עגיפּטער!....

אַרום האַלב צען — האָט מען אָנגעהויבן די סדר־צערעמאָניע! מיר האָבן, אַלס ערן־גאַסט, דעם קאַמיסאַר פון דריטן קלאַס! ער זיצט ביי אונזער טיש און וויל וויסן די באַדייטונג פון דער מצה, ווי בכלל - דעם סדר!...

מיר ריכטן אָפּ דעם „סדר" אין צווייען! איך און דער ישׂראל־ אַפּי־צער זאַפּאָראָווסקי! איידער מיר „מאַכן קידוש", האַלט איך אַ דרשה אין שפּאַניש, פאַר די ביוועזנדע! איך דערקלער זיי — פאַר די וואָס קאָנען קיין אידיש נישט, ווי בכלל פאַר די ביוועזנדע נישט־אידן, דעם „מה נשתנה"! באַלד, נאָך דעם, מאַך איך קידוש און זאַפּאָראָווסקי פרעגט די קשיות!

מיר זאָגן די הגדה. מיר פילן אַז... עס איז נישט דאָס! עס פעלט אַ קלייניקייט אַז... איך זאָל זיך צעוויינען! עפּעס אַ בענקשאַפט האָט

מיך פּלוצים אַרומגענומען! איך האָב זיך פאַרבענקט נאָך מיין טיש, מ יי ן סדר-נאַכט, מ יי נ ע קינדער אייניקלעך, מחותנים און פריינט וואָס זיצן שטענדיק ביי מיין סדר, און אַפילו, נאָך מיין גוטן פריינט, דעם באַרימטן פאָטאָגראַף פּ ר אָ מ ע ר, וואָס נעמט מיר שטענדיק אַראָפּ די סדרים און לאָזט מיר אַן אייביקן אָנדענק פון זיי!...

אויך, דאָ האָבן מיר באַשטעלט אַ פאָטאָגראַף אָבער... ער איז נישט געקומען! דער תירוץ איז: — צעבראָכן, קאַליע געוואָרן זיין „ליכט-לאָמפּ"! זאָל דאָס זיין אמת?... עפּעס שמעקט מיר אַז ניין!... צעמאַרגנס זאָגט אונז אַ איטאַליענערקע, אַז דער פאָטאָגראַף איז אַן... אַנטיסעמיט.

מיר מאַכן אַ „שניט" אין דער „הגדה"! נישטאָ ווער עס זאָל מיט-העלפן און מיטזינגען!... די שטימונג און סביבה איז אויך נישט צוגע-פּאַסט צום זינגען! מען דערלאַנגט די וועטשערע! אַ פּסח וועטשערע' מצות, הארטע אייער, פיש, אויך, שטיקלעך געקאָכט עוף און פּרוכט!

דער קאָמיסאַר האַלט אויך אַ קורצע דרשה! אַנטשולדיקט זיך, ער דאַרף אַ וועקגיין און... ווינטשט שלום דעם אידישן פאָלק! דאָס וואָרט „פּאַז" (שלום) איז לעצטנס געוואָרן אַ סימן פון... קאָמוניסטן! זיי — אָט די גרעסטע מלחמה-מענטשן, וועלכע האָבן אין דער צייט פון נאָך דער מלחמה, אַזויפיל מענטשן אויסגעקוילעט אין איראָפּע, אַזיע און ספּעציעל אין קאָרעא, זיי, האַלטן אין איין אויסנוצן דאָס וואָרט „שלום" פאַר זייערע מלחמה-צוועקן! דערפאַר אַז מיר דערהערן ווי איינער פּרע-דיקט „שלום", ווייסן מיר שוין אַז ער איז אַ קאָמוניסט! דאָ, אונזער קאָ-מיסאַר פון דריטן קלאַס, ווען ער רעדט וועגן שלום, זיינען מיר זיכער, אַז ער מיינט עס ערנסט! ער איז אַ שטילער, ליבלעכער מענטש, און ער ווינטשט טאַקע דעם אידישן פאָלק שלום און... אידן זאָלן פאָרן אויף די איטאַליענישע שיפן קיין ישׂראל — ווי זיי טוען עס לעצטנס!

מיר פאַרענדיקן דעם „סדר" מיט התקוה! מיר זינגען דעם מאָדער-נעם ישׂראל הימן. מיר זאָגן שוין נישט, „לשוב לארץ אבותינו" — נאָר „להיות עם חפשי בארצנו" און ווען איך שליס דעם „אַקט" מיטן ווינ-שעווען יעדערן דעם צווייטן פּסח צו פּראַווען אין ישׂראל — ווערט אַ פּלעסקעריי!...

איך — ווינשעווע י ע נ ע ם ! און ביי זיך טראַכט איך: יאָ! פּראַ-ווען אַ סדר אין ישׂראל, אָבער — מיט מיינע קינדער צוזאַמען!...

31־טער מערץ:

איך שטיי אויף מיט אַביסעלע קאָפּ־ווייטיק! דער נעכטיקער וויין האָט פאַרשאַדט!... און אפשר גאָר די נעכטיקע אינערלעכע איבערלע־בעניש! איך גיי אַרויף אין עס־צימער! איך טרינק בלויז אַ גלאָז טע! די פרוי שלאָפט נאָך — ווייזט אויס, אַז אויך זי האָט געליטן! זי האָט בלויז נישט אַרויסגעגעבן און אַרויסגעוויזן!...

אונדזער חבר פון צווייטן קלאַס, לואיס טאַבאַטשניק קומט אַריין אין עס־זאַל און ברענגט מיט, מיט זיך, אַ פּאַק מצות! ער געפעלט מיר דער בחור! אַזוי דאַרף זיין! וואָס עפּעס שעמען זיך? פּונקט אַקעגן קומט אָן אונזער „פּיסטאָקראַט" וואָס האַלט נישט פון אָט די אַלע אי־דישע זאַכן! ער דערזעט די מצות אויפן טיש און ער... רוקט זיך אָפּ צו אַ צווייטן טישל!

זאָל דאָס זיין, ווייל ער שעמט זיך מיט דער „זשידאָווסקי" מצה אָדער... אפשר האָט ביי אים אַ טיאָכקע געטאָן אין זיין גביריש הער־צעלע דאָס אידישע פּינטעלע און... ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין?...

הימל און וואַסער! וואַסער און הימל! מערקווירדיק, קיין איין שיף האָבן מיר נישט באַגעגענט! און — ווי עס בענקט זיך נאָך אַ שיף, נאָך עפּעס אַנדערש ווי אונזער שיף!... מיר דאַכט, אַז מען פילט זיך זיכע־רער ווען מען באַגעגענט נאָך עפּעס אַ „לעבעדיקע" זאַך!

שוין צען טעג ווי מיר זיינען אָפּגעריסן פון דער וועלט! כמעט נישט צו גלויבן, אַז איך קאָן לעבן צען טעג און נישט לייענען קיין אידישע צייטונג, נישט הערן קיין אידישע ראַדיאָ־שעה און בכלל נישט וויסן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט! אמת. מיר האָבן אויך אַ „צייטונג", אַ שיפס־צייטונג, פון וועלכער מיר זיינען בלויז געוואוירע געוואָרן אַז... נאָפּט איז געוואָרן טייערער!

אָך! ווען עמעצער גיט מיר איצטער אונזערס אַ צייטונג, און וויל פאַר איר אַ... הונדערטער — וואָלט איך, מיט פאַרגעניגן באַצאָלט!...

עס גלוסט זיך וויסן וואָס עס טוט זיך אויף דער אידישער וועלט בכלל און אין „מיין" זיד אַמעריקע בפרט! עס גלוסט זיך וויסן צי אין אַרגענטינע איז... אויסגעבראָכן געוואָרן אַ „שטרייק פון די אידישע לערער", וואָס האָט געהאַלטן ביים דערקלערט ווערן, אַ טאָג פאַר מיין

אַרויספאָרן פון בוענאָס איירעס, עס גלוסט זיך וויסן, ווי אַזוי זיינען דורכגעגאַנגען די וואַלן אין די אידישע בענק? איך בין זיכער אַז קיין „בלוט" האָט זיך נישט געגאָסן!... אָבער וויסן — גלוסט זיך!

און צעוואָס לייקענען? איך האָב זיך פאַרבענקט נאָך אַביסל הויי-מישע זאַכן! איך בענק נאָך באַטאַשאַנסקים אַרטיקלען, נאָך מענדעל-סאָנס לייט-אַרטיקלען, נאָך וואַסערצוגס און האָרנ'ס „שטיקלעך" און „מאָמענטן"! עס האָט זיך פאַרבענקט צו לייענען פיניע נעמאָי'ס מע-שה'ס און טשעמנים רעפּאָרטאַזשן!

איך וואָלט אָוועקגעגעבן אַ „אוצר" צו לייענען מ. רעגאַלסקים און דר. זשיטניצקים פּאָליטישע „פּאָרויסזאָגונגען" און אַפילו מײַן „האַר-ציקסטן פריינט" „פון שבת צו שבת" וואָס „ב. צ" (המכונה מ. שענדע-ריי) וואָלט איך אויך, מיט פאַרגעניגן געלייענט!

אמת! נעכטן האָבן איך געלייענט אי... „די אידישע צייטונג", אי „די פּרעסע"! איך האָב געזוכט עפּעס אין מיינע וואַליזעס און דאָרט געטראָפן איינגעפּאַקעוועט עטלעכע זאַכן אין די אַרגענטינער אידישע צייטונגען! זיי זיינען געווען פון חדש... דעצעמבער! אָבער איך האָב זיך מיט זיי געקוויקט...

וואָס מיך „פאַרדריסט", ממש, וואָס מיינע חברים — די שיפס-ברי-דער, פאָרן אַזוי רואיק און זיי אינטערעסירט גאָרנישט וואָס עס טוט זיך אויף... דער ערד!... זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן דעם עול פון... טראַכטן, און זיי אינטערעסירט נישט וואָס עס טוט זיך אויף גאָטס אידיש וועלטל!

אַך! ווי נעמט מען אַזאַ כאַראַקטער?...

היינט האָבן מיר געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון אונזערע קריסט-לעכע „טיש-שכנים"! מיר האָבן, צו מיטיק, זיך צעליינגט מיט אונזער מצה! מיר האָבן זיך נישט צוגערירט צום ברויט און דער קעלנער איז גאָר געבליבן געפּלעפּט! ס'הייסט איך זאָג זיך אָפּ פון די יויך מיט לאָקשן וואָס איך פלעג עסן כמעט צוויי מאָל אין טאָג!

איך האָב אַ פּאָר שכנים געגעבן אַ לעקציע וועגן די מצות און וועגן פּסח! מיר זיינען געזעסן אין אַ קרייז, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים, דענטיסטן, און אַפילו אַ באַרימטער מאָלער! די דיסקוסיע איז געווען: צו דאַרף מען אָפּהיטן געזעצן וואָס זיינען באַשאַפן געוואָרן מיט... דריי טויזנט יאָר צוריק?

מיין הויפּט-אַרגומענט איז געווען אַז, אַ דאַנק דאָס אָפּהיטן אָט די-

געזעצן, איז דאָס אידישע פֿאָלק געבליבן אַ פֿאָלק און האָט געקאָנט דערלעבן צו דעם וואָס עס האָט דערלעבט — אַ אידישע מדינה!

איינער צווישן אונז, האָט געוואָלט וויסן ווי אַזוי איז געבוירן געוואָרן די „ווערסיע” אַז אידן האָבן גענוצט קריסטלעך בלוט צו די מצות? . . .

אין זיין רעדן האָב איך אָנגעשמעקט, אַז . . . ער גלויבט נאָך, אפשר איצט אויך, אין אָט דער „ווערסיע”! עס האָט מיך געקאָסט אַרבעט און אַ שעה רעדן, כדי אים איבערצייגן אינעם חלוק פֿון „ווערסיע” ביז „בלוט-בילבול”! . . . איך האָב אים אויך דערמאָנט אַז, אויף זיינע קריסטן האָט מען אַמאָל, אַמאָל געמאַכט גרינגערע בלבולים! . . .

צי האָבן אים מיינע רייד איבערצייגט? — בין איך נישט זיכער! וואָס איך האָב בלויז באַמערקט איז, אַז די זייטיקע קריסטן וואָס האָבן געהערט אונזער געשפּרעך און „דיסקוסיע” האָבן געהאַלטן מיט מיר און זיך אויסגעלאַכט פֿון אָט דער „ווערסיע”. . .

1־טער אפּריל:

איך האָב „אַנדעקט אַמעריקע”! אויב איר האָט אַ שונא און ווינטשט אים שלעכטס, זאָלט איר בעטן ביי גאָט, אַז ער זאָל פֿאָרן אויף אַ גרויסער לוכּסער שיף, זאָל פֿאָרן אין צווייטע קלאַס, זאָל זיך אַוועקזעצן ביי אַ טיש פֿון טויזנט געריכטן און . . .

עס זאָל זיין פּסח! . . .

וואָס קומט אַרויס וואָס איך האָב מיטגענומען מצה, אַז ס'קריכט אייך אין קאָפּ אַריין און אין דער נאָז די געשמאַקע מאכלים וואָס אין קיין רייכסטן רעסטאָראַן — אויף דער יבשה — קאָנט איר דאָס נישט קריגן! . . .

ווילט זיך אָבער נישט ברעכן די טראַדיציע פֿון עסן חמץ אום פּסח, קומט מען אָפּ, מיט אַ „טאַסע” הוילע יויך, אַביסל קאַרטאָפֿל און אַ שטיקל געבראָטן פֿלייש! . . .

אמת! מען קאָן דערפֿון נישט שטאַרבן אָבער, ווען איר זעט ווי אייער שכן עסט די געשמאַקע „ראַוויאָלעס”, די שמעקנדיקע לאַקשן, די רייצנדע טאָרטן — ווערט איר נערוועאיש, איר ווערט אין כעס אויף . . . משה רבינו וואָס האָט אָנגעמאַכט אַ געשיכטע מיט אַ פּסח, און ווערט אין כעס אויף זיך, וואָס איר האָט ניט אויסגערעכנט אין פֿאָראויס און האָט זיך געזעצט אויף דער שיף ערב פּסח! . . .

דער סוף איז געוואָרן — איך האָב אויסגעלאָזט דעם „כעס" צו די... מצות און געטרינקען וואַסער! ביז...

איך בין שיעור אומגעקומען פון בויך-ווייטיק... ווען איך בין אויף דער יבשה—לויף איך שוין צו דריי דאָקטוירים! אַזוי ווי מען פאָרט אויף אַ שיף — דאַרף מען מאַכן אַ שוויג, ווייל מען „קאָן מיינען" ווער ווייסט וואָס דיר איז, דיך אַריינעמען אין „שפּיטאָל" און דיך האַלטן „אינ-טערנירט"...

יאָ! איך האָב שוין פאַרזאָגט אַ צענטן! פּסח — וועל איך זיין אין דער היים — אַלנפאַלס צווישן אידן, אָדער... איך וועל זיך דאַרפן „שמדן" און עסן ווי אונזער בוענאָס איירעסער „פּיסטאָקראַט" טוט: — עסט ברויט און... שפּילט אין „טרוקאָ"!...

דעם דאָזיקן בוענאָס איירעסער גביר קאָן איך נישט מוחל זיין! הערט! נאָר הערט! פאָרן אויף אַ שיף וואו עס פאָרן עטלעכע אידישע פאַמיליעס — זאָל ער צו קיינעם פון אונז זיך נישט צוטוליען און נאָך פאַרברענגען מיט די איטאַליענער.

פונדעסטוועגן, גלויב איך, אַז ווען מען גייט צו וואַלן צו דער קהילה אָדער אין אַ באַנק און דער דאָזיקער איד, גיט אַ פּאָר טויזנטער אויף פּראָפּאַגאַנדע — וואָלט ער געווען אַ „שיינער" קאַנדידאַט...

אַ וואָרט האָב איך זיך געגעבן:

פאַר זיין אָפּזונדערן זיך און נישט קומען צום סדר — אויב ער וועט גיין ערגעץ אַלס קאַנדידאַט — וועל איך אַרוים אין דער עפנטלעכ-קייט און דערציילן ווי עס שעמט זיך מיט אידן — ווען אים לוינט זיך!...

2-טער אַפּריל:

היינט בין איך אַ גאַנצען טאָג אָדער געלעגן אָדער אַרומגעגאַנגען מיט בויך-ווייטיק... איך האָב געמיינט אַז איך קראַפּיר! אויב עס וועט ביז מאָרגן-איבערמאָרגן נישט אויפהערן — וועל איך מוזן זיך ווענדן צו איינעם פון די... פינף דאָקטוירים וואָס די שיף פירט מיט זיך....

נעכטן ביינאַכט איז אין ערשטן קלאַס געווען אַ הוליאַנקע אַז מען האָט געמיינט, די שיף קערט זיך איבער!... עס איז געווען אַלס בענע-פיס פאַר די „יתומים" פון די שיפס-לייט! איך האָב קוים געפּועלט ביי מיין פרוי אַז זי זאָל גיין אָנקוקן דעם שיינעם ספּעקטאַקל וועלכער האָט זיך פאַרצויגן ביז פאַרטאָג!

װען מײַן פֿרױ האָט זיך צוריקגעקערט אין „קאַבינע” האָט זי מיך געטראָפֿן מיט... היץ און אַ „װאָרפֿעניש”!
אַ פּאָר „פּילן” האָבן מיך אײַנגעשטילט און איך בין אײַנגעשלאָפֿן...

3־טער אַפּריל:

עס איז מיר געװאָרן בעסער! איך בין געקומען צו זיך, אָבער קײן מצה — װעל איך שױן נישט פֿאַרזוכן ביז נאָך פּסח איך מוז ליגן אַ גאַנצן טאָג אין בעט.

4־טער אַפּריל:

שיעור, שיעור האָט מיר שױן באַנג געטאָן דאָס גאַנצע פֿאָרן אױף דער שיף! גאַנצע זיבן טעג צװישן הימל און װאַסער זײַנען פֿאַר אַזאַ „שטאָט”־מענטש װי איך, געװען נישט איבערצוטראָגן! אמת! מען שלאָפֿט זיך אױס, מען הוליעט אױף אַביסל, מען שפּילט אין „רומע”, און לאָטעריאָ און גלאָט אין אַלע שפּילן, מען באָדט זיך, אַלע טאָג, אין ים־װאַסער — אָבער, מען זעט פֿאָרט קײנעם נישט! קײן לעבעדיקע זאַך נישט! עס בענקט זיך אַפֿילו נאָך אַ פֿױגל! מען פֿרײט זיך, װען מען דערזעט אַרױסשפּרינגען פֿון װאַסער די ים־װעלף!...
כדי צו „פֿאַרגיטיקן” אונז אָט דעם אומעט, האָט זיך אונזער שיף דערנענטערט צו „לאַס פּאַלמאַס” — אַן אַפֿריקאַנער־שפּאַנישע ים־שטאָט און מיר זײַנען דאָרט אַראָפּ!...
די עטלעכע שעה אין „לאַס פּאַלמאַס”, װעל איך אײביק געדענקען! איך האָב נאָך אַזאַ ספּעקטאַקל נישט געזען!
געקומען זײַנען מיר קײן לאַס פּאַלמאַס אין „הײליקן פֿרײַטיק” אינדערפֿרי. אַרום זעקס אַזײגער איז שױן די שיף געשטאַנען בײַם פּאָרט און אין פֿופֿצן מינוט אַרום איז שױן די שיף געװאָרן פֿול מיט אַר־טיקע סוחרים — ספּעציעל... אַראַבער פֿון מאַראָקאָ װעלכע האָבן גע־בראַכט די בעסטע טישטוכער, האַנטוכער, שאַלן — און גלאַט קונסט־װערק צום פֿאַרקױפֿן!...
די פּאַסאַזשירן פֿון שיף האָבן, אָבער געהאָפֿט, צו האַנדלען גרע־סערע מציאות אין שטאָט גופֿא! און — מען האָט געדונגען טאַקסים — אױף דרײַ שעה שפּאַציר — און מען איז אַראָפּ אין שטאָט... אָבער! מען האָט פֿאַרגעסן! שפּאַניע איז אַ טיף קאַטױליש לאַנד און לאַס פּאַל־

מאס — איז קאטוילישער פון גאנץ שפאניע! מיטן אויסנאם פון עט-לעכע קאפעען, איז די גאנצע שטאט געווען פארשלאסן אויף טויזנט שלעסער!... א גליק וואס לאס פאלמאס האט א היבשע צאל מוסול-מענער און בגנבה, ביי האלב-פארמאכטע טירן, האט מען געקאנט זיך ארייננכאפן אהין האנדלען א מציאה׳לע!...

גאט פארלאזט אבער נישט די... טוריסטן! די קלייטן — טאר מען טאקע נישט האלטן אפן! אבער — די גאסן — ספעציעל די פארט-גאסן זיינען פול מיט פארקויפער! און פארקויפן פארקויפט מען אייך אלץ! איר קאנט דארט קויפן א „גאלדענעם" זייגער מיט א „גאלדענער" קייט! איי, טאמער וועט דער זייגער — שווארץ ווערן נאך איידער איר וועט קומען צו דער שיף — דאס איז נישט זייער שולד!... פאר דער פרייז? — דארפט איר זיך אויך נישט שרעקן! מען בעט ביי אייך פארן זייער... זיבן הונדערט פעזעטאס(א דרייסיק דאלער) און אז איר וועט אנבאטן... צען דאלער — וועט מען אויך נעמען! און אז איר וועט אנבאטן בלויז... פינף דאלער — זענט איר אויך א גוטער סוחר! ספעציעל פארקויפט מען אייך... די בארימטע פענע, „פארקער 51" מען בעט פאר א פען... דריי הונדערט פעזעטאס און מען נעמט... פערציק!

שייך מען נעמט! ערשט שפעטער ווען מיר זיינען שוין געווען אויף דער שיף, האבן די פאסאזשירן זיך אומגעקוקט ווי די „נארישע" שפא-ניאלישע און אראבישע בארוועסע יונגווארג האבן זיי... אפגעפרייערט!

אט וויזט אן ארגענטינער דאקטאר, אן אדוואקאט, וועמען ריכטער קאנען ניט אראפפירן פון וועג — אט וויזט ער זיין „מציאה" א „פאר-קער-פען" וואס ער האט געקויפט פאר... 150 ארגענינער פעזעס! טא-קע די זעלבע פען, אפילו דער זעלבער קאליר, וואס א צווייטער האט בא-צאלט הונדערט פעזעס, א דריטער — הונדערט „קרוזייראס" (ארום 50 פעזעס) און א פערטער 30... פעסעטעס (ארום 15 פעזעס ארג.) און — אזוי זיינען די איבעריקע „מצאות"!

מיר — די דריי א י ד י ש ע, — אידיש-רעדנדיקע — פאמיליעס פון צווייטן קלאס — נעמען א שותפותדיקע טאקסי! ער בעט פאר דער ריי-זע א סומע און נעמט בלויז א דריטל דערפון און מיר פארן אנקוקן די שטאט.

לויט זיין, שפאנאלישער אויסרעכענונג, און צוליב דעם „הייליקן פריי-טיק", דארפן מיר דאס ערשטע פארן... אין קאטעדראל! ער בלייבט

פּאַרװאונדערט װאָס מיר זאָגן זיך אָפּ פון אָט דעם פּלאַץ און װילן גאָר פאָרן אַנקוקן... די שטאָט, די גאַסן, די רייכע האָטעלן און די פּאַרקן! אויפן װעג, פאָרנדיק, דערקלערן מיר אים, אַז פאַר אונדז איז דער „פּרייטיק" נישט הייליק! עס װערט אים... גרינגער אויפן האַרצן! ער איז אויך נישט קיין גלוביקער...

צי װאוינען אידן אין לאַס פּאַלמאַס — ער װייסט אַפילו נישט װאָס איז אַזוינס אַ איד? ער געדענקט יאָ, אַז װען ער איז געגאַנגען אין קלויס־טער — קינדװייז — האָט דער גלח, אין „הייליקן פּרייטיק", דערציילט אַז די אידן האָבן דערהרגעט כעסוסן!... אַזוי װי, אָבער, עס איז שוין אַן אַלטע געשיכטע, האָט ער — ניט דאַן און ניט איצט — געהאַט װעלכן עס איז אינטערעס זיך צו גריבלען די מאָטיװן פון כעסוס טויט!...

אַ באַרעדעװודיקער דער שאָפער! ער דערציילט אונז פון גרויסן אָרעמקייט װאָס עס הערשט אין שפּאַניע און אין שפּאַנישן מאַראָקע — ספּעציעל! ער פירט אונז װייזן די רייכע דעפּאַרטאַמענט הייזער, אָבער אין דער זעלבער צייט, פירט ער אונז װייזן דאָס גרויסע אָרעמקייט מיט די ליימענע הייזלעך, און איך פאַרשטיי, אַז װען מען לאָזט אים — װאָלט ער געמאַכט אַ בייט...

מיר פאָרן אַװעק אין דער „צענטראַלער פּאָסט" פון שטאָט אויפ־ליגן עטלעכע בריװ! די פּאָטשט איז גרויס, װעדליק עס פּאַסט פאַר אַזאַ װיכטיקן מקום אָבער איבער דער גאַנצער גרויס פון זאַל זיינען פאַראַן בלויז צװיי באַאַמטע! צװיי האַלב־שװאַרצע יונגען! איך בין זיכער, אַז זיי רעדן בלויז שפּאַניש! איך שטיי אין דער זייט און װאַרט אַז עס זאָל קומען מיין רייע! איך װער דערשטױנט! מיט איטאַליענער — רעדן זיי איטאַליעניש! מיט בראַזיליענער — פּאָרטוגעזיש, מיט ענגלענדער — ענגליש! און מיט פראַנצויזן רעדן זיי אַ פּליסיקן פראַנצויזיש אויך!...

עס קומט מיין רייע. איך בין שוין דער לעצטער פון דער גאַנצער גרופּע „קליענטן" פון פּאָסט. איך געב זיך אַ װייצל און גיב אַ פרעג אויף... רוסיש, צי זיי קאָנען רוסיש... איינער פון זיי ענטפערט מיר אין אַ קאָרעקטן רוסיש — אַז איך קאָן רעדן אויף אָט דער שפּראַך...

איך רעד אָבער מיט זיי שפּאַניש און פראָטעסטירט... פאַרװאָס זיי קאָנען... קיין אידיש נישט רעדן!...

ניין! אידיש? — דאָס װייסן זיי נישט מיט װאָס מען עסט עס!...

דוכט זיך, די ערשטע שטאָט אויף דער װעלט װאו מען װייסט נישט

פון קיין אידן און אידיש! און דאָס ביסל אַנטיסעמיטיזם וואָס יעדער שטאָט „מוז" האָבן — מוז מען זיך פאַרלאָזן אויפן גלח, ער זאָל זיי, אין הייליקן פרייטיק, דערציילן, ווי אַזוי און ווער עס האָט געהרגעט יעזוסן! . . .

פונדעסטוועגן, בין איך זיכער, אַז אַנטיסעמיטיזם וועט נאָך בליען אין . . . אין לאָס פּלאַמאַס! זאָלן נאָר די . . . „רויטע" קומען אַהין! אונזער שאָפער האָפט, אַז זיי וועלן נאָך קומען, און ער וועט שוין ניט אַרבעטן אַלס „אַנטרייבער" ביי אַ פרעמדן אויטאָ! די „רויטע" וועלן אים געבן אַן אייגענעם אויטאָ! . . .

— — — — — — — — — — — — —

מיר זיינען ווידער אויף דער שיף! „מיר לאָזן זיך אין וועג אַריין" קיין ליסאַבאָן (ליסבאָאַ). דאָס וואָרט ליסאַבאָן, קלינגט פאַר מיר לעגענדאַריש! אָט שטייט מיר פאַר די אויגן אונזער גרויסער איד דאָן יצחק אבארבאנעל, ווי ער לאָזט זיך אַרויס אין דער שפּיץ פון די שפּאַנישע אידן, ביים גירוש שפּאַניע, אַפן וועג קיין ליסאַבאָן, אָט שוועבן מיר פאַר די אויגן די קינדער־יאָרן מיינע, מיט די אַלע ביכער און ביכלעך, מיט די „זכרונות לבית דוד" און אַנדערע ווערק, וואו דאָס וואָרט ליסאַבאָן איז עטלעכע הונדערט מאָל דערמאָנט!

דערפילט אַז מיר פאָרן קיין ליסאַבאָן, טוט מיר שוין ווידער אַמאָל הנאה, וואָס איך פלי נישט מיט קיין עראָפּלאַן, און איך זע גאָרנישט און קיינעם נישט! אָט, מיט דער שיף, זע איך איצטער אַ וועלט און דערצו ליסאַבאָן! אַ קליינינקייט ל י ־ ס א ־ ב אָ ן !

5־טער אַפּריל:

נעכטן האָב איך געמאַכט אַ לענגערן שפּאַציר איבער דער שיף! עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך קען שוין יעדער ווינקעלע פון שיף! לאָזט זיך אויס אַז ווען איך פאָר נאָך 15 טעג אויף איר וואָלט איך זי נאָך נישט געקאָנט! . . . אַ שטאָט! אַ גאַנצע אינטערנאַציאָנאַלע שטאָט וואו מען הערט צענדליקער לשונות, צווישן זיי: העברעאיש, אידיש, אַראַביש, אַרמעניש, טערקיש, אינדיש און . . . אַביסיניש! מער פון אַלעמען — רעדט מען איטאַליעניש! אָבער — די שטאָט „לעבט אין פרידן"! די „איינוואוינער" פון דער „שטאָט" האַלטן זיך יעדער ביי זיין „קלאַס"

און ביי זיין גרופע! פאַראַן גאָר אַ קליינער פּראָצענט פון... „געמישטע" פריינטשאַפט...

דאָס ערשטע האָב איך באַזוכט דעם „שפּיטאָל" פון דער „שטאָט" „קאָנטע גראַנדע". דער שפּיטאָל ווערט באַדינט פון גאַנצע פינף דאָקטוי־רים, צוויי „האַלבע" דאָקטוירים און צוויי שוועסטער!

צי זיינען פאַראַן קראַנקע אויף דער שיף? זיכער! געווען אַפילו אַ... מת אויך! אַן עלטערער מענטש פון דריטן קלאַס! מען האָט אים „מקבר" געווען שטילערהייט! עס איז אַ סוד פאַר די פּאַסאַזשירן!... עס שאַדט... צום אַפּעטיט!

דער שפּיטאָל האָט אַן אייגענע לאַבאָראַטאָריע, אַן אייגענע אַפּטייק און ווי פלעגט זאָגן די מאַמע ע"ה „מען זאָל נישט באַדאַרפן!"...

נאָכן „שפּיטאָל" האָב איך געמאַכט אַ שפּאַציר צום... קאַרצער — צו דער שיף־טיורמען!...

וואָס דאַרף אַ שיף אַ טיורמע?

אויב אויף אַ שיף דאַרף מען... דריי קאָמיסאַרן — פאַרוואָס זאָל מען נישט דאַרפן כאָטש... איין טיורמע:

אָט איז טאַקע „אונזער" טיורמע איצט איבערפולט. מען האָט אַנ־דעקט אויף דער שיף עטלעכע אומזיסטע פּאַסאַזשירן צווישן זיי אַזעלכע וואָס רעגירונגען זוכן זיי אַרום — נו „וואוינען" זיי אין „טיורמע"...

די אַרעסטאַנטן האָבן זיך נישט וואָס צו קלאָגן. הלוואי באַהאַנדלט מען זיי אַזוי אויף דער ערד ווי מען באַהאַנדלט זיי, דאָ, אויפן ים!...

און, אָט אַזוי, שפּאַצירנדיק, קומען מיר ווידער אַריין אין „דריטן קלאַס"! ביי די אידישע אידן פון „צווייטן קלאַס" (ווי באַוואוסט, האָבן מיר אויך... גוייִשע אידן דאָ,) איז דער שפּאַציר צו אונזערע ברי־דער און שוועסטער פון דריטן קלאַס — אַ פאַרגעניגן! מען רעדט, מען פאַרברענגט, מען האָט הנאה פון די עטלעכע ישראל־קינדער און יש־ראל־בירגער וואָס קערן זיך אום אהיים! פאַראַן דאָרט אַ פּאָר „סאַברע־לעך" וואָס קאָנען קיין אַנדער שפּראַך נישט אַ חוץ העברעאיש און זיי האָבן שטאַרק הנאה ווען מען רעדט צו זיי אין זייער מוטער־שפּראַך...

אָט פאָרט מיט אונז אין דריטן קלאַס, אַ באַרימטער אידישער־אָר־רוגוויִער מאָלער שאָמאָ באַטלים! ער פאָרט אין אַ רעגירונגס־מיסיע און וועט זיין אין גאַנץ אייראָפּע. עס פאָרט מיט אים אויך זיינער אַ ברו־דער — אַ אידיש־שפּאַנישער זשורנאַליסט און סתם פעין־מענטש! דער —

פאָרט קיין ישראל! מיר פאַרברענגען מיט זיי. מיר רעדן נישט פון קיין „סקאַט" און פון... „טרוקאַ" ווי יענער בוענאָס איירעסער „פּיסטאַ־קראַט"! און דאָס אידישע פאָלק האָט פון זיי זיכער מער כבוד ווי פון אָט דעם גאווה׳דיקן פּוסטן קאַבאַק מיט אַ סך געלט!...

— — — — — — — — — — — — — —

די לעצטע פיר טעג איז אָף דער שיף „יום־טובדיק!" דער קריסט־לעכער „פּאַסקואַ" לאָזט זיך דאָ פילן, ווייל צווישן די פּאַסאַזשירן זיינען פאַראַן אַ היבשע צאָל גלחים, מאָנאַכן און סעמינאַריסטן! דעם „טאָג פון טרויער", האָט די מוזיק ניט געשפּילט פאַרנאַכט ביי דער טיי, און אויך ביינאַכט האָט מען נישט געטאַנצט און קיין סינע נישט געוויזן!...

איין זאַך איז מיר געבליבן אומפאַרשטענדלעך: באַלד נאָך דער „מיסאַ", האָבן די סעמינאַריסטן ווידער געשפּילט אין קאָרטן און די על־טערע גלחים — אין די אַנדערע שפּילן...

איך האָב, אויף איין מינוט, פאַרגליכן דאָס דאָזיקע, צו די גייסטי־קע פירער פון דער אידישער רעליגיע און איך האָב אין מיין זכרון געוואָלט זוכן אַ מאָמענט, ווען אַ אידישער רב, אָדער ישיבה בחור, זאָל, באַלד, מוצאי ראש השנה אָדער יום־כפור, זיך כאַפּן צו וועלכער עס שמחה אָדער קערפּערלעכן פאַרגעניגן און... איך האָב זיך נישט גע־קאָנט דערמאָנען אין אַזאַ פאַל...

און, געטראַכט, האָב איך, — צייט צו טראַכטן איז אָף אַ שיף פאַ־ראַן די ויותר — ווער ווייסט, צו ניט דערפאַר וואָס זייער אמונה איז אַזוי פיל פריי און עולם־הזה׳דיק, האָט זי געקאָנט צוקריגן אַזוי פיל מיליאָנען אָנהענגער!...

נעכטן ביינאַכט האָט זיך געענדיקט דער „טרויער"! מען האָט שוין ווידער געטאַנצט, ווידער געהוליעט, ווידער געקושט זיך און פאַר אַ קוש אַ פרעמד ווייבל אָדער מיידל, האָט מען געצאָלט כך וכך... טויזנ־טער „לירעס" (איטאַליעניש געלט) וואָס איז געגאַנגען לטובת וואָוילטע־טיקע צוועקן!...

דאָס זאַמלען געלט פאַר געוויסע צוועקן — איז אָף דער שיף אַ שטיק אַנשיקעניש! ספּעציעל, ליידן דערפון די פּאַסאַזשירן פון צווייטן קלאַס און נאָך ספּעציעל — פון ערשטן קלאַס!....

ווען מען וויל פאָרן מיט ערשטע און מיט צווייטן קלאַס, דאַרף מען האָבן אַ ספּעציעלע „פּרעסטופּועסטאַ" אַ ספּעציעלן זאַק מיט געלט!

ערשטנס: — פֿאַר געבן „טרינק־געלט" (פּראָפּינאָס) און צװייטנס — פֿאַר די פֿאַרשיידענע „זאַמלונגען".

בײַ „נאָש־בראַט" — לאָזט זיך עס פֿילן! אָבער — „אַז מען װיל זיך באָדן אין ים — מוז מען אײַננעצן די פֿיס"...

דער עולם גייט „פֿרי" שלאָפֿן: צװיי פֿאַרטאָג איז שוין איטלעכער אין זײַן קאַיוטע. פֿאַרטאָג דאַרף מען אויפֿשטיין „אָנקוקן" ליסאַבאָן...

6־טער אַפּריל:

װי נעמט מען די פֿען פֿון אַ דיכטער כּדי צו קאָנען אויסזינגען אַ פֿרייד־ליד לכּבֿוד דעם אינערלעכן אש־להבֿה'דיקן געפֿיל װאָס איך האָב געהאַט און װאָס האָט מיך באַהערשט בײַם אָפּשטייגן פֿונעם שיפֿס־בריקל טרעפּ אויף דער ערד פֿון פּאָרטוגאַל!

אָפּשטייגנדיק, האָב איך געװאָלט אויפֿהויבן אַ ביסעלע ערד און אַ רעדט טאָן צו דעם: „אָט דאָס ביסטו, שװאַרצע ערד, װאָס האָט אַזוי פֿיל גוטס און אַזוי פֿיל שלעכטס פֿאַרשאַפֿט מײַן אידישן פֿאָלק, מײַנע עלטער־עלטער־זיידעס פֿון ענדע פֿערצנטן און אָנהויב פֿופֿצנטן יאָר־הונדערט!

איך קוק אויף דער שטאָט, אויף אירע מאָדערנע בנינים און עס גלוסט זיך מיר מאַכן אַ „שהחיינו" װאָס, איך, אַ זון פֿון יענעם פֿאָלק, פֿאַר איצט דורך אָט דאָס לאַנד, איך קום אַהער — קיין פּאָרטוגאַל, „אויך אויף אַ װײַל", אָבער, פֿון ד אַ נ ע ן, פֿאַר איך תּיכּף צו מײַן לאַנד!...

די פֿאַרטריבענע אידן פֿון שפּאַניע, האָבן אַ זאַ זכיה — צום באַדויערן — נישט געהאַט!...

מיר — אונזערע דריי פֿאַרבינדעטע פֿאַמיליעס — דינגען אַן אויטאָ צו פֿאָרן אין שטאָט אַרײַן און ער זאָל אונז אַרומפֿירן אַ פּאָר שעה!

מיר זעצן זיך אַרײַן און דער שאָפֿער — שוין אַ געניטער אין זײַן פֿאַך, פֿירט אונז דאָס ערשטע... אין קאַטעדראַל!

און טאַקע, װי איז דאָס מעגלעך אַנדערש? דערהויפּט נאָך אַז הײַנט איז דער פֿרײַלעכער פּ אַ ס ק ו אַ־זונטיק װאו אין קאַטעדראַל — װעל־כער איז אַלט... פֿיר הונדערט יאָר, ריכט מען אָפּ אַ גאָטעס־דינסט!

אונזער בראַזיליאַנער טאַבאַטשניק, איז איצט דער בעל הבית פֿון דער לאַגע! ער רעדט מיטן פּאָרטוגעז אויף זײַן שפּראַך (אין בראַזיל איז

פּאָרטוגעזיש די מלוכה שפּראַך) און ער קלערט אים אויף, אַז אונז אינ־טערעסירט ווייניק דער קאַטעדראַל! מיר ווילן זען די שטאָט!

צי איז פאַראַן אין ליסאַבאָן אַ שול? אַ סינאַגאָגאַ?

פאַראַן: שפּעטער וועלן מיר דאָרט זיין! דערווייל פאָרן מיר איבער דער שטאָט, באַוואונדערן די ריינקייט פון די גאַסן, ממש קיין שטרויעלע וואַלגערט זיך דאָרט נישט אַרום אויף דער גאַס! מיר באַטראַכטן די נ ײ ע, מ אָ ד ע ר נ ע טייל פון שטאָט פון בלויז נייע — צען-גאָרנדי־קע הייזער! יעדער הויז פאַרנעמט אַ... דריי הונדערט מעטער און פאַר־מאָגט אַ באַזונדער קאָליר!...

אַלץ איז שיין און גוט! אָבער — מיר ווילן פאָרן אין... שול אַריין! מיר ווילן אָנקוקן די סינאַגאָגאַ!

— — — — — — — — — — — — — — —

אויף איינער פון די צענטראַלע גאַסן פון ליסאַבאָן, שטעלט זיך אונ־זער שאָפער אָפּ. ד אָ איז די סינאַגאָגאַ! מיר קוקן זיך אַרום, מיר זוכן אַ... מגן דוד, מיר זוכן אַ סימן פון אַ „קופּאָל", מיר זוכן סתם אַ טיר פון אַ שול — נישטאָ אַזעלכעס! בלויז קליימן און געשעפטן! דער שאָפער ווייזט אונז אָן אויף אַ שמאָל טירל פון אַ טויער! ביים טירל שטייט טאַקע אינדרויסן עפּעס אַ אידיש פנים! מיר גייען צו, זאָגן „שלום" און דאָס טירל עפנט זיך פאַר אונז! מיר טרעטן אַריין אין אַ שמאָלן הויף. דאָ, אין הויף, פאַרשטעלט פון אַ „פרעמד אויג", שטייט אַ גרויסע געביידע מיט אַ ברייטער טיר צום אַריינגאַנג! און, ווידער דאָס זעלבע — קיין שום סימן נישט, צו דאָ איז אַ שיל אָדער עפּעס אַ פאַב־ריק. איך שטיי און באַטראַכט אָט דעם מקום קדוש און וויל שוין אָנ־הויבן קלערן וועגן די מאָטיוון וואָס די שול איז אַזוי פאַרשטעלט... קומט אַריין אַ איד, אַ אונזעריקער. ער שטעלט זיך פאָר: קאַפּאַגאַ, איז זיין נאָמען! ער איז פון פּוילן, פון לוצק אָדער אַ שטעטעלע נעבן לוצק, ער איז שוין דאָ 26 יאָר און... האָט פרנסה!

— וויפל אידן וואוינען אין פּאָרטוגאַל?

— אַרום 5 הונדערט פאַמיליעס! די גרעסטע טייל פון זיי — ספאַר־דישע! אָט „די שול — אַן אַ ל ט ע שול פון קדמונים, איז אויך אַ ספאַר־דישע! קומט אַריין! מען דאַוונט איצט דאָ!...

מיר גייען אַריין אינעווייניק! די פרויען פאַרדעקן די קעפּ און גייען אַרויף אויבן, אין פּאָליש. די מענער גייען אַריין אינעווייניק! מיר קו־

מען אַן צום לייענען! דער „חכם" וואָס לייענט, זינגט מיט אַזאַ נגון, כאַטש נעם... און צעלאַך זיך!...

איך בין אַ בעלן איבערציילן די מתפללים! גאַנצע עלף! ביז אונזער איד איז אַריינגעקומען, זיינען זיי געווען בלויז צען! אַ סטריקטער מנין!... מאָרגן, שבת של פסח וועט זיין מערער — טרייסט מען מיך!

איך באַטראַכט די שול, די מתפללים! אַן אַלטע, אַלט־מאָדישע שול און... אַלטע מתפללים! דער איינציקער „יונגערער" איז דער גבאי וואָס גייט אָנגעטאָן אַ הויכן צילינדער און לאַקירענע שיך! אַ סברא אַז ער איז דער גרעסטער אידישער גביר פון פּאָרטוגאַל! אַ מיליאָנער! פאַרוואָס זשע דערלאָזט ער, אַז זיין שול זאָל זיין אַזוי אָפּגעלאָזט? פאַרוואָס שעמט ער זיך אַזוי מיט דער סינאַגאָגע וואָס ער האַלט זי אַזוי פאַרוקט?...

פון דער שול בין איך אַוועק מיט אַ צעבראָכענעם געמיט! עס האָט זיך מיר געבאָמקעלט אין קאָפּ און געדרייט פאַר די אויגן די ווערטער: גירוש שפּאַניע, אינקוויזיציע, פּאָרטוגאַל, אַנוסים, צוזאַמען מיט די מאָדערנע ווערטער: אידן גבירים, מיליאָנערן, חזרים, אומזיסטע כבוד זוכער און צו לעצט — דאָס געהיימניספולע טויערל פון דער פאַרבאָרגענער שול!

מיר פאָרן ווייטער! מיר פאָרן אָנקוקן די צענטראַלע „מערקאַדאָ", דעם פאַרמאַכטן מאַרק־פּלאַץ! מיר זיינען אַריין אין אַ רעש און געפּילדער! יעדער איינער שרייט! דער וואָס פאַרקויפט דריי לימענעס און דער וואָס פאַרקויפט אַן „אַנאַנאַס" וואָס קאָסט... פינף מאָל אַזוי פיל ווי אין אונזערע מקומות!...

פאַראַן אין מערקאַדאָ אַלץ! פון אַ באַנאַנאַ, ביז אַ... גרייטע פאַר הויזן און אַלע שרייען אויס זייער סחורה! אַלע רייסן ממש ביי די פּאָלעס אַז מען זאָל קויפן!

גיי קויף, אַז מען וויל בלויז „עסקודאָס" (די פּאָרטוגעזישע מטבע) אַפילו קיין דאָלאַרן — ווילן זיי נישט! אַט האָבן מיר געוואָלט קויפן עפּעס אין אַ צענטראַלער אַפּטייק! שוין אינטעלעגענטנע מענטשן! מיר געבן אים דאָלאַרן — ער וויל נישט און... מיר קויפן גאָרנישט!

אַ גליק נאָך וואָס אונזער שאָפער „טוט אונז אַ טובה" און נעמט ביי אונז... דאָלאַרן! דערפאַר, געבן מיר אים אַ דאָלער טרינק־געלט!...

מיר קומען צוריק צו דער שיף! דאָרט ווערן מיר געוואוירע אַז... נישט איטלעכן האָט מען אַראָפּגעלאָזט! דער וואָס האָט געהאַט, רוסי־שע, פּוילישע, רומענישע, אונגאַרישע פּעסער — די האָט מען געהייסן בלייבן אויף דער שיף!... „אונזערע" צווייי רוסישע דיפּלאָמאַטן וואָס פאָרן מיט אונדז פון מאָנטעווידעאָ, האָבן זיך — ווי זייער שטייגער איז דעם גאַנצן וועג — פאַרשלאָסן אין זייערע קאַיוטן און די נאָז נישט געוויזן!...

דערפאַר, אַז מען האָט דערהערט דאָס וואָרט אַרגענטינער בירגער, האָט, מען בכבוד גדול, געמאַכט אַ וועג!...

לעבן זאָל טאַקע אַרגענטינע!...

6־טער אַפּריל:

היינט האָבן מיר זייער אַ שיינעם טאָג און אַ רואיקע רייזע! ביי־נאַכט זיינען מיר דורכגעפאָרן דורכן גיבראַלטאַר, די שיף האָט זיך גע־שטעלט ווייט פון ברעג, אָבער — מען האָט קיינעם נישט אַראָפּגעלאָזט! דער ענגלענדער וויל נישט אַז מען זאָל אָנקוקן זיין „האַרץ"! דורכגע־לאָזט די שיף, אָפּגענומען די שטייערן פאַרן דורכגאַנג — פאַר ווייטער געזונטערהייט!... איצט בלייבט אונז דער לעצטער פּאָרט: נאַפּאָלי (נעאַפּאָל) דאָרט וועלן מיר אַראָפּגיין און זיך איבערזעצן אויף אַ צוויי־טער שיף, אויף אַ „קליינער לאָדקע" וואָס גייט קיין חיפה!

ידיעות, האָבן מיר וועגן אָט די שיפלעך, גאַרנישט קיין וואַזשנע! אָבער — וואָס זאָל מען טאָן! אַז מען מוז— מוז מען!... וואָס דען? ווי שטייט עס געשריבן אַז עס דאַרף אָנקומען לייכט דאָס קומען קיין יש־ראל... פאַרקערט! וואָס מער חבלי לידה — אַלץ ליבער איז דאָס קינד... אָבער ווי האַלט מען שוין דערביי! שוין געוואָלט זיצן אויף דער צוויי־טער שיף!

דערווייל פאָרן מיר אַ גאַנצן טאָג מיטן שפּאַנישן ברעג! ממש טאַ־קע, ביים ברעג! מיר זעען די גרויסע בערג מיטן אייביקן שניי אויף די שפּיצן, מיר זעען פון דער ווייטנס שטעט גאַנצע: מאַלאַגאַ, קאַרטאַכע־נאַ א. א. בכלל איז אַ גאַנצן טאָג פריילעך! שיפן באַגעגנט מען יעדע האַלבע שעה! אַפילו קליינע פישער־שיפלעך דרייען זיך נעבן אונז!...

אַז מען פאָרט עטלעכע טעג צווישן הימל און וואַסער און דערנאָך קומט מען אָן אַזאַ „היימישער סביבה" ווערט פריילעך אויף דער נשמה!...

7־טער אַפּריל:

היינט איז אחרון של פּסח און היינט איז ביי אונז — איינוואוינער פון דער „שטאָט" „קאַנטע גראַנדע", אחרון — דער לעצטער טאָג, וואָס מיר פאָרן מיט איר. מאָרגן גאַנץ פרי, קומען מיר אָן קיין נעאַפּאָל.

אַ ציטער גייט איבער איבערן לייב! פון איין זייט, גלוסט זיך שוין פאַרענדיקן די רייזע און אָנקומען קיין ישראל! אַ סוף אָן עק זאָל עס נעמען! פון דער צווייטער זייט — אַ שאָד! מען האָט זיך שוין איינגע־לעבט מיט די שיפס ברידער און שיפס־שוועסטער, שוין געוואָרן היימיש מיט די איטאַליענישע... מאַסאַס וואָס באַדינען אייך אַזוי פיין, שוין „צוגעוואוינט" אַלע טאָג, אָדער אַ קאָנצערט אָדער — אין „סינע", און דער עיקר — איך קאָן שוין באַלד „פּערפעקט" איטאַליעניש! און דאָ פלוצים — אַראָפּ קינדערלעך פון שיף! פּאַקעוועט איין צוריק אייערע רענצלעך, אייערע תרפ"ט קליידלעך שיך, טופלעס, און סתם ווייבערישע און מענערישע זאַכענישן און... גרייט זיך איבערוואַנדערן אויף אַ צוויי־טער שיף, שוין נישט אַזאַ באַקוועמע און — ווי מען שרעקט אונז — וואָס האַלט זיך אין איין שאָקלען!...

איך מאַך אַ שפּאַציר איבער דער שיף. איך געזעגן זיך מיט יעדער ווינקעלע! אָט איז די „פּילעטע דע נאַטאַסיאָן" וואו איך האָב זיך גע־באָדן צוויי מאָל אין טאָג ביז... מיר זיינען געקומען צום „עקוואַטאָר"! ווי נאָר מיר האָבן אָנגעהויבן פאָרן „מיטן קאָפּ אַראָפּ", האָט מען די פּי־לעטע פאַרמאַכט און מיר האָבן אָנגעטאָן די... וואַרעמע אונטערוועש!...

אָט איז די „קאַנטשע דע פוטבאָל", אָט איז דער סאַלאָן פון... שרייבן בריוו און אָט איז די... דרוקעריי וואו עס „דערשיינט" „אונ־זער" טעגלעכער ביולעטין — בלויז אויף איטאַליעניש אָדער פּאָרטו־געזיש!...

מיר, די „דריי פּאָרלעך" וואָס האַלטן זיך איינס די גאַנצע צייט, זיינען שטאַרק צופרידן וואָס מיר וועלן אויך ווייטער וואַנדערן צוזאַ־מען! מיר מאַכן שוין פּלענער ווי אַזוי אין ישראל פאַרברענגען צוזאַמען..

אַ שאָד, וואָס די דריטע פאַמיליע — טאַבאַטשניק — וואוינט אַזש אין עק וועלט, אין רעסיפע — בראַזיל! אָבער ער וועט שוין קומען קיין אַרגענטינע אויך! מיר מאַכן שוין גרייט דעם... „קבלת פּנים" פאַר אים מיט זיין פרוי!...

דערוויל שפּילט מען נאָך אַמאָל אין „קאַנאַסטאַ" אָדער אין דער

בראַזיליענער שפּיל „בוראַקאַ״ און... מען מאַכט זיך האַרץ צו פאַר־געסן אַז היינט איז דער לעצטער טאָג וואָס מען פאָרט באַקוועם, שיין און מיט פאַרגעניגן, אויף דער גרויסער שיף, אויף „קאָנטע גראַנדע״.

מען עסט אָפּ די לעצטע וועטשערע, מען טיילט אויס אַ צענדלינג... טויזנט לירעס „פּראָפּינאַ״ און מען גייט שלאָפן! מאָרגן דאַרף מען אויפשטיין פרי: געענדיקט די ערשטע טייל רייזע!

שלום נאַפּאָלי!...

9־טער אַפּריל:

ווער האָט עס דאָרט געזאָגט מיט טויזנטער יאָרן צוריק: „זע נאַ־פּאָלי און שטאַרב״!

מיר דוכט, אַז מען קאָן טאַקע שטאַרבן אין נאַפּאָלי, ווען מען וויל זיך נעמען צום האַרצן דעם... שמוץ אויף די גאַסן, אין די הײַזער, אין די צימערן און וווּ מען שטייט און גייט!

צוריק מיט צוויי און דרײַסיק יאָר, ביי מיין רייזע פון טעפּליק קיין בוענאָס איירעס, האָט מיך דער גורל פאַרוואָרפן קיין נאַפּאָלי, אויף גאַנצע דריי מאָנאַטן! דאַן, אַלס אָרימער עמיגראַנט וואָס איז געזעסן אין „האָטעל גאַריבאַלדי״ און געוואַרט אויף געלט פון אַ פעטער פון אַמע־ריקע, דאַן, האָט שוין אויך נאַפּאָלע „געריכט״ מיט דער אָרימקייט, מיט דעם שמוץ אויף יעדער טריט, און ספּעציעל — מיטן קויטיקן גרייט, וואָס הענגט איבער די גאַסן, איבער די פענצטער, און איבער אייער נאָז — ווו איר שטייט און גייט!

היינט ווען איך בין שוין אַ „פּאַסאַזשיר פון צווייטן קלאַס״, היינט ווען די וועלט האָט אַזוי פּראָגרעסירט אין ענין היגיענע, און היינט, ווען מיר זיינען דורכגעפאָרן לאַס פּאַלמאַס און ליסאַבאָן און געטראָפן דאָרט אַזאַ אויסערגעוויינלעכע ריינקייט, אַן אַ ברעקעלע פּאַפּיר אָדער שטרוי אָף דער גאַס — ספּעציעל אין ליסאַבאָן, היינט — ווען מען פאַלט פּלוצים אַריין אין אַזאַ שטאָל — ווערט... פריקרע אין מויל!...

דעם ערשטן „ברוך הבא״ אין נעאַפּאָל, האָבן מיר געהאַט באַם... פּאָרט! געקומען זיינען מיר אין שטאָט אַריין 8 אינדערפרי און ערשט נאָך עלף האָבן מיר געהאַט די זכיה אַראָפּגעלאָזט צו ווערן פון שיף...

איטאַליע היט שטאַרק אַז קיין „רויטע״ זאָלן זיך ניט דורכשמוג־לען און ניט אַריין אין לאַנד אַריין! דאָך, זיינען די פּאָר „רויטע״ שפּאַ־

גיאָלן וואָס זיינען געפאָרן אַף דער „קאַנטע גראַנדע" געוועזן פון... די ערשטע אויסצושטייגן!...

אַרום 12 אַזייגער פירט אונדז אַ אַמניבוס צו אַ באַשטימטן האָטעל וואָס די קאָמפּאַניע דינגט אַף פאַר אירע „טראַנזיט-טוריסטן". דער האָטעל שטייט אַף אַ געהויבענעם אָרט, אַף „פּלאַסאַ גאַריבאַלדי" — טאָקע אַ האַלבע קוואַדרע פון דעם זעלבן האָטעל וועלכן איך האָב איבערגעלאָזט צוריק מיט 32 יאָר...

מען גיט אונז אַפּ — די „מאָדערנע עמיגראַנטן" — זייער אַ פּיגעם מקום מנוחה, און מיר גייען אַראָפּ עסן דעם ערשטן מיטיק אין נעאַפּאָל!

אָבער, אוי, אַ בראָך! נאָך די קעניגלעכע עסנס פון דער „קאַנטע גראַנדע" גיסט מען אונז אָפּ מיט אַן עמער וואַסער! ניט נאָר עסן — נאָר אַ שטיקל ברויט זשאַלעוועט מען!... אַ גליק וואָס מיר וועלן דאָ שטיין בלויז אַ טאָג און מאָרגן פאָרן מיר ווייטער... און נאָך אַ גליק! פאַר דריי הונדערט „ליראָס" קריגט איר אַ ביסל זופּ! פאַר נאָך דריי הונדערט ליראָס, קריגט איר אַ שטיקל האַרט פלייש און — מען דערקוויקט שוין די ליידיקע קישקע!

דערפאַר, פעלן ניט קיין... הענט וואָס בעטן „טרינק-געלט"! מען רייסט פּשוט פון די הענט! ער פירט אייך אַרויף מיטן אַמענסאָר — שטעלט ער אויס די האַנט: ער ענטפערט אייך אויף אַ פראַגע — שטעלט ער אויס די האַנט!...

מיר נעמען אַ קוטשער מיט אַ פייטאָן און פאָרן אויסקוקן די שטאָט! דער „זייגער" קלאַפּט אָן, זעקס הונדערט ליראָס, הייסט ער זיך געבן... 2 טויזנט ליראָס! דאָס איבעריקע — „טרינק-געלט"! אַפילו דער בעל-הבית פון האָטעל, וואַרפט אַריין אַ וואָרט, אַז... ער לעבט פון „טרינק-געלט".

טשודאַקעס, זיינען זיי, די איטאַליענער! גייען אָנגעטאָן שיין, די בעסטע שטאָפן, האָבן אַלע אַרבעט — דערויף זאָרגן שוין די אַמעריקאַנער וואָס זיצן דאָרט, נאָר אַז זיי רעדן — שרייען זיי! בלויז זיי שרייען! שרייען און מאַכן מיט די הענט! און: — גייט איר קויפן אַ זאַך, און אויב זיי דערפילן אַז איר זענט אַן אויסלענדער — שעמען זיי זיך ניט און בעטן... 4 מאָל אַזויפיל! זיי ווערן אָבער ניט ברוגז ווען איר לייגט זיי פאָר אַ פערט-חלק פון דער פרייז! ער... נעמט צו דאָס געלט מיט אַ שמייכל! איך האָב אַפילו געפּרוּווט צו קויפן אַ זאַך פאַר זעכציק ליראָס און געבעטן האָט ער... 350 ליראָס!

איין זאַך אַ גוטע האָבן זיי! דאַרפט איר אַ פּאָסט-מאַרקע אָפּשיקן אַ בריוו, דאַרפט איר ניט גיין זוכן אַ פּאָסט! אויף יעדן טריט און שריט טרעפט איר אַ... געשעפט וואָס פאַרקויפט צוקערקעלעך, זיסקייטן און פּאַפּיראָסן! אין אָט די קליינטלעך — וועלכע האָבן אַן אויפשריפט „טאַ-באַטשי", טרעפט איר פּאָסט-מאַרקעס און זיי ווייזן אייך שוין אויך אַן וויפל פּאָסט-מאַרקעס איר דאַרפט!... און אַלץ גייט אויף הונדערטערס און טויזנטערס! (איין בריוו מיינער האָט טאַקע געוואויגן און באַטראָפן... דריי טויזנט ליר (120 אַרגענטינער פּעזעס)!

אָך ווי דערלעבט מען שוין די שעה פון זיצן ווידער אויף דער שיף! נאַפּאָלי! אָט דאָס נאַפּאָלי וועלכע מען דאַרף... „זען און שטאַרבן" — גלוסט זיך טאַקע וואָס שנעלער פּטור ווערן!...

פאַרן פאַרלאָזן דעם האָטעל — אויפן וועג צו דער שיף „גרימאַניא" וואָס דאַרף אונז פירן קיין חיפה, מאַך איך אַ שטיקל „חשבון" אין קעשענע! עס ווייזט זיך אַרויס, אַז בלויז אַף „טרינק-געלט", און שפּאָרנדיק ווי אַ „קאַרגער ליטוואַק" — האָב איך צעטרענצלט... זעקס טויזנט ליראָס (אַרום 240 אַרג. פּעזעס)!

גיי גיב ניט, אַז מען רייסט שטיקער פון דיר, און ווען דו טרינקסט עפּעס ביי אַ קאַפע-טישל און לאָזט איבער דעם קעלנער אַ... הונדערטער (4 פּעזעס) טרינק-געלט — לאָזט ער עס ליגן און וויל עס ניט נעמען!...

ווען איך האָב צוריק דערזען דעם פּאָרט האָב איך שטיל געזאָגט אַ תפילה:

ברוך שפּטרי מנאַפּאָלי!

10טער אַפּריל:

אונזער אַרויסרייזע פון נעאַפּאָל האָט אונז ווידער פאַרשאַפט צרות און קאַפּ-ווייטיק! אונזער באַגאַזש — די קאַסטנס עסנוואַרג, איז ניט איבערגעפירט געוואָרן פון דער „קאָנטע גראַנדע" אויף אונזער „גרימאַניא" און איז „על פי טעות" — אוועק קיין ז ש ע נ ע ו ו ע! ווער ווייסט, ווען מיר וועלן אים באַקומען אין ישראל.

טאַמער איז דאָס ווינציק, ווער איך געוואויר אַז די אָנפירערשאַפט פון דער שיף „גרימאַניא" האָט באַשטימט אַז... איך דאַרף זיך גטן מיט מיין אידענע! געגוג געלעבט אינאיינעם אונטער איין דאַך! שוין קנאַפּע 35 יאָר! איצט, האָבן זיי באַשטימט, דאַרפן מיר האָבן... צוויי

שלאָפצימערן! מיך, שיקט מען אין איין צימער און זי — אין אַ צווייטן! עס העלפט ניט קיין תחנונים! עס העלפן ניט די טענות אַז פאַר אַ „פּאַסאַזשיר פון צווייטן קלאַס" פּאַסט עס ניט!

ערשט ווען ער האָט דערזען מיין טאַרכעטעלע אַלס זשורנאַליסט, האָט עס עפּעס געווירקט און ער האָט צוגעזאָגט אַז... אין צוויי נעכט אַרום — אַפּפאַרנדיק אַ האַלב וועג — וועט מען אונז ווידער... „מתחתן זיין"!....

און — אַזוי איז טאַקע שפּעטער געווען! אָט וואָס אַ טאַר־כעטעלע פאַר 5 סענט. קאָן אויסווירקן...

ווען איך האָב, שפּעטער, געגעבן דעם אויבער־קעלנער — וואָס האָט אונז צוריק צונויפגעפּירט — 2 טויזנט ליראַס — האָט ער קיין דאַנק ניט געזאָגט! ער האָט זיכער דערוואַרט צו קריגן אַ... האַלבן מיליאָן ליראַס!...

די שיף פאַרלאָזט איטאַליע און מיר הויבן זיך אָן אומקוקן ווער עס זיינען אונזערע מיטרייזנדע? דאָס ערשטע פאַרשטייט זיך, אינטע־רעסירט מיך זיך צו באַקענען מיט די אידישע פּאַסאַזשירן!

ואלה שמות, און אָט איז אַ קוריאָזער סך הכל פון אונזערע אידן וואָס פאָרן קיין ישראל:

1) פאָרט מיט אונז אַ איד פון... „וועסטערן" קאַנאַדאַ — ס'איז דאָס ווייטסטע ווינקל פון קאַנאַדאַ! עס ליגט נאָענט צו... אַלאַסקאַ!

פון וואַנען איז אַ איד? ווי קומט ער פאַרוואָרפן ווערן אין אַזאַ עק וועלט? הובט זיך אָן אַ געשיכטע! אַליין, איז ער פון ... אדעס! אין וועסטערן קאַנאַדאַ, וואוינט ער שוין... פיר צענדליק יאָר! פאַראַן דאָרט נאָך זיבן אידישע פאַמיליעס! האָט ער זיך פאַרבענקט נאָך אַבים: אידישקייט, אידיש לעבן, — און אַ איד אַ גביר איז ער — פאָרט ער אויף אַ שפּאַציר קיין ישראל!

2) אַ צווייטער איד שטעלט זיך אונז פאָר. ער קומט פון... ווע־נעסועלאַ! ער האָט אַ גאַנץ פיין... אַנטיפּאַטישן אויסזען! רעדט צו אייך און האַלט אייך אין איין קלאַפּן מיט זיין האַנט אין אייער אַקסל: אָדער פלייצע ביז עס ווערט אייך נמאס און איר בעט אים, ער זאָל... אַריינלייגן די הענט אין קעשענע! ער איז אין ווענעסועלאַ זייער רייך — אַזוי זאָגט ער, און פאָרט מיט זיין פרוי — שוין די צווייטע ביי אים, גיט ער אייך צו וויסן — אויף אַ שפּאַציר קיין ישראל! נשקשה! ער וועט

זיך — באַרימט ער זיך — אויסשלאָגן זיך די הוצאות און עס וועט אים נאָך בלייבן!...

3) אַ דריטער פּאַסאַזשיר אונזערער, איז אַ איד פון... אינדיע! זיין אויסזען איז טאַקע ווי... גאַנדי! ער גייט זייער אָרים אָנגעטאָן, און אין פינף מינוט אַרום ווערט איר געוואויער אַז ער רעדט... צען שפּראַכן, אַריינגערעכנט העברעאיש! דער דאָזיקער „אינדיער" איז זייער קאַרג אויף אַן ענטפער! איך וויל ביי אים וויסן ווער ער איז וואָס ער איז? — זוכט ער זיך אויסצודרייען מיט אַ תירוץ! דאָס איינציקע וואָס מיר טאַפּן אויס איז, אַז געבוירן איז אָט דער „הינדוס" אין קאָוונע, האָט שוין געלעבט אַ פּאָר צענדליק יאָר אין אויסטראַליע איז שוין געווען אין ארץ ישראל, און — מער וויל ער ניט רעדן!

4) אַן עלטער פּאָר־פאָלק, מיט אַזאַ אידיש־קלינגענדיקן נאָמען ווי כהן פאָרן מיט אונז קיין ירושלים! זיי קומען פון סמירנא! (טערקיי) פאָרן פון... בראַזיל!

5) אַ אינטערעסאַנטער איד איז אַ אידישער זשורנאַליסט און דאָקטאָר־מעדיצין פון... סאַראַיעוואָ (יוגאָסלאַוויע) ער רעדט אויך עטלעכע שפּראַכן אָבער, זיין מוטער־שפּראַך איז, אָדער דייטש אָדער... רוסיש! ער ברענגט אונז אַ פריידיקן גרוס פון טיטאָס מדינה אַז דאָרט ווייסט מען ניט פון קיין אַנטיסעמיטיזם, און — לויט זיין מיינונג נאָך — דאָס איז דער מאָטיוו וואָס אידן פון יוגאָסלאַוויע פאָרן ניט קיין ארץ ישראל!

נו? אָט דאָס זיינען שוין אַלע אידן וואָס פאָרן קיין ישראל?

חלילה! אַ חוץ די אידישע פאַמיליעס טאַבאַטשניק פון רעסיפע — בראַזיל, דיקענשטיין פון ווישאַ אַלבאַ, אַנבעל רייטער און ליפשיץ פון בוענאָס איירעס, ביטלערים פון קאָרדאָבאַ, האָבן מיר נאָך אַ גאַנץ גרויסע גרופּע פון „חוזרים" — דאָס הייסט, ישראל־בירגער, וואָס קערן זיך אום פון אַ שפּאַציר צוריק אַהיים, צווישן זיי דער ישראל־אָפיציר זאַפּאָראָווסקי, וועלכער איז אַ גאַנץ איינגענעמער מענטש צו פאַרברענגען! פאַראַן אויך אורוגוואיער אידן, אַמעריקאַנער אידן און אפילו אַ אידישע... איטאַליענערקע וואָס פאָרט צו איר... גויאישן מאַן קיין ישראל! פאַראַן אויך צוויי אידישע פרויען אַזש פון דער שווייץ וואָס פאָרן צוריק אַהיים!... קיין ישראל

כדי מיר זאָלן זיך אָבער, ניט „פאַרגעסן" אַז דערווייל איז נאָך דאָ

אַ גלות — פאָרן מיט אונז, אויך אַ צענדליק... גלחים — ספּעציעל פּראַוואָסלאַוונע — וואָס פאָרן קיין גריכנלאַנד און קיין ירושלים!

מיט איין גלח וואָס פאָרט קיין ירושלים שליסט איך באַלד קענט־שאַפט! עפּעס האָט מיר זיין אויסזען גערופן שטאַרק די אויפמערקזאַמ־קייט!... זיין נאָז, זיין שטיקל הויקער האָבן אים געמסרט!... ער לייקנט שטיין און ביין, אַז ער האָט עפּעס צו טאָן מיט אידן! ער איז אַ גריך, אַ פּראַוואָסלאַוונער בן פּראַוואָסלאַוונער און ער פאָרט קיין ירושלים ווו ער האָט דאָרט זיין קלויסטער... ער רעדט אַ קאָרעקטן רוסיש און האָט זייער אַ גוטע מיינונג פון... קאָמוניסטן!...

דעם ערשטן טאָג האָב איך זיך געלאָזט איינרעדן! אויפן דריטן טאָג איז מקוים געוואָרן דער פּסוק פון „ויפתח ד' את פי האתון"... ער איז אַ משומד. זיין טאַטע איז געווען אַ רב אין אַ שטעטל אין אונגאַרן. ער האָט זיך פאַרליבט אין אַ שיקסע און דער פאָטער — אַ „פאַנאַטישער איד", איז געווען... קעגן שדוך. ער האָט אים איינמאָל פאַרשפּאַרט אין אַ צימער און... שטאַרק געשלאָגן, ווען ער האָט זיך באַפרייט — איז ער אַנטלאָפן פון דער היים, אַנטלאָפן פון זיין לאַנד, אַוועק קיין גריכנלאַנד און זיך דאָרט געשמדט. געשמדט און געוואָרן אַ גלח. ער האָט עס געטאָן אויף צו „להכעים" זיין טאַטן און צו „להכעים" זיין פאָלק וואָס האָט אים ניט דערלויבט צו נעמען קיין גויאישקע פאַר אַ פרוי. שפּעטער זיינען געקומען די נאַציס, אויסגעשאָכטן זיין פאַ־מיליע און אַ גרויסן טייל פון זיין געוועזן אידיש־פאָלק. ער גלויבט, אַז דאָס האָט עס געטאָן זיין גאָט, אַלס נקמה!.. ער — האָט זיך גע־ראַטעוועט דורך אַ נס! איצט, פאָרט ער קיין ישראל וואו ער אַרבעט אַלס מיסיאָנער ביי... פּראָטעסטאַנטן!...

איך קוק אויף אים און טראַכט:

גאָטעניו! און אַזאַ נפש איז געבוירן געוואָרן ביי אידן און נאָך ביי אַ רב דערצו!...

11טער אַפּריל:

היינט האָבן מיר געהאַט אַ פריילעכן טאָג! מיר זיינען אַריינגע־פאָרן אין דעם בארימטן און היסטאָרישן פּאָרט „פּירעאַ" — וואָס גע־הערט צו דער באַוווסטער גריכישער הויפּטשטאָט אַטען (אַטענאַס)!

דאָס וואָרט אַטען — איז, אַן און פאַר זיך, אַ נאָמען וואָס דערמאָנט אייך אַ סך! דאָס וואָרט „גריכן", „סיריער", „העלענער" דערמאָנט אייך

אין... יהודה המכבי אין די חשמונאים, אין אַנטיוכוס הרשע, אין בית המקדש און... אין אייערע קינדער-יאָרן!

די שיף בלייבט שטיין ביים פּאָרט און, איידער מען גייט אַראָפּ פון שיף דאַרף מען זיך צוגרייטן די „מטבע" פון דער מדינה — פון גריכנ־לאַנד! און דאָ זעען מיר, אַז מיר האָבן געזינדיקט ווען מיר האָבן גע־האַט טענות צו די איטאַליעניש לירעס! אָט גיי איך צו צום טיש און געב אַ פּאַפּירל פון אַן איטאַליענישן טויזנטער (40 אַרג. פּעזעס) גיט מען מיר דערפאַר... אכט און פערציק טויזנט דראַכמעס!

ווען איך וויל למשל אויסבייטן אַ פּאָר טויזנט אַרגענטינער אויף דראַכמעס — באַקום איך...

דריי מיליאָן דראַכמעס...

נו! ווער וועט עס זאָגן אַז איך בין ניט קיין „מיליאָנער"! אַ גליק איז, וואָס אַזוי לייכט ווי די „מיליאָנען" קומען אָן — אַזוי לייכט גייען זיי אוועק!...

ביי דעם שאָפער וואָס האָט אונז געפירט אַנקוקן די שטאָט, האָט זיין טאַקסי-זייגער, אַנגעקלאַפּט... הונדערט פינף און זעכציק טויזנט דראַכמעס! נו! ווי גיט מען אים ניט אַ דרייסיק טויזנטערלעך אויף... „טרינק-געלט"...

מיר זיינען געפאָרן אַנקוקן די שטאָט און — דאָס איז דאָס ערשטע מאָל פון שפּאַצירן איבער די שטעט, אַז דער שאָפער זאָל דאָס ערשטע אונז ניט ווען פירן אין... קאַטעדראַל! דאָ, אין פּראַוואָסלאַוונעם גריכנלאַנד, אין היסטאָרישן אַטענאַס, אינטערעסירט ניט אַזעלכע זאַכן ווי אַ קאַטעדראַל! דאָ פירט מען אונז, דאָס ערשטע, אַנקוקן דעם היסטאָרישן 3 טויזנט-יאָריקן „אַקראָפּאָליס", די היסטאָרי־שע חורבות פון „יופּיטער"-„גאָט", און אין איין וועגס באַרימט ער זיך שוין מיטן מאָדערנעם סטאַדיום פון לויטער מאַרמאָל, מיט די גרויסע שיינע, אווענידאָס וואָס טראָגן דעם נאָמען פון רוזוועלטן ע"ה און אים צו לענגערע יאָר — פון וו. טשורטשיל. מיר קוקן אָן די מוזעאומס, די טויזנטע-יאָריקע מאָנומענטן, און מיר פאַרקערעווען צו דער — אידישער סינאַגאָגאַ!

שוין דער צופאַר צו דער סינאַגאָגאַ האָט געגעבן אַ טיאַכקע אין האַרץ! עס האָט שוין ווידער פאַרדראָסן, וואָס דווקא די אידישע שול,

מוז זיין פאַרוקט אין אַ עק שטאָט, אין אַ פאַרוואָרפן ווינקעלע, אויף אַן עלנדער שמאָלער און קורצער גאַס!...

די שול, אַרומגענומען מיט אייזערנע שטאַכעטן, שיין און ריין פון פאָרנט, מיט גריכישע און העברעאישע אויפשריפטן — קוים וואָס מען זעט זיי — ווערט אָפּגעהיט פון אַ שמש וואָס שטייט אינדרויסן און היט וווייזט אויס, אַז די גריכישע שקצימלעך וואָס שפּילן באַל אויף דער גאַס — זאָלן ניט באַלעסטיקן די בייוועזנדע אינעווייניק, די מתפללים.

מיר קומען אָן צו דער שול צ ו... מנחה-צייט, די פרויען טוען אָן די שאַרפעס אויף די קעפּ און מיר שפּאַנען אַריין אינעווייניק.

אַן אינטערעסאַנט בילד דערזעען מיר פאַר די אויגן. אַ גרעסערער עולם מתפללים, די גרעסטע טייל זיצן אין איין שורה לענגאויס דעם גרויסן שול-בנין, דער ערשטער, נעבן ארון קדש, ז י צ ט דער חכם און האַלט אַ דרשה! ער רעדט העברעאיש און דערציילט די אַנוועזנדע די באַדייטונג פון... קרן קימת לישראל. דער עולם זיצט שטיל! מען הערט ניט קיין שאָרך. אונזער אַריינקום האָט, אויף איין מינוט, אי־בעְרגעשלאָגן זיין דרשה, אָבער ווי נאָר מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף די ערטער — האָט דער „חכם" פאַרגעזעצט זיין דרשה! ער ענ־דיקט אין העברעאיש מיט וואונטש... לשנה הבאה בירושלים, און הויפּט אָן איבערזעצן, — אָדער סתם רעדן — אין גריכיש!

ווען עס פעלט אַ האַלבע שעה צום אָפּגיין פון דער שיף און ווען אינדרויסן שטייט אַן אויטאָ און דער טאַקסימעטער... קלאַפּט — גלוסט זיך ניט צו הערן אַ... גריכישע דרשה!

מיר — די דריי פאַמיליעס — הויבן זיך אויף, א י ך האַלט אַ קור־צע דרשה אין העברעאיש און אַנטשולדיק זיך און געזעגן זיך! דער „חכם" ווינטשעוועט אונז אַ האַרציקן צאתכם לשלום!...

ביים אַרויסגיין פון סינאַגאָגע, קוקן מיר זיך אַרום, אַז פונקט אַנט־קעגן געפינט זיך דער „דשווינט". צוליב שבת — איז ער איצט פאַר־מאַכט! עס גייט אונז נאָך אַ איד פון שול, אַ א ו נ ז ע ר י ק ע ר , און דערציילט אונז אַז ער וואוינט שוין דאָ אַ פּאָר צענדליק יאָר און וואַרט שוין אויפן טאָג עולה צו זיין קיין ישראל, ווייל דאָ שטאַרבט ער פון איינ־זאַמקייט. פאַראַן בלויז געציילטע אידן פון מזרח-אייראָפּע, איז מען צווישן זיך — צעקריגט...

וועגן דזשווינט — דערציילט ער — אַז אַ דאַנק אים האָבן זיך אידן

געראַטעוועט פון נויט! אַ סך זיינען מיטן דזשוינטס הילף אוועק קיין ישראל און עטלעכע קיין... רוסלאַנד! אַ געדאַנק פאַלט אריין: מן הסתם זיינען זיי איצט דאָרט די עדות קעגן דזשוינט-שפּיאָנאַזש...

ווען מיר קומען צו דער שיף — צערעכן איך זיך מיטן שאָפער: איך האָב שוין דערציילט אַז מיר דאַרפן אים באַצאָלן פאַר אונזער רייזע אַ קיילעכדיקע סומע פון 165 טויזנט דראַכמעס!

די ווייבער דערהערן אַזאַ אוצר מיט טויזנטער — שטאַרבן זיי פאַר שרעק! זיי מיינען אַז מירן דאַרפן אויסטאָן פון זיך די אַנצוגן און פאַרקויפן כדי צו האָבן צו באַצאָלן פאַר די פאַר שעה פאַרגעניגן! מיר באַרואיקן זיי!

מיט... 4 דאָלאַר האָבן מיר זיך „אויסגעקויפט" פונעם „גזלן" — דעם שאָפער, אי דאָס, האָט ער געהאַנדלט אַ מציאה! ווייל פאַר בלויז דריי דאָלאַר צאָלן מיר אויך אָפּ די 165 טויזנט דראַכמעס! איך מאַך אַ חשבון: ווען איך וויל אָפּקויפן אָט דעם אַלטן אויטאָ אין וועלכן מיר זיינען געפאָרן, וואָלט איך געדאַרפט האָבן 24 מיליאַרד דראַכמעס, וואָס וואָלטן געוואויגן 38 קילאָ!...

וואָס טראַכט די גריכישע רעגירונג וועגן דעם?...

12-טער אַפּריל:

עס שלאָפט זיך שוין ניט באַנאַכט! דאָס דערנענטערן זיך קיין ישראל, דאָס טראַכטן און מאַכן פּלענער, דאָס פאַנטאַזירן פון אָט-אָט, שטעלן זיך אַראָפּ די פּיס אויף ארץ ישראל-ערד נעמט צו דעם שלאָף. אגב. דאָס „שיפל" גרימאַניא" וואַרפט אויך אַביסל מער, ווי די גרויסע שיף „קאָנטע גראַנדע" און... עס שלאָפט זיך ניט!

היינט זיינען מיר דורכגעפאָרן דורך דעם ענגן וואַסער-קאַנאַל וואָס פאַרבינדט דעם עגעאישן ים מיטן אַדריאַטישן דאָס בילד איז געווען אַ הערלעכס! דער קאַנאַל איז אַזוי שמאָל אַז פוןביידע זייטן שיף קאָן מען אַראָפּוואַרפן אויף דער יבשה אַלץ וואָס מען האַלט אין דער האַנט!

איבער אונז, איבערן קאָפּ ממש, זיינען פאַראַן צוויי בריקן! אויף איינער שטייען מענטשן און רעדן, שרייען צו אונז און איבער דער צווייטער — גייט איצט דורך דער באַן. אַלע פּאַסאַזשירן פון שיף זיינען

אויפֿן דעק און גריסן די „ערד־באַטרעטער”! ביים ארויסגיין פֿון קאַנאַל שטייט אַ... ענגלישע קריגס־שיף! אומעטום זיינען זיי דאָ! אומעטום!..

און אפשר איז דאָס דער װעלטס מזל, װאָס די ענגלישע קריגס־שיפֿן שטייען אומעטום! װען ניט אָט די ענגלענדער װאָס האָבן אויסגעהאַלטן דעם נאַצישן אָנגריף, װאָס האָבן געליטן פֿון די נאַצישע אַעראָפּלאַנען װאָס זיינען געפֿלויגן מיטן... רוסישן נאַפֿט װאָס סטאַלין מיט מאָלאָטאָװן האָבן זיי געשיקט — װען ניט ענגלאַנד — װער װייסט װי אַזוי די װעלט װאָלט היינט אויסגעזען?...

13־טער אַפּריל:

מיר דערנענטערן זיך קיין „טשיפּרע” — (ציפּורן)! מיר האָבן אַ ביטערן גרוס: די שיף גייט ניט צו צום פּאָרט. זי שטייט אַביסעלע װייטלעך און מען דאַרף צופֿאָרן צום פּאָרט מיט אַ שיפֿל — „טאַקסי־שיפֿל” — װאָס קומט און ברענגט די פּאַסאַזשירן. דאָס צופֿאָרן קאָסט ניט אַיבעריק ביליק. מען דאַרף צאָלן מיט... ענגלישע פֿונטן! דאָך באַשטימען מיר — די דריי פֿאַמיליעס — אַראָפּגיין אויפֿן ברעג! מיר מיינען אַז עס װעט אונז געלינגען צופֿאָרן ביז די פֿאַרמירטע קאָנצענטראַציע־לאַגערן װוּ אונזערע געפּלאָגטע ברידער און שװעסטער האָבן זיך געמאַטערט בימי בעװוין! אונזער האָפֿענונג װערט צערונען! די שיף שטעלט זיך אָפּ װייט פֿון ברעג, טאַקע פֿאַראַן אַ סך שיפֿלעך, אָבער... דער ים איז אַ זוי שטורמיש, אַז עס נעמט אָפּ דעם חשק זיך אויפֿזעצן אויפֿן שיפֿל.

מיר באַטראַכטן אָט דעם גריכיש־ענגלישן פּאָרט פֿונדערװייטנס, װייסן ניט װאָס צו טאָן? צו אים פֿאַרשעלטן אָדער בענטשן: און... מיר „באַשטימען” עס איבערלאָזן פֿאַר דער געשיכטע פֿון אידישן פֿאָלק...

אַכט אויף דער נאַכט, גיט אונזער שיף װידער אַ פֿיף: דאָס מאָל — און אפשר װייזט זיך אונז אויס, אַ לענגלעכן פֿיף! װי איינער רעדט: רבותי! זייט גרייט! מיר פֿאָרן אַריין קיין ארץ ישראל! מיר פֿאָרן צום אידישן לאַנד!

לויט װי מען מעלדעט אונז, װעט די שיף אָנקומען קיין חיפֿה זיבן אינדערפֿרי! הייסט עס — מען דאַרף אויפֿשטיין פֿאַרטאָג און זיך צוקוקן, װען מען דערזעט ארץ ישראל. פֿון גיין שלאָפֿן איז שוין קיין רעדע ניט! די נערװן, די געדאַנקען, לאָזן במילא ניט צומאַכן אַ אויג!... דאָך! איינס ביינאַכט װערט מען מיד און מען גייט שלאָפֿן!

מאָרגן אינדערפרי — אין ארץ ישראל!

פון מאָרגן אינדערפרי הויבט זיך אָן פאַר מיר, פאַר א סך חברים וואָס פאָרן מיט מיר, א נייַ קאַפּיטל!

איך ליג אויפן געלעגער און — די אויגן קלויבן זיך אַפּילו ניט צו פאַרמאַכן! איך ליג און טראַכט! איך בין מקנא די יעניקע וואָס פאָרן צו אייגענע, צו קרובים! אָט פאָרט מיין שיפסברודער אברהם די־קענשטיין צו זיין ברודער! ער האָט זיך שוין ניט געזען מיט אים עטלע־כע צענדליק יאָר! איך שטעל זיך פאָר, די פרייד זייערע, ביים באַגעגענען זיך! עפעס א קלייניקייט! אַן אייגענער ברודער!

דאָס זעלבע — נאָר עטוואָס ווייניקער פרייד איז מיט דער פאַמי־ליע טאַבאַטשניק! זיי וועלן זעען פלימעניקעס! און איך? און מיין פרוי? צו וועמען פאָרן מיר?

גיי, ווייס, אז אמאָל, קאָנען פרעמדע זיין אַזוי נאָענט ווי ברידער און שוועסטער! מיין חבר ש. ארנסט און זיין גברת רבקה ארנסט האָבן אָט די טעאָריע באַשטעטיקט! אָבער — וועגן דעם שפּעטער!...

14־טער אַפּריל:

פון ניט קאָנען אנשלאָפן ווערן ביז נאָך דריי פאַרטאָג, האָב איך זיך... פאַרשלאָפן! איך כאַפּ זיך אויף 15 מינוט צו זיבן און מיר זיינען שוין אָט, אָט, אָ, אין חיפה! פון דערווייטנס? — גאָט! וואָס זעען מיינע אויגן! ווער קאָן באַשרייבן און ווער קאָן באַמאָלן אָט דאָס בילד וואָס מען זעט פון דער שיף? דער הר הכרמל, דער חיפה׳ר פאָרט, די פּאַנאָ־ראַמע פון דער שטאָט, מאַכט אַן איבערמענטשלעכן און איבערנאַטיר־לעכן איינדרוק. די שיף פאַרקלענערט שוין איר גאַנג! מיר שטעלן זיך אָפּ, און וואַרטן אויפן „פּראַקטיקאַ" וואָס דאַרף אַריינפירן די שיף אין פאָרט אַריין. עס פאָרט צו אַ שיפל. אַ אידיש שיפל מיט אַ אידישע פאָן. מיר באַמערקן אויך אַז אויף אונדזער שיף אויף דער „גרימאַניאַ", פלאַ־קערט שוין די אידישע פאָן! איך מאַך די ערשטע... „שהחינו". עס גיט אַ ציִ ביי דער נשמה און אַ פראַגע אין מוח שלאָגט אָן:

און אפשר צוליב דעם, צוליב זעען די אידישע פאָן אָף דער איטאַ־ליענישער שיף, איז ווערט געווען צו פאָרן קיין ארץ ישראל?...

מיר פאָרן שוין ווייטער. אַ אידישער „פּראַקטיקאַ" פירט

אונז צום אידישן פּאָרט. נאָענט צום אַרויפגאַנג שווימט צו אַ צווייט אידיש שיפל; דאָס איז געקומען די אידישע פּאָליציי, אידישע אימיגראַציע-באַאַמטע!

מיר שטייען אויפן דעק אַ גרופּע אידן פון אַלע „קלאַסן" ביי מיר זיינען די אויגן נאָס. איך מוז אויסטאָן די ברילן. איך קוק אויף די אייבעריקע פּנימער. יעדערער פון אונז ווישט זיך די אויגן! דער געפיל, אַז אָט-אָט, טרעט מען אויף ארץ ישראל-ערד, אַז אָט-אָט, באַטרעטן מיר אַזוי רואיק, אַזוי בכבודיק, די ערד, איבער וועלכער טויזנטער אידן זיינען אומגעקומען כדי זי זאָל זיין אונזערע, דער געפיל אַז מיר פאָרן אַהין אָן „סערטיפיקאַטן" אָן דעם זכות פון אַ פרעמדער מאַכט, און אונזערע פּאַפּירן וועלן איבערגעקוקט ווערן פון אונזערע גרענעץ-באַאַמטע — דאָס אַלץ ווירקט אויף די נערוון. מיר קומען שוין צו נאָענט צום פּאָרט. אַ גרויסע שילד שיינט אַרוים פון פראָנט מיט די אייביק שיינע, אייביק טראַדיציאָנעלע, אייביק אָנגענעמע ווערטער:

„ברוכים הבאים".

און ווידער געדאַנקען!

וועלכע מלוכה אין דער וועלט איז אַזוי מקבל פנים אידישע פּאַסאַזשירן, אידישע עמיגראַנטן?... וועלכע מדינה אין דער וועלט — די דעמאָקראַטישסטע פון אַלע — באַגעגנט אידישע עמיגראַנטן מיט אַזאַ גרויסן, אַזאַ האַרציקן:

„**ברוכים הבאים**"!

נו! זיי אַ גבור און האַלט איין דיינע טרערן! זיי אַ שטרענגער און זאָג דיינע אויגן: וויינט ניט.

איך כאַפּ אַ בליק אַרום זיך! מיר פאָרן דאָך מיט אונדז ניט בלויז טוריסטן, ניט בלויז — אַפילו געזונטע — עולים! אָט פירט דאָך אונזער שיף מיט אונז, קראַנקע, בלינדע — אַבסאָלוט בלינדע — אידן פון גריכנלאַנד צי פון אַנדערע וועלט-טיילן, און דאָך באַגעגנט מען זיי מיט דעם אידישן טראַדיציאָנעלן:

„ברוכים הבאים"!

וועלכעס לאַנד וואָלט זיי אַזוי באַגעגנט!...

מיר זיינען שוין אין „וואָרט-זאַל" פון ערשטן קלאַס, דאָרט זיצט די קאָמיסיע וואָס קוקט איבער די פּאַפּירן פון יעדן איינעם! אמת! אַלץ איז טאַקע פריי, אָבער — ישראל געפינט זיך נאָך אין קריגס-צושטאַנד

מיט אירע שונאים און מען דאַרף גוט בודק חמץ זיין, ווער עס פאָרט אַריין אין לאַנד.

איך אייל זיך נישט מיט מיינע פּאַפּירן. איך שטיי פון דער וויטנס און קוק זיך צו ווי אַזוי אידישע גרענעץ-באַאַמטע — באַהאַנדלען פּאַ־סאַזשירן פון אַ שיף! איך כאַפּ אַ קוק אויף דער קאָמיסיע! קיינער פון זיי איז נאָך צו די פערציקער נישט צוגעקומען, אַ פּאָר פון זיי האָבן נאָך קיין דרייסיק יאָר נישט! און ווי פלינק זיי טוען זייער אַרבעט! איינער פון זיי באַמערקט ווי איך שטיי אין דער זייט און שטופּ זיך נישט צום טיש, רופט ער מיך צו און בעט מיך די פּאַרספּאָרטן, ער כאַפּט אַ בליק אין זיין ליסטע וואָס ליגט אים פאַר די אויגן, זעט אַז איך בין פאַרשריבן אַלס זשורנאַליסט און שרייבער, גיט ער זיך אַזש אַ טרייסל: וואָס זשע שטיי איך די גאַנצע צייט אין דער זייט? דאָ, אין ישראל, האָט מען גרויס דרך ארץ פאַר אַ זשורנאַליסט און שרייבער!...

איך דאַרף דורכגיין דורך אַכט פּערזאָן. אין וויינציקער ווי פינף מי־נוט, מעלדעט מען מיר, אַז איך קאָן שוין מיט ברכה והצלחה, אַראָפּ־גיין פון שיף: איך אייל זיך עס נישט צו טאָן! אַ קונץ איז צו זיין אַ „מיוחס״ טראַכט איך! איך וויל זען ווי אַזוי מען באַהאַנדלט אַנדערע! איך וויל זען, ווי אַזוי מען רופט אין „צימערל״, מען טוט אויס נאַקעט, און מען זוכט „קאָנטראַבאַנד״! איך וויל זען, ווי אַזוי מען טרענט אויף די רעק־לעך, ווי אַזוי מען רייסט אויף דעם אונטערשלאַק פון די וואַליזעס און „מען זוכט דאָלער״.

אומזיסט מיין וואַרטן! איך ווער „אַנטוישט״!

נישט מען זוכט, נישט מען נישטערט און דער עיקר — אַלץ גייט צו מיט כבוד, מיט דרך ארץ, און מיט פאַרשטענדעניש!

אָט שטייט טאַקע איין טוריסט פאַר אַ גרויסן פּראָבלעם! ער דאַרף ווייזן זיין „סערטיפיקאַט פון פּאָקן״. ער האָט זיך געשטעלט „פּאָקן״ אין אורוגוואַי ערב זיין אַרויספאָרן קיין ישראל און קען דעם סערטי־פיקאַט נישט געפינען: ער איז נערוועאיש, זוכט אין אַלע קעשענעס, האַלט אַ פּאַק פּאַפּירן אין דער האַנט און קאָן דעם סערטיפיקאַט נישט געפינען.

דער פאָרשטייער פון געזונטהייטס-מיניסטעריום ווען ער דאַרף ווייזן דעם סערטיפיקאַט, באַרואיקט אים! אין דבר! איר וועט זיך שטעלן פּאָקן ווי נאָר איר וועט אָנקומען אין שטאָט אַריין! גייט גע־זונטערהייט! אין דבר! (ס׳מאַכט נישט) מען גלויבט אים אויפן וואָרט אַז ער האָט זיך געשטעלט פּאָקן! דער אידישער מלוכה באַאַמטער פון

דער אידישער מדינה, גלויבט דעם אידישן טוריסט אָדער עולה, אַז ער איז ניט געקומען אָפּנאַרן דאָס לאַנד, זיין אידיש לאַנד!...

ווען דער טוריסט איז שוין געשטאַנען אויף די טרעפּ אַראָפּצוגיין — האָט ער זיך אומגעקערט צוריק און איז אַריין מיט פרייד צו דער קאָמיסיע, צום פאָרשטייער פון משרד הבריאות ער... האָט געפינען דעם סערטיפיקאַט! ער האָט אים געהאַלטן... אין דער האַנט די גאַנצע צייט וואָס ער האָט געזוכט אין די קעשענעס!... און — אַזוי ווי פריער האָט ער בלויז אויסגעביטן הונדערט דאָלאַר אויף ארץ ישראל־פונטן — האָט ער איצט — אַלס אָנערקענונג פאַר אַזאַ איידעלע באַהאַנדלונג — אויסגעביטן אַלע זיינע דאָלערם — העכער דריי טויזנט!...

אפשר צוליב דעם האָט זיך געלוינט פאָרן קיין ישראל? אויף וועלכער שיף, ביי וועלכן ים־פּאָרט זעט מען אַזאַ סצענע?

סע גלוסט זיך ניט אַראָפּגיין פון שיף; ווי גרוים מיין ווילן איז צו באַטרעטן דעם ארץ ישראל באָדן, צו באַטרעטן די הייליקע ערד — און וואָס אמאָל פיל איך מערער אַז זי איז מיר הייליק — אַלץ גרעסער איז דער חשק צו שטיין און זיך צוקוקן ווי אַזוי מען נעמט אויף די טוריסטן און ספּעציעל די עולים! איך האָב ניט איינמאָל געהערט אין בוענאָס איירעס, אַז מיט יעדער שיף קומען אויך קריסטן און ספּעציעל... גלהים, וואָס פאָרן באַזוכן די הייליקע ערטער זייערע און, אַז זיי באַהאַנדלט מען מיט פּרעפערענץ און... „מה יפית"דיק! מיר פלעגן — אין קאַפע, פאַרשטייט זיך — דיסקוטירן, צי איז גוט אַזאַ האַנדלונג צי ניין! און אָט, פאָרן מיט אונז גלחים און איך וויל טאַקע זען צי עס איז אמת וואָס מען דערציילט, אַז מיט זיי צאַצקעט מען זיך...

און — אַ פּאָר פון זיי, ווילן טאַקע צוגיין צום טיר — אויסער דער רייע! איינער פון זיי, ווייזט אוים דער פירער פון דער גרופּע וואָס פירט די גלחים — פּרוּווט אַפילו אָנווייזן, אַז זיי מוזן גיין אַלע צוזאַמען ווייל... אין דרויסן וואַרט אויף זיי אַ אויטאָבוס וואָס פירט זיי גלייך אָפּ צו זייער האָטעל!

מען מאַכט זיך אָבער אַ קליינעם צימעס פון אים, מען הייסט אים שטיין אין דער רייע און ווען עס וועט צוקומען צו אים וועט ער אַטענדירט ווערן!... פאַר אים, שטייט אַ אידענע פון סאַנטאַ פע מיט אירע צוויי קינדער — אינגלעך, וואָס זיינען עולה קיין ישראל אין אַ קיבוץ אַריין — קיין „גבעת חיים"! זיי דערלאַנגען זייערע פּאַפּירן, וועלכע זיינען עפּעס ניט אין אָרדענונג! דער בחור — פון אַ יאָר זעכצן ־זיבעצן

—וויל אָנהויבן דערקלערן פאַרוואָס די פּאַפּירן זיינען ניט אינגאַנצן אין אָרדענונג, אָבער דער גרענעץ-באַאַמטער שלאָגט אים איבער:

וואָס נעמסטו זיך אַזוי צום הארצן פון דיינע פּאַפּירן! אונז אינטע־רעסירן ניט דיינע פּאַפּירן — נאָר דיין ווילן צו קומען צו אונז און העלפן בויען אונזער לאַנד! לך לשלום!

ווען ער זאָל זיין אין נאָרד-אַמעריקע וואָלט ער געבליבן אויף עליאס איילאַנד און מעק-קאַרטי וואָלט אים תיכף צוריקגעשיקט מיט אַזעלכע פּאַפּירן...

— — — — — — — — — — — —

מיר שטייגן אַפּ פון דער שיף און באַטרעטן ארץ ישראל-ערד! איך שעם זיך ניט. הויב אויף אַ ביסעלע זאַמד פון דער ערד און... גיב עס אַ קוש! איך מאַך שטילערהייט די ברכה שהחינו!... נעבן מיר שטייט אַ סאָלדאַט וואָס... וואַרט אויף מיר! דאָס האָט מיך אַ פריינט מיינער, דער לערער שוסטערמאַן פאַרזאָרגט מיט איינעם וואָס זאָל מיר געבן די ערשטע האַנט ביים באַטרעטן ארץ ישראל! אַ קרוב זיינער איז ער ושמו איציקסאָן, גיט ער מיר דעם ערשטן ברוך הבא און ער וועט זיין דער ערשטער מיך צו אָריענטירן ביזן ארויסגיין פון פּאָרט. ער האָט ספּעציעל גענומען חפש מיך צו קאָנען אָפּוואַרטן! מען גיט מיר אַראָפּ מיינע וואַליזעס און טרעגערס מיט אַזעלכע „משודנע" נעמען ווי... שמחה, שמואל, משה, אַברהם, רעדן צווישן זיך העברעאיש און טראָגן אידיש געפּעק צום אַדואַנאַ-טיש!...

אין גאָלפּאָן פון דער אַדואַנאַ, טרעף איך שוין די פריינט דיקענ־שטיין און טאַבאַטשניק! זיי האָבן זיך שוין געטראָפן מיט זייערע קרו־בים! דיקענשטיין, וועלכער האָט זיין ברודער ניט געזען עטלעכע צענד־לינק יאָר — דערקענט אים תיכף! זיי שטייען און וואַרטן אויף מיר! אַזוי ווי איך בין כמעט דער לעצטער אַראָפּצוגיין פון שיף זיינען זיי זיכער אַז דאָרט, אויבן, האָט מען מיך... אויסגעטאָן נאַקעט און אַזוי לאַנג געזוכט! עס איז זיי אַפילו געווען אַ חדוש ווייל זיי... האָט מען אַזוי פיין באַהאַנדלט, און מיך, דעם זשורנאַליסט, דעם גאַנצן „יאַ טעבי דאַם", האָט מען פאַרהאַלטן!... גיי דערצייל זיי, אַז ניט זיי האָבן מיך פאַרהאַלטן, נאָר מיין... זשורנאַליסטישע קוריאָזיטעט און מיין אי־נערלעכע עמאָציע האָט מיך צוגעבונדן צו דער שיפס-קאַבינע ווו די קאָמיסיע איז געשטאַנען!

עס דערהערט זיך אַ רוף דורכן מיקראָפאָן: מען בעט דעם „עתונאַי״ — (זשורנאַליסט) וו. טשערנאָוועצקי, ער זאָל צוקומען צו דער טיר: מען וואַרט אויף מיר!

ווער קאָן עס וואַרטן? ווער ווייסט פון מיין קומען?

איך לויף ממש צו צו דער טיר! אינדרויסן וואַרטן אויף מיר צוויי בכבודיקע אידישע שרייבער און קולטור־טוער מ. מ. דאַווידזאָן (היסטאָ־ריע־פאָרשער פון אידישן לעבן פון בעסאַראַביע, און הער הערשמאַן — פון בני ברק) זיי גיבן מיר דעם ערשטן שלום עליכם; זיי זיינען ספּעציעל געקומען פון תל אביב מיך אָפּוואַרטן! אגב, הערשמאַן קומט אויך אין נאָמען פון מיין פריינט ש. ארנסט, מיט דעם אויפטראַג מיך צו ברענ־גען צו אים אַהיים!

ביי דער טיר האָב איך נאָך אַ סורפּריז, איינער פון די צוויי שומ־רים וואָס היטן דעם אַריינגאַנג, האָט צו מיר אַ טענה פאַרוואָס איך האָב ניט געבראַכט מיט זיך קיין... „אַרגענטינער מאַגאַזין״, ער איז אַן אַרגענטינער חלוץ, איז שוין דאָ אַ צענדליק יאָר און אַ... געוועזענער לייענער פון זשורנאַל.

איך קער זיך אום צוריק צו מיינע וואַליזעס! איך גרייט זיך זיי אויפשליסן. אָבער — דער „אַדואַנאַ־באַאַמטער״ — אָט דער וואָס דאַרף „איבערקערן״ און „איבערנישטערן״ די וואַליזעס, אָט דער וואָס דאַרף צערייסן זייער אונטערשלאַק און זוכן דאָלאַרן, אָט דער — האָט שוין גאָר אָנגעשריבן אָף זיי זיין סימן אַז מען קאָן זיי אַרויסלאָזן!...

איך בלייב דערשטוינט און פאַר צופרידנקייט — פאַרשטיינערט!...

ס'הייסט? איר קוקט ניט אינעווייניק? איר רעווידירט גאָרניט וואָס דאַרט טוט זיך! אפשר פיר איך גאָר קאָנטראַבאַנד?

דער אַדואַנאַ־באַאַמטער — אגב, דערנאָך ווער איך געוואויער אַז ער איז גאָר אַ „שעף״ גיט אַ שמייכל און ענטפערט:

לך לשלום! האָט הנאה פון אייער באַזוך! מיר דערקענען אויפן פּנים ווער עס פירט קאָנטראַבאַנד? און ביי דעם, ביי וועלכן מיר זוכן שוין — איז מערסטנטייל — געפינען מיר! אָבער — וואָס וויינט איר? אייערע אויגן־גלעזער זיינען דאָך שוין איינגעווייקט אין טרערן!...

גיי דערצייל אים וואָס איך וויין! גיי דערצייל אים ווי צופרידן איך בין, וואָס אַלץ וואָס מען דערציילט זיך אָן וועגן דער אינקוויזיציע פון דער ישראל־אַדואַנאַ — איז אַ ליגן! אַ שקר וכזב!... און — נאָך

...איידער איך קוק זיך אום, זיינען שוין מיינע וואַליזעס אינדרויסן! מען שטופּט מיך ממש אַרויס פון דער אַדואַנאַ!

איצט הויבט זיך אָן אַ סדרה „אויטאָ". מיינע אַפּוואַרטער — שטעלן זיך אַוועק דינגען מיט אַ „בעל עגלה" וועגן פּרייז פון שכר נסיעה פון חיפה קיין תל אביב. דער „בעל עגלה" — וואָס רעדט אַ פּליסיקן עברית, וויל אַכט פונט, און זיי געבן אים בלויז זעקס! איך בין אָבער מיט אַן אַנדער מיינונג! איך האַלט, אַז אויב דער ארץ ישראל בעל עגלה האָט געוואַרט גאַנצע 55 יאָר ביז איך זאָל קומען קיין ארץ ישראל און אים געבן צו לייזן — מעג ער נעמען 2 פונט מער!...

מיין אַרגומענט העלפט! מיט די וואַליזעס אין אויטאָ און מיט פאַרפלאָמטע באַקן און צעשרויפטע נערוון — זעצן מיר זיך אַריין און מיר פאָרן אָפּ קיין תל אביב.

ענדע פון ערשטן טייל

א פּאָר ווערטער צום צווייטן טייל

עס איז זיבער דאָס ערשטע מאָל, דאָס מען זאָל צו אַ בוך פון עטלעכע טיילן, שרייבן אַ „פאָרעדע" צו יעדער טייל! נו! איך מאַך אַ יוצא מן הכלל, פונקט ווי — לויטן מיינונג נאָך — דער גאַנצער בוך איז אַ יוצא מן הכלל.

איך האָב אָנגעשריבן דעם גאַנצן צווייטן טייל, איך האָב גע־מאַכט אַלע פאַרצייכענונגען פון אַלץ וואָס איך האָב געזען, גע־הערט און... באַנעמען! איך האָב אַלץ צוגעגרייט צום דרוק און לסוף באַשלאָסן:

איידער איך פיר אַריין דעם לייענער קיין ישראל, איידער איך קום מיט אים קיין תל אביב — וויל איך א י ם און בכלל יעדערן וואָס וועט בלעטערן אָט דעם „טאָג־בוך" — זאָגן אַ פּאָר ווערטער.

איך וויל זאָגן פאָלגענדעס:

א) איך ווייס, אַז דער בוך וועט מיר קיין סך פריינט אין ישׂ־ראל ניט שאַפן! איך האָב פאַרצייכנט, און איך ברענג אַרויס אַזעל־כע ענינים וואָס וועט — אפשר — אַ סך ארץ ישראל אידן ניט שמעקן! איך האָב געזען אין ישראל אי ליכט, אי שאָטן, און איך וועל ביידע זאַכן אַרויסברענגען, איך וועל גאָרניט פאַרבאָרגן! צום באַדויערן, צום גרויסן באַדויערן, דאַרף מען באַמערקן, אַז דער גרעסטער חסרון פון ארץ ישראל־אידן איז, וואָס ער וויל ניט ליידן אַז מען „קריטיקירט" זיין לאַנד — אַז מען מאַכט עפּעס אַ קרי־טישע באַמערקונג וועגן ישראל! פאַראַן אַזעלכע, וואָס ווערן שטאַרק שטאַרק ברוגז, ווען מען זאָגט זיי אַ קרום וואָרט וועגן ישראל, וועגן דער אָרדענונג ביי זיי אין לאַנד!

דער ישראל־איד גיט אייך אַ פרעג: ווי געפעלט אייך ישראל? איז — אויב איר ווילט נושא חן זיין ביי אים, מוזט אים ענטפערן:

יפה! יפה! שיין! ביז גאָר שיין! דאַן — בלייבט ער אייער פריינט און איז גרייט אייך צו דינען מיטן גאַנצן האַרצן! ווערט איר, אָבער, זיין אומפאָרזיכטיק און אים אַרויסברענגען אַ קריטיק וועגן עפּעס — דאַן... דאַן זאָלט איר זיך ריכטן אויף אַלץ...

ב.) איידער מיר זיינען געפאָרן אין די קיבוצים האָט מען מיר געוואָרנט, אַז איך זאָל זיך ניט נעמען צום האַרצן, אויב מען וועט דאָרט אונז ניט שענקען קיין סך אויפמערקזאַמקייט! מען האָט מיך ממש געבעטן ניט צו דערמאָנען קיין שלעכט וואָרט וועגן די קיבוצים: מען האָט מיר אַפילו דערציילט, אַז איין שרייבער האָט ניט געפאָלגט אָט די עצה טובה און האָט — אין אַ בוך — קרי־טיקירט אַ פּאָר זאַכן וואָס מען דאַרף קריטיקירן — האָט מען געהאַט צו אים אַ סך טענות און מען איז אויף אים... שטאַרק ברוגז!

נו! אויב אַזוי, מעג איך זיך ריכטן אויף אַ סך ברוגז'ע! איך האָב באַשלאָסן פריער, און איצט בין איך מקיים מיין וואָרט — איך האָב פאַרצייכנט און איך ברענג אַרויס פאַר דער עפנטלעכקייט אַלע מעלות טובית פון די קיבוצים און אַלע זייערע אויסהיילבאַרע און ניט־אויסהיילבאַרע חסרונות, און... יהי מה שיהיה!...

ג) דער דאָזיגער בוך איז באַצוועקט, ניט בלויז צו שרייבן און באַשרייבן ארץ ישראל און מדינת ישראל, נאָר אויך דינען ווי אַ וועגווייזער פאַר יעניקע, וועלכע ווילן פאָרן באַזוכן ישראל! איך האָף און גלויב, אַז ווען אַ טוריסט וואָס פאָרט קיין ישראל, וועט איבער־לייענען דעם בוך, וועט ער ווערן עטוואָס (און אפשר אַ סך) היימיש מיטן לאַנד, ער וועט האָבן די גרויסע שטעט און ספּעציעל תל אביב — פאַר די אויגן! און ווען ער וועט אויפמערקזאַם איבער־לייענען אָט דעם „טאָג־בוך", וועט ער ווערן אַ סך היימיש מיט די מנהגים פון לאַנד, מיט די מענטשן פון די שטעט און דערפער און ער וועט אויסמיידן — ניט נאָר בלאָנדזשען — נאָר אויך אַ סך... ביז־בלוט צו באַקומען!

ד) דער דאָזיקער „טאָג־בוך", איז געשריבן פאַר די אידן פון די אַמעריקאַנער לענדער וואָס ווילן קאָנען ישראל נעענטער! ער וועט אָבער, אויך געשיקט ווערן אין אַ גרויסער צאָל עקזעמ־פּלאַרן קיין ישראל! און — ווער ווייסט? — מעגלעך, אַז ער וועט ברענגען מערער נוצן די אידן פון ישראל — וואָס וועלן אים לייע־נען און קאָמענטירן מיט זייערע פריינט — ווי פאַר די אידן אין חוץ לארץ פאַר וועמען, אייגנטלעך, דער בוך איז געווידמעט...

ה) איך וואָלט זייער געוואָלט איינטיילן דעם בוך אַזוי, אַז יעדער זאַך זאָל גיין באַזונדער! די שטעט באַזונדער, די קיבוצים באַזונדער, די „מעברות" באַזונדער, די פרייע דערפער אָדער „כפרים" באַזונדער און די אינסטיטוציעס פון לאַנד באַזונדער. צום באַדויערן איז דאָס טעכניש אומעגלעך! איך האָב געשריבן דעם בוך, לויט מיין טעטיקייט פון טאָג, און איך האָב ניט געקאָנט איינ־אָרדענען אַזוי, אַז איך זאָל זען יעדן טאָג אַ געוויסן צווייג פון לעבן אין ישראל! פאָלגלעך, וועט דער בוך מוזן אויפגענעמען ווערן ניט — „בסדר" ווי די ישראלים זאָגן — נאָר לויט יעדן טאָג פון מיין זיין אין ישראל!

ו) פאַראַנען אין בוך ערטער וואו איך בין געווען — אָבער צוליב געוויסע סבות, טאָר מען ניט אָנווייזן זייער פּלאַץ!... פאַראַן אויך נעמען פון מענטשן, פון פריינט, וועלכע האָבן מיר געהאָלפן קריגן אינפאָרמאַציע — און איך קאָן ניט אָנווייזן, ווער אָט די גוטע מענטשן זיינען עס!... וועט מיר דער לייענער מוחל זיין אויב דאָס וועט פאַר אים בלייבן אַ סוד...

ז) צו איז גענוג זעקס וואָכן צו קאָנען ארץ ישראל? זיכער אַז ניט! זעקס חדשים זיינען אויך ווייניק! אָבער, ווען מען פאָרט קיין ארץ ישראל, ניט כדי צו באַקומען „אויפנאַמעס", ניט כדי צו קריגן כבוד, און אויך ניט כדי צו פאַרברענגען מיט קרובים און פריינט אין שטוב — נאָר מען דינגט טאַקסים — און מען פאָרט טאָג און טאָג — דאַן, קאָן מען פאַר זעקס וואָכן זען אַ סך! מיר, למשל, האָט אויסגעפעלט אַ צען־צוועלף טעג, כדי אויך געניסן פון אַ ביסל פאַרגעניגן און אָפּגעבן די וויזיטן וואָס איך האָב צוגעגרייט!... זאָלן מיר מיינע פריינט אין ישראל מוחל זיין, וואָס צו זייערע געגרייטע טישן און אויפנאַמעס פאַר מיר און מיין פרוי, האָבן מיר ניט געקאָנט קומען! ווי זאָגט דער ישראלי: מיר האָבן געהאַט בילכערע זאַכן צו דערליידיקן! פאָרן איבערן לאַנד, אָדער גריבלען זיך אין אידישן לעבן פון שטאָט און דאָרף...

ח) ווען איך האָב אָנגעהויבן שרייבן אָט דעם טאָג־בוך, האָב איך אים אַ נאָמען געגעבן:

„אַ טאָג־בוך פון אַ אידן וואָס האָט ניט געוואָלט פאָרן קיין ישראל".

ווען איך האָב אים געענדיקט איז מיין לאָזונג: „יעדער איד וואָס האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו פאַן אָנקוקן מדינת ישראל און איז ניט געפאָרן און — ניט פאַר אונדז גערעדט — איז געשטאָרבן — איז ער געשטאָרבן פאַר דער צייט"...

איך בין איבערצייגט אַז: דאָס פאַרגעניגן פון זען ישראל — מיט אַלע אירע פעלערן און אומבאַקוועמלעכקייטן — איז מ א־ ר י ך י מ י ם! און וויפל וואָלט אַ איד ניט באַצאָלט פאַר... נאָך אַ ביסל יאָרן — אָדער חדשים — לעבן!

ט) ווען איך בין געפאָרן קיין ישראל, האָב איך געמאָלדן עפנטלעך אַז איך געהער ניט צו קיין שום פאַרטיי און פאַר גיט צו קיין שום פאַרטיי! אַזוי דאַרף טאָן יעדער איד! אָבער, אויב דער רייזענדער איז אַ „פאַרטיי־מאַן" — זאָל ער זיין פאַרטיי־ביכל און זיינע פאַרטיי־סימפּאַטיעס איבערלאָזן אין דער היים ווייל דאָ, אין ישראל, קאָן ער פון זיין פאַרטיי אַנטוישט ווערן!... די פאַרטייען זיינען צופיל פאַרנעמען מיט... אַרומקריגן זיך אייי־נער מיטן אַנדערן, אַז עס זאָל זיי בלייבן צייט אַרומצוקוקן זיך אויף אַ פאַרטיי־חבר וואָס איז געקומען פון חוץ לארץ...

י) קיין ארץ ישראל דאַרפן פאָרן דיכטער! פאַר אָט די גאָט־געבענטשטע קינסטלער, איז ארץ ישראל אַ קוואַל פון באַגייסטערונג און אַ מקור פאַר זייערע פאַנטאַזיעס און דיכטונג.

מיך האָט גאָט געשטראָפט און מיר ניט געגעבן אָט די געט־לעכע מעלה און פעאיקייט פון דיכטונג. פאָלגלעך וועט דער לייע־נער, אין אָט דעם בוך, ניט געפינען באַשריבן און באַזינגען די שיינע נאַטור פון ארץ ישראל, דער גערויש פון די ביימער אין די פּרדסים און דאָס קלאַפּן פון די כוואַליעס אין ים כנרת אָדער אין ים המלח! איך האָב אָט די שיינע נאַטור־דערשיינונגען באַשריבן אַזוי פּראָסט און פּשוט ווי אַ פּשוטער און געוויינלעכער שרייבער וואָס רעדט צום פאָלק, צו דער מאַסע, קאָן עס טאָן!

איך האָב זיך ניט צוגעהערט צו די שיינע ארץ ישראל פויי־געלעך ווי זיי זינגען! איך האָב ניט פאַרשטאַנען זייער געזאַנג! דערפאַר האָב איך זיך צוגעהערט צו ד י ר י י ד פון אַלע קלאַסן ארץ ישראל־אידן, אָנהויבנדיק פון סוחר, אינדוסטריאַל, קרעמער, אַרבעטער, קיבוצניק, און ענדיקנדיק מיט... נטורי קרתא'נעק, בנעני און... אַרעסטאַנט אין בית הסהר פון יפו!...

און, אָט, די אַלע רייד, זייער לעבן און זייער געמיט, זייער אַנטוישונג און זייער האָפענונג, ברענג איך אַרויס אין אָט דעם בוך!

דער מחבר

14-טער אַפּריל. ערשטער טאָג אין ישׂראל

דער טאַקסי וואָס פירט אונז פון חיפה קיין תל אביב, איז איינער פון די לעצטע מאָדעלן. מיר זיצן באַקוועם, שוין אַביסל באַרואיקט און דער „נהג" (שאָפער) טרייבט די מאַשין אויף אַ גרויסער שנעלקייט! ער איז אַ תל אביב׳ער און ער וויל קומען וואָס פריער אַהיים. מיר אָבער, כאָטש מיר פאָרן אויך אַ ה י י ם — ווילן מיר פאָרן פאַמעלעך! איך וויל באַטראַכטן די ארץ ישׂראל-ערד ניט אין אַזאַ אייַלעניש! דער שאָפער גיט נאָך מיין ביטע און מיר קאָנען זיך אַרומקוקן וואו מיר פאָרן.

דער וועג פון חיפה קיין תל אביב גייט נעבן דעם ים! דאָס איז דער נייער וועג — אַזוי דערקלערט אונז דער שאָפער — דער פריערדיקער וועג איז נאָענט פון דער אַראַבישער גרענעץ און ער איז געווען שטענדיק אין סכנה באַשאָסן צו ווערן! האָבן די יאָטן אויפגעשטעלט אָט דעם נייעם „כביש" איינס און צוויי און ער איז געוואָרן דער צענטראַלער וועג צווישן חיפה און תל אביב.

איך זיץ אַביסל פאַרטשאַדעט! איך שטעל זיך פאָר, אַז דאָס איז פון אינערלעכן געפיל אַז איך פאָר אויף איינעם פון די וועגן פון הייליקן לאַנד, דאָס לאַנד, ווו עס איז אַמאָל געווען אַ אידישע מלוכה מיט אַ קיסר אין דער שפיץ, דאָס לאַנד ווו עס איז געשטאַנען דער בית המקדש און די כהנים מיט די לוויים האָבן אים באַדינט, דאָס לאַנד אויף וועלכן עס שטייט געשריבן, אַז „עס רינט דאָרט מילך און האָניק"!...

מיין באַגלייטער, פריינט הערשמאַן, דערקלערט מיר יעדער קליניקייט ווו מיר זיינען איצט — אָבער איך הער ניט! מיינע געדאַנקען זיינען איצט זייער ווייט! און אָט קום איך צו מיט די געדאַנקען נעענטער! מיר פאָרן פאַרביי אַן אַראַביש דאָרף, אַ ג ע וו ע ז ן דאָרף! איצט זיינען דאָרט בלויז פאַראַן חורבות! די אַראַבער זיינען געזעסן אונטער נאָז פון חיפה און ווען עס האָט זיך זיי פאַרגלוסט, האָבן זיי געגעבן... אַ קוילע אויס עטלעכע אידן! די שוידערלעכסטע פון די שחיטות — איז געווען דאָרט מיט אַ יאָר דריי ערב דער אַנטשטייאונג פון דער אידישע מלו-

כה! גזלניש און קאַלטבלוטיק, שטייענדיק ביי דער אַרבעט מיט זייערע אידישע חברים, האָבן זיי אויסגעקוילעט פּערציק אידישע אַרבעטער. איך באַטראַכט דאָס פאַרבייגעפאָרן לײדיק, פּוסט דאָרף, און... האָב אַ שטיקל נקמה! עפּעס האָבן מיר אָ פּ גע צ אָ ל ט פאַר יענעם, אומשולדיק פאַרגאָסענעם בלוט! ... איך געב זיך אַ נדר. ביי דער ערשטער געלעגנהייט באַזוכן איינע פון אָט די חרובע, ליידיקע, אַראַבישע דערפער און דאָרט... זיך צעלאַכן אויפן קול! אַזאַ חשק האָב איך באַקומען! ...

עס קומען אונז אַנטקעגן אויטאָבוסן! אַלע מיט אידישע אותיות, העברעאישע נעמען! דאָס האַרץ פרייט זיך! ...

אויף דער גאַנצער לענג פון וועג שטייען אויסגעשטעלט אידישע בחרים און בחורות מערסטנטייל — סאָלדאַטן און סאָלדאַטקעס — וועלכע בעטן מיט דער האַנט אַז מען זאָל זיי אַרויפנעמען; שפּעטער, ווען איך בין שוין אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד, האָבן מיר אַזעלכע דערשיינונגען געזען אין די ... טוויזנטער! אומעטום שטייט מען אויפן וועג און מען בעט זיך ביים דורכפאָרער אַז ער זאָל מיטנעמען, און... מען שטעלט זיך אָפּ און מען נעמט מיט! ...

איך קוק אויף די אידישע חנ'עוודיקע סאָלדאַטן, זייער שמייכלדיק פּנימל גלעט מיך אויף דער נשמה און אַ צווייטער געדאַנק קומט דיר אין קאָפּ:

אַדאַנק דיר, רשע בעווין, וואָס דו האָסט זיך איינגעשפּאַרט און נים געוואָלט נאָכגעבן אַז מען זאָל אַריינלאָזן הונדערט טויזנט אידן קיין ישראל און דערמיט „באַפרידיקן" די אידישע ליידן ביים נאַציזם! ווען דיין האַרץ — דיין אַנטיסעמיטיש, גראָביונגעריש האַרץ — גיט נאָך טרומאַנס ביטע וואָלטן מיר איצט אַזעלכע שיינע אידישע סאָלדאַטן נים געהאַט...

מיר פאָרן דורך נים ווייט פון דעם עלטסטן אידישן מושב „זכרון יעקב". איך וואָלט מיט פאַרגעניגן אַראָפּגעגאַנגען באַקוקן אָט יענעם היסטאָרישן מקום וואָס האָט געשטמט אויף דער וועלט מיט זיין ווין און וויינטרויבן — אָבער, מיר איילן זיך „אַהיים"! אַהיים. קיין תל אביב ווו מיר וועלן האָבן אונדזער וואוין-אָרט פאַר דער צייט פון אונזער זיין אין ישראל.

דער וועג שלענגלט זיך באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ. אָט זיינען מיר אין „חדרה" און אָט זיינען מיר שוין אין בנימינה. ביידע — זייער שיינע פלעצער, אָבער מיר האָבן קיין צייט נים דער „נהג (שאָפער) אַ

„סברא” שוין פון דריטן דור, וואָרנט אונז אַז עס קאָן זיין מיר זאָלן האָבן אַ „חמסין” — אַ הייסן דושנע וועטער און מיר דאַרפן וואָס פריער זיין אין דער היים!

מיר פאָרן אַריין אין אַ זאַמד-געגנט! וואָס הייסט עס? ביז אַהער אַזעלכע גרינע פעלדער, אַזעלכע שיינע גערטנער וואָס ווערן באַגאָסן מיט וואַסער-רערן איבער זייער גאַנצן לענג און ברייט, און פּלוצים — זאַמד און זאַמד.

דער „נהג” קלערט אונז אויף: מיר זיינען נאָענט פון תל אביב. מיר פאָרן האַרט, ביים ים-ברעג! דאָס זיינען זאַמדן פון ים! אַזוי איז געווען גאַנץ ארץ ישראל צוריק מיט פופציק יאָר. אַזוי איז געווען דאָס פלאַץ אויף וועלכן תל אביב שטייט! אַז איר וועט קומען ווידער אַהער — ניט שפּעטער ווי אין פינף יאָר אַרום — אַזוי פאַרזיכערט ער אונז — וועט איר דאָ טרעפן שיינע פעלדער און אפשר אַ גאַנצע שטאָט אויך...

עס קרייצן זיך די וועגן קיין הרצליה און נתניה. צוויי שיינע מושבים נאָענטע צו תל אביב. איר זאָלט ניט אַוועקפאָרן פון ארץ ישראל איידער איר זעט ניט נתניה — זאָגט אונז דער שאָ-פער, און...

אַ שילד מעלדעט אונז: „די גרענעץ פון דער שטאָט תל אביב. ברו-כים הבאים”. באַלד נאָך דעם שילד — אַ צווייטער וואָס וואָרנט! „שאָ-פער! דו פאָרסט אין אַ פאַרבויטן פלאַץ! פאַר פאַוואָליע!... איך רעדט צו... מיין האַרץ: ליג איין שטיל! קלאַפּ ניט אַזוי! דאָס איז בלויז אַן אָנהויב! וועסטו נאָך זען וויכטיקערע זאַכן!

אָט זע איך טאַקע אַ שענערע זאַך! עס יאָגט אונז איבער אַ מיליטע-רישער לאַסט-אויטאָ און דער אָנטרייבער טראָגט... אַ פּאָר פּאות פון 20 סענטימעטער די גרויס!... אַ תימנער איד ווייזט אויס! עס גלוסט זיך אויסשיסן אַ געלעכטער. ניט אַ געלעכטער פון חוזק, פון שפּאָט אויפן חשבון פון שאָפער וואָס פירט אַ מיליטערישן וואָגן און טראָגט לאַנגע פּאות — נאָר אויפן חשבון פון די, וואָס מיינען, אַז ווען מען טראָגט לאַנגע פּאות — מוז מען זיין אַ...לא יצלח, אָדער פאַרטריקנטער ישיבה-בחור!

מיר הויבן אָן אַריינפאָרן אין שטאָט אַריין. אָנווייזונגען אין דריי שפּראַכן: העברעאיש, ענגליש און אַראַביש, ווייזן אָן דעם וועג צו די טיילן פון שטאָט. פאַרוואָס, עפּעס, אַראַביש יאָ און אידיש — ניט?

ניין איך פרעג ניט! דאָס וועל איך פרעגן שפּעטער! איצט זוך איך ניט קיין חסרונות! איצט, זאָג איך אויף אַלץ וואָס איך זע! דאַנקען גאָט דערפאַר! איצט, מאַך איך אַלע מאָל, אַלע מינוט, — שטילער־הייט אין האַרצן — אַ שהחינו!

אָט זע איך גרויסע, גראַנדיעזע וואוינונגען — קאָלעקטיווע הייזער (בתים משותפים) אויסגעבויט, אָט זע איך אויך צענדליקער אויטאָ־בוסן וואָס לויפן שנעל פון תל אביב — איך לייען איבער די טאַבליצעס — מיט אידישע אותיות — אַז זיי גייען קיין פתח תקוה, קיין רמת־גן, קיין חיפה, קיין באר שבע און קיין סדום! אויף אַלץ פּרייט דאָס האַרץ!... צע וואָס זשע שוין האָבן טענות! און דער עיקר — מיט וואָס פאַר אַ רעכט האָב איך טענות?

און אָט מיט די מחשבות האָב איך זיך אָפּגעשטעלט ביים נומער 20 פון טרומפּלדור גאַס, ווו מיין מכנים אורח, דער באַוווּסטער אידישער שרייבער, וויסנשאַפטסמאַן און פאָרשער ה׳ שמעון ערנסט און זיין גברת רבקה האָבן אונז איינגעלאַדן אַלס זייערע געסט פאַר דער צייט פון אונזער זיין אין ישראל. אָבער, ביזן אָפּשטעלנדיק זיך ביי דער שטוב איז שיעור די נשמה אַרוים! שטעלט אייך פאָר: דער שאָפער ווייסט ניט ווו די גאַס טרומפּלדור געפינט זיך און ווו דער נומער 20 איז. גיט ער אַ פרעג אַ דורכגייענדן, ווו אָט די גאַס ליגט? ענטפערט ער: — על יד בית הקברות הישן! (נעבן דעם אַלטן בית הקברות) דער־הערט, ווו אונזער וואוינונג וועט זיין, אַז נעבן אַלטן בית הקברות, איז מיר די נשמה אַרוים! איך האָב זיך פאַרגעשטעלט דעם אַלטן... טעפּליקער בית הקברות, ווי בכלל אַלע בית הקברות פון דער וועלט און בין געוועזן זיכער, אַז דאָס ליגט ערגעץ, ווייט, ווייט אונטער דער שטאָט, ווו זעלטן קומט אַהין צו אַ בן אָדם, אָדער אַ אויטאָ! גיי זיי אַ נביא און טרעף, אַז דער אַלטער בית הקברות פון תל אביב, ליגט... אינמיטן שטאָט פּופּציק מעטער פון דער גרויסער רעשיקער בן יהודה גאַס, אַרומגערינגלט מיט אַ סך שיינע הייזער און רייכע קלייטן!...

ווי קומט אַהין אַ בית הקברות?

גאָר פּשוט! ווען מען האָט דאָרט געמאַכט אַ בית הקברות צוריק מיט פערציק יאָר, איז דאָרט געווען, עק, עק, שטאָט. אַ האַלבע שעה מהלך פון דער לעצטער שטוב אין תל אביב. איצט. האָט זיך די שטאָט, קיין עין הרע, צעוואַקסן און דער בית הקברות געפינט זיך אין מיטן צענטער פון שטאָט! פאַר די איינוואוינער פון אומגעגנט איז דאָס ניט

בלויז אַ נאַטירלעכע דערשיינונג צו האָבן נעבן און קעגן זייער הויז דעם אַלטן בית הקברות — נאָר עס איז פאַר זיי אַ געוויסער... שטאָלץ! זיי וואוינען אין שכנות פון... ח. נ. ביאַליק„ מאַקס נאָרדוי, אחד העם און אַנדערע גדולים ע״ה.

— — — — — — — — — — — — —

ערב מיין אַרויספאָרן קיין ישראל, האָב איך געוואוּסט אַז איך דאַרף זיך ניט ריכטן אויף קיין גוטע, פעטע מאכלים אין אידישן לאַנד. וועלכער איד פון חוץ לארץ ווייסט ניט אַז אין ישראל עקזיסטירט אַ „צנע„? אַז מען קריגט ניט קיין פלייש, קיין אייער, קיין פוטער און אַנדערע אַזעלכע גוטע זאַכן! מען ווייסט, אָבער אויך, אַז די ישראל אידן שטאַרבן ניט פאַר הונגער און די חברה יונגוואַרג זיינען ב״ה גע־נוג שטאַרק און געזונט, צו געבן קלעפּ די שונאים!

דערפאַר, ווען אונזער ערשטער מיטיק ביי דער פאַמיליע ערנסט איז געווען זייער אַ געהויבענער, אַ זאַטער און געשמאַקער, האָב איך געגלויבט — אַז... דאָס האָט מען זיך אָנגעשטרענגט פאַר אונזער כבוד וועגן! שפּעטער ערשט, האָב איך זיך צוגעקוקט ווי די ישראל אידן עסן און... איך האָב געביטן מיין מיינונג!

אָפּגעגעסן, אָפּגעגעבן אַ פּאָר צענדלינק „שלום-עליכם׳ס, ווערט דריי אַזייגער. אנשטאָט ·זיך צוליגן און אויסרוען פון דער... עמאָציע און פרייד — טו איך זיך איבער און לאָז זיך מאַכן אַ שפּאַציר איבער תל אביב׳ער גאַסן. מיין גאַנץ לעבן, און אַלע יאָרן פון מיין אַרומרייזן מיין נייע היים אַרגענטינע, ווי בכלל זיד־אַמעריקע, פלעג איך, — דאָס ערשטע ווען איך בין געקומען אין אַ שטאָט — אַרויסגיין „שטודירן" די גאַסן, קוקן אין די שוי-פענצטער, און... קויפן אַלע צייטונגען וואָס דערשיינען דאָרט. לויט אָט די סמנים, האָב איך שטענדיק געוואוּסט און געמשפּט די אייגנשאַפטן פון דער שטאָט אָדער לאַנד. ספּעציעל פלעג איך עפּעס לערנען פון... די נעמען פון די גאַסן! די נעמען פון די גאַסן דערוויזן — אָפט מאָל — די קולטור-ניוואָ פון אירע איינוואוינער...

איך גיי אַרוים פאַר דער טיר פון מיין נייע וואוינונג, און עס וואַרפט זיך מיר פאַר די אויגן די גאַס... „חובבי ציון"! נו! טראַכט איך, פיין פון זייער זייט וואָס זיי פאַרגעסן ניט אין די אַלטע, גאָר גאָר ע ר ש ט ע, בויער פון׳ם לאַנד! אייגנטלעך, די ערשטע וואָס האָבן גע־בראַכט צו דער גרינדונג פון אַ אידישע מלוכה אין ציון!

איך באַשלים ביי זיך אָט וואָס: אנשטאָט שוין אָנהויבן גיין איבער

די גאַסן, בעסער נעמען אַ „קוטשער מיט אַ ברישקע" (אַ „מאַטעאַ") זיך אויפזעצן און פאָרן איבער דער שטאָט אַנקוקן די נעמען פון די גאַסן. איך וועל אים הייסן פאָרן פּאַמעלעך, און איך וועל קאָנען אָפּ־סערווירן די אידישע גאַס — אין דער אידישער שטאָט.

איך שטעל זיך אַוועק באַלד ביים עק פון בן יהודה גאַס, איך זע ווי צענדליקער און הונדערטער אויטאָס פאָרן דורך, אָבער קיין איין פאַעטאָן מיט אַ קיין קוטשער זע איך ניט! איך דענק אַז אפשר האָבן זיי אַ ספּעציעל פּלאַץ ווו, זיי שטייען. איך גיב אַ פרעג אַ דורכגייער אויף אַ קוטשער מיט אַ פערד, ער קוועטשט מיט די פּלייצעס, באַטראַכט מיך פון אויבן אַראָפּ, גיט אַ שמייכל און... גייט אַוועק!

גיי, זיי אַ טרעפער און וויים, אַז אין ישראל איז... ניטאָ קיין פער"ד; ניטאָ קיין קוטשערס מיט פאַעטאָנען! די געציילטע פאָר פערד, געפינט מען אין... יפו, ווו טרעגערס נוצן זיי נאָך אין זייער „שפּאַן און וואָגן" אויף איבערפירן סחורה!...

איך שפּאַן איין די פיס און לאָז זיך אַוועק איבער דער שטאָט. איך גיי אַנקוקן די אידישע גאַס. באַלד, ביי די ערשטע עטלעכע טריט, בלייב איך שטיין: איך בין געוועזן זיכער, אַז אין תל אביב זיינען פאַראַן גרויסע עסנוואַרג־קלייטן ווו מען פאַרקויפט בלויז די פּראָדוקטן פון די אַמעריקאַנער „סקריפּס". איך בין געוועזן זיכער, אַז אין ישראל זיינען פאַראַן פּאַרטיקע מלבושים און סחורה אויף מלבושים, פּונקט ווי שיך און אַנדערע גוטע זאַכן וואָס ציוויליזירטע מענטשן נוצן! אָבער — אויף אַלץ דאַרף מען האָבן „כרטיסים" און „נקודות" — אַזעלכע ספּעציעלע צעטלעך ווו עס שטייט געשריבן, אַז דיר קומט כך וכך אַ חדש אָבער אַ יאָר. לשם קוריאָז, גיי איך אַריין אין ערשטן געשעפט פון עסנוואַרג. אויף דער טאַבליצע שרייבט זיך אַז דאָ וואוינט זאָלטי און דאָ איז אַן עסנוואַרג־קלייט! איך פרעג אים אויף עטלעכע פּראָדוקטן — ער האָט זיי! איך פרעג אים די פּרייזן — ער ענטפערט מיר! לסוף, נעם איך זיך אָן מיט „מוט" און פרעג אים צי מען דאַרף האָבן „כרטיסים"? ניין: מען דאַרף ניט! בלויז אויף אייער דאַרף מען נאָך „כרטיסים"!...

עס שטייט אַ פאַס מיט הערינג, אַ פאַס מיט מאַסלינעס, קעסטלעך מאַרדינעס און סתם גוטע זאַכן„ עס ליגן אַלערליי קעז — אריינגע־רעכנט דעם וויסן קעז אויף קרעפּלעך צו מאַכן, עס שטייען פלעשלעך סמעטענע, עס ליגן הונדערטער פּעקלעך... מאַרגאַרין (אַזאַ פּוטער וואָס

איז... געשמאַקער פון פוטער) און... ווייבער קויפן וויפל זיי ווילן!.. פאַר „יוצא־וועגן״ קויף איך אויך עפּעס, און לאָז זיך ווייטער גיין!

די נעקסטע קלייט איז... פון כל טוב! פון אַ פּאָר שלעקעס, ביז אַ גוטן אנצוג און גוטע העמדער. אויב איר ווילט אַ פוטערנעם מאַנטל פאַר אייער פרוי — איז אויך פאַראַן. איך שפּאַן אַריין אינעווייניק. באַקען זיך מיטן בעל הבית! דערצייל אים אַז איך האָב פאַרלוירן מיין באַגאַזש און פרעג אים ווי אַזוי איך קאָן זיך איינשאַפן אַנדערע בגדים און חפצים?

ס׳הייסט, ווי אַזוי? גאַר פּשוט! קויפט וואָס איר ווילט! אויב עס וועט אייך ניט סטייען קיין געלט? — איז אויך קיין אומגליק ניט! זאָל נאָר קומען אַהער אַ היימישער וואָס קאָן אייך, וועלן מיר אייך געבן וויפל איר ווילט און איר וועט עס אונז אָפּשיקן צוריק מיט... ״חבילות״ (פּעקלעך)!

נו,! און „נקודות״ דאַרף מען ניט?

חלילה! שוין אַראָפּגענומען יענע באַגרענעצונגען! איר קאָנט קויפן וואָס איר ווילט און וויפל איר ווילט! מ י ט געלט און אָ ן געלט!

אנשטאָט צו גיין ווייטער — נוץ איך שוין אויס מיין באַקאַנט־שאַפט מיטן סוחר, און מיר פּאַרפּירן אַ שמועס! איך ווער געוואוירע ביי אים אַז די עקאָנאָמישע לאַגע איז... ניט גוט! פריער, ווען אַלץ איז געווען... פאַרבאָטן, ווען אַלץ איז געווען אויף „נקודות״, האָט מען געלייזט! מען האָט געכאַפּט די סחורה אונטער הענט! יעדער איינער וואָס איז געווען באַרעכטיקט אויף עטלעכע „נקודות״, איז געקומען און געקויפט כאַטש — ער האָט ניט געדאַרפט! ער האָט, פּשוט, מורא גע־האַט אַז מאָרגן וועט עס ניט סטייען! נו! האָט זיך געלייזט! מען האָט ווייניק פאַרדינט — ווייל די פּרייזן זיינען געווען קאָנטראָלירט — אָבער, מען האָט געלייזט!

איצט, ווען אַלץ איז דאָ, ווען דער פאַרקויף איז פריי — קומט מען ניט קויפן! מען איז זיכער אַז מאָרגן וועט אַט די סחורה אויך זיין און זי וועט, אפשר, ביליקער ווערן! און אַזוי איז טאַקע. מען פאַרקויפט בי־ליקער ווייל מען דאַרף האָבן מזומן, אָבער — דער קונה קומט ניט, און „מסים״ (רעדיטאָס) מוז מען צאָלן!

דאָס איז געווען דער ערשטער איד וואָס האָט אָנגעהויבן צו רעדן מיט מיר וועגן די „מסים״! שפּעטער האָב איך עס געהערט הונדערטער און טויזנטער מאָל און שטענדיק — מיט ציין־קריצעניש!...

אַרויסגייענדיק פון די סוחר׳ס געשעפט, שפּאַן איך אַריין — טאַקע די צווייטע טיר אין אַ שיין געשעפט. אין די פענצטער שטייען די שענסטע און עלעגאַנסטע שיך. די פרייזן? — ניט קיין ביליקע, אָבער אויך ניט גאָר גאַר טייער! מען דאַרף ניט פאַרגעסן אַז ארץ ישראל אימפּאָרטירט 95 פּראָצענט פון איר לעדער און פון די לעדער־אויסאַרבעטונגען! אויב שיך איז פּאַרט אַ צוגענגלעך אַרטיקל — איז דאָס צו פאַרדאַנקען די... אַמעריקאַנער מיליאָנען וואָס מען קריגט אויף קרעדיט, פּונקט ווי אויב די ישראל־אידן עסן, וועלן־ניט־וועלן, פליש, איז דאָס צו פאַרדאַנקען... אַרגענטינער אידן און אַרגענטינער רעגירונג!

דער שיך סוחר איז שוין ווייניקער פּעסימיסטיש! ער לייזט שוין מערער פאַר זיין סחורה! נאָך אַלעמען קאָן מען זיך באַגיין מיט איין אנצוג, אָדער מיט 2 העמדער! אָבער שיך — מוז מען האָבן! און — עס לייזט זיך! מען פאַרדינט אָבער ווייניק ווייל... די „מסים" זיינען גרויס! מען רייסט אַרויס דעם ביסן פון מויל!...

דאָס קלאָגן זיך אויף די „מסים" (טשינזש „רעדיטאָס") האָב איך דערנאָך געהערט פון יעדן דריטן אידן אין ישראל. ביז היינט איז מיר ניט קלאָר: צי מען קלאָגט זיך אַזוי אויף דעם עול וואָס הייסט מס, ווייל ביז דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל האָט מען געצאָלט זייער ווייניק „נאַלאָגן" און דערפאַר קאָן מען זיך ניט צוגעוואוינען צו די איצטיקע צאָלעכצן, צי די ישראל איינוואוינער צאָלן טאַקע צופיל „מסים". וואַרשיינלעך, איז דאָס צווייטע ריכטיקער! די גרעסטע תורמים פאַרן אויסהאַלטן די ישראל מלוכה — זיינען די ישראל־תושבים! צי עס קומט זיי דערפאַר אַ דאַנק און יישר כח? — זיכער ניט! ניט זיי פאָדערן עס!...

איך שפּאַן ווייטער! די קוואַדרעס (קוואַרטאַלן) אין תל אביב ווי בכלל אין ארץ ישראל, זיינען זייער גרויסע! ביז צו דער ענדע פון ערשטן קוואַרטאַל וואָס איך האָב אָנגעהויבן אָנקוקן, איז פאַראַן אַ היבשער מהלך. פאַראַן וואָס צו זען אין אָט דער איינער — צופעליקער „קוואַדרע". פאַראַן... פיר (4) ביכער־געשעפטן, פאַראַן 2 זייגערמאַכעריי, פאַראַן פיר געשעפטן פון „תוצרות הארץ", דאָס הייסט, בצלאל־אויסאַרבעטונגען וואָס זיינען אָנגעגרייט בלויז פאַר טוריסטן, און... פינף קלייטלעך וואָס פאַרקויפן... סאָדע־וואַסער!

פיר ביכער־געשעפטן אין איין גאַס! אפשר איז דאָס דער „צענטער" פון ביכער־האַנדלונג? ניין! ערשט שפּעטער איז מיר קלאָר

געוואָרן, אַז די גרעסטע פּראָדוקציע פון ארץ ישראל זיינען, ביכער, זשורנאַלן און צייטונגען! ספּעציעל — ביכער! מען זאָגט עס בתורת ווייץ, אָבער, אַ שטיק אמת — איז דאָס! יעדער דריטער איד אין תל אביב איז אַ רעדאַקטאָר, יעדער פינפטער איד — איז אַ מחבר פון אַ בוך. און יעדער צענטער איד איז אַ מחבר פון אַ „מלון” (ווערטער-בוך) אָדער וויכטיקער ענציקלאָפּעדיע.

און מערקווירדיק! פונקט, אַזוי ווי עס זיינען פאַראַן אין ישראל פּראָדוקטן און געגנשטאַנדן וואָס זיינען באַשאַפן בלויז פאַר טוריסטן, אַזוי איז מיט ביכער און צייטונגען להפוך! דער גרעסטער קויפער פון קולטור זאַכן, איז בלויז דער ישראלי! פון זיינע קליינע פאַרדינסטן, פון זיינע ווייניק שכירות, שפּאָרט ער אָפּ און קויפט ביכער, קויפט צייטונגען און זשורנאַלן! אָבער — וועגן דעם שפּעטער.

— — — — — — — — — — — — —

ווען איך האָב געענדיקט מיין שפּאַציר איבער דער ערשטער „קוואַדרע”, איז שוין געווען זעקס פאַרנאַכט. איך קויף אין אַ ביכער-געשעפט דעם „מדריך-כיס” (האַנט-בוך) פון תל אביב-ער גאַסן, און ביי דעם ערשטן קאַפע-הויז, פון דער צווייטער קוואַדרע, זעץ איך זיך אַוועק שטודירן די נעמען פון תל אביב׳ער גאַסן.

איך בלעטער דאָס ביכעלע און אַ פרייד גייט מיר איבער אי-בערן גאַנצן לייב. מיטן אויסנאַם פון אפשר אַ צענדליג פרעמדע נעמען — אַזעלכע וועלכע האָבן פאַרדינסטן פאַרן אידנטום און פאַרן ישוב — זיינען די איבעריקע גאַסן אויף די נעמען פון אַזעלכע אידן וואָס דאַרפן ניט פאַרגעסן ווערן ביים אידישן פאָלק! ווען מען בלעטערט דאָס ביכעלע מיט די נעמען פון תל אביב-ער גאַסן — לערנט מען די אי-דישע געשיכטע פון אדם הראשון ביז היינט צו טאָג.

איך וועל אָנרופן אַ פאָר ניט-אידישע נעמען וואָס האָבן פאַרדינט אַז אויף זייער נאָמען זאָל זיך רופן אַ אידישע גאַס, למשל: אַלענבי, — די גרעסטע און שענסטע גאַס און תל אביב (אַלענבי איז געווען דער באַזיגער פון סולטאַן ביי דער ערשטער וועלט מלחמה וואָס האָט ביי אים אָפּגענומען ארץ ישראל) קעניג דזשאָרדזש, קאָראָלענקאָ, ווילסאָן, וואַשינגטאָן, כורש, לאָיד זשאָרזש, לינקאָלין, מאַסאַריק קיש א. א.

אַז איר הויבט זיך אָן צוקוקן צו די אידישע נעמען פון די גאַסן, באַקומט איר... ליב די שטאָט צוליב דעם! נישט בלויז גיבן

דער גאַס — נאָר דער אויך דער נ אָ מ ע ן פון גאַס, וואָס דערמאָנט אייך, אַפילו, די יאָרן ווען איר זענט אין חדר געגאַנגען!...

און טאַקע ווייל איך האָב געהאַט אַזוי פיל פאַרגעניגן איבערצו־לייענען די נעמען פון אַט די גאַסן, וויל איך זיך טיילן, מיט די לייענער פון אַט דעם בוך, מיטן פאַרגעניגן און איבערשרייבן אַביסל גאַסן פון תל אביב. אַ זעלכע נעמען פון גאַסן טרעפט מען ניט אויף דער וועלט: ואלה שמות פון אַ קליינער טייל פון זיי:

אבן עזרא — אברבנאל — אגריפס — אהבת ציון — אונקלוס — אוסישקין — אריאל אַקאָסטאַ — אחד העם — אימבר — אידלסון — אליהו הנביא, — אלחנן יצחק — אליהו בחור — אַלכסנדי ינאי — אַ נ י מ אַ מ י ן — אסתר המלכה — ארבע ארצות — ארלאזאראָוו — באר יעקב — בובליק — בבלי — ב ו ג ר א ש אָ וו (דער איינציקער ל ע־ב ע ד י ק ע ר מענטש וואָס האָט אַ גאַס אויף זיין נאָמען!) בוקי בן יגלי — בארוכאוו — ביאַליק — באַזעל — בית הלל — בית לחם — בית שמאי — באַלפור — בעלקינד — בן זכאי — בן יהודה — בן נון — בעל שם טוב — בר יוהאַי — בר כוכבא — בערדיטשעווסקי (מיכה יוסף) — ברוריה — בראַנדיים — ברענער — גדעון — גור אריה — גורדון — גוש הלב — ג ר ו ז ע נ ב ע ר ג — גריזים — דבורה הנביאה — דוב הוז — דובנאָוו — דוד המלך — ד י ז ע נ ג ו ף — דניאל — דריאיאַ־נאָוו — ה׳ אייר — האחים מיסלאוואוטע — האמוראים —האהיי — הבימה — הגלבוע — הגליל —הדסה — הורקונס — הושע — הזית — החבצלת — החלוצים — החשמונאים — היכל התלמוד — הירדן — הירקון — הכנסת — הגדולה — הכרמל — הלל הזקן — המכבי — המליץ — הצפירה —הנביאים —הנשיאים — העם — הפלמ״ח —הפאַרטיזאַן — הר סיני — הר ציון — הרמ״א — הרצל — השופטים — השלייה — ווילנא — וואולפסאָן — וואַרבורג — זשאַבאָטינסקי — זכריהו — זאַ־מענהויף — זאַנגוויל — חבוקק — חברון — חגי — חובב הלבבות — חוני המעגל — ח א ז א נ אָ וו י ט ש — חזקיה המלך — דר. חיות — חכמי ישראל — חנה סענעש —חפץ חיים — חתם סופר — טיומקין — טשערניכאָווסקי — טרומפעלדור — יבנה — יהואש — יהודה הלוי — יהודה חסיד — יהל׳ל — יהודה הנשיא — יואל — יחזקאל — יוחנן הסנדלר — יונה הנביא — יונתן — יוחנן חגדי — יעב״ץ־יעל — ירמיהו — יריחו — ירושלים — ישעיהו — לוי יצחק בערדיטשע־ווער — לעווין שמריהו — לילינבלום — מאפו — מהר׳ל — מודיעין

— מונטיפיאָרע — מוצקין — מורה נבוכים — מזא״ה — מלאכי — מענדעלע מוכר ספרים — מענדעלסאָן — מפיצי השכלה — מקוה ישראל — מתתיהו — נחום אייש גמזו — נצח ישראל — סאַ־קאַלאַוו — סירקין — סמאָלענסקי — סעדיה גאון — עזרא — עם ישראל חי — עמוס — רבי עקיבא — פומבדיתא — פינסקער — פרוג — פריש דניאל — פרישמאַן דוד — צדיק הכוהן — צייטלין — טשע־לענאָוו — קבוץ גלוית — הרב קוק — קאַצענעלסאָן — ראשית חכ־מה — רב צעיר — רב אשי —ראש פינה — רש״י — רבינו תם — רויטשילד — רופין — רוקח — רות — רמבם — רעמבראַנד — שאול — שמואל הנביא — שלום עליכם — שטראוס — שולמית — שיינקין — שלמה המלך — שמואל הנגיד — שפינאָזא — שאַפּיראָ — תורפתא — תל חי — תרשיש און תש״ח!

— — — — — — — — — — — — —

איך האָב דאָ אַרויסגעבראַכט בלויז אַ צענט חלק פון די נעמען פון תל אביב׳ער גאַסן! איך האָב אַרויסגענומען, אַזוי אויבערפלעכלעך די מער פּאָפּולערע! איך האָב זיי אַרויסגענומען אַלס מוסטער, אַלס באַווייז, אַז גייענדיק איבער תל אביב׳ער גאַסן לערנט מען די אידישע געשיכטע פון שאול המלך ביז דער לעצטער צייט, ביז היינטיקן טאָג ממש! ווען איר קומט צו אַ גאַס און דערזעט דעם נאָמען פון דער גאַס — מוזט איר זיך דערמאָנען אין דער אידישער פאַרגאַנגענהייט, אין דער אידישער געשיכטע און אין דער אידישער מאַרטיריאָלאָגיע ביז היינט צו טאָג!

ווי געזאָגט — איז מיטן אויסנאַם פון דער גאַס בוגרושוב — זיינען אַלע גאַסן נאָר נפטרים! דערפאַר איז נאָך דערווייל ניטאָ אין תל אביב קיין גאַס דר. חיים ווייצמאַן — און זיי צו לענגערע יאָר — אויף די נעמען פון דר. י. קלויזנער, דוד בן גוריון, שפּרינצאַק, שדה און אַנדערע וויכטיקע און פאַרדינסטפולע פּערזענלעכקייטן פון ישוב. פון טיפעניש פון האַרצן ווינטש איך די לעצטע, אַז פאַר די נעקסטע פופציק יאָר זאָל נאָך קיין גאַס אויף זייער נאָמען — אין תל אביב — ניט זיין!...

עס ווערט 7 „פאַרנאַכט״. עס איז נאָך גרויסער טאָג. די שיינע ארץ ישראל זון טראַכט נאָך ניט צו זאָגן אַ גוטן טאָג און זיך אַוועקגיין אויס־רוען. דער העלער ארץ ישראל הימל, בעט זיך נאָך קוקט אויף מיר! זעט

ווי איך בין קלאָר און לויטער! אָבער — געזעץ איז געזעץ! 7 אַזייגער דאַרף מען פאַרמאַכן די געשעפטן און אַהיים גיין! טיר און לאָדן ווערן אַראָפּגעלאָזט און שלעסער, שווערע שלעסער, ווערן אויפגעהאנגען אויף זיי...

דאָס קלאַפּן מיט די שלעסער רופט מיין אויפמערקזאַמקייט! מיר דאַכט אַז אין קיין שום לאַנד האָב איך ניט געזען אַזוי פיל שלעסער אויף אַ טיר... זאָל טאַקע זיין אמת אַז קיין ישראל האָבן זיך זאַנאַדיעט אַ גרויסע צאָל אונטערוועלט-מענטשן פון אַלע וועלט-טיילן? זאָל טאַקע זיין אמת אַז אין ישראל גנב'עט מען אַזוי פיל? איך באַשטים דעם ענין אויסצופאָרשן!...

איך לאָז זיך גיין אַהיים! פאַר דעם גאַנצן — האַלבן טאָג האָב איך קוים... 2 קוואַדרעס געמאַכט! נו! אויב איך וועל מיט אַזאַ „אימ־פעט" אויסקוקן ישראל — וועל איך דאָ דאַרפן זיצן אַ יאָר צייט!

איך קום אַהיים און טרעף געסט! אייניקע — פריינט פון חבר ערנסט וואָס זיינען זיך געקומען באַקאַנען מיט מיר. אַנדערע זיינען גע־קומען אָפּנעמען אַ גרוס פון זייערע פריינט פון אַרגענטינע אָדער ווילן סתם הערן „וואָס הערט זיך ביי אייך"? עס קומט אויך אַ איד וואָס איז אין לאַנד שוין 5 יאָר, האָט געבראַכט אַ גרויסן טייל פון זיין „פאַר־מעגן" וואָס איז באַשטאַנען פון גאַנצע.. 50 טויזנט פעזעס. איצט וואָלט ער אַ בעלן געווען פאָרן צוריק, נאָר מען זאָל אים פאַרזיכערן... אַ גוטע שטעלע אין אַרגענטינע! איך קלויב זיך מיט אים ניט צו דיסקו־טירן! איך פרעג אים נאָר: ווען דאָס איז פאַרקערט, איר זענט אַ ביר־גער פון אַמעריקע און איר קומט קיין אַרגענטינע מאַכן געשעפט און איר פטר'ט אייער געלט. צי וואָלט איר געפאָדערט פון אַמעריקע אַז זי זאָל אייך דאָרט צוגרייטן אַ שטעלע און אייך „שטעלן אויף די פיס"...

דוכט זיך אַז איך האָב שוין אַ נייעם שונא...

מיר עסן אָפּ אַ לייכטע וועטשערע. פאַרט מיד פון טאָג, פול מיט עמאָציע! פאָרט באַטראַכטן די ארץ ישראל ערד און מיר גייען פרי שלאָפן. אַ שיין ליכטיק און לופטיק צימער מיט דריי פענצטער צו דער גאַס שטייט צו אונדזער דיספּאָזיציע. איין פענצטער קוקט אַרויס צום „אַלטן" בית הקברות! אָבער — עס ווירקט גאָרניט אויף אונדז! פונקט פאַרקערט! אויב עס איז מיר ניט באַשערט געווען צו זיין אַ נאָענטער

שכן ביים לעבן פון מאַקס נארדוי צי פון אחד העם אָדער פון שמריהו לעווין ע״ה, פיל איך אַלס אַ זכות צו זיין נאָענט צו זייער אייביקן רו-מקום. איך באַשטים: מאָרגן גיין אויף קבר אבות!

15־טער אַפּריל:

אין דער היים בין איך געוואוינט אויפצושטיין ניט פריער ווי... אַכט אַזייגער. דאָ — שלאָפט זיך ניט! כמעט די גאַס איז אַ רואיקע, און כמעט קיין קליינע קינדערלעך איז אין שטוב ניטאָ אַז זיי זאָלן מיך וועקן, דאָך בין איך שוין זעקס אינדערפרי געשטאַנען אויף די פיס! די גברת ערנסט איז שוין אויך אויפגעשטאַנען! דאָ אין ארץ יש־ראל און ביי איר אין שטוב, שטייט מען אויף פרי. עס האָט מיך גע־קאָסט מי איבערצייגן מיין האַרציקער מכנים אורח'קע, אַז איך בין ניט אויפגעשטאַנען ווייל איך בין שלעכט געשלאָפן — נאָר ווייל... אין ארץ ישראל שלאָפט זיך ניט! אגב, וויל איך ג ע ו ו י נ ע ן צ י י ט מיט אויפשטיין פרי!

די גברת גרייט צו אַ פרישטיק און... איך שטוי און פאַרשטיי ניט! עס גלוסט זיך מיר פשוט זיך צעלאַכן! דער פרישטיק, איז ניט בלויז פאַר אונז — נאָר פאַר זיי אויך! אויפן טיש שטייט אַ פולשטענ־דיקער מאָלצייט! פאַראַן: הערינג, סאַרדינעס, ציבעלעס, קעז, סמעטענע, פוטער, אַן איי — יעדן איינעם — מאַסלינעס, מאַרמעלאַד (זיי — רופן עס „ריבאַ״), זויערע אוגערקעלעך און... אַ פאָר שטיקעלעך וווּרשט. דאָס איז עסנווארג! דאָס איז פאַר... פרישטיק. אַ חוץ, טע, מיט מילך און קאַווע מיט מילך.

ווען מען נעמט אין אַכט, אַז מיין „בעלי הבית״ איז ניט קיין איד אַ סוחר, האָט ניט קיין קלייטן, און אַרבעט ניט אויפן „שוק שחור״ — (שוואַרצן מאַרק) נאָר איז אַ לאַנג-יעריקער באַאַמטער — „פקיד״ ווי זיי רופן דאָס — אין דער שטאָט-ביבליאָטעק. ווען מען נעמט אויך אין אַכט, אַז אָט דער פרישטיק איז ביי זיי אַ טאָג-טעגלעכע דערשיינונג און ניט געוועזן צוגעגרייט פאַר אונז — שטעל איך זיך שוין פאָר, ווי אַזוי אַ „בורזשוי״, אַ גביר, בייסט איבער אינדערפרי איידער ער גייט צו זיך אין קלייט אַריין אָדער אין דער פאַבריק.

אין עטלעכע טעג אַרום, איז מיר טאַקע אויסגעקומען צו זיין אין אַ צווייטער שטוב צו פרישטיק. איך האָב געדאַרפט טרעפן אַ אידן אַ גביר, און אים אָפּגעבן אַ גרוס פון זיינעם אַ ברודער פון בוענאָס איירעס,

וואָס איז נעבעך, אַ גרויסער קבצן! געוווּסט האָב איך, אַז איך מוז אים טרעפן פאַר זיבן אינדערפרי... איידער ער פאָרט אַרויס מיט זיין אויטאָ אין גאַס אַריין! ווען איך בין געקומען צו אים, האָב איך אים געטראָפן פרישטיקן, דאָס זעלבע! דער זעלבער, געגרייטער, טיש! מיט איינציקן חלוק, וואָס אויפן טיש איז געשטאַנען אַ טעלער מיט עטלעכע האַרטע אייער און ווורשט מיט סאַרדינעס זיינען אויך געווען לרוב — טאַקע גאָר אַ סך! אַלץ געקויפט „אויף שוואַרץ"!

אגב. דער ברודער האָט אויסגעהערט מיין גרוס... שטייענדיק, מיך ניט געבעטן זיצן, און געהייסן (ניט געבעטן) אַז איך זאָל קו־מען צו אים... שבת „ווען ער האָט צייט אויסצוהערן אַלע מעשיות"...

נו! דערזען אַז איך האָב פאַר זיך... אַ דבר אחר, האָב איך דווקא באַקומען חשק אים „פאַרביטערן זיין לעבן" (אַזוי האָט ער געזאָגט טוט אים דער ברודער) און — ער האָט דורך זיין הויפט קאַנטאָר אין אַמעריקע אים אַרויסגעשיקט — דאָס לעצטע מאָל — אַזוי האָט ער געזאָגט — 500 דאָלאַר!...

אָבער — איך בין אַראָפּ פון דרך:

איך דערקלער מיין גבורת אַ... „הונגער־שטרייק"! מער ווי אַ מאַ־טע מיט מילך און אַ פאָר שטיקלעך שוואַרץ ברויט מיט „מאַרגאַרין" וועל איך ניט עסן! מיין טייערע הויז בעל הבית'טע איז זיכער אַז איך וועל אויף דער גאַס... פאַלן אַ געחלשטער פון הונגער! איך עס שנעל און —

איך בין שוין אויף דער גאַס. איך געפין פאַר מיין ערשטן אידישן הוב, דאָס ערשטע גיין אויף קבר אבות! איך גיי באַזוכן די קברים וווּ עס ליגן די ערשטע בויער פון אידישן לאַנד, פון דער מאָדערנער העברעאישער שפּראַך, פון ציוניזם, און פון דער שטאָט תל אביב.

ביים אַריינגאַנג אין „בית הקברות הישן", באַגעגנט מיך אַן אַל־טער שמש וואָס פּאַסט זיך זייער וויניק צו זיין „פאַך". זיינע אַריבער 110 קילאָ וואָס ער טראָגט אויף זיך, ווייזן ניט, אַז ער זאָל זיך נעמען צום האַרצן אַז ער האָט אַזאַ טויטע פרנסה און דאַרף אַ גאַנצן טאָג טראַכטן פון מתים און אפשר טאַקע פון... יענער וועלט! ער באַגעגנט מיך פריינטלעך און נאָך איידער איך פרעג אים — דערציילט ער מיר אַז ער האָט אַ סך קרובים אין... נעוו־יאָרק גרויסע גבירים, אדירים, עשירים, מיליאָנטשיקעס נאָר זיי ווילן אים ניט העלפן. אפשר איז מעג־

לעך אַז איך זאָל עפּעס פועלן ביי זיי הילף פאַר אים, כאָטש עטלעכע „פּעקלעך" אַ יאָר פון כשר „פלייש"! ווען איך דערציי ל אים אַז איך בין ניט פון „נעוו־יאָרק" נאָר פון בוענאָס איירעס, פאַלט ער ביי זיך ניט אַראָפּ! ער האָט אין „בונעס־ערעס" אויך קרובים. אויך רייכע מיל־יאָנטשיקעס, און סע וואָלט ניט געשאַדט אַז זיי זאָלן אויך ניט פאַרגעסן אין אים. ער וועט מיר ברענגען אויף קוואַרטיר זייערע אַדרעסן... איך זאָל זיי, בלי שום תירוץ, אָפּזוכן און זיי בעטן „פּעקלעך" פאַר אים. דער־פאַר וויל ער מיר גיין ווייזן, ווי ווער עס ליגט: איך דאַנק אים אָפּ פאַר זיין גוטן ווילן און לאָז זיך „שפּאַצירן" איבער די ענגע וועגן וואו עס ליגט אַ שטיק אידישע געשיכטע!

אָט שטיי איך נעבן „אוהל" פון מאַקס נאָרדוים קבר און אין שכנות מיט אים רוען די ביינער פון גרויסן אידן וואָס וועט אויך בלייבן אין דער אידישער געשיכטע — א ח ד ה ע ם ע"ה.

אָט שטיי איך נעבן דער מצבה פון אונזער גרויסן פאָלקס־דיכטער ח. נ. ב י אַ ל י ק ע"ה. אָט דער, וואָס האָט אויפגעשטורעמט די וועלט מיט זיין גרויסן וויי־געשריי איבערן קעשעניעווער פּאָגראָם וואָס איז — פּונקט היינטיקס יאָר געוואָרן אַ האַלבער יובל, זינט די צאַרי־שע רעגירונג מיט קרושעוואַנען בראש י"ש האָבן אים דורכגעפירט! נעבן ביאַליק'ן רוען די ביינער פון זיין חבר און שותף י. ח. ראַווניצקי.

אָט שטיי איך נעבן מאָנומענט פון גרויסן־א י ד י ש ן דיכטער ש א ו ל ט ש ע ר נ י כ א ו ו ס ק י. שיין איז דער מאָנומענט, נאָר.. פאַרלאָזן! ניטאָ ווער עס זאָל קומען צו אים, לייגן בלומען אויף זיין קבר. זיין פּרוי — אַ גאַנץ אָדער האַלב צעדרייטע — געפינט זיך ערגעץ אין מאָנאַסטיר אָדער אפשר שוין אויפן קריסטלעכן צווינטער, זי איז געווען און געבליבן אַ געטרייע, גלויביקע קריסטן...

נאָענט אין שכנות געפינט זיך דער קבר פון ש מ ר י ה ו ל ע ו ו י ן ע"ה פון איין זייט — און פון „פ אָ ט ע ר" פון דער שטאָט תל־אביב דיזענ־האָף — פון דער צווייטער זייט. אַלע מצבות זיינען זייער פּשוטע! ביי אונז אין די גלות לענדער, וואָלטן די מצבות זיך אַרויסגעזען פאַר אַ מייל, און וואָלטן זיך אויסגעצייכנט אָדער „באַרימט" מיט זייער אַרכי־טעקטור אָדער „לוקסוס". דאָ אויפן אידישן בית החיים פון דער גאַנ־צער וועלט, זיינען די מצבות געוויינלעכע און זייער זעלטן אַרויסרופנדע. אַ שאָד וואָס די גרעסטע טייל אויפשריפטן אויף די מצבות קאָן מען

ניט לייענען ווייל — ניט צוליב זייער אַלטקייט — זיי זיינען אָפּגעריבן און אָפּגעקראָכן.

איך קום צו, צו די מצבות און ברודער קברים פון די געפאַלענע ביי פּאַרשידענע פּאָגראָמען וואָס די אַראַבער — מיט דער הילף פון די קאָמוניסטן, אַלנפאַלס — מיט זייער צושטימונג — האָבן געמאַכט ביי די פאַרשידענע געלעגנהייטן. איך קוק אויף דעם גרויסן ברודער־קבר און טראַכט זיך:

מען האָט זיך גענוקמ׳ט פאַר אייערע יונג־פאַרשניטענע לעבנס!... גוט גענוקמ׳ט!...

דער באַזוך אויפן „בית הקברות הישן" — דעם אַלטן תל אַביב׳ער און, באמת, היסטאָרישן פּלאַץ — האָט ביי מיר צוגענומען דעם גאַנצן פרימאָרגן. איך האָב געפילט עפּעס אַ אינערלעכע התחיבות צו באַזוכן אַלע קברים פון יענע גרויסע אידן וואָס האָבן אַזוי פיל געלייסטעט פאַרן אידישן פאָלק, פאַר דער שפּעטערדיקער אידישער מדינה און פאַר דער אידישער שפּראַך. איך האָב צוגערופן דעם חזן — וואָס געפינט זיך דאָרט — געהייסן מאַכן אַ „אל מלא", און ווען האָט געדאַרפט זאָגן בעביר שנדבו צדקה בעד הזכרת נשמתם, האָב איך אים געהייסן זאָגן: „בעביר שיהודי ארגענטינא נודבים צדקה"...

— — — — — — — — — — — — —

איך גיי מיט מיין פרוי עסן מיטיק אין אַ רעסטאָראַן. ביי מיין פריינט ערנסט קאָן איך ניט זיין קיין גאַסט אויף מיטיק ווייל ער — ווי אַלע תל אביב׳ער באַאַמטע — עסן מיטיק אַרום... 4 אַזייגער ווען זיי קומען פון זייער אַרבעט, און מיר, זיד־אַמעריקאַנער, זיינען געוואוינט צו עסן אַרום 12 אָדער שפּעטסטנס איינס דעם זייגער.

רעסטאָראַנען — מסעדה — ווי ער רופט זיך אין העברעאיש — פעלט ניט אין תל אביב. אויף יעדע הונדערט מעטער פון די צענטראַלע גאַסן — זיינען פאַראַן... דריי, פיר און אַפילו פינף עס־הייזער. אָן שום איבערקלויבן — שפּאַנען מיר אַריין אין ערשטן וואָס מיר טרעפן אָן.

דער „רעסטאָראַן" איז קליין, ענג, אָבער ציכטיק. די באַדינערס — צוויי יונגע פרויען, רעדן... אָדער אונגאַריש אָדער דייטש און אַביסעלע... עברית אויך! דאָס „עס־צעטל" איז אויסגעשטעלט אויף עברית מיט די געהעריקע פרייזן. אָבער — דאָס בעסטע איז — ניט קוקן אויפן צעטל און פרעגן וואָס מען קאָן עסן.

אָ! עסן איז פֿאַראַן אַ סך! וואָס איר ווילט! אַ גוט שטיקעלע הערינג! אַ שטיקעלע פֿיש, פֿלייש, „מאַזשאָנעסע" און אַ פֿערטעלע עוף אויך! אַ ביסעלע גוטן וויין אויך! מען דאַרף נאָר געלט!...

מיר עסן אָפּ אַ „געווײַנלעכן" אָנבייסן. אַ שטיקעלע פֿיש וואָס איז גרויס ווי אַ געניץ, האָט ניט קיין אידישן טעם, אַ טעלער „טאָמאַטן־זופּ", און אַ פֿערטעלע עוף — וואָס אַ געזונטער מענטש קאָן אויפֿעסן צען אַזעלכע און קאָן אַלץ ניט ווערן זאַט. צו דעם — פֿאַרבייסן מיר אַ קאָמפּאָט און דער חשבון באַטרעפֿט:

אַ פּאָר און פֿופֿציק אַרגענטינער פּעזעס.

דאָס האָט דאָס „עוף" אַזוי אַרויפֿגעיאָגט די פּרייז פֿון אונזער „מעניו". עוף — עסן בלויז טוריסטן און — מיר זיינען שפּעטער געוואוירע געוואָרן — די קראַנקע מענטשן אין די קיבוצים!...

נו! מילאַ. דאָס עסן יאָך דאָס עסן. מען קומט ניט קיין ישראל זיך אָנעסן און איבערעסן, אַלנפֿאַלס — קאָן מען פֿאַר קיין הונגער ניט שטאַרבן. אָבער — באַצאָלן עטלעכע און פֿופֿציק פּעזעס פֿאַר אַן אָרימען מיטיק און ניט קריגן אַ „סערוויזשעטע" — מעג זיין אַ פֿאַפּירענע אַפּילו, אויף זיך אָפּווישן דאָס מויל — דאָס האָט אונז שוין פֿאַרדראָסן!

לאָזט זיך אויס: אַזוי איז די מאָדע אין ישראל. זייער זעלטן — אַפּילו אין די בעסטע רעסטאָראַנען — זאָל מען אייך געבן אַ „סערוויזשעטקעלע" פֿון פּאַפּיר פֿאַר אייער געברויך! ניטאָ קיין פּאַפּיר אין ישראל; מען דאַרף האָבן דיוויזן אויף צו ברענגען פּאַפּיר און...

מען ווישט זיך מיטן אַרבל אָדער מיטן טיכעלע!

שפּעטער זיינען מיר שוין געוואָרן קלוגער. מיר פֿלעגן מיטברענגען מיט זיך סערוויזשעטקעס און.. שטעקעלעך צו די ציין!... די איינציקע צרה איז געווען מיט... די פּריוואַטע הייזער וואו מיר זיינען איינגעלאַדן געוואָרן צום עסן! אַהין, האָבן מיר קיין אייגענע סערוויזשעטקעס ניט געקאָנט מיטברענגען און... זעלטן, זעלטן, האָט געטראָפֿן, אַז ביים שיין־געגרייטן טיש פֿאַר אונזערט וועגן, זאָל אויך זיין מיט וואָס די ליפּן אָדער די פֿינגער אָפּווישן!... אַ מאָדע אַזוי אין ישראל!...

צו לוינט זיך ניט, צוליב דעם, זיך אָפּהיטן פֿון פֿאָרן קיין ישראל? חלילה! מען דאַרף פֿאָרן! מען דאַרף נאָר... מיטנעמען מיט זיך אַ סערוויזשעטקעלע ווען מען גייט עסן... אָדער מעגלעך אַז ביז איר וועט פֿאָרן — וועט שוין ישראל האָבן אַן אייגענע פֿאַבריק פֿון פּאַפּיר און וועט האָבן אייגענע... סערוועזשעטקעלעך...

איך שפּאַציר ווידער איבער דער גרויסער אַלענבי-גאַס. די שטאָט איז רעשיק און פריילעך! מען לויפט! מען איילט זיך! מען גרייט זיך צום גרויסן יום-טוב וואָס פאַלט אויס אין עטלעכע טעג אַרום — צום יום העצמאות-טאָג, צום טאָג פון „אומאָפּהענגיקייט".

דער דאָזיקער דאַטום וועלכער ווערט געפייערט לויטן אידישן קאַ-לענדאַר — ה' אייר, ברענגט אַריין גענוג צעמישונג אין דעם לעבן פון די אידן אין חוץ לארץ. אַלע לענדער פון גאָר דער וועלט האָבן אַ באַ-שטימטן וועלט-דאַטום פון זייער נאַציאָנאַלן טאָג און מען ווייסט, למשל, אַז אַרגענטינע פייערט איר טאָג דעם 25-טן מאַי, נאָרד אַמעריקע דעם 4-טן יולי, פראַנקרייך דעם 14-טן יולי א. א. וו.

לויטן אידישן קאַלערנאַר, געפאַלט דער ה' אייר, אַלע יאָר אין אַן אַנדערן וועלטלעכן דאַטום... אַזוי אַרום, אַז די טויזנטער אין אפשר מיליאָנען אידן און ספּעציעל — די אידישע יוגנט פון אַלע לענדער פון דער וועלט, ווייסן קיינמאָל ניט אויף אויסנווייניק ווען „היינטיקס יאָר" געפאַלט דער „יום עצמאות"...

צו איז דאָס נאָרמאַל און צוועקמעסיק? — איז ניט דאָ דאָס אָרט צו דיסקוטירן....

היינטיקס יאָר געפאַלט דער יום העצמאות דעם 20-טן אַפּריל. די ארץ ישראל רעגירונג וועט — אָפּיציעל — פּראַווען דעם יום-טוב אין חיפה. אַלע יאָר פּראַוועט מען אים אָפּיציעל, אין אַן אַנדער שטאָט.

עס זיינען געקומען הונדערטער און טויזנטער טוריסטן פון דער גאָרער וועלט בייצווזיין אָט דעם פייערלעכן יום-טוב. אגב, אַזוי ווי עס שווין דער פינפטער אַניווערסאַר זינט די אידישע מדינה איז געגרינ-דעט געוואָרן האָט מען היינטיקס יאָר — אָט דעם טאָג צוגעגעבן מער פייערלעכקייט! פינף יאָר איז שוין אַ יש!...

אַלע רעגירונגס אינסטיטוציעס, אַלע שטאָט-פאַרוואַלטונגען זיינען פאַרנעמען מיט אַרבעט! מען וויל אַז דער יום-טוב זאָל געפייערט ווערן מיטן גרעסטן גלאַנץ! מען וועט — אין חיפה — דורכפירן אַ מיליטע-רישן פּאַראַד, מען וועט באַווייזן אַלע מינים קלאַסן וואָפן וואָס מען... מעג ווייזן, און מען וויל אַז די וועלט — דורך אירע דיפּלאָמאַטן, געסט, און... שפּיאָנען, זאָלן ווייסן, אַז ישראל האָט מיט וואָס זיך צו פאַר-טיידיקן!....

דער ועד הפועל פון הסתדרות איז גאָר גאָר פאַרהאַרעוועט! די גרעס־טע אַרבעט פון באַזאָרגן טוריסטן מיט האָטעלן און מיט „כרטיסים" (ענטראַדעס) ווו צו קאָנען שטיין און זיך צוקוקן צום פּאַראַד — האָט ער אויף זיך גענומען! דער חבר נ. תמיר (מירסקי) איינער פון די קעפּ פון ועד הפועל וויל מיך טאַקע אויפנעמען פריינטלעך, וויל, איך זאָל זיין זיין גאַסט אין זיין הויז אָבער... נאָך דעם יום העצמאות! א י צ ט — איז מען שטאַרק פאַרהאַרעוועט!...

חבר און קאָלעגע משה'לען רון (דאַנציגער) סעקרעטאַר פון אידישן זשורנאַליסטן פאַריין אין ישראל, נעמט מיך טאַקע אויף זייער פריינט־לעך, פאַרזאָרגט מיך מיט איינטריט קאַרטן צו דער „הבימה" און אין אידישן טעאַטער פון זיגמונד טורקאָוו — אָבער, מער — קאָן ער מיר א י צ ט קיין אויפמערקזאַמקייט ניט שיינקען! מען איז שטאַרק פאַר־האָרעוועט מיט... — יום העצמאות!

די ווענט פון אַלע הייזער, די ספּעציעלע „קאָלומנעס פאַר אַפישן", זיינען אַלע פאַרקלעפּט פון אויבן ביז אַראָפּ, און אַלץ מיט די פּראָגראַ־מען פון די פאַרשידענע ימים טובים — וואָס אַ ל ע פּאַרטייען פּראַ־וועןֿ... פאַרשידנאַרטיק! כמעט אַלע נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע אידי־שע פּאַרטייען, שטרייכן אונטער אַז די א ו מ אָ פּ ה ע נ ג י ק י י ט אין דאָס שאַפן די אידישע מדינה איז צו פאַרדאַנקען דעם... אידישן בלוט, דעם אידישן מאַרטירערטום און העלדישקייט אָנהויבנדיק פון די חש־מנאים און ענדיקנדיק ביי די געפאַלענע פון הגנה, פּלמ'ח און אצ'ל. די איינציקע וועלכע הירזשען אין דער הויך אַ נ ד ע ר ש זיינען די אידישע קאָמוניסטן מיט זייער נאָכלויפער — משה סנה! לויט זייער פּראָפּאַגאַנדע, איז די אידישע מדינה געשאַפן געוואָרן אַ דאַנק סטאַלי־נען און בלויז אַדאַנק אים! לויט זייער נוסח קומט אויס, אַז... די אידן האָבן גאָרניט געוואָלט קיין אידישע מלוכה, זיי האָבן בלויז געוואָלט נאָך... הונדערט טויזנט אידן אין ישראל, נאָר סטאַלין האָט אַרויפגע־צוווּנגען אויף די אידן די „הכרזה" — די אומאָפּהענגיקייט!...

שטייען מענטשן ביי די ווענט און לייענען עס. 90 — פון יעדער הונדערט גלויבן עס ניט, אָבער, צו צען — קלעפּט זיך פון אָט דער פּראָ־פּאַגאַנדע עפּעס צו...

איך פּאַרקאַטשע די פּאָלעס צו זוכן „כרטיסים" קיין חיפה. מען דאַרף פאַר זיי צאָלן — אָבער עס מאַכט ניט! פאַראַן אַ סך הוצאות ביים איינאָרדענען דעם אָפיציעלן יום-טוב... מיין מי איז אָבער אומזיסט!

שוין לאַנג, שוין אַ פּאָר וואָכן אַז אַלע „כרטיסים" זיינען אויספאַרקויפט. דאָך, הייסט מען אייך פאָרן קיין חיפה. דאָרט וועט איר שוין זען!...

פאָרן קיין חיפה? ס'איז גוט צו זאָגן פאָרן! און מיט וואָס? אַלע בי־לעטן פאַר די ספּעציעלע טאַקסים און אויטאָבוסן זיינען שוין פאַר־קויפט פאַרן זונטיקדיקן טאָג. סיידן פאָרן שבת! נו, און מיט האָטעל וואָס טוט מען? ניטאָ שוין קיין פרייע האָטעלן אין חיפה!

קיינער קאָן מיר ניט העלפן! בלויז... מיין זשורנאַליסטן קאַרנעטע־לע! אַ דאַנק אָט דעם קליינעם קאַרנעטעלע, ווערט באַשאַפן אַ האָטעל אין חיפה און אַ דאַנק אָט דעם קליינעם זשורנאַליסטן קאַרנעטעלע — וועלכער ווערט זייער און זייער רעספּעקטירט אין ישראל — ווערן צו־געגרייט צוויי פּלעצער אין אַ „קאָלעקטיוון טאַקסי" („שרות") אויף זונטיק בייטאָג.

וואָס אין חיפה וועט זיין? ווי אַזוי איך וועל זיך דערשלאָגן צו אַ פּלאַץ — וועלן מיר שפּעטער זען! דערווייל האָב איך — נאָך אַ סאַך אַרומלויפעניש — פאַרזאָרגט וואָס מען האָט געקאָנט!...

16־טער אַפּריל:

דאָס קומען קיין ישראל פּונקט אין אַזאַ צייט ווען יעדערער איז פאַרנומען מיט אַזאַ וויכטיקן יום־טוב, האָט מיר... צעשרויפט מיין פּראָגראַם. איך זע אַז די וואָך איז שוין אַ פאַרפאַלענע. איך וועל ניט קאָנען אַרויספאָרן איבערן לאַנד און זען די קיבוצים! און — איך מוז מאַכן אַ שטיקל „סדר" אין מיין אַרבעט.

דאָס ערשטע וואָס איך באַשליס צו טאָן איז — זיך „באַפרייען" פון אַ פּאָר גרוסן און קליינע פּעקלעך וואָס איך דאַרף איבערגעבן אין יש־ראל. אַגב, איך מוז רעדן מיט מענטשן, מיט אַ סך מענטשן, און פון אַלע שיכטן פון ישראל־לאַנד. פון אָט די געשפּרעכן מיט זיי — אויב עס וועט, מיר געלינגען, וועל איך אַלץ, אַלץ געוואוירע ווערן וואָס מיך אינ־טערעסירט!

איך באַשטים נאָך אַ זאַך: „ליקווידירן"... רמת־גן און פּתח תקוה. אָט די ביידע פאָרשטעטלעך פון תל אביב וועלכע האָבן אַזאַ שעם אויף דער וועלט — דאָס ערשטע פאָרשטעטל צוליב איר רעש'יקן פּראָגרעס און אומנאַטירלעכן וווקס, און די צווייטע — צוליב איר... אַלטקייט, צוליב איר געשיכטע, וועלכע האָט זיך מיר — נאָך אַלס קינד — איינ־געקריצט אין זכרון.

איך דערמאָן זיך, איך בין נאָך קיין גאַנצע 15 יאָר ניט אַלט גע־וועז ווען איך האָב... פיינט באַקומען פּתח תקוה. איך פלעג לייענען, ווי די קאָלאָניסטן פון פּתח תקוה, ווי די בלי הבתים פון די „פּרדסים", פלעגן ניט וועלן געבן קיין אַרבעט קיין אידן, ווייל די אידן נעמען טייע־רער, און בעסער געגעבן אַרבעט די אַראַבער וועלכע האָבן געגע־מען ביליק! מעגלעך, אַז אַ סך איז געווען איבערגעטריבן. מעגלעך אויך, אַז איך האָב אָט די געשיכטע געלייענט פון אַ פּאַרטייאישער אָדער טענדענציעזער קוועלע... אָבער, אַזוי צו אַזוי: — פּתח תקוה, איז פאַר אונז, — רוסישע יונגוואַרג וואָס האָט געחלומט פון אַ ארץ ישראל, וואָס האָט זיך געדרייט אַרום אַ קרייז פון „חובבי ציון", פון אַ „בית יעקב לכו ונלכה", — פּתח תקוה, איז פאַר אונז געווען אַ ענין פון נאַ־ציאָנאַלן פאַראַט און נאַציאָנאַלן סקאַנדאַל!

און, אָט בין איך אין ישראל! נו? ווי גייט מען ניט אָנקוקן אָט די פּתח תקוה, די שטאָט פון מיין טרוים פון קינדער־יאָרן, ווי גייט מען ניט זוכן, איינעם פון יענע אַלטע קאָלאָניסטן, און מען שטעלט זיך ניט אָוועק מיט אים... ריידן און אים אויסוואַרפן „זיינע" אַראַבער?

וועגן רמת גן (ראַמאַט גאַן) האָב איך געהאַט אַן אַנדער פאָרשטע־לונג. צוריק מיט עטלעכע יאָר איז אין אַרגענטינע געווען צו גאַסט איי־נער פון די גרינדער פון רמת גן, איינער פון די ערשטע בויער פון אָט דער „גאָרטן־שטאָט", און טאַקע איינער פון די ראַטמענער פון דאָזיקן שטאָט־ראַט, מירן אים אָנרופן ביים נאָמען: משה ראַסיאַנ־סקי, דער דאָזיקער ארץ ישראל תושב, האָט אַ סך זאַכן אָנדערציילט וועגן „זיין" רמת גן. ער האָט דערציילט ווי אויף אַ באָדן וואָס איז גע־ווען בלויז זאַמד און שטיינער, שטיינער און זאַמד, איז אין עטלעכע יאָר צייט אויסגעוואַקסן אַ שטאָט, אַ פּרעכטיקע שטאָט! אָבער — ניט אַ שטאָט ווי אַלע שטעט אויף דער וועלט — נאָר אַ גאָרטן־שטאָט! יע־דער שטוב האָט אַ גאָרטן! ווער אַ גרעסערן — ווער אַ קלענערן! נאָר אַ גאָרטן איז דאָ!

עפּעס האָבן מיר, אַרגענטינער אידן, אים יאָ געגלויבט און עפּעס... נימ! נו! אַז גאָט האָט מיר געהאָלפן אַז: אי איך בין אין ארץ ישראל, אי... איך האָב אַ פּאָר פרייע טעג, אי איך האָב אַ גרוס צו אים — טאָ דאַרף מען פאָרן קיין רמת גן!

ווייזט טאַקע אויס, אַז דער מלאך וואָס איז באַשטימט צו היטן און זאָרגן פאַרן מענטשן וואָס פאָרט אין ווייטע לענדער און לאַנגע וועגן,

האָט מיך דערמאָנט, אַז קיין רמת גן, האָב איך נאָך אַ וויכטיקן גרוס! טאַקע מיינער אַ קאָלעגע, דער חבר שמואל ראָזשאַנסקי. האָט מיך פאַר־זאָרגט מיט אַ מצוה אָפּגעבן אַ גרוס זיינעם אַ ברודער אין ישראל, אַ ברודער וואָס איז ערשט אַ פּאָר יאָר אין לאַנד. נו! דאַרף מען דאָס ער־שטע, גיין אָפּזוכן אָט דעם נייעם „עולה”. איך בין זיכער ביי זיך אַז שמואל ראָזשאַנסקיס ברודער דאַרף זיין אַן אינטעליגענטער מענטש און ביי אים — אַלס נייעם „עולה” וועל איך דאָך זיכער עפּעס קאָנען „אויסטאַפּן”!...

אַן ארץ ישראלדיקער איד, אַ פיינער אינטעליגענט, אַ שטיק שריי־בער און גרויסער לייענער פון אַלץ וואָס ער קריגט אין דער האַנט — ווילענסקי הייסט ער, מיט וועמען איך האָב זיך באַפריינדעט דעם ערשטן טאָג פון מיין קומען קיין תל אביב — נעמט זיך אונטער אונז צו פירן אין ביידע ערטער! בעסער געזאָגט — אין אַלע דריי ערטער — פּתח תקוה אַריינגערעכנט! און — אין דרייען שפּאַנען מיר איבער די רמת גנ׳ער גאַסן! מיר זוכן אַ נומער פון אַ גאַס! די גאַס האָבן מיר שוין געפּאַקט! אָבער, די נומערן זיינען אַזוי צודרייט, אַז בלויז אַ נביא אָדער אַ „וואָראָזשביט” קאָן טרעפן צו זיי!...

יאָ! איינע פון די גרעסטע חסרונות וואָס פאַרדרייט די יאָרן אי די ישראל תּושבים פון די שטעט און טויזנט מאָל מער די טוריסטן — איז די אַ נ אַ ר כ י ע וואָס הערשט דאָרט בנוגע גאַסן און נומערן — אָבער וועגן דעם שפּעטער!...

מיר קריכן איבער פּלויטן, מיר דראַפּען זיך אויף גלייכע און קרומע ווענט, מיר שטייען נעבן אַ נומער ... 12 און דאַרפן צום נומער 4 — און קאָנען אים ניט... „פּאַקן”. וואָס מער מיר פרעגן מענטשן־דורכגיי־ער, אַלץ מער פאַרקריכן מיר אין אַ גרויסן גאָרטן — אייגנטלעך דער שטאָט־גאָרטן, וואָס אויף אים און צוליב זיין כבוד וועגן, הייסט די שטאָט... „רמת גן”. מיר פּאַקן שוין דעם נומער 8 און מיר האָבן „ערגעץ” שוין געפונען דעם נומער 6 אָבער דער נומער 4 ווערט אויס־גערונען פון אונטער דער האַנט! אָבער, אין דבר העומד מפני הרצון: פּוסטע זאַכן — זאָג איך מיין באַגלייטער און מיין פרוי, וועלכע זיינען ניט מיד פון שפּרינגען איבער פּלויטן — איך וועל אָנעם נומער 4 ניט אַוועקגיין פון דאַנען!... זיי אַ נביא און טרעף, אַז דער 4 ליגט גאָר פון דער צווייטער זייט גאָרטן און מיר קלאַפּן אָן אין הויז פון אַ טיר, זוו — לויטן שטייגער פון אַלע טירן — עס הענגט אַ אַ מזוזה, עס

הענגט אַ „טשאַפּעלע״ אין עברית מיטן נאָמען ווער עס וואוינט דאָ, און... עס זיינען אַנגעקלעפּט... רעסיוועס פון פאַרשידענע „מוסדות״ (פאַראיינען) וואָס דאָס דינט אַלס אָנווייזונג די שליחים און קאָווראַדאָרן פון די אַנגעוויזענע פאַראיינען, אַז זיי זאָלן זיך ניט מטריח זיין קלאַפּן אין טיר און פאָדערן אַ באַשטייערונג פאַר דעם פאַראיין, ווייל מען האָט זיך שוין בייגעשטייערט! אַ סימן: — אַט הענגט די „רעסיווע״ אויף דער טיר... (ווי געפעלט אייך דער מינהג?...).

אַ שיינע, סימפּאַטישע פרוי, אין די יונגע יאָרן, עפנט די טיר. אונזער באַגלייטער רעדט מיט איר עברית, פרעגט זיך נאָך אויפן הער ראָזשאַנסקי. ער איז ניטאָ אין דער היים. ווו איז ער? ער גרייט צו דעם... גאָרטן לכבוד דעם יום העצמאות! ווער עס האָט עפּעס אַ פרייע און ניט פרייע, מינוט — אַרבעט לכבוד דעם יום העצמאות! דאָ, אין רמת גן, וועט זיין אַ גאָר ספּעציעלער יום־טוב! אין „עסטאַדיום״ — דער גרעסטער אין ארץ ישראל, איז צוגעגרייט אַן אויסערגעוויינלעכער פּראָגראַם. אַרבעט מען דערויף שוין 10 טעג, בייטאָג און ביינאַכט...

דערהערט אַ גרוס פון אַרגענטינע, פון׳ם שוואָגער, ווערן דער פרויס רויטע בעקעלעך, נאָך רויטער, נאָך שענער, און איידער מיר האָבן נאָך צייט אַ וואָרט אויסצורעדן, שטייט שוין אויפן טיש כיבוד און... זי סטייעט ניט! זי איז אַוועק זוכן איר מאַן, וועלכער ציט מן הסתם, די עלעקטרישע דראָטן איבער די בוימער, אָדער פירט אָן מיט דער אַרבעט פון אויסשטעלן די בענק, אָדער גאָר... האַלט אַ בעזעם אין דער האַנט און קערט דעם גרויסן גאָרטן! זיי, דאָרט, אין ישראל שעמען זיך ניט מיט קיין שום אַרבעט וואָס מען דאַרף טאָן! יעדע אַרבעט איז שיין!

אין אַ פּאָר מינוט אַרום קומען זיי ביידע צעלויפן! טאַקע געטראָפן! פאַרנעמען מיט צוגרייטן דעם גאָרטן צום יום העצמאות! עפּעס אַ קלייניקייט! דער פ י נ פ ט ע ר יום העצמאות!... אַ שאָד וואָס ער האָט קיין צייט ניט קיין סך מיט אונז צו רעדן!... ער האָט איבערגעלאָזט אַלע אַרבעטער אַליין, און איז געקומען אָפּנעמען אַ גרוס פון ברודער! ער באַשווערט אונדז מיט די האַרבסטע שבועות אַז מיר מוזן זיין זייער גאַסט צו מיטיק און ... אין אַ שבת׳דיקן טאָג!

וואָס טוט מען מיט די שבתים? אינגאַנצן דאַרף איך זיין 6 שבתים אין ישראל און ביז איצט האָב איך שוין עטלעכע און פּערציק איינלאַדונגען אויף... שבת־מיטיקן. יעדער איינער איז פאַרנעמען, פאַרהאָרעוועט אַ גאַנצע וואָך, קומט אַהיים עסן אַרום דריי־פיר אַזייגער,

און דער איינציקער טאָג וואָס מען קאָן אויפנעמען אַ גאַסט צו מי־טיק איז — שבת!

ניט בעסער האָבן מיר געהאַט ביי אונזער צווייטן באַזוך אין רמת גן,ביים ה׳ משה ראָסיאַנסקי. כאָטש שוין אַ „ותיק״ — (אַלטער תושב) איז ער אויך פאַרהאָרעוועט. דער ענין פּרנסה איז דאָ ניט אַי־בעריק לייכט — אויב מען איז ניט קיין „פּקיד״, (באַאַמטער) און ווען מען איז שוין משטיינס געזאָגט, יאָ אַ פּקיד — דאַן איז ערשט אַ שטיק זאָרג, ווי נעמט מען אַ זייטיקע אַרבעט כדי צו קאָנען אויסקומען מיט די שטוב הוצאות...

אַזאַ אידן ווי משה ראָסיאַנסקי, איז עטוואָס לייכטער. דער שיינער, אָפּגעהיטער גאָרטן, אַ גרויסע שטייג מיט הינער און קאַטשקעלעך, אָן איי — קאָסט ניט! גרינוואַרג — איז דאָ, און ווען גאָט העלפט נאָך, די ווייב איז אַ בריה — דאַן איז האַלב שטוב הוצאות, פאַרזאָרגט!

מיר זיצן דאָרט אויך ניט לאַנג. מיר פילן אַז מיר האָבן פּשוט אַן עבירה אין אַזאַ געזעלשאַפטלעכן אידן, ווי אונזער מכנים אורח איז. ער, דער מיטגליד פון „עירה״ (שטאָט־ראַט) פון רמת גן, האָט אַ גאַנצן טאָג זיצונגען ערב דעם יום העצמאות און דאָ — מוז ער פאַרלירן צייט מיט געסט! מיר זאָגן אים צו צו זיין זיין גאַסט אויף אַ... שבת־מיטיק און מיר פאָרן צוריק אַ היים.

קיין פּתח תקוה — פאָרן מיר שוין ניט! שוין מיד פון צו... שפּרינ־גען איבער פּלויטן און זוכן די גאַסן! אויך צו ראָסיאַנסקין האָבן מיר געבלאָנדזשעט אַ היפּש ביסל צייט. מיר האָבן געזוכט זיין „גאַס״! און אַזוי ווי אַלע גאַסן אין רמת גן זיינען נייע — ווייסט קיינער ניט וואו אַזאַ גאַס ווי „עציון״ געפינט זיך! נאָך אַ שעה זוכן איז אונז איינגעפאַלן פרעגן פּראָסט און פּשוט, אויפן בעל דבר אליין! און אַזוי ווי יעדער קאָן אים, האָט מען אונז תיכף אָנגעוויזן זיין הויז....

— — — — — — — — — — — — —

מיר קומען „אהיים״ און טרעפן זיך אָן מיט אַ נייעם סורפּריז. אונ־זערע בעלי הבתים׳ס זונדעלע, אַ בחור׳ל פון 18 יאָר, אַ סטודענט פון יורידישן פאַקולטעט אין ירושלים, איז געקומען אהיים אויף עטלעכע טעג. אַזוי ווי עס איז ערב יום העצמאות — לערנט מען ניט. מיר באַ־קאָנען זיך מיט אים, ער רעדט ניט קיין איין וואָרט, ממש איין וואָרט ניט — קיין אידיש. ער האָט ניט געהאַט ווו צו הערן אָדער

זיך לערנען אידיש. אין שטוב הערשט פולשטענדיק די עברית־שפּראַך און זיינע חברים רעדן בלויז עברית!

זיין באַציונג צו אידיש? ער באַדויערט וואָס ער קאָן נישט! ער האַלט, אַז אידיש איז נויטיק פאַרן קיום פון ארץ ישראל. ווען די עלטערן ווילן אים „פאַרקויפן" רעדן זיי צווישן זיך... אידיש, פּונקט, ווי מיר ווען מיר ווילן עפּעס רעדן, אין דער אַנוועזנהייט פון אונזערע קינדער — רעדן מיר רוסיש....

עס רופט מיין אויפמערקזאַמקייט זיין גרויסער בוך מיט וועלכן ער איז געקומען פון פאַקולטעט. איך בעט אים ער זאָל מיר ווייזן וואָס פאַר אַ קוריאָזער טעקסט־בוך עס איז? און...

איך בלייב איבעראַשט! עס איז אַ... גמרא! מסכתא בבא בתרא! אַט דאָס לערנט מען אין ירושלים, אין ישראל, כדי צו ווערן אַן אַד־וואָקאַט! מסכתא „גטין" האָט ער שוין געענדיקט מיט... אויסצייכע־נונג. אויף תנ"ך האָט ער געהאַט די בעסטע אָפּצייכענונגען! בבא בתרא קומט אים אָן שווערער, אָבער — ער וועט זי אויך איינבייסן!

איך פאַרפיר אַ שמועס מיט אַט דעם יונגן אינטעלעקטואַל! אַט, אַט, אַ, אין דריי חדשים אַרום, רייסט ער איבער זיין לערנען אויף דריט־האַלבן יאָר! ער גייט אַוועק אַלס... סאָלדאַט! מען האָט אים שוין „צו־געגעמען". כאָטש ער טראָגט ברילן, און אַן זיי — זעט ער ווייניק, דאָך וועט ער זיין אַ גוטער סאָלדאַט, און ער איז שטאַרק צופרידן צו גיין די־נען! ווען, חלילה, מען „בראַקירט" אים אוים, וואָלט עס געווען אַ טראַ־געדיע, ניט בלויז פאַר אים, נאָר אויך פאַר זיינע עלטערן... אַ טראַ־געדיע פאַר אַזעלכע ישראל פּאַטריאָטן ווי זיי זיינען, און טאַקע... אַ בזיון אויך!... און ווער ווייסט? אפשר אויך אַ חסרון צו אַ שדוך...

איך באַטראַכט די ישראל־מאַמע וואָס גרייט צו איר זון צום „די־נען", ווי זי גרייט אים צו זיין אונטערשטע וועש, זיינע קליידער, און איך דערמאָן זיך אין אונזערע רוסישע מאַמעס ווי אַזוי זיי האָבן זיך געגרייט צום „פּריזיוו", ווי אַזוי זיי האָבן... „געריסן קברים", געשטו־רעמט דעם רבונו של עולם און געזוכט „זכות אָבות", אַז זייער זון זאָל באַקומען אַ „ווייסן בילעט", זאָל אויסבראַקירט ווערן, זאָל דערקלערט ווערן אַלס קאַליקע!

יאָ! פאַראַן אַ חלוק צווישן דער ישראל־מאַמע און אונזער טעפּליקער מאַמע! געווען אָבער, אַ גרעסערער חלוק צווישן „פאַניעס" קאַזאַרמעס

און זיין באַציאונג צום אידישן סאָלדאַט און דער ישראל אַרמיי און אי־דישן סאָלדאַט...

רעדנדיק מיטן צוקונפטיקן אַדוואָקאַט, ווער איך געוואוירע, זאַכן וועגן דער ישראל געזעץ־געבונג, וואָס דערשטוינט ממש!

פון איין זייט לערנען זיי א י ד י ש ע געזעצן וועלכע זיינען אָנגע־שריבן געוואָרן מיט... 15 הונדערט יאָר צוריק און — א סך פון זיי, די גרעסטע טייל פון זיי — זיינען גאַרניט צוגעפּאַסט צום איצטיקן לעבן!... ווי הויך עס זאָל ניט זיין די מאָראַל וואָס די גמרא בבא בתרא לערנט אונז — איז זי דאָך פאָרט, ניט צוגעפּאַסט צו דער איצטיקער־צייט! פון דער צווייטער זייט — הערשט אין ישראל די געזעץ־געבונג פון.. טערק, פון אטאמאנישן געריכט און פון... די ענגלענדער! עס וועט זיין קוריאָז, אָבער, עס איז א פ אַ ק ט! עס הערשן אין יש־ראל טערקישע געזעצן וואָס זיינען שוין אָפּגעשאַפט געוואָרן אין... טערקיי גופא! קעמאַל־פּאַשאַ האָט זיי ב אַ ז ײ ט י ק ט , ווייל ער האָט געהאַלטן אַז זיי זיינען שוין ניט צייטמעסיק, ווייל זיי זיינען געווען צו־געפּאַסט צום פּרימיטיוון לעבן פון טערקיי ווען דער טערק איז נאָך געווען א וועלט־שקלאַף! אין ישראל איז נאָך אַזאַ געזעץ „תורת לאָקשן".

פאַרוואָס שאַפט מען זיי ניט אָפּ אין ישראל? הערט א קוריאָז, פאַרוואָס?

אין ישראל זיינען פאַראַן צוויי ג ר ו י ס ע ט ע נ ד ע נ צ ן בנוגע דער געזעץ־געבונג בפרט.

איינע טענה'ט: — אַז דער א י ד י ש ע ר משפט דאַרף געפירט ווערן על פי תורת משה, לויטן אידישן דין, לויט דער תורה, לויט דעם... ואלו המשפטים, לויט דער גמרא און יורה דעה...

די צווייטע וויל, אַז דער אידישער משפט זאָל זיין אַ מאָדערנער, אַ היינט־וועלטיקער, לויטן סיסטעם פון אַמעריקע, למשל, אָדער פראַנק־רייך! און, כדי ניט אַריינברענגען קיין קריזיסן אינ'ם איצטיקן מאָמענט פון ישראל ישוב, איז מען געקומען צו אַ שטילן „ ש ט ו מ ע ן " הסכם:

מען לערנטביידע זאַכן! אי װ ע ל ט ל ע כ ע יוריספּרודענץ, אי... בבא בתרא. די געזעצן זיינען אָבער געבליבן די אַלטע, די אָ ט אָ מ אַ־נ י ש ע , די טערקישע און אַביסעלע די ענגלישע! עס טרעפט אָפט, אַז אַ שופט גיט אַרויס זיין פסק דין, אויפן סמך, פון א „סענטענסיע" וואָס אַ ענגלישער געריכט האָט וועגן אַ ענלעכן ענין אַרויסגעגעבן...

שפּעטער מיט עטלעכע טעג, האָב איך — וועגן אָט דעם ענין —

גערעדט מיט אַ חשובן רב פון תל אביב. אַ איד וואָס איז, אי וועלטלעך קלוג און געלערנט, אי פאַנאַטיש פרום, און ממש אָבערגלויבעריש, וואָס וואַרט אויף משיח בן דוד און ער איז זיכער אין זיין קומען, ע ר האַלט אַז די משפטים מוזן זיין געריכטעט, בלויז על פי התורה, בלויז ווי די סנהדרין האָבן זיך געפירט!

אַיי, סטייטש — וויל איך זיך מיט אים אויסטענה׳ן און וויל אים איבערצייגן — אַיי, סטייטש, דאָס היינטיקע ארץ ישראל איז דאָך נים דאָכ אַמאָליקע מ ל כ ו ת ישראל! היינט, זיינען דאָך פאַראַן אין יש־ראל, גנבים, באַנדיטן, פּראָסטיטוטקעס, שווינדלער, און אַלץ וואָס אַ נאָר־מאַל לאַנד האָט און... מוז האָבן! היינט, איז דאָך ארץ ישראל, נים קיין לאַנד פון כהנים און לוויים, אַ לאַנד פון אַ בית המקדש מיט קר־בנות! היינט האָבן מיר דאָך נים אַפילו די כותל המערבי און די מערת המכפלה — נאָר גאָר אַ פּאַרלאַמענטאַרישע גרופּע פון דער... קאָ־מוניסטישער פּאַרטיי!

מיין חשובער רב, האָט דערויף אַ „פּאַרטיקן תירוץ”:

אָט, דערפאַר, האָבן מיר טאַקע אָט די אַלע מיאוסע זאַכן ווייל... מיר פירן זיך נים לויט תורת משה! ווייל מיר האַלטן נים אָן די דינים פון דער תורה וועלכע הייסן... פ אַ ר ש ט י י נ ע ר ן די זינדיקע!...

נו, טראַכט איך, שיין וואָלטן מיר אויסגעזען פאַר דער וועלט, ווען מיר נעמען אַריין אין אונזער שטראָף־קאָדעקס אַ געזעץ פון... פ אַ ר־ש ט י י נ ע ר ן!...

איך באַשלים ביי זיך:

ביי דער ערשטער, בעסטער, געלעגנהייט, אַוועקגיין אין אַ בית־משפט און זיך צוקוקן, צוהערן, ווי אַזוי אַ אידישער געריכט „פּסקנט”!...

— — — — — — — — — — — — —

אויפדערנאַכט, גייען מיר אין אידישן טעאַטער. דער קינסטלער זיג־מונד טורקאָוו שפּילט חנא גאָטעספעלדס קאָמעדיע „מחותנים”. 2 גוטע זייך־פלעצער וואַרטן אויף אונז. דער טעאַטער־סאַלאָן איז פול. די ערשטע צוויי רייען זיינען באַזעצט, נים פון... פאַבריקאַנטן און סוחרים וואָס קאָ־נען באַצאָלן די בעסטע פרייז פאַרן בעסטן פּלאַץ — נאָר... מיט שריי־בער און זשורנאַליסטן־ אַ דאַנק דער פריינטלעכקייט פון חבר י. רימון — ווער איך מיט דער גרעסטער טייל פון זיי — באַקאַנט און באַפריינ־

דעם. אַ שאָד װאָס אַ. סוצקעװער איז ניטאָ — אים װיל איך קאָנען אַז דאָס חיות גייט מיר אױס!...

מען ענדיקט שפּילן פּרי. אין ישראל הױבט מען אָן פרי שפּילן, און נאָך איידער דער זייגער קלינגט 12 ביינאַכט איז מען שױן אין דער היים.

װעדליג „אידיש גייט אונטער אין ישראל" — און װעדליג אַט די פּיעסע „מחותנים" שפּילט מען שױן אַ צענדליג מאָל — איז דער פּולער אידישער טעאַטער אַ קליינע טרייסט פאַר די פאַרברענטע אידיש-פרע־מער! אגב. שפּעטער האָב איך געכאַפּט אַ שמועס מיט זיגמונד טורקאָװ װעגן אידישן טעאַטער. ער האַלט אַז אידיש טעאַטער האָט נאָך אַ לאַנ־גע עקזיסטענץ אין ארץ ישראל. מען װיל אידיש טעאַטער! מען װיל אָבער ניט זען קיין... דראַמע. מען װיל בלױז אַ לעבעדיקע, אַ פריילע־כע פּיעסע. און נאָך אַ זאַך װיל מען ניט... מען װיל ניט קיין פּיעסן מיט אַ... נאַציאָנאַלן אָדער ציוניסטישן אונטערשלאַק! דאָס — זאָגן די ישראלים — דאַרף מען געבן אין גלות!... דאָרט, דאַרף מען אַריינקלאַפּן אין קאָפּ אַריין ציוניזם און אידישן אױפלעב...

און, אפשר איז ער טאַקע גערעכט, דער ישראל איד?...

17־טער אַפּריל:

היינטיקן טאָג באַשטים איך צו זיצן אין שטוב און אָפּטאָן צװיי אַרבעטן! ערשטנס: — אױפקױפן אַלע פאַרשידענע צייטונגען און זשור־נאַלן אין משך פון די לעצטע טעג און זיי איבערקוקן! דאָס איז אױך מיינע אַן אַלטע געװאױנהייט פון יענע יאָרן װען איך פלעג אַרומפאָרן איבערן לאַנד און איבער דער װעלט. װען איך פלעג קומען אין אַ שטאָט אַריין, האָב איך, דאָס ערשטע, געקױפט אַלע דערשיינענע צייטונגען און זיי דורכגעקוקט! לױט אַט די בלעטער, האָב איך זיך אָריענטירט אין „װעלכער" שטאָט איך געפין זיך? איך פלעג אָפּשאַצן דעם „גראַד" קולטור פון דער שטאָט, לױט אירע צייטונגען װאָס דערשיינען דאָרט.

װען איך האָב דערציילט דעם חבר ערנסט מיין פּלאַן אַז איך גיי אױפקױפן די צייטונגען װאָס זיינען לעצטנס דערשינען, האָט ער מיך געפרעגט װיפל... דאַלער איך האָב מיט זיך געבראַכט? ער איז ניט זיכער אַז... עס װעט מיר סטייען!...

אױב איך װיל אױפקױפן אַלע העברעאישע, אידישע, ענגלישע (פון אידישן אינהאַלט) דייטשע, אונגאַרישע און גלאַט צייטונגען און זשור־

נאַלן, דערשיינען דאָ אַזעלכע... 367 עקזעמפּליאַרן. אויב בלויז אי-דישע זיינען פאַראַן רעגיסטרירט... 284 צייטונגען און זשורנאַלן!

איך ווער געוואויער אַז אין תל אביב איז נישט פאַראַן קיין איין פּאַרטיי און פּאַרטייעלע וואָס זאָל נישט האָבן קיין אייגענע... עט-לעכע צייטונגען און צייטונגלעך! נישט פאַראַן אין ישראל קיין איין פאַראיין אָדער פאַראיינדלעע וואָס זאָל נישט ארויסגעבן קיין אייגן בלעטל! וואָס דאַרפט איר מער? אפילו די וואָס... פאָרן אויף „וואַקאַ-סיאָנעס" (חופש) האָבן אַן אייגענעם „אָרגאַן" וואָס „פאַרטיידיקט זיי-ערע אינטערעסן"! און וואָס דאַרפט איר נאָך מער? אפילו די... אַרעס-טאַנטן אין תפיסה געבן ארויס אַן אייגענעם בלאַט.

לשם קוריאַז, און טאַקע דערפאַר ווייל די אויפגאַבע פון אַט דעם בוך איז — ווי איך זאָג עס אין דער „צווייטער פאָרעדע" — צו באַקאַנען די לייענער מיט דער ווירקלעכקייט פון ישראל, וועל איך דאָ ברענגען, אַ טייל פון דער פולער רשימה פון די ישראל צייטונגען, ארויסגענומען פון אַן אָפיציעלער קוועלע, פון אַ ביכעלע וואָס הייסט: „מד-ריך לכתב-עת ישראלים".

ביי אַ טייל פון די צייטונגען איז אָנגעגעבן זייער צירקולאַציע. אויב מען זאָל דער צירקולאַציע נישט גלויבן אַלע הונדערט פּראָצענט, אָבער — 75 פּראָצענט איז זיכער ריכטיק. ווען מען נעמט אין אַכט אַז אין ישר-ראל זיינען איצט פאַראַן אנדערהאַלבן מיליאָן אידן, און ווען מען וויל מאַכן אַ חשבון, אַז צווישן זיי זיינען פאַראַן אַ גרויסער פּראָצענט נייע עולים פון די אַראַבישע לענדער וואָס... לייענען נישט דערווייל קיין שום צייטונג, ווייל... ווייל זיי קאָנען נישט לייענען און שרייבן, און מען גלייכט צו די צירקולאַציע פון ישראל צייטונגען און אויסגאַבעס מיט דער צאָל איינוואוינער, געפינט מען אוים דעם קוריאָז, אַז נאָך די אַפי-ציעלע „מסים" (שטייערן) פון דער רעגירונג און שטאָט-פאַרוואַלטונ-גען, זיינען די צייטונגס-הוצאות דער צווייטער לאַסט אויפן ישראל-בירגער...

— האָט דאָך דער בירגער אַ ברירה נישט צו קויפן די צייטונג?

— איז די לאַגע נישט אַזוי:

יעדע פּאַרטיי, און יעדער פאַראיין, צווינגט איר מיטגליד צו לייענען איר אויסגאַבע. בעסער געזאָגט: — זי צווינגט אים נישט צו לייע-נען — נאָר צו באַקומען! דעם שכר אַבאָנענט ווערט אים שוין אָראָפּ-גערעכנט ביי דער ערשטער געלעגנהייט! שפּעטער, בין איך געוואוירע

געוואָרן, ווי אַזוי מען רעכנט אָראָפּ ביים „פקיד” כך וכך, אַריינגערעכנט — צייטונגען און זשורנאַלן אויף וועלכע ער האָט זיך „פּריווילִיק” פאַרשריבן...

איך האָב דעם דאָנערשטיקן טאָג גע'פּטר'ט מיטן איבעריקן צייטונגען פון ארץ ישראל! כדאי, אַז אויך איר זאָלט פּטרן אַ שטיקעלע צייט און איר זאָלט זיך באַקענען מיט כאָטש אַ טייל פון דער רשימה פון די צייטונגען וואָס דערשיינען אין ישראל — אייגנטלעך אין תל אביב — צו קאָן מען און צו דאַרף מען אויך מאַכן אַ שטיקל „צנע” אין אַט דעם צייטונגס־וועזן, וועט איר אַליין באַשטימען!

ואלו הם! פאָלגנדע אויסגאַבעס אין עברית און אידיש, דערשיינען אין גאַנצן לאַנד:

אגרת לחברים — אגרת לשליחים — אומן — אורות — אונזער היינט — אורים — אורלוגין — איתיחד (אל־) — איתנים — אלף — אמר — הארץ — ארץ שלנו (ה־) — אשה במדינה (ה־) — באגוד המקצועי — בדרך — בהסתדרות — בולאי העברי (ה־) — בולטין — בחיגות — בטחון בעבודה — בטרם — בית ספרנו — במבחן — במדפה — במות — במחנה — במחנה הנח”ל — במחנה לעולה — במחנה עלומים — במסילה — במעלה — בסער — בעיות החנוך המשותף — בקבוץ — הבקר — בריאות לכל — בשער בתוכנו גאָלדענע קייט (די) — גזית — גיל־רון — גליונות — דאר — דבר — דבר הפועלת — דבר השבוע — דבר לילדים — דברי הימים — דברי־הכנסת — דגלנו — דגש — דור (ה־) — דורות — דחליל — דף לעובדי המדינה — דפי הג”א — דפי עליה — דפים לבעיות חינוכיות־סוציאליות — דפים לתזונה — דפים רפואיים — דורך (ה־) (א־דארב) (ה־) — ראה שורש המלה — הד (ה־) — הד הגן — הד הדפוס — הד החנוך — הד הנגב — הדים — הוראות הטבע — הוראות לעונה — היה נכון — וואסית (אל־) — ווארט (דאס־) ויצ”ו בישראל — זאַמלונג — זרעים — ח. א. — חדש בהסתדרות (ה־) — חדשות השרות הבולאי — הזון — חייל משוחרר (ה־) — חיפה העובדות — חנוך (ה־) — חנוך הגופני (ה־) — חנוך המוסקולי (ה־) — חנוך חקלאי — חצות — חקיקת־אל־אמר — חקרי עבודה — חרות — טבע והארץ (ה־) — טכניקה ומדע — טרקלין — ידיעון — ידיעון המחלקה המוסלמית והדרוזית — יד לקורא — ידיעות אגודת הצמחונים בישראל — ידיעות אחרנות — ידיעות ברית הפקוח לקואופרציה צרכנית — ידיעות דורשי הטכניון — ידיעות האוניברסיטה העברית בירושלים — ידיעות המחלקה לעלית ילדים ונוער — ידיעות ויצ”ו בישראל — ידיעות כלכליות — ידיעות לחברים — ידיעות ליצואן — ידיעות משרד החנוך והתרבות — ידיעות סטטיסטיות — ידיעות עירית רמת־גן — ידיעות עירית תל־אביב־יפו — ידיעות תנובה — ידע־עם — יום (אל־) — יזמה — ילקוט האגוד למחקר קרמי — ילקוט המועצה המדעית לישראל — ילקוט (ה־) — ילקוט המפקד בגדנ”ע — ים — ימאי הישראלי (ה־) — יסודות — ירושלים — ירחון העבודה — ירחון חנוכי — ירחון כטטיסטי לישראל — ישראל — ישראל־אמריקה — ישראל ססס”ר — כלכלן — כפר (ה־) כתבים — לאשה — לחורים — לוח הארץ — לירקן המתחיל — למען הילד והנוער — ליצטע נייעס — לקורא הצעיר — לקט — לשוננו — לשוננו לעם — מאבק — מבוע — מבפנים — מגילות — מגמות — מדריך הכחול (ה־) — מה טוב לדעת — מודיע (ה־) — מודיע הצעיר (ה־) — מודיעין — מולד — מולדת — מולדתי — מזרח החדש (ה־) — מחברות למרקסיזם — מחזור עובדים וחסורים בעבודה — מינהל (ה־) — מכבי (ה־) — מכם ותעבורה — מנאיזם — מסחר — מעריב (ה־) — מערכות — מערכות־ים מפעל (ה־) — משא משק החקלאי (ה־) — נאמן (ה־) — ניג הקבוצה — ניב לשכות העבודה — ניבים — ניבנו — נייוועלט — ניר — נר — נרות שבת — נתיבה — סולם — סחר החוץ של ישראל — סיכום חדשי למזג האויר — סיכומי עליה — סיני סלילים — ספורט לעם — ספורט ישראל — ספר הכתבות — ספ־

השנה של העתונאים — סקירון צבאי — סרט — עבר (ה־) — עובד הדתי (ה־) — עובד הלאומי (ה־) — עובד הציוני (ה־) — עולם אחד — עולם הזה (ה־) — עולם הפשע — עולם הקולנוע — עיון — עיונים בין־לאומיים — עיונים למורה ולמדריך — עירית רמלה — על־החומה — על־המשמר — על־המשמר לילדים — עלון — עלון התלמיד — עלון ידיעות — עלון לחברים — עלון למדריך — עלון מחלקת העתיקות של מדינת ישראל — עלון מכון התקנים — עלונים למשקי עזר — עלים — עלים לעולה — עלים לפעילי תרבות — עם וספר — עתון אגודת האינג׳נרים והארכיטקטים בישראל — עתון האגודה הישראלית לתכנון ערים — עתון הנח"ל — עתידות — פאָלק און ציון — פוסק (ה־) — פועל הצעיר (ה־) — פי־כל — פנקס קטן — פסקי־דין של בית המשפט העליון — ספקים פרוזדור — פרעסע ביולעטין — פריי ישראל — פרקליט (ה־) — פתח־תקוה — צופה (ה־) — צופה לילדים (ה־) — ציון — קבלן והבונה (ה־) — קול (ה־) — קול־העם — קול נכי המלחמה — קול ציון לגולה — קולנוע — קונטס ביבליוגרפי — קמה — קרית־ספר — קרננו — ראבטה (אל־) — רבעון למתמטיקה — רואה החשבון המוסמך — רופא במוסד (ה־) — רופא לאם (ה־) — רוקח העברי (ה־) — רפואה — רפואה הוטרינרית (ה־) — רשום מחוסרי עבודה בלשכות עבודה — רשמות — רשימת מכירה של השרות הבולאי — שבוע בקבוץ הארצי (ה־) — שדה (ה־) — שדה לגן ולנוף (ה־) — שדה למשק עופות — שדה לנוער (ה־) — שוטר ישראל — שורות — שיתוף — שלוחות — שנתון הידרולוגי לישראל — שנתון הממשלה — שנתון סטטיסטי — שערים — שערים לנוער — שרות לצרכן — תברואה — תורה והמדינה (ה־) — תכנית לבטוח סוציאלי בישראל — תלמים — תנועת דרשי העבודה בלשכות — תעופה (ה־) — תעשיה (ה־) — תפריט תרביץ — תשע־תשע־תשע („999")

איך וויל זיך נעמען איבערקוקן עטלעכע צייטונגען, וואָס איך האָב אוספּייעט שוין אָנצוקויפן, איך וויל זיי „אויססורטירן" — נאָר עס גייט מיר עפּעס ניט: איך לייג אַוועק די אַרבעט. אַ גליק איז וואָס באַלד אינדערפרי האָב איך אַ גאַסט. חבר ווילענסקי האָט דעם „ערב-שבת" אָנגעהויבן פון ניין אַזייגער אינדערפרי. ער וועט היינטיקן טאָג אָפּגעבן מיט אונז. ער וויל אונז באַגלייטן און ווייזן צוויי וויכטיקע ערטער אין תל אביב, דעם „בית ביאַליק" און „מצודת זשאַבאָטינסקי". ביידע היסטאָרישע מקומות, זיינען זייער פאַרהייליקט ביי די ישראל אידן. אין „בית ביאַליק" קומט מען זיך צענויף אַלע פרייטיק צו נאַכטס, עס קומט אַהין אויך די אלמנה ביאַליק, און דער אָוונט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ ביאַליק-אַקאַדעמיע, אין א רוחנית'דיקן אויפדער־נאַכט. כדי אָבער צו קאָנען גוט בעאָבאַכטן דעם „בית ביאַליק", דאַרף מען, פריער, קומען אַהין אין אַ מיטן-טאָג און באַטראַכטן דאָס הויז.

צופעליג האָבן מיר איצט דאָרט געטראָפן אַן אויסשטעלונג פון ביאַליקס און בכלל אַנדערע אַרבעטן וועגן קעשעניעווער פּאָגראָם. אַלע טישן און פרייע פלעצער זיינען פאַרנעמען מיט אָט דער אויסשטעלונג פון צייטונגס-מאַטעריאַלן און אָריגינאַלן, בריוו. דאָקומענטן א. א. וועגן קעשעניעווער פּאָגראָם.

מיר שפּאַצירן פון חדר צו חדר. דער „אַרבעטס-צימער" ווו דער גרויסער דיכטער ע"ה האָט געאַרבעט, איז אָפּגעשלאָסן פאַר באַזוכער.

מען דארף זיך באנוגענען מיט קוקן בלויז פון דער אפענער טיר. לכבוד אונז, געסט פון ארגענטינע, א שרייבער און זיין פרוי, דער צו א געוועזענער שכן און באקאנטער פונ'ם נפטר. ווען מיר האבן געלעבט אין אדעס, עפנט דער „מנהל" דעם צימער און מיר גייען אריין אינעווייניק. יעדער קלייניקייט איז אפגעהיט. און שטייט אזוי, גלייך ווי ערשט נעכטן ביינאכט האט דארט ביאליק געארבעט. פון דארט שפאנען מיר אריין אין דער ביבליאטעק. די ביכער זיינען ניט אין ארדענונג, עפעס צופיל אנגעווארפן. דער מנהל דערקלערט אונז: אזוי האט ער געלעבט דער מייסטער פון „משא נעמיראוו", אזוי איז געווען, און אזוי —ניט אנרירנדיק גארניט — איז געבליבן ביז היינט צו טאג, און פונקט ווי ביים לעבן, אזוי אויך איצטער, קומט די פרוי ביאליק אליין אריין אהער, טרייסלט אפ דעם שטויב, ווישט אויס דאס פענצטער און האלט ריין דעם צימער. זי וויל ניט, אז עמיצער זאל זיך דא פארען...

דאס „זשאבאטינסקי-הויז" האט שוין גאר אן אנדער באדייטונג. ביי ביאליק-הויז, טרעפט מען זיך אן מיט אידישער חכמה און אידישער וויסנשאפט. אין „זשאבאטינסקי-הויז" טרעפט מען אידישע גבורה, געשיכטע פון אידישן העלדנטום. ווען מען גייט ארויס פון „זשאבאטינסקי-הויז", פילט מען זיך שטאלץ וואס אזא גאון האט געלעבט אין אונזער דור. עס גנבעט זיך אריין א געדאנק אין קאפ:

און, אפשר, איז ער געווען גערעכט? אפשר, ווען מען פאלגט אים, וואלט מען אפגעראטעוועט איינעם אדער מערער מיליאנען אידן פון פוילן!... און אפשר, האט מען טאקע, מיט די ענגלענדער, געדארפט האנדלען אנדערש!...

אזוי צו אזוי: פון זשאבאטינסקי-הויז גייט מען ארויס מיט א ברכה אויף די ליפן אויף זיין אדרעס און אויף זיין טעטיקייט...

— — — — — — — — — — — — —

איך מאך נאך אינדערפרי א דריטן וויזיט — אין ארגענטינער קאנסולאט. ערשטנס: — דארף יעדער ארגענטינער בירגער, ביי זיין אנקומען אין א פרעמד לאנד, רעגיסטרירן זיין פאספארט אין זיין קאנסולאט, צווייטנס: — האב איך פשוט געוואלט הנאה האבן פון אריינקומען אין מיין „טעריטאריע", רעדן אביסל שפאניש, און טאקע גריסן, די פארשטייער פון מיין לאנד!

די שיינע, סימפאטישע פריילן, וואס נעמט אויף, רעדט א שיינעם שפאניש און... נאך א שענערן עברית!... נו! גיי האב ניט קיין נחת

וואָס אין אַ קאָנסולאַט פון אַזאַ וויכטיק לאַנד, אַזאַ מעכטיקע מדינה ווי אַרגענטינע איז, רעדט אַ באַאַמטער אָדער באַאַמטע, אונזער אייביקע שפּראַך — עברית!

— — — — — — — — — — — —

תיכּף נאָכן עסן פאָרן מיר אַרויס אָנקוקן און זיך באַקאַנען מיט יפו. מיר פאָרן זאַלבע-פיר: די חברים ש. ערנסט, ווילענסקי און איך מיט מיין פרוי. איך האָב אין יפו עטלעכע „מיסיעס" דורכצופירן. ערשטנס: — וויל איך גלאַט זיך באַקענען מיט יענעם מקום, וואָס האָט אַזוי פיל צרות אַזוי פיל קרבנות און אַזויפיל אומגליקן געבראַכט אויף די ישראל-אידן בכלל און פאַר תל אַביב'ער אידן בפרט. צווייטנס: פאָר איך זוכן די... יפו'ער גימנאַזיע — דער חלום פון מיינע קינדער-יאָרן, דער טרוים פון טויזנטער אוקראַאינישע דרייצן-פערצן יאָריקע קינדער — פון פאַר דער ערשטע וועלט-מלחמה — וואָס האָבן אין אָט דער גימנאַזיע „הרצליה" געלערנט, אָדער זיך געקליבן פאָרן לערנען.

ערשט — זיצנדיק אין אויטאָ וואָס האָט אונז געפירט קיין יפו, און זאָגנדיק מיינע באַגלייטער, אַז דאָס ערשטע וויל איך פאָרן אָנקוקן די יפו'ער גימנאַזיע, האָבן זיי זיך... צעלאַכט פון מיר! די יפו'ער גימנאַזיע „הרצליה" געפינט זיך ניט אין יפו — נאָר אין סאַמע צענטער פון תל אביב, אויף דער הרצל גאַס! אמת; דאַן, מיט פערציק יאָר צוריק, איז דאָרט געווען די גרענעץ מיט יפו, און בכלל אַ זאַמדיק שטיק פּלאַץ, היינט, איז די הרצל-גאַס, און די „הרצליה"-גימנאַזיע אין סאַמע צענטער פון תל אביב, פּונקט ווי, להבדל, דער „בית הקברות הישן" איז אין סאַמע צענטער פון שטאָט, נעבן דער „בן-יהודה" גאַס...

און — אַ צווייטע „מיסיע" האָב איך געהאַט: אָפּשטאַטן אַ וויזיט אַ נייעם „עולה", וואָס וואוינט שוין אין יפו אַ יאָר פיר, איך דאַרף זיי אָפּגעבן אַ גרוס פון זייער דאָפּלטן שוועסטערקינד פון בוענאָס איירעס, פון באַקאַנטן קולטור-טוער יעקב און פעליאַ מ ו ש ק אַ ט, „אויב דו וועסט פאַרשטיין אַז דו דאַרפסט עפּעס איבערלאָזן — לאָז זיי „עפּעס" איבער" — האָט מיר מושקאַט אָנגעזאָגט. דער „עפּעס", האָט געהייסן אַ צוויי-דריי הונדערט פּעזעס, — אַ צען אָדער צוואַנציק פונט...

מיר הויבן אָן אַריינפאָרן קיין יפו. אייגנטלעך — איז גאַנץ תל אביב געלעגן די יפו'ער באַנדיטן אונטער דער נאָז, אונטער דער האַנט. מיר

זיינען ניט אָפּגעפּאָרן פון תל אביב'ער „צענטער" קיין צוויי מינוט און מען ווייזט מיר שוין:

אָט דאָ הויבט זיך אָן יפו! אָט דאָ, האָט מען געשאָסן אויף אונז! אָט די צעוואָרפענע הייזער זיינען געוועזן נעסטן פון די רוצחים אַלע יאָרן און ספּעציעל — ביי דער באַפרייאונגס מלחמה!

איך באַטראַכט דאָס פּלאַץ און הויב טאַקע ניט אָן צו פאַרשטיין ווי אַזוי די תל אביב'ער אידן האָבן דאָ געלעבט? דערציילן מיר טאַקע מיינע באַגלייטער, אַז אַלע יאָרן פון מאַנדאַט אָן — האָט אַ איד איינ־געשטעלט זיין לעבן ווען ער איז דאָ דורכגעגאַנגען אָדער דורכגעפאָרן! פון גיין אַליין ביינאַכט אין אָט די געגנטן — איז גאָר קיין רייד ניט געווען!... אויב אַ איד האָט זיך פאַרזעסן ביי אַ פריינט ביינאַכט און האָט זיך פאַרשפּעטיקט — האָט ער שוין געגעכטיקט ביי אים! איבער יפו'ער „גאַסן", משטיינס געזאָגט, איז קיין איד קיינמאָל ניט זיכער געווען מיט זיין לעבן!

און איצט?

דאָרט, ווייטער, אין „גבעת עליה", אָדער ווי מען רופט עס לויטן אַראַבישן אָפּשטאַם — אין „דזשעבעליא", וואוינען נאָך אַביסל אַראַ־בער וואָס זיינען געבליבן געטריי, האָבן ניט גענומען קיין אנטייל אין דער מלחמה און — דער עיקר — זיינען ניט אַנטלאָפן! זיי וואוינען אין זייערע ענגע, שמוציקע געסלעך, זיצן מיט די פיס אונטער זיך, און דער־ציילן זיך מעשיות פון טויזנט איין נאַכט... זיי זיינען גערן און צופרידן וואָס מען טשעפּעט זיי ניט!...

מיר זיינען שוין אין „צענטער" פון „דזשעבעליא". מיר גייען צופוס און באַקוקן די גאַסן. ווי קאָמיש די „שטאָט" זעט אויס, מיט אירע פאַרדאַרטע ענגע געסלעך? וואָס פאַר אַ פּנים האָט אָט די אַלטע „אַראַ־בישע" „שטאָט" קעגן דער יונגער תל אביב? צוויי קאָנטראַסטן: אָפּ־געשטאַנענקייט און ציוויליזאַציע. מיטלאַלטער און 20־טער יאָר־הונ־דערט, באַרבאַריזם, אַנאַלפאַבעטיזם און קולטור, פּראָגרעס און לעבן.

מיר זוכן אַ גאַס וואָס טראָגט דעם נומער הונדערט, די נומערן זיי־נען דאָרט צעדרייט פּונקט ווי די גאַסן זעלבסט! אָט זיינען מיר ביי דער גאַס נומער 90, אָט זיינען מיר ביי דער גאַס נומער 94 און נאָך איר גייט די גאַס נומער... 54 און דערנאָך די גאַס נומער... 13! היינט גיי, דערגיי דאָ אַ טאָלק.

מיר האָבן די גאַס נומער הונדערט ניט געפונען! אַפילו די שוטרים

(ווּיזשילאַנטן פון דער גאַס) האָבן ניט געקאָנט אָנווייזן ווו די גאַס נומער הונדערט געפינט זיך! דערפאַר, אָבער, האָבן מיר געפונען אַ אידישן בחור — אַ האַלבער „סבראַ" וואָס האָט אונז געפירט ווייזן דעם „גאָלד-פאָדען טעאַטער" פון „דזשעבעליא"... ווען גאָלדפאָדען ע"ה שטייט אויף פון זיין קבר און דערזעט אין וועלכן מקום, אין וועלכער געביידע ז י י ן טעאַטער עקזיסטירט — וואָלט ער בעסער געוואָלט צוריק אַריין אין קבר אַריין...

ווי קומט אַ אידיש טעאַטער אין אַזאַ פאַרוואָרפן ווינקל, אין אַזאַ אָפּגעריסענעם „סאַראַי" אין די וויסטענישן פון „דזשיבעליע"?

ווען מען האָט „געכאַפּט" — האָט מען קיין שענערע געביידע ניט געקאָנט שוין „כאַפּן!" שוין געקומען צו שפּעט!... פאַראַן שיינע געביידעס אויך אין יפו! איבערגעבליבענע הייזער פון ר י י כ ע אַראַבער, ווען די רוצחים זיינען פון דאָרט אַנטלאָפן, האָבן זיי אין איילעניש אי-בערגעלאָזט אַפילו... די גלאָז טע, ניט דערטרינקען... כי נפל פחד היהודים עליהם! אָט יענע גרויסע געביידע האָט פאַרנומען די רעגי-רונג און פאַר א י ד י ש ן טעאַטער, איז קיין פּלאַץ ניט געבליבן!

אַגב, אונזער נייער באַגלייטער האָט אַנטייל גענעמען אינ'ם קאַמף פון יפו! ער איז געווען אַ שאָפער פון אַ לאַסט-אויטאָ וואָס האָט קיין יפו געפירט סאָלדאַטן און צוריק... פאַרוווּנדעטע און טויטע. ער אַליין איז צוויי מאָל פאַרווונדעט געוואָרן, אָבער ער האָט ניט פאַרלאָזט זיין פּאָסטן ביי דעם רעדל פון זיין לאַסט-אויטאָ. ער פאַרזיכערט אונז, אַז ווען ניט די אירגוניסטן וואָלט מען יפו ניט גענעמען און ווער ווייסט? מעגלעך אַז יפו וואָלט געבליבן ביי די אַראַבער...

— און די „הגנה"?

— די „הגנה" איז אונז „געקומען צו הילף" שוין... נאָך אַלעמען, ווען מיר האָבן שוין געהאַט יפו אין אונזער באַזיץ...

ווען די אַראַבער פון יפו, זיינען נאָר ג ע וו א ו י ר ע געוואָרן, אַז אויף יפו גייט דער „אירגון" — האָבן זיי געוווּסט אַז זיי וועלן האָבן אַ ביטערן סוף און האָבן איבערגעלאָזט אַלץ און זיך צעלאָפן! אָבער — וויפל קרבנות האָבן מיר — די אירגוניסטן — געלייגט?

— צי אנערקענט מען עס?

אונזער בחור פאַרטרויערט זיך אַביסל, זיין פּנים איז ערנסט און דוכט זיך מיר, אַז מיט די הענט האָט ער געמאַכט פויסטן... ער ענטפערט:

— דאָס פ א ָ ל ק יאָ! פרעגט וועלכן אידן איר ווילט אין תל אביב, אויב ער איז ניט קיין פאַנאַטישער מפאַ"י-ניק וועט ער אייך זאָגן און דערציילן אַז אַ דאַנק דעם אירגון איז תל אביב באַפרייט געוואָרן פון שטענדיקן אַראַבישן טעראָר...

— — — — — — — — — — — —

עס פעלט נאָך אַ פּאָר שעה צו נאַכט, אָבער מיינע באַגלייטער איילן זיך שוין אַהיים, קיין תל אביב. וואָס איז? אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן מיר שוין ניט מיט וואָס אַהיים פאָרן. די אָמניבוסן בלייבן שטיין פון ערב שבת ביז מוצאי שבת!...

איך פאַרשטיי עס ניט און וויל, ממש, ניט גלויבן! ס'הייסט? ווי אַזוי שטעלט מען אָפּ אַזאַ וויכטיקן נערוו פון לעבן פון אַ לאַנד, ווי דאָס איז דער ט ר אַ נ ס פּ אָ ר ט, אויף גאַנצע 26 שעה?

— אָט אַזוי איז ביי אונז! אָבער ניט געזאָרגט! שבת איז ניטאָ קיין טראַנספּאָרט פאַר... קבצנים, פאַר די, וואָס פאָרן מיטן אויטאָבוס און קאָנען זיך ניט פאַרגינען צו נעמען אַ טאַקסי אָדער פאָרן מיט אַ „שפּעשעל" (ספּעציעלע טאַקסים). אָבער, באַלד ווי דער אויטאָבוס בלייבט שטיין, ערב שבת, אַזוי הויבן אָן צירקולירן אָט די קאָלעקטיווע טאַקסים אי־בער דער גאַנצער שטאָט און אין אַלע פאָרשטעט פון תל אביב — אַ חוץ אין בני ברק — דער געזעץ פון שבת רו — איז בלויז פאַר... קבצנים!

— נו! און אַז אַ מאַמע, וואָס האָט אַ קינד אין אַ קיבוץ, עט, עט ווייט, און האָט נאָך קליינע קינדערלעך אין דער היים, וואָס קאָן זיי ניט לאָזן שלאָפן אַליין און אַוועקפאָרן אין קיבוץ אַריין פרייטיק, — אַז אַ ז אַ מאַמע, וויל שבת צופאָרן אַ קוק טאָן צום קינד אין קיבוץ, וואָס טוט זי?

— פאָרט זי ניט! אויב זי האָט ניט אויף צו דינגען אַ טאַקסי — אַ „שפּעשעל" — פאָרט זי ניט!... ניטאָ קיין אָמניבוסן אין ישראל וואָס זאָלן פאָרן שבת! אַ חוץ... אין חיפה!

אַ ערגערע צרה איז מיטן אויטאָבוס טראַנספּאָרט, ווען עס קומט אָן דער ליבער זומער מיט זיין „חמסין" (דושנע היץ). די צרה באַשטייט, אָט אין וואָס:

ווי באַוווּסט, האָט תל אביב אַ פּרעכטיקן און גרויסן ים-ברעג (שפת הים), מען גייט דאָרט שפּאַצירן, מען קוקט פון דאָרט אַרויף צו דער לבנה, מען רעדט דאָרט וועגן... ליבע און פּאָליטיק און... מען

באַרימט זיך מיטן שיינעם „שפת הים". איין קליייניקייט: — באָדן זיך ביי אָט דעם שפת ים, ביי דער גרויסער זאַמדיקער פּליאַזשע, באָדן זיך — קאָן מען ניט! מען טאָר ניט!...

די אינזשעניערן וואָס האָבן געבויט אָדער „מאָדערניזירט" תל אביב, האָבן פאַרפעסטעט דעם גאַנצן שפת הים, דורך אריינלייגן אַהין די רערן וואָס ברענגט פון גאַנץ תל אביב, דעם אָפּפאַל און דעם שמוץ פון די „בית הכסאים" פון דער שטאָט... עס איז פעסטגע־שטעלט געוואָרן, אַז באָדן זיך אין דעם תל אביב'ער „שפת הים" איז ממש סכנות נפשות!

וואָס זשע טוען די תל אביב'ער אידן ווען זיי ווילן זיך פאָרט אַ באָדט טאָן אין ים-וואַסער?

פאָרט מען וועיט, ווייט, פון תל אביב. מען פאָרט קיין הרצליה, קיין נתניה, קיין "בית ים" און אפילו — אין די אומבאַקוועמע „פּליאַ־זשעס" פון יפו'ער „דזשעבעליא"! דאָרט, אין יפו, ווען מען וויל זיך באָדן, מוז מען פאָרן אין צווייען. איינער — דאַרף שטיין און... האַלטן דעם צווייטנס מלבושים אין די הענט...

איז ווידער דאָס זעלבע. ווען קאָן זיך אַ תל אביב'ער אַרבעטער אָדער באַאַמטער פאַרגינען צו נעמען זיין ווייב און קינדערלעך און זיך פאָרן באָדן צום ים? — בלויז שבת! אַ גאַנצע וואָך אַרבעט ער דאָך און איז פאַרדאגה'ט מיט זיין צענויפקלאַפּן די פּרנסה, אפילו ווען ער איז שוין אַ פּקיד גאַנצע 30 יאָר!...

פאָרן שבת? ס'איז גרינג צו זאָגן, פאָרן שבת! מיט וואָס פאָרט מען? קיין ביליקער טראַנספּאָרט-מיטל — קיין אויטאָבוס, איז דאָך ניטאָ! און פאָרן מיטן „שירות" — מיטן קאָלעקטיוון טאַקסי, דאַרף אים אָפּקאָסטן — פאַר אים און פאַר זיין פאַמיליע — אַ מאַיאָנטעק מיט געלט! אַזאַ פאָר אַהין און צוריק — שוין אין נאָענסטן פּלאַץ — קיין בית ים — דאַרף אים אָפּקאָסטן — בלויז די רייזע — קרוב צו זיבן אָדער אַכט פונט! נו! וועלכער באַאַמטער וועט זיך דאָס פאַרגינען? וועלכער אַרבעטער קאָן דאָס אויספירן?

זיינען טאַקע די פּליאַזשעס, ווו מען מעג זיך באָדן, נעבן תל אביב... פול מיט באָדנדע! אָבער — בלויז פאַרמעגלעכע! בלויז אַזעלכע וואָס האָבן אייגענע אויטאָס, אָדער קאָנען צאָלן די טאַקסי-פּרייזן פאַר דער רייזע!

דער שמירת שבת געזעץ — איז בלויז קעגן קבצנים! די רייכע פילן אים ניט!

צי איז דאָ אַ האָפענונג אַז עס זאָל עפּעס געענדערט ווערן?
— כמעט ווי ניט! פונקט פאַרקערט! מען ריכט זיך אויף ערגערס!

ערב אונזער אָפּפאָרן פון ישראל, האָט מען שוין גערעדט וועגן אַ פאַרשטייענדן „קאַבינעט-קריזיס". מען האָט זיך געפּילפּולט אַרום אַ „וויכטיקן" ענין, צי מען זאָל אין די שולן — בעת אַ יום-טוב, ספּעציעל דעם ערשטן מאַי און דעם „טאָג פון הסתדרות", אַרויסהענגען צוויי פאָנען: — איינע, די ווייס-בלויע און די צווייטע — אַ רויטע. מען האָט אויך גערעדט וועגן זינגען — צוזאַמען מיט דער התקווה — דעם „אינטערנאַציאָנאַל". די שותפים פון דער רעגירונג — די ציונים כללים, זיינען געווען געגן 2 פאָנען און צוויי „הימנען". בן גוריון האָט... געהאַלטן מיט זיי אָבער זיין פאַרטיי — איז געווען פאַר צוויי פאָנען און פאַר צוויי הימנען!... ווער, דערום קומען אַ קריזיס אין קאַבינעט! און תל אביב'ער אידן — מענטשן אינטעליגענטנע וואָס ווייסן וואָס זיי רעדן — האָבן מורא געהאַט אַז כדי צו שאַפן אַ נייעם קאַבינעט וועט מען מוזן אָנקומען צו... דער מזרחי און — וואָס נאָך ערגער — צום אַגודת ישראל! און אָט די לעצטע וועלן פאַרערגערן דאָס פרייע לעבן פון ישראל-אידן! זיי וועלן פאָדערן אַן אַבסאָלוטן „שמירת-שבת". מען זאָל פאַרבאָטן, ווען עס איז אויטאָ — אַפילו אַ גויאישן — פאָרן אום שבת! — סיידן — די אויטאָס פון „מגן דוד אדום"! — זיי וועלן... אָנווענדן „טעראָר", מיט באָמבעס ווי עס פלעגן עס טאָן אין רוסלאַנד די „סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן" קעגן קיסר!

טעראָר? עס וועט זיין אומגלויבלעך — אָבער עס איז אַ טרויעריקער אמת! די גרעסטע „טעראָריסטן" אין ישראל, טראָגן... לאַנגע קאַפּאָטקעלעך און לאַנגע פּאות'לעך און זיינען פאַנאַטישע פרומאַקעס: אָט די חברה, וואָס טיטולירן זיך „ברית הקנאים" ווילן מיט גוואַלט-מיטלען, דרייען אויף צוריק די ראָד פון לעבן און פּראָגרעס. נעמט מען אָן אַ געזעץ וועגן איינהייטלעכער דערציאונג — ווילן זיי אונטערלייגן אַ באָמבע אין הויז פון דערציאונגס-מיניסטער... צי שטייט ערגעץ געשריבן אין דער תורה אַז מען דאַרף אַזוי האַנדלען? — ווייס איך ניט: נאָר, אַז די רעגירונג און ספּעציעל די פּאָליציי, גייט מיט זיי מיט זיידענע הענטשקעס — איז גאָר קיין פראַגע ניט!... זיי שיקן דראָאונגס-בריוו צו קצבים וואָס פאַרקויפן „בשר כשר" און סטראַשען זיי מיט

קליין ביסטו ישראל, אָבער שיין און פּרעכטיק



(אויבערשטע רייע פון רעכטס צו לינקס): א): אַ גאַס אין רחובות. ב): דער מוזעום אין תל אביב. ג): טראַפיק־פּאָליציי היט די גאַסן און וועגן אַז מען זאָל פאָרן לויטן רעגלאַמענט.

(צווייטע רייע) א): די צענטראַלן פון „מגן דוד אַדום". ב): די „וויצאָ" לערנט די מזרח־עולים אַרבעטן און אויסנייען. ג): דער קיבוץ קרית ענבים.

(דריטע רייע) א): „רחוב המלכים" אין חיפה. ב): אַ לייענער פון צייטונגען, טראַכט וועלכע היינט צו קויפן.

אונטערשטע רייע (פון רעכטס צו לינקס) א): אַ ווינקעלע אין קיבוץ „קרית ענבים. ב): אַ „בריק" אין עכו איבער וועלכער עס ליגן אויסגעלייגט וואַסער־רערן. ג): אַ גרופּע ישראל־אַראַבער גייען פון דער אַרבעט. דער מאַן זיצט אויפן קעמל און די פרוי שלעפּט עס...

די גרעסטע און שענסטע אידישע שטאָט אין דער וועלט













1) ווי אַזוי תל אביב זעט אויס אין יאָר 1953. 2) די גרויסע אַ ל ע נ ב י גאַס פון תל אָביב איז שטענדיק — אַ חוץ שבת און יום־טוב אויפגעלעבט. 3): ביים ברעג ים פון תל אביב. 4): די באַרימטע גאַס „שדרות רויטשילד" מיטן מאָנומענט פאַר די גרינדער פון תל אביב. 5): „ככר מגן דוד", איינע פון די שענ־סטע גאַסן פון תל אביב. 6): דער גרויסער „הבימה"־טעאַטער פון תל אביב. 7): אַ צווייטער אויסזען פון דער 'שדרות רויטשילד" גאַס־פּאַרק. 8): תל אביב'ער באַ־לעבטע גאַסן.

אונטערצינדן זייערע געשעפֿטן אויב זיי וועלן פֿאַרקויפֿן... אַרגענטי־נער כשר פֿלייש וואָס איז „געאַסורט" פֿון זייערע מענטשן, זיי באַוואָרפֿן מיט שטיינער אויטאָמאָבילן וואָס פֿאָרן אום שבת. זיי פֿירן אַפֿילו אַ קאָנטראָל ווער עס גייט אין... דער כשר'ער מקוה און ווער ניט! אַלץ ווערט זיי טאָלערירט! ערשטנס — מען ווייסט ניט צי מען וועט מאָרגן ניט דאַרפֿן אָנקומען צו זייערע שטימען און צווייטנס: —... דעמאָקראַטיע עליך ישראל!...

און אָט ביי די אומשטענדן, איז דער אויטאָבוס-פֿאַרקער אין ישׂ־ראל אָפּגעשטעלט גאַנצע 26 שעה אין דער וואָך און דאָס לעבן איז פּאַראַליזירט! די אַרבעטער, די באַאַמטע און מיטל-קלאַס-מענטשן, ליידן אָמערסטן דערפֿון!

ווי קומט עס, וואָס די „לינקע פּאַרטייען" — וועלכע זיינען אַ מער־הייט אין לאַנד — האָבן איינגעוויליקט נאָכצוגעבן די פּרומאַקעס אין אַזאַ, וויכטיקן, קאַרדינאַלן לעבנס-פּונקט?

צוליב צוויי וויכטיקע מאָטיוון: ערשטנס טאַקע ווייל די רעגירונג איז געווענדעט אין די רעליגיעזע שטימען, און האָט געמוזט נאָכגעבן אָט דעם פּונקט. פֿאַרגעסט ניט אַז די צווייטע טייל „לינקע" — די מפּ"ם — איז אין אָפּאָזיציע צו דער רעגירונג און וואָלט זיכער געשטימט קעגן איר צוזאַמען מיט דער... אַגודת ישראל און מזרחי.

צווייטנס: — פֿאַראַן נאָך אַ זאַך, אָבער — דאָס איז שוין אַ „סוד"! אַ סברא, אַז אַמעריקאַנער אידן פֿ אָ ד ע ר ן אַז אין ישראל זאָל שבת — זיין פֿולשטענדיק שבת! זיי — וואָס געבן די מיליאָנען דאָלער, זיי וואָס געבן די מאה ווילן האָבן אויך די דעה... און — מען וויל מיט זיי ניט איינרייסן! אַיי, וואָס, פֿאַרוואָס די רעגירונג ד ע ר ל ו י ב ט פּ ר י וו אַ ט ע טאַקסיס און פּ ר י וו אַ ט ע אויטאָס, צו צירקולירן אום שבת? — איז דער תירוץ — פּריוואַטע פּ ר י י ה י י ט ! און פֿאַר פֿריי־הייט האָבן די אַמעריקאַנער דרך ארץ!...

ווען מיר קומען צוריק קיין תל אביב — פֿעלט נאָך אַ שעה צו נאַכט אָבער, אַ ל ע געשעפֿטן זיינען שוין פֿאַרמאַכט! אַפֿילו קיין אַפּטייק, זעט מען שוין ניט אָפֿן! ווען מיר זיינען אַראָפּ פֿון אויטאָבוס האָב איך געוואָלט... בענטשן גומל! דער שאָפֿער איז אַזוי געפֿלויגן, אַז איך בין געווען זיכער אַז מירן ניט דערפֿאָרן בשלום ביז תל אביב... ער האָט ניט מורא געהאַט „אַריינפֿאָרן אין שבת אריין", נאָר ער האָט געציטערט פֿאַר אַ „באָלעטאַ" (אַ שטראָף צעטל) פֿון אַ שוטר פֿאַרוואָס ער

פּאָרט „אַזוי שפּעט". דער געזעץ װעגן „אָמניבוס-שבת-רו" — איז זייער שטרענג! ...

מיר „כאַפּן" אַ „שירות" — אַ קאָלעקטיװע טאַקסי, און קומען אַהיים! איך טו זיך איבער און באַשליס צו גיין אין דער גרויסער שול הערן דעם חזן און משוררים מקבל שבת זיין. איך בין זיכער אַז אין דער אידישסטער שטאָט אין דער װעלט, און אין דער גרעסטער שול פון אָט דער שטאָט, װעל איך הערן דעם בעסטן חזן אין דער װעלט! ...

מיין פריינט ערנסט װאָרנט מיך פאַר אַנטוישונג! ער רעקאָמענ־דירט מיר בעסער צו גיין אין אַ היימישער, קליינער קלויז, װעל איך טרעפן מער אידישן אַמביענט, מער... אידישקייט און מער נוסח התּ־פילה! איך פאָלג אים ניט און גיי אַװעק אין דער גרויסער שול אַריין... איך קום שוין אָן צו שפּעט! אין דער תּל אביב'ער גרויסער שול איז מען מקבל שבת גאָר גאָר פרי! ... איך װייס ניט צי איך דאַרף באַדויערן.

פון שול גיי איך צופוס אַהיים! עס איז אַ היפּשער מהלך, אָבער, איך װיל זען װי אַזוי זעט אויס תּל אביב אין אַ פרייטיק צו נאַכטס? ...

די אַלענבי-גאַס. איז באַלעבט! טויזנטער שפּאַצירנדע פאָרלעך ספּעציעל — יונגנט און גאָר ספּעציעל — סאָלדאַטן און סאָלדאַטעכעס! אָט די יונגע חברה, הן תּל אביב'ער, הן אַזעלכע װאָס װאוינען ערגעץ װייט אין גליל אָבער „דינען" נאָענט פון תּל אביב, גיט מען „חופש" (פרייהייט) אויף שבת'דיקן טאָג און זיי פאַרפלייצן די גרויסע אַלענבי־גאַס און באַטעמ'ען זי, מיט זייער קלינגענדיקן עברית! מען מעג זאָגן, אַז אָט דער אויפדערנאַכט און דער שבת'דיקער טאָג, איז דער איינציקער װאָס אויף אַלענבי-גאַס הערט מען אַזויפיל עברית! ... אַ גאַנצע װאָך, הערט מען דאָרט אַלערליי שפּראַכן און מערער פון אַלע — דייטש! ... אָפּט, אָפּט„ האָב איך געטראַכט: װער װייסט צו אין... מינכען הערט מען אַזוי פיל דייטש רעדן װי אין אַ מיטן מיטװאָך אויף אַלענבי-גאַס אין תּל אביב? ...

— —

דער גאַנג אַהיים, געדויערט ביי מיר אפשר אַ שעה צייט. איך קוק אַריין אין די פענצטער. אין אַ סך הייזער שטייען אָנגעצינדענע ליכט אויפן טיש. עס הערשט שבת-רו. אַך! װי גרויס עס איז דער חילוק פון ישראלדיקן ערב רו-טאָג, ביז די זעלביקע טעג אין חוץ לארץ! דאָ, אין אַזאַ רעשיקער שטאָט װי תּל אביב, הערשט אמת'ע, הייליקע רו. דער מאַן איז אין דער היים, לייענט אַ בוך, אָדער שפּילט זיך מיט די קינ־

דערלעך! ביי אונז, דאַגעגן, ליגט ער ערגעץ אין אַ קאַפע און שפּילט אין עפּעס, אָדער איז אין אַ פּריוואַט-הויז ביי אַ פּאָקער-טיש און שפּילט ביז פאַרטאָג! מען דאַרף דאָך מאָרגן „ניט אויפשטיין"!...

ווען איך בין ביינאַכט געלעגן אויפן געלעגער און געטראַכט וועגן ישראלדיקן ערב שבת, האָב איך אַ טראַכט געטאָן:

און אפשר איז צוליב דעם אליין ווערט געוווען צו מאַכן די רייזע קיין ארץ ישראל! שוין לאַנג אַ זאַ ערב שבת ניט געזען!...

18־טער אַפּריל (שבת):

היינט בין איך זיך נשקשה׳דיק פאַרשלאָפן. די גאַס איז שטיל, מען הערט ניט דורכפאָרן קיין וואָגן, און דער עיקר — איך הער ניט דעם באַקאַנטן ניגון „אַלטע זאַכי"!... שבת-רוט ער אויך, און עס רוט זיין זאַק אויף די פּלייצעס, און עס רוט זיין מאַנאָטאָן קולכ׳ל „אַלטע זאַכי"! איך וואָלט געגעבן מי יודע וויפל, ווען איך זאָל איצט קאָנען קומען צו אָט דעם אַמבולאַנט אהיים און זיך צוקוקן ווי אַזוי ער פּראוועט זיין שבת-רו!...

איך טו זיך אָן אין איילעניש. מיין גברת האָט מיר שוין צוגעגרייט מיין מאַטע מיט מילך און זי זאָגט מיר אָן: היינט דער ערשטער שבת אין תל אביב, בין איך א י ר גאַסט! מען עסט היינט אין צייט, כאָטש דער מאַן, אָדון ערנסט... אַרבעט היינט! לכבוד שבת, איז היינט באַ־טאָג אָפן די ביבליאָטעק. מענטשן קומען לייענען אַ בוך, אַ צייטונג — דאַרף מען זיי באַדינען! דערפאַר איז ער פּרייטיק פריי! דאָס האַלטן אָפן שבת אַ ביבליאָטעק איז, ווייזט אויס... על פּי תורת משה! ווען ניט, וואָלטן די רבנים ניט דערלאָזט צו אַזאַ „חלול השם"! נאָר אַזוי ווי — ווייזט אויס, — אַז לויטן שלחן ערוך — אַרויסגעבן אַ בוך און ניט פאַרשרייבן — איז... ניט קיין עבירה, און אַזוי ווי אין ביבליאָטעק בעט מען אַמאָל אַ רעליגיעזן ספר אויך — איז די ביבליאָטעק אָפן שבת נאָכמיטיק!

איך נעם מיין נייעם טלית וואָס איך האָב נעכטן איינגעהאַנדלט! און לאָז זיך... פאָרן מיטן „שירות" אין דער גרויסער שול אריין. דורכן פענצטער זע איך, אַז אידן — אַ סך אידן — טראָגן די טליתים אָן... אַ צייטונג אַרומגעוויקלט, נאָר פּראָסט און פּשוט, ווי מיין טאַטע, מיין שווער און פעטער מאַטיע פלעגן גייען אין שול אָדער אין קלויז אריין

דאָס טלית-זעקל אונטער דער האַנט!... אינסטינקטיוו — טוט עס מיר הנאה!

דער קאָלעקטיווער טאַקסי („שירות") פאָרט מיט אַלענבי. ווען ער קומט נאָענט פון דער גרויסער שול, איז די גאַס פאַר אויטאָס פאַרמאַכט. אַ שוטער ווייזט אָן, אַז מען דאַרף פאַרדרייען רעכטס אָדער לינקס. מען מעג טאַקע, „מחלל שבת" און פאָרן אום שבת — אָבער... ניט נעבן דער גרויסער שול, בעת התפילה! דאָס — הייסט שוין „פּראָוואָצירן" דאָס רעליגיעזע אידנטום!... (אַגב, נעבן די אַנדערע שולן — פאָרט מען יאָ דורך)!

דער אַריינגאַנג צו דער גרויסער שול איז... פאַרקלעפּט מיט מו־דעות. בכלל, איז תל אביב, איין גרויסע וואַנט מיט מודעות! ווו מען שטייט און ווו מען גייט, יעדער הויז און יעדער פאַרקן איז פאַרקלעפּט מיט פאַרשידנאַרטיקע אַפישן! דאָס קלעפּן מודעות קאָסט ביליקער ווי געבן אַנאָנסן אין אַ צייטונג! ערשטנס, נעמט די צייטונג זייער טייער פאַר די אַנאָנסן און צווייטנס — אַ צייטונג ווערט נאָר געלייענט פון אירע לייענער, פון אירע חסידים און פון אירע פּאַרטיי-מענטשן. דערפאַר, אָבער, ווערן די מודעות געלייענט פון יעדער איינעם וואָס גייט דורך די גאַס! און וועלכער תל אביב'ער איד, גייט עס ניט דורך כאָטש איינמאָל אין טאָג אָדער אין צוויי טעג די גאַס.

איינע פון די גאָר אָפטע מודעות זיינען די... נעקראָלאָגן! אַ קליי־נע מעלדונג אין אַ שוואַרץ רעמל, מעלדעט אַז „די אין טרויער געבלי־בענע פאַמיליע לאַדט איין צו דער לויה" א. אַ. וו. אַזעלכע מעלדונגען טרעפט איר אַלע טאָג און איבער אַלע גאַסן!

די גרויסע שול איז באַהאַנגען מיט אַ וויכטיקע מודעה וועגן אַ „עקסקורסיע" ל"ג בעומר צו „מירון", צום קבר פון רב שמעון בן יוחאי! די דאָזיקע רייזע איז זייער פּאָפּולער אין ישראל. טויזנטער, צענדליקער טויזנטער מענטשן פאָרן אַהין! עס פאָרן פרומע און עס פאָרן... פריידענקער, קוריאָזע! און אָט מעלדעט מען איצט ווו מען קאָן זיך פאַרשרייבן צו אָט דעם „טיול" פון ל"ג בעומר, וועלכער איז היינטיקס יאָר אַ נדחה. דער עולם וואָס גייט אין שול אַריין שטעלט זיך דערווייל אָפּ, לייענט איבער די מודעות און גייט אַריין דאַוונען. אַנדע־רע שטייען ביי אַ מודעה און מען דיסקוטירט מיט „וועלכן פאַראיין" לוינט זיך בעסער צו פאָרן? מיט מזרחי, מיט ביאַליק-שול, אָדער גאָר מיט אַ פּריוואַטער קאָמפּאַניע?...

איך קום אַריין אין שול און... ווער אַבּיסעלע אַנטוישט! איך בין געווען זיכער אַז די גרעסטע שול אין אידישן לאַנד וועט האָבן אַ שע־נערן אויסזען! די אַלטע אָפּגעריבענע בענק, דער פּשוטער אָפּגעבליא־קעוועטער "באַלעמער", און בכלל די „אָרדענונג" אינעווייניק האָט מיך אַבּיסעלע צעשרויפּט! אַ געוויינלעכער טעמפּל אין חוץ לארץ, אין די אָרימסטע לענדער, און ספּעציעל אין אַרגענטינע — איז אַ סך שע־נער אינעווייניק...

אויך די אָרדענונג איז ניט איי,איי,איי! מען דרייט זיך אַרום, מען רעדט בשעת התפילה, מען שטייט מיט און אָן טליתים פּונקט ווי ביי אונז אין שניידערישן שולכל...

עס קומט די צייט פון לייענען די תורה. דער „גרויסער" חזן פון דער גרויסער שול „זאָגט" די תפילות. ער דאַוונט — פאַרשטייט זיך, מיט דער „הברה-הספרדית", און גאָט זאָל מיר מוחל זיין, די שיינע האַרציקע תפילות פון הוצאות התורה, האָבן ניט קיין אידישן טעם!

איך זיץ אויף דער באַנק און מיין שכן דערקענט אין מיר אַ טור־ריסט. ער באַמערקט אַז דער חזן „נעמט" מיך ניט. פאַרענטפערט ער די שול-פאַרוואַלטונג: זי איז שטענדיק אָרים, שטאַרק באַגרענעצט אין געלט-מיטלען, דערפאַר איז דער חזן ניט גאָר, גאָר אַ ערשט-קלאַסיקער. און כדי מיך צו „באַרואיקן" דערציילט ער מיר, אַז דער פאַריקער חזן איז געווען אַ גרעסערער קאַליקע פון דעם, איז ער אַוועק קיין אַמעריקע, זיך „אַנאַנסירט" אַלס „אויבער-קאַנטאָר" פון תל אביב'ער גרויסער שול — האָט מען אים אויסגעכאַפּט און געמאַכט מיט אים אַ פיינעם קאָנטראַקט...

איך ווייס ניט צי עמעצער האָט מיך... „געמסר'ט" אָדער אָנגעוויזן אויף מיר. פלוצים קומט צו דער „אויבער-שמש", אַ שיינער איד מיט אַ הויכער יאַרמעלקע און פרעגט מיך, ווי אַזוי איך „רוף זיך אויף" צו דער תורה? איך געב אַ לייכטן ציטער, און ווער עטוואָס עמאָציאָנירט און פלוצים דערהער איך:

יעמוד האדון זאב בר׳ נתן ששי!

איך גיי אַרויף אויפן „באַלעמער" און — אַנשטאָט זאָגן די ברכה פון דער תורה — מאַך איך... אַ שהחינו! דערנאָך ערשט זאָג איך די ברכה. עס האָט זיך מיר געגלוסט... צעוויינען! דערלעבן, אַז מען זאָל מיך אויפרופן צו דער תורה אין ארץ ישראל און דערצו נאָך — אין דער גרויסער שול פון תל אביב איז אַ זכות וואָס ניט יעדע־

איז זוכה! אַפּילו ניט אַלע טוריסטן, וואָס קומען אָנקוקן ישראל! אַ שאָד, וואָס דער בעל קורא האָט צוגענעמען אַ טייל פון מיין פרייד און פון מיין עמאָציע! מיט זיין לייענען די תורה מיט דער הברה און מיט דעם מיתה־מעשונה'דיקן אַקצענט.

ביים ענדיקן לייענען מאַכט מען אַ „מי שבירך" די מלוכה באַהערדן פון דער מדינה. לשם קוריאָז געב איך איבער דעם טעקסט פון „מי שבירך" וואָס די רבנים פון ישראל האָבן רעדאַקטירט. מען בענטשט די מלוכה נאָר...מען בעט אַז משיח בן דוד, זאָל וואָס פריער קומען!...

„אבינו שבשמים צור ישראל וגואלו ברך את מדינת ישראל ראשית צמיחת גאלתנו. הגן עליה באברת חסדך ופרוש עליה סכת שלומך ושלח אורך ואמתך לראשיה שריה ויועציה ותקנם בעצה טובה מלפניך. חזק את ידי מגני ארץ קדשנו והנחילם אלהינו ישועה ועטרת נצחון תעטרם ונתת שולם בארץ ושמחת עולם ליושביה.

ואת אחינו בל בית ישראל פקד־נא בכל ארצות פזוריהם ותוליכם מהרה קוממיות לציון עירך ולירושלים משכן שמך, ככתוב בתורת משה עבדך, „אם יהיה נדחך בקצה השמים משם יקבצך ה' אלהיך משם יקחך והביאך אל הארץ אשר ירשו אבותיך וירשתה" ויחד לבבנו לאהבה וליראה את שמך ולשמר את כל דברי תורתך ושלח לנו מהרה בן דוד משיח צדקך והופע בהדר גאון עזך על כל יושבי תבל ארצך ויאמר כל אשר נשמה באפו ה' ילהי ישראל מלך ומלכותו בכל משלה. אמן סלה."

אינטערעסאַנט איז. די תמנער האָבן גאָר אַן אַנדער „מישבירך" פאַר די מלוכה מענער! זייער „רב הראשי", הרב שלום בן ר' יכיא יצחק לוי, רב לעדת התימנים בת"א, האָט פאַרפאַסט אַ מי שבירך אין וועלכן עס פילט זיך אַ שטאַרקע ליבע און דאַנקבאַרקייט צו די מלוכה מענער.

כדאַי איבערדרוקן אויך זייער „מי שבירך" און מען זעט דעם חלוק פון ביידע „ברכות" אָבער — גלויבט מיר אויפן וואָרט!...

נאָכן דאַווענען האָב איך געבעטן מיין 'שכן ער זאָל מיך באַקאַנען מיט איינעם פון די פאַרוואַלטונגס מיטגלידער פון „ועד" פון דער שול. ער שטעלט מיר באַלד פאָר איינעם פון די „גבאים" פון שול. אַ שיינער איד, דווקא אַ היינט־וועלטלעכער, אָבער אַ טראַדיציאָנעלער איד, ווי זיין פאָטער — אין בעסאַראַביע — איז געווען. מיר גייען צוזאַמען אַהיים מיט דער אַלענבי גאַס. ער וואוינט טאַקע ניט ווייט פון מיר און

ער פאָרט ניט אום שבת — כאָטש, ער גיט אייך צו, אַז דאָס גיין צופוס אַ 1500 מעטער איז מער עבודה, מער אַרבעט ווי דאָס פאָרן רואיק אין קאָלעקטיוון טאַקסי. גייענדיק, דערציילט ער מיר:

מיר דאָ אין ישראל, האָבן קיינמאָל ניט געהאַט און איצט האָבן מיר אוודאי ניט, קיין גבירים, עשירים, מעצענאַטן, וואָס זאָלן וועלן אויסהאַלטן אַ שול בכבוד! דער רוב מתפללים פון דער גרויסער שול זיינען אידן סוחרים, קליינהענדלער און שטיקלעך פאַבריקאַנטן! נו! כל זמן עס האָט זיך געדרייט — האָט מען געקאָנט געבן פאַר דער שול אויך! היינט איז ביי די סוחרים און פאַבריקאַנטן אַ קריזיס! ווי נאַריש עס זאָל אייך ניט אויסווייזן: ווען אין ישראל האָט געהערשט די גרויסע „צנע”, דאָס הייסט אין דער צייט פון דוב יוסף, ווען אין ישראל האָט מען ניט געקאָנט קויפן פריי אַ פאָר שיך אָדער אַ פאָר הויזן, ווען פאַר פירן מיט זיך אַן עוף אָדער ווען מען האָט געפּאַקט איינעם מיט... דריי אייער אין קעשענע האָט מען אים געשלעפּט אין דער משטרה (פּאָלי־ציי) דווקא, דעמאָלט, האָט דער מסחר געבליט און סוחרים און פאַבריקאַנטן האָבן געהאַט פרנסה, פרנסה בשפע...

איצט, ווען אַלץ איז פריי — איז די צייט שלעכט דער מסחר איז קליין און די „מסים” (נאַלאָגן) זיינען גרויס, — האַלט מען איין דעם סענט און די שול — איז דער ערשטער קרבן!

איך באַשטים ביי זיך: ווען איך וועל קומען קיין אַרגענטינע, ווען איך וועל דערציילן וועגן ישראל, וועל איך מאַכן אַן אַפּיל צו די טויזנ־טער שול-אידן וואָס זיינען פאַראַן אין אַרגענטינע, אַז זיי זאָלן העלפן דער גרויסער שול, אין דער גרעסטער אידישער שטאָט אין דער וועלט! איך וועל זיי זאָגן, אַז עס איז אַ בזיון פאַרן וועלט אידנטום, אַז די גרויסע שול אין תל אביב זאָל אַזוי אויסזען!... ניט בלויז אידישע טוריסטן קומען אָנקוקן די תל אביב׳ער גרויסע שול — נאָר אויך טויזנטער קריס־טן פון דער גאָרער וועלט וואָס פאָרן אַרום אין מיטעלן מזרח. און פאַר זיי — דאַרפן מיר זיך שעמען!...

און נאָך אַ זאַך וועל איך דערציילן די אידן פון חוץ לארץ ווען עס וועט מיר אויסקומען צו רעדן וועגן אַ שול אין ישראל. אין קיין שום שול אין די גלות לענדער האָב איך אין אַ פּשוטן שבת ניט געטראָפן אַזוי פיל יונגוואַרג, ווי אין אָט דער גרויסער שול פון תל אביב. אַ העלפט, העכער אַ העלפט פון די אַנוועזנדע, זיינען געווען יונגנטלעכע. מיט יאַרמלקעלעך! אַ גרויסע טייל — גאָר אַ גרויסע טייל פון זיי...

סאָלדאַטן! אגב. צו קריאת התורה האָט מען טאַקע עטלעכע סאָלדאַטן אויפגערופן!

נאָך מיטיק. די היץ איז שוין גאַנץ נשקשה׳דיק. די גאַס איז „טויט". אַ גרויסע, — גאָר אַ גרויסע — טייל אידן האָבן איצט זייער „עונג-שבת" טאַקע ווי אין דער אַלטער היים. מען שלאָפט. מיר — שלאָפט זיך ניט! בכלל בין איך ניט געקומען קיין ישראל שלאָפן... איז טו זיך איבער און שפּאַציר אַרוים אין גאַס אַריין. טיר און טויער איז פאַרמאַכט. אַפי־לו די רעסטאָראַנען. בלויז די קאַפע-הייזער, וועלכע שטייען איין — גאַנצע 98 פּראָצענט — אין די הענט פון די „יעקים" (דייטשע אידן) זיינען אָפן. איבער גאַנץ בן יהודה און איבער גאַנץ אַלענבי זיינען — פון די הונדערטער רעסטאָראַנען — אָפן, בלויז צוויי אָדער דריי — און דאָס האַלטן זיי איין האַלבן טיר פאַרמאַכט! צי פאַר מורא אָדער פאַר „ליבע" — אין תל אביב פילט מען שטאַרק דעם שבת! אַריינגערעכנט אויך די לינקע אינסטיטוציעס, פון בונד ביז די קאָמוניסטן!...

בלויז אין „בראַנזשע" בליט! די געשעפטן וואָס פאַרקויפן... „גזוז", (סאָדע וואַסער) סאַניעשניק, קאַבאַק-קערלעך און פיסטאַטשקעס! נו! אָט די „געשעפטן", זיינען דאָך, אייגנטלעך אויך געווען אָפן אין אונזער אַלטער היים אין טערניוווקע און אין קראַסנאָסטאַוו, אין כאַש־טשעוואַטע און אין ווישקאָוו אין סאַווראַן און אין לוצק, אין קאַמענקע און אין קאַלאַראַש, אין טשעטשעלניק און אין וואָד-ראַשקאָוו, אומעטום האָבן שבת געאַרבעט פראַנק און פריי אָט די „געשעפטן" און געלייזט „גאָלד" יעדן שבת! מען האָט פאַרקויפט פאַר 2 קאָפּקעס „זעלצער-וואַ־סער" מיט „סעראָפּ" און פאַר 2 גראָשן אַ גלאָז „קערלעך" און פאַרדינט „האַלב אויף האַלב". מען האָט חתונה געמאַכט קינדער פון אָט דעם שבת׳דיקן פדיון. פאַרוואָס זשע זאָל אין דער אידישער מדינה אַזאַ „גע־שעפט" ניט בליען.

ערשט, שפּעטער, אינמיטן דער וואָך, האָב איך זיך אַרומגעקוקט, אַז גאַנץ תל אביב איז ממש פאַרפלייצט מיט אָט די „גזוז" און קערלעך געשעפטן! ניט בלויז אויף אַלענבי און בן יהודה גאַסן זיינען זיי דאָ אין די הונדערטער — נאָר אויך אין די איבעריקע גאַסן פון דער גרויסער שטאָט, און ספּעציעל — אין יפו און אומגעגענט! די „סוחרים" פון אָט די „געשעפטן", זיינען ניט בלויז אינוואַלידן אָדער אַלטע מענטשן

וואָס טויגן ניט צו פיזישער אַרבעט נאָר יונגע, געזונטע יונגאַטשעס, וואָס האָבן „אָפּגעקויפט" די דערלויבעניש אויף אַט דעם געשעפט!

וואָס הייסט אָפּגעקויפט? אַט וועט איר הערן:

ביי דער ענדע פון דער באַפרייונגס-מלחמה, איז פאַר דער ישראל רעגירונג געווען אַ פּראָבלעם וואָס צו טאָן מיט די הונדערטער סאָלדאַטן אינוואַלידן, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין רייכע עלטערן אָדער אַליין עפּעס אַ באַשטאַנד צו קאָנען עקזיסטירן. דאָן האָט זי אָנגעפירט אַ מין קאָנטראָל איבער די גאַסן-שטעלעכלעך און געגעבן דערלויבענישן אויף צו האָבן אַזאַ מסחר, בלויז אַט די אינוואַלידן!

וואָס זשע האָבן אַ סך — די גרעסטע טייל פון זיי — געטאָן? זיי האָבן געמאַכט געשעפט מיט אַט די דערלויבענעשן און פאַרקויפט זייערע „קאָנצעסיעס" פאַר גוט געלט! די רעגירונג האָט געוווּסט דערפון און זיך געמאַכט ניט זעענדיק און ניט ווייסנדיק, אָבער דער אינוואַליד איז מער ניט געקומען בעטן קיין שטיצע און פאָדערן הילף! מיטן אָפּגענעמענעם געלט האָבן אַ סך אינוואַלידן געטאָן מסחר און לייכטער און מערער פאַרדינט ווי צו שטייען אַ גאַנצן טאָג און פאַרקויפן „גזוז" מיט סיגאַרעטן!...

— — — — — — — — — — — —

ווי נאָר עס ווערט טונקל, ווערט די שטאָט פול מיט לעבן! די אויטאָבוסן הויבן אָן צירקולירן און גייען געפּאַקט! דאָס איז מען זיך פאַרזעסן ביי באַקענטע צו וועלכע מען איז געפאָרן צו גאַסט מיט אַ „שירות" אָדער טאַקסי, און איצט פאָרט מען, מיטן ביליקן אויטאָבוס, אַהיים.

אויף די טראָטואַרן פון בן יהודה און אַלענבי גאַסן — איז גיט דורכצוגיין און נישט דורכשטופּן זיך! הונדערטער און טויזנטער מענטשן שפּאַצירן. צווישן די שפּאַצירנדע דרייען זיך אַרום ווייבער מיט... „צדקה-צעטעלעך". דאָס זאַמלט מען מיט אַ פּושקעלע פאַר פאַרשידענע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, און „מוסדות". ניט זעלטן וויל מען אייך אָנטשעפּען עפּעס אַ „צעטעלע", וואָס טראָגט דעם אומשולדיקן נאָמען: „הילף פאַר אַרעסטירטע" אָדער „ברויט פאַר עלנדע פאַמיליעס"! איר גיט אַ קוקט אויף דער צעפּאַטלטער, אַלטער מויד וואָס וויל אייך דאָס צעטעלע צוטשעפּען — דאַרפט איר שוין לאַנג ניט טראַכטן און באַלד פאַרשטיין אַז דאָס איז אַ „כּאַווערטע" וואָס אַרבעט אויף אַ „פרעמדן נאָמען"! דאָס זאַמלט מען געלט אויף אויסצוהאַלטן די קאָמוניסטישע פּרעסע! זיי מאַכן אָבער קליינע געשעפטן! בלויז אומשול-

דיקע און אומװויסנדע טוריסטן פאַלן אַריין און װאַרפן אַריין אין פּושקע!
די תל אביב'ער װייסן שוין װער און פאַר װעמען אַט די הילף גייט;
און... מען טרייבט זיי פון זיך!

שבת צו נאַכט. מיר זיצן אַ גרופּע חברים מיט װעלכע איך האָב זיך
באַפריינדעט אין משך פון די 6 טעג װאָס איך בין אַ ישראל'ער — בעסער
געזאָגט — אַ תל אביב'ער — מיר זיצן און... מען שמועסט! דער
שמועס איז אַרויף אויף דער מאָדערנער טעמע אין ישראל:

גנבות, מאָרדן, פאַרגװאַלדונגען און אַפילו אַ... „מאַפיע" — לויטן
סטיל פון די איטאַליענער! די ישראל „מאַפּיע" רופט זיך: — „דער
שװאַרצער שטיװל". אַ סך סוחרים אין ישראל האָבן באַקומען דראָונגס־
בריװ, אַז אויב זיי װעלן ניט אַװעקלייגן דאָ און דאָ, אַזאַ און אַזאַ סומע,
װעט מען זיך נוקם זיין אין... זייערע קינדער! אַ סברא, אַז אַ סך סוח־
רים האָבן זיך דערשראָקן און באַצאָלט די געפאָדערטע סומע! אַנדערע,
אָבער, האָבן זיך געװענדעט צו דער פּאָליציי, און עס איז קלאָר געװאָרן
אַז אַלע בריװ זיינען געשריבן געװאָרן פון איין און זעלבן מענטשן!...

נאָך לאַנגע מי, האָט מען דעם „מאַפיאָסע" געכאַפּט! ער הייסט אַ
שיינעם אידישן נאָמען: — יהודה רפאלי און ער האָט זיך תיכף
מודה געװען.

דער געשפּרעך גייט אַרויף אויף דער „טעמע"... רומעניע!

פון ערשטן טאָג אָן װאָס איך האָב באַטראָטן די געבענטשטע אַרץ
ישראל ערד, האַלט איך אין איין הערן:

— רומעניער!

די רומענישע אידן, די נייע עולים, פאַרשטייט זיך, זיינען אַלע...
גנבים!

אין באר־שבע זיינען געװען זיבן ברונעמער װאָס אברהם אבינו
האָט דאָרט געגראָבן. איצט זיינען פאַראַן 5! װאו זיינען די אַנדערע
צװיי? — די רומענער האָבן זיך אַהין אַריינגעקליבן!...

פון װאַנען דער שורש שטאַמט, פון װאַנען דער בילבול אויף
די רומענער האָט זיך אָנגעהויבן? — דאָס װייסט קיינער ניט: אָבער —
מען האָט זיי גענעמען אין מויל אַריין! גנבים! אויב אַ רומענער — איז
ער אַ גנב!

און — אַט דיסקוטירן מיר אַט די פראַגע! גראָדע האָט זיך לעצטנס
באַװיזן אין ישראל אַ גרויסע צאָל גנבות! אונזערן אַן אַרגענטינער אידן,
אַ חשובן כלל טוער, האָט מען נעבעך ביטער באַגנבעט! און... דעם

גנב האָט מען געכאַפּט! אַ הונדערט פּראָצענטיקער „סברא"!... אויך יהודה רפאלי דער ערשטער ישראל „מאַפּיאָסע" איז אַ „סב-רא"!... בכלל, ווייזט זיך אַרויס, אַז די לעצטע גנבות און אַפילו מאָרדן, באַגייען ניט די „ווילדע" נייע עולים, נאָר די „סאָלידע" געבוירענע יו-גנט פון ישראל.

די לעצטע צייט האָט זיך ישראל געוויגט מיט אַ גרויזאַמען מאָרד. אַ קינד פון פינף יאָר, רחל'ע לעווין האָט זי געהייסן איז אַרויסגעגאַנגען פון שטוב און איז שוין אַהיים ניט געקומען. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען געפונען איר קערפּערל. מען האָט אויך שנעל געפּאַקט דעם מער-דער. מען האָט געפונען דעם „שוועדישן שליסל" מיט וועלכן ער האָט דערמאָרדעט דאָס קינד, און מען האָט — אַ דאַנק דעם שליסל געפונען דעם רוצח, וועלכער איז אַ... נייער עולה פון מצרים און... אַ שטיק משוגענער! משוגע אויף אַזוי ווייט, אַז דער געג. פּראָקוראָר האָט זיך אַנטזאָגט אים צו באַשולדיקן און געהייסן אים שיקן אין מע-שוגעים הויז.

דער דאָזיקער מאָרד, האָט אין דער עפנטלעכקייט אַרויסגעבראַכט די פראַגע — וועגן... „קבוץ גליות". די פראַגע, צי דאַרף מען אַריינ-לאָזן קיין ישראל מענטשן, ניט אינטערעסירנדיק זיך מיט זייער גע-זונט צושטאַנד. דאָס יאָגעניש נאָך עולים — ספּעציעל אין די מזרח-לענ-דער — איז אַזוי גרויס, דער ווילן אַרויסצונעמען די אידן פון די אַראַבישע לענדער איז אַזוי מעכטיק, אַז מען קוקט ניט ווער דער עולה איז! וואָלט מען געוועזן גוט אָנגעקוקט אָט דעם וויקטאָר מי-זאַן, דעם מערדער פון רחל'ע לעווין — וואָלט מען געוועזן דעריזען אַז ער איז אַ צעדרייטער און קיין שום לאַנד אין דער וועלט וואָלט אים ניט אַריינגעלאָזט! דאָס אידישע לאַנד, דאַרף ניט זיין בעסער — טענה'ן אַ סך!...

אַ פאַראַנטוואָרטלעכער זשורנאַליסט האָט זיך וועגן דאָזיקן מאָרד אויסגעדריקט אויף פאָלגנדן אופן:

פון יורידישן שטאַנדפּונקט גענומען, איז דער גענעראַל-פּראָקוראָר פּולקאָם גערעכט: אַ מעשוגענער קאָן נישט געמשפּט ווערן פאַר זיינע מעשים, וועלכע ער באַגייט אין אַ צושטאַנד, ווען ער איז נישט בכוח צו קאָנטראָלירן זיינע געפילן און געדאַנקען. צי הייסט דאָס אַלזאָ, אַז אין דעם געגעבענעם פאַל איז נישטאָ קיין שולדיקער אין דעם שרעק-לעכן אומגליק, וואָס האָט פּאַסירט מיט וואָכן צוריק דער משפחה לעווין?

דער דירעקט שולדיקער װיקטאָר מיזאַן, אַן עולה חדש פֿון מצרים, געפֿינט זיך שױן איצט אין אַ משוגעים הױז, װאו ער װעט װאַרשײנ־לעך (און לאָמיר האָפֿן, אַז אַזױ װעט אױך געשען) פֿאַרבלײבן ביזן סוף פֿון זײן אומגליקלעך לעבן. אױפֿן ראַנד פֿון דעם דאָזיקן שױדערלעכן גע־שעעניש, זײנען אָבער װידער באַקאַנט געװאָרן פּרטים, װאָס הײסן זיך פֿאַרטראַכטן און אַרױסציען די נױטיקע מסקנות, בכדי אַזעלכע פֿאַל; זאָלן מער ניט געשען אין מדינת ישראל.

אין פֿיל מאָראַל־פֿאַלן באַמיט זיך די פֿאַרטײדיקונג צו מאַכן פֿון באַשולדיקטן אַ גײסטיק קראַנקן, בכדי צו ראַטעװען אים פֿון טױט־שטראָף. אין געגעבענעם פֿאַל האָט די פּאָליצײ אַלײן דערקלערט, אַז מיזאַן איז אַזױ שװער גײסטיק קראַנק, אַז ער קאָן בכלל נישט געבראַכט װערן פֿאַרן געריכט. אָבער דער זעלבער מיזאַן איז דורך אונזערע עליה־באַאַמטע אַראָפּגעבראַכט געװאָרן פֿון מצרים אָן שום שװעריקײטן.

עס װערט איצט גאַנץ קלאָר, אַז די עליה־באַאַמטע אין מצרים פֿלעגן זיך בכלל נישט אינטערעסירן מיטן געזונט־צושטאַנד פֿון די עו־לים, זײ האָבן אים װאַרשײנלעך אַפֿילו ניט געזען אױף די אױגן, פֿאַר זײ האָט דעצידירט די ציפֿער, װיפֿל עולים זײ האָבן אַפּטראַנספּאָר־טירט.

אין אַלע קאָנסולאַטן אין דער װעלט איז אָנגענומען, אַז אױב עמי־צער האָט אַ גײסטיק קראַנקן אין דער משפּחה, באַקומט ער שױן ניט קײן אימיגראַציע־װיזע, װײל אַלע גײסטיקע קראַנקהײטן זײנען אַ ירו־שה־זאַך.

װאָלטן די עליה־באַאַמטע געלאָזט מיזאַנען אױספֿאָרשן דורך אַ דאָקטאָר, װאָלט ער שױן ניט געקאָנט קומען קײן ישראל, װײל ער אַלײן איז דאָך שױן זײט לאַנגע יאָרן גײסטיק־קראַנק, זײן גאַנצע מש־פּחה איז קראַנק און אױך זײן ברידער געפֿינט זיך אין אַ מעשוגעים־הױז אין עכו.

אָבער ניט בלױז די עליה־באַאַמטע זײנען אומדירעקט שול־דיק אין שרעקלעכן אומגליק, װאָס האָט געטראָפֿן מיט דער מײדעלע רחל לעװין.

ניט װײניקער שולדיק זײנען די דאָקטױרים פֿון קופּת חולים, װעל־כע האָבן, צוליב מאַנגל אין פּלאַץ, נישט געװאָלט אַרײננעמען מיזאַנען אין אַ מעשוגעים־אַנשטאַלט, װען זײן פֿרױ האָט צװײ טעג פֿאַרן אומ־

גליק, זיך געבעטן מען זאָל אים צונעמען פון שטוב, ווייל אויך זי האָט ער אין צושטאַנד פון אויפרעגונג געוואָלט דערמאָרדן.

מיזאַן איז געבליבן אויף דער פריי, ווייל עס איז נישט געווען קיין פרייער פלאַץ אין אַ מעשוגעים־שפּיטאָל.

אַלזאָ, צוליב מאַנגל אין פלאַץ אין אַ מעשוגעים־הויז, איז אַ פינף יאָריקן קינד געפאַלן אַ קרבן פון אַ מעשוגענעם. און דער מעשוגענער איז... אַ נייער עולה — איז דערפאַר פאַראַן אַ אויפרעגונג קעגן די נייע עולים!...

און איר וועט ביי אַ סך, ישראל אידן ניט פועלן, אַז די נייע עו־לים זיינען ניט שולדיק וואָס צווישן זיי זיינען אויך פאַראַן אויסוואורפן! די ישראלים טענה׳ן, אַז ביז דער גרויסער עליה, האָבן זיי ניט געוווּסט פון קיין גנבות און מאָרדן, פון שלעגערס און פּראָסטיטוטקעס! דער ישוב איז געווען אַ אידעאַליסטישער און אַ הייליקער, אַ... „חלוקה״ ישוב.

מיר ענדיקן ניט די דיסקוסיע. עס ווערט שפּעט. מאָרגן, גאָר פרי דאַרף מען פאָרן קיין חיפה פאַרכאַפּן ערגעץ אַ פלאַץ ביי די גרויסע יו־מים טובים פון יום העצמאות!...

19־טער אַפּריל:

עס גלוסט זיך מיר פאָרן קיין חיפה מיטן באַן. מען זאָגט מיר פרי־ער, אַז מיט די „שירות״ וואָס גייען קיין חיפה וועל איך קיין פלאַץ נים קריגן — מעג איך אַפילו, האָבן באַשטעלט פריער, מען רייסט זיך פאַר אַ פלאַץ אין די טאַקסים און מען צאָלט אין טאָג אַריין. אונזער „סאַב־רעלע״, דער סטודענט פון יורידישן פאַקולטעט וואָס לערנט די גמרא בבא בתרא, שטייט אויף פאַר אונז, לויפן אַוועק צום באַן צוגרייטן די בילעטן. מיר דאַרפן אָנקומען צום באַן ערב אָפּגיין און ער עט רעזער־ווירן אַ פלאַץ אין וואַגאָן.

מיר זיינען געקומען צום באַן, אָבער מיטן באַן זיינען מיר נים גע־פאָרן. אַ עולם פון עטלעכע הונדערט און אפשר עטלעכע טויזנט מענ־טשן באַלאַגערט די באַן־סטאַנציע. דער געדרענג, דאָס שטופּעניש איז אין לשער! עס פעלט דרך ארץ פאַר עלטערע מענטשן, פאַר קליינע קינ־דער און פרויען, פאַר אינוואַלידן וואָס גייען מיט קוליעס! דער עולם איז פשוט... ווילד! מען רייסט זיך אַריין אין די „וואַגאָנען״

„וואַגאָנען״? גאָט זאָל ניט שטראָפן פאַר די רייד! אין ארץ ישראל

איז אַלץ שיין! ווו און וואָס אייער אויג זעט — איז דאָס פּרעכטיק שיין און האָט טויזנט טעמים! אַ חוץ... די באַן־סטאַנציעס און גאָר גאָר אַחוץ — די „וואַגאָנען"!

אַלע באַנען האָבן בלויז איין „קלאַס" און דער איינער „קלאַס — דער־מאָנט אונז שטאַרק אינעם באַן „טשעטווערטי קלאַס" וואָס איז געגאַנגען פון אדעס קיין קיעוו. ווען מען נעמט אַרויס די בענק פון די וואַגאָנען, וואָלטן זיי זיך צוגעפּאַסט צו פירן אין זיי בהמות אָדער קוילן!

מאַכט איר אַ באַמערקונג אַ ישראל־אידן, אויף דעם פאַרנאַכלעסיקטן צושטאַנד פון די באַנען, פרעגט איר אים:

— צי עס סטייעט ניט דעם לאַנד, דעם קאָמוניקאַציע מיניסטער, עטלעכע פונט אויף צו קויפן פאַרב און, לפחות, אָפּפאַרבן די וואַגאָנען אַז זיי זאָלן ניט אויסזען אַזוי שמוציק ,אַזוי... עקלדיק?

וועט ער אייך באַלד ענטפערן:

מיר האָבן בילכערע זאַכן אינזינען צו האָבן!...

אמת! ישראל האָט טאַקע בילכערע זאַכן אינזינען צו האָבן! אָבער, ווען מען האָט אַ פּאָר צענדלינג טויזנט איבעריקע באַאַמטע און אַרבעטער וואָס מען גייט אָפּזאָגן, נעמט מען אַ פּאָר צענ־דלינג פון זיי, מען שטעלט זיי אַוועק אויף אַ חודש צייט, און מען פאַרבט אָפּ די באַנען, כדי, אַז די טוריסטן פון דער גאָרער וועלט, וואָס קומען אָנקוקן ישראל, און וואָס דערזען אָט די וואַגאָנען, זאָלן ניט האָבן פון וואָס צו לאַכן פון אונז...

דער ישראלי ענטפערט אייך: אין דבר! און שוין! פּטור אַן עסק!

— — — — — — — — — — — —

דער טאַקסי — „שירות" קיין חיפה האָט אונז צוגעפירט צום „האָטעל ווינדזאָר". אַ לוכּסוס מלון, פון צענדליגער צימערן און אַלע זיינען ב"ה פאַרנעמען! הונדערט טויזנט מענטשן פון לאַנד און אויסלאַנד האָבן באַלאַגערט חיפה און ווילן בייזיין דעם פייערלעכן אַקט פון היינט ביינאַכט — ביים דער „עירה" פון חיפה — ווו עס וועט דערעפנט ווערן דעם יום־טוב און מאָרגן — דער מאַרש פון אידישן חיל! דאָס באַווייזן זיך פון אידישן געווער, אידישער גבורה, און אידישער גרייטקייט אָפּ־צושלאָגן דעם שונא — וויל יעדערער זעען!

מיר נעמען אַ טאַקסי און מאַכן אַ שפּאַציר איבער דער שטאָט. אין קאָפּ קומט דער געדאַנק, דער אָפאָריזם: „זע, נאַפּאָלי און שטאַרב"!

ניין! נאַפּאָלי — איז ניטאָ וואָס צו זען! אַ חוץ דעם שמוץ אויף די גאַסן און דאָס גרעט אויף די פענצטער! אויב זען עפּעס פאָרן טויט — איז כדאי צו זען חיפה!

חיפה? איז נאָך דאָ אַזאַ שיינע שטאָט אויף דער וועלט? קאָן מען אַמאָל פאַרגעסן חיפה ווען מען זעט זי איין מאָל בלויז?... אַ שטאָט שטייט אויף אַ באַרג, אויף אַ בליענדן באַרג באַפּלאַנצט מיט די שענסטע פרוכט־בוימער, אַ שטאָט ווי עס שמעקט אין יעדער ווינקעלע, אויפן באַרג, אונטערן באַרג, און צווישן באַרג! ווען דו גייסט צופוס, ווען דו גייסט אויף די בערג — פילסטו ניט קיין מידקייט. עפּעס טראָגן דיך די פיס אַזוי לייכט, אַזוי גרינג!

דער פאַרנאַכט פאַלט צו. מיר לאָזן זיך צום פּלאַץ ווו עס קומט פאָר דער יום־טוב פון לייענען די „הכרזה”, די גרויסע בימה ווו די פּער־זענלעכקייטן פון שטאָט און לאַנד געפינען זיך, איז אַרומגעשטעלט מיט סאָלדאַטן און פּאָליציי וועלכע היטן די אָרדענונג! צי וועל איך זיך דער־שלאָגן ערגעץ אויף צו זען עפּעס? איך זאָרג זיך בלויז פאַר מיין פרוי. זאָל זי כאָטש קריגן אַ פּלאַץ ווו צו זיצן אָדער ווו צו שטיין!... אָבער — ווער ווייסט?

מיין זשורנאַליסטן־קאַרנעטל — געדרוקט ספּעציעל אין העברעאיש — עפנט מיר באַלד אַלע וועגן! ווי נאָר אַ שוטר דערזעט — „עתונאי מחוץ לארץ” (זשורנאַליסט פון אויסלאַנד) און — לשבח פאַר אַרגענטינע — ווי נאָר מען זעט אַז מען איז פון אַרגענטינע — נעמט ער אונז אויף בסבר פנים יפות, מאַכט — מיט שוועריקייטן — אַ וועג ביז אָן עלטסטן, ראַפּאָרטירט אים וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, און באַקומט אַ באַפעל — אונז צופירן אויבן... צו דער טריבונע!

אין יענער מינוט? — ווער איז צו מיר גלייך! עס האָט מיר שטאַרק הנאה געטאָן וואָס איך בין ניט עפּעס אַ פאַבריקאַנט אָדער סוחר — נאָר אַ פּשוטער אידישער זשורנאַליסט! קיין שום געוויינלעכער טוריסט האָט זיכער, ניט געהאַט אַזאַ זכות, זיצן מיט זיין פרוי אויף דער בימה, נעבן די ראשי העיר, נעבן די חשובה רבנים הערצאָג און עוזיאל, נעבן אַבו חושי — דער שטאָט אינטענדענט פון חיפה און בכלל, נעבן די וויכטיקסטע פּערזענלעכקייטן פון לאַנד!... און דאָס אַלץ האָב איך ווייל... איך בין אַ אידישער שרייבער!...

פּונקט זיבן אַזייגער הויבט זיך אָן דער אַקט. ביים מיקראָפאָן אויבן, אַנטקעגן, שטייען פינף בחורים און בחורות, אָנגעטאָן אין נאַציאָנאַלע

קליידער, און סטראָפּן־ווייז לייענט מען די פּראָקלאַמאַציע פון „אומאָפּ־
הענגיקייט". קענען זיי — אַ גרויסער געמישטער כאָר. מען שפּילט און
מען זינגט די התקוה. הונדערט טויזנט מענטשן שטעלן זיך אויף און
זינגען נאָך! מיין פרוי האָט איין אַרבעט! זי... וויינט! זי איז שטאַרק
עמאָציאָנירט. מיר דוכט אַז זי האָט פיבער! זי האָט נאָך ניט
געזען אַזאַ ספּעקטאַקל! זי האָט נאָך ניט געהערט די התקוה זאָלן זינ־
גען הונדערט טויזנט מיילער!

איבערן הימל הויבן אָן פליען פייער ראַקעטן! אבא חושי האַלט
אַ פייערדיקע רעדע. ווען אַ פליג פליט דורך הערט מען איר זשומען —
אַזוי שטיל איז! אַזוי הייליק איז דער מאָמענט! בלויז איין רעדע איז
פאַראַן. דער עולם גיט זיך אַ לאָז אין די צענטראַלע גאַסן — ספּעציעל
אויף הערצל־גאַס! עס ווערט אַ טאַנצעריי, אַ הולעריי! עס טאַנצן יונג און
אַלט! סאָלדאַטן מיט אַלטע ווייבער! איבערן הימל האַלט אין איין אויפ־
רייסן פייערווערק! די גאַסן זיינען ענג, מען קאָן זיך ניט דורכשטופּן!
ניטאָ קיין איין גאַס וווּ מען זאָל ניט טאַנצן!...

מיר טרעפן זיך מיט אַ בוענאָס איירעסער אידן. אַ פּשוטער אידי־
שער פאַבריקאַנט, וועלכער האָט זיין גאַנץ לעבן ניט געהאַט קיין גרויסן
אנונג פון ציוניזם און ישראל! אַ סברא, אַז עס איז אפילו געווען שווער
צונעמען ביי אים אַ באַשטייערונג פאַרן קרן קימת!

ער שטייט מיט אַן אָפן מויל! ער ווישט זיך די אויגן פאַר פרייד
ער וועט שוין קומען צוריק קיין אַרגענטינע אַן אַנדער איד! ער וועט
שוין זיין, ניט בלויז אַ געבער — נאָר אויך אַ נעמער! דאָס, וואָס ער
האָט איצט געזען, וועט האָבן אַן איינפלוס אויף זיין גאַנץ לעבן...

אָך! ווען איך קאָן ברענגען אַהער אַ פּאָר טויזנט אַרגענטינער
גבירים ביי וועמען עס איז שווער צו נעמען פאַרן „מגבית" אָדער סתם
אַ פּעזע פאַרן קרן קימת!...

ביים פאַרצייכענען די פייערונגען פון „יום העצמאות", האָב איך
ספּעציעל פאַרנאָטירט פאָלגענדע צוויי זאַכן:

דעם זונטיקדיקן טאָג — ערב דעם יום העצמאות — האָט מען
באַשטימט פאַר אַ „יום הזכרון" — דעם טאָג אין וועלכן מען דערמאָנט
די געפאַלענע אין דער באַפרייאונגס־מילחמה. אַלע פענער פון די רעגי־
רונגס־אינסטיטוציעס זיינען געווען אַראָפּגעלאָזט אויף „האַלב מאַסט"
און זיינען ערשט אויפגעהויבן געוואָרן ווען די זון האָט זיך געזעצט און
עס האָבן זיך אָנגעהויבן די פייערונגען.

אָט דאָס איז ישׂראל



(פון רעכטס צו לינקס) א): חיפה. ב): חדר ביאַליק. ג): דער נייער שפּיטאָל ביילינסאָן. די קראַנקנשוועסטער. ד): דער פּרעכטיקער וועג קיין ירושלים. ה): רחוב „בן יהודה" אין ירושלים. ו): אויבן: — מען שטופּט זיך נעמען דעם אויטאָבוס. (אונטן) דער באַן קיין ירושלים. ז): דער אָפּרו־פּלאַץ אין עפולה. ח): ביים ים־ברעג אין טבריה. ט): דער קבר פון רבי מאיר בעל הנס. י): גריענטאַלע אידן אין ישראל.

ירושלים — די אייביקע שטאָט, די הויפּטשטאָט פון מדינת ישׂראל











1): דער בנין פון דער „כנסת" (פּאַרלאַמענט). 2): אַ בליק אויף דער אַלטער שטאָט וואָס ליגט דערווייל ביי די אַראַבער אין די הענט. 3): דער קבר פון די סנדרין. 4): אַ בליק אויפן הר ציון. 5): דער קבר פון שעפער פון ציוניזם — דר. הרצל. 6): די שיינע הרצל־גאַס פון ירושלים. 7): די געביידע אין וועלכער עס געפינט זיך די סוכנות, דער קרן היסוד און דער קרן קימת. 8): דוד המלך'ס קבר אויפן הר ציון.

אין אַ פּאָר שעה אַרום נאָכן טרויער-טאָג, האָבן טויזנטער און טויזנטער מענטשן — יונג און אַלט, מאַן און פרוי, קינד און קייט, געטאַנצט און געהוליעט — ביז מיד ווערן! מען האָט געטאַנצט די באַוואוסטע „הוירא” און מען האָט געטאַנצט... חסידישע טענץ און גלאַט טענץ אפילו אַ... היימישע „שער” אויך! ווער-וואָס האָט געוואָלט — האָט געטאַנצט!

דאָס אינטערעסאַנטסטע פון אַלץ איז געווען: — מען האָט קיין שכורים אויף דער גאַס ניט געזען! פּאָזיטיוו — אַפילו קיין איין שכור איז ניט געווען! פאַרשטייט זיך, אַז עס איז אויך ניט געווען צו פאַרצייכנען קיין איין אַקצידענט ניט! דעם צווייטן טאָג, האָט עס מיר אַן אָפיצער פון פּאָליצײ באַשטעטיקט! איך האָב געהאַט אַ אינטערעס צו וויסן און איך האָב זיך נאָכגעפרעגט וועגן דעם. בלויז... איין מוטער האָט פאַרלוירן איר זיבן-יאָריק מיידעלע. האָט מען עס געפונען דריי אַזייגער פאַרטאָג... טאַנצנדיק צווישן אַ גרופּע סאָלדאַטן. דאָס קינד האָט ניט געוואָלט גיין מיטן פּאָליצײ-אָפיצער וואָס האָט עס געפונען און מען האָט געמוזט ברענגען די מוטער צום פּלאַץ וואו דאָס קינד האָט געהאַלטן אין מיטן טאַנצן און... עסן אַ סאַנדוויטש וואָס אַ סאָלדאַטעכע האָט איר געגעבן.

איך שטיי מיט מיין פרוי אויפן הדר הכרמל, באַטראַכטן די טענץ און... די שטאָט. איך דערמאַן זיך ווי אַזוי אָט די שיינע און וויכטיקע האַפן-שטאָט איז באַפרייט געוואָרן פון די אַראַבער און... ענגלענדער! די לעצטע האָבן — אין יענער צייט — שטאַרק געהאָלפן די אַראַבער אַז חיפה זאָל אַריינפאַלן צו זיי אין די הענט.

אינטערעסאַנט איבערצוגעבן אַ טייל איינצלהייטן פון יענע היסטאָרישע טעג — מיט פינף יאָר צוריק. עס דערציילט איינער וואָס האָט עס איבערגעלעבט און וואָס הייסט שלמה זרחי:

דער איינציקער מאָדערנער האַפן פון לאַנד געפינט זיך אין חיפה, אָבער די דאָזיקע שטאָט איז שוין דאַן צום שלום פון דער בריטישער הערשאַפט אין ארץ ישראל, געווען אַ צענטער פון גרויסער אינדוסטריע, אַ קנופּן-פּונקט פאַר דער אייזנבאַן און פאַר די שאָסייען, וועלכע פאַרבינדן דאָס לאַנד מיטן צפון, דרום און מזרח. די נאַפט-אינדוסטריע איז פאַרבונדן מיט חיפה. אַ לופט-פּלאַץ, האַנדלס-אונטערנעמונגען, ריזיקע מאַגאַזינען סחורות, אַ שטאַרק לאַנדווירטשאַפטלעך „הינטער-

לאַנד״, אַ קאָנצענטראַציע פון טעכנישע כוחות — דאָס אַלץ האָט פאַר־מאָגט חיפה.

איז קלאָר געווען, אַז דער יעניגער, וואָס וועט באַהערשן חיפה, באַ־זיצט דעם צענטער פון עקאָנאָמישן לעבן אין לאַנד. דאָס האָבן געוואוסט ביידע צדדים, און נישט ווייניקער פון זיי אויך דער דריטער צד, די ענגלענדער. יענע האָבן געהאַלטן ביים אָפּרוימען די שטאָט, האָבן ליק־ווידירט זייערע אינסטיטוציעס, און האָבן אָנגעלאָדן זייערע זעלנער און זייערע פאַרמעגנס אויף שיפן וועלכע זיינען אָפּגעשוואומען פון חיפה. פון צייט צו צייט האָבן די ענגלענדער זיך אַריינגעמישט אין גאַנג פון דער „קליינער מילחמה״ און דאָס רוב לטובת די אַראַבער.

צוויי טעג פאַר פסח איז נאָך אָנגעגאַנגען דער קאַמף צווישן די „פּאָזיציעס״, אַ לאַנג־דויערנדיקער קאַמף, וואָס האָט געדויערט פינף חדשים. און דאַן האָט דער קאַמף זיך צעפלאַקערט אין אַ דעצידירנדיקער שאַרפער מילחמה. די ענגלענדער האָבן זיך צוריקגעצויגן פון דאָס רוב פונקטן און בנינים, וועלכע זיי האָבן געהאַט פאַרנומען אין חיפה, און האָבן איבערגעלאָזן פאַר זיך נאָר דעם שטח פון האַפן און דעם כביש, וואָס פאַרבינדט דעם נידעריקן טייל פון שטאָט מיטן הר־הכרמל.

עס האָט זיך געשאַפן אַ גאַנץ נייע לאַגע. און מען האָט זי געדאַרפט וואָס גיכער אויסנוצן. אין יענעם טאָג האָט געהילכט אין שטאָט אַ שיסעריי, די הויפּט־גאַסן פון דער אידישער חיפה, זיינען גע־לעגן אונטער אַ שטאַרקן פייער, אָבער מ׳ האָט נאָך דעמאָלט נישט גע־פילט אַז דער אַנטשיידנדיקער קאַמף דאַרף אינגיכן פאָרקומען, און באמת, דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן אין האַלבער נאַכט אין איניקע פונקטן מיטאַמאָל.

דאָס קנאַפּע געווער, די שרעקלעכע מידקייט פון די אידישע קעמ־פער און די באַזונדערע טאָפּאָגראַפישע שוועריקייטן פון חיפה, וואָס ליגט אויף בארג און טאָל — דאָס אַלץ האָט נישט געשטערט דורכצו־פירן די גרויסע גוט־פּלאַנירטע אָפּעראַציע. אין יענער נאַכט, נאָך אַ שווערער באָמבאַרדירונג האָבן די כוחות פון דער הגנה זיך גערוקט פאָראויס כמעט אויף אַלע פראָנטן.

דאָ און דאָרטן זיינען געשטאַנען אונזערע בחורים, אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן און האָבן זיך פאַרטיידיקט מיט גבורה. פון דעם נידעריקן טייל פון שטאָט האָט נאָך אַן ענגלישער האַרמאַט באָמבאַרדירט אונ־זער עקסטרעמע פּאָזיציע אויפן הדר־הכרמל. אָבער אָט איז אויפגעקו־

מען דער מאָרגן — און ס'האָט אויפגעשיינט די זון פון נצחון. דער גייסט פון די מכבי'ער, פון בר כוכבא, פון טרומפּעלדור און הגנה-העלדן, מען איז געלאָפן פון די אַראַבישע קוואַרטאַלן, זיי זיינען געלאָפן צום האַפן זוכן שיפלעך, כדי צו אַנטלויפן קיין עכו, אָדער קיין ביירוט אין לבנון.

אַט אַזוי איז חיפה געוואָרן אַ אידישע שטאָט. וויפל קרבנות האָט עס געקאָסט?

שפּעט נאָך האַלבער נאַכט קומען מיר אָן אין האָטעל! מען לייגט זיך שלאָפן אָבער... עס שלאָפט זיך ניט! ווי קאָן מען, נאָך אַזאַ פייער-לעכקייט — אַנטשלאָפן ווערן?...

20-טער אַפּריל:

זיבן אַזייגער אין דערפרי שטיי איך שוין ביים פענצטער און קוק אינדרויסן אַרויס. דער רעש פון דער גאַס האָט מיך אויפגעכאַפּט. הונ-דערטער און טויזנטער מענטשן, מענער, פרויען און קינדער, מיט פּעק און פּעקלעך, מיט בענק און בענקלעך, שלעפּן זיך איבער דער גאַס וואָס פירט צום פּאַרק. דאָרט, וועט דורכגיין די מיליטערישע דעפּיליע. דאָרט וועלן דורכגיין די אידישע סאָלדאַטן און וועלן זיך באַווייזן מיט זייער געווער. דאַרף מען באַצייטנס פאַרכאַפּן אַ פּלאַץ, באַלד ביים וועג!

די „דעפּיליע" וועט זיך אָנהויבן אַרום האַלב פאַר עלף, וועט זיך ציען אַ פּאָר שעה. טראָגן מענטשן מיט זיך עסן און וואַסער. מען איז גרייט ניט אָפּצוטרעטן פון פּלאַץ.

איך איל זיך ניט! ממה נפשך? וועט מיר מיין „קאַרנעט" שטיין אין די נויטן? — איז דאָך ניטאָ וואָס זיך צו איילן. אלא ניט — וועט ניט העלפן מיין איילן זיך! קיין גוט פּלאַץ וועל איך שוין איצט ניט קריגן! אויף דער גאַס פון דער דעפּילע שטייען שוין — אַזוי פאַרזיכערט מיר אַ האָטעל-באַדינער — דריי הונדערט טויזנט מענטשן!

מיר עסן אָפּ פרישטיק — אַ ארץ ישראל פרישטיק מיט... אייער, קעז, ווורשט, מאַסלינעס, סמעטענע און קאַווע מיט מילך! על כל צרה שלא תבוא — זאָל מען ניט זיין הונגעריק!... אַרום ניין אַזייגער שטופּ איך זיך צו... אַ שוטר, וואָס טראָגט אַ באַנד אויף דער האַנט מיט גרוי-סע אותיות: „ס ד ר ן" (אָרדענונגס-היטער) איך ווייז אים מיין קאַרנעט און — עס ווירקט! ער פירט אונז צו, צו אַ בכבודיק פּלאַץ און שטעלט עס אין אונזער רשות. איך זעץ דאָרט אַוועק מיין פרוי און אַליין לאָז איך זיך „אַהין" צו דער טריבונע ווו — בן גוריון מיט די מיניסטאָרן,

מיט די אַמבאַסאַדאָרן און אַנדערע פּערזענלעכקייטן, שטייען און נעמען אויף דעם מאַרש פון די סאָלדאַטן.

דאָס גייען צו דער טריבונע — דורך דעם אָ פּ י צ י ע ל ן וועג, קומט אָן מיט שוועריקייט. פינף, צען און צוואַנציק מאָל ווער איך „איבערגענעמען" פון די שוטרים, ווייז זיי מיין קאַרטעט און גיי ווייטער!

צי איז נאָך ווייט ביז צו דער טריבונע?

לא! פה! קרוב! (ניין! אָט, דאָ, נאָענט)!

און דער „נאָענט" האָט זיך געצויגן... זיבן קילאָמעטער! ביי אַ ארץ ישראל סאָלדאַט איז זיבן קילאָמעטער — עטלעכע מינוט גאַנג! די עטלעכע מינוט האָבן מיך געמאַכט און ווען איך בין שוין געקומען צו דער טריבונע — האָב איך שוין קיין כוח ניט געהאַט צו שטיין!

אָבער, ווער קוקט אויף כוח? ווער טראַכט פון מידקייט? אָט, באַלד וועל איך זען דאָס אידישע חיל מיט אירע כלי מכשירים וואָס האַלט די אַראַבער אין צוואַנג! אָט באַלד וועל איך זען בן גוריונען — דעם אומ־דיסקוטירבאַרן אידישן העלד אַ דאַנק וועמען מיר האָבן אַ אידישע מדי־נה — אָט באַלד וועל איך זען ד אָ ס, וואָס קיין שום איד האָט עס ניט געזען פאַר די לעצטע 2 טויזנט יאָר.

מען גיט מיר אָפּ אַ בכבוד פּלאַץ נעבן דער טריבונע. דער ישראל אָפיצער איז אַזוי פריינטלעך, אַז ער שטעלט אַוועק נעבן מיר אַ סאָל־דאַט מיט „דריי בענדלעך" וואָס... רעדט שפּאַניש! דער סאָלדאַט דאַרף מיר אַלץ געבן צו פאַרשטיין! מיר האָבן טאַקע אַלע דריי שעה וואָס מיר זיינען געשטאַנען צוזאַמען גערעדט... עברית!

אָט קומט דער אויטאָ וואָס פירט בן גוריונען! ער גייט אַראָפּ פון אויטאָ ווי אַ אינגעלע פון 15 יאָר! ווער וועט זאָגן אויף אים אַז ער איז שוין אַ זיבעציקער! ער גייט אָנגעטאָן... אַ לאַ בן גוריון — צע־כראַסטעט און זייער לייכט! איןביידע זייטן פון אים — צוויי פירער פון דער אַרמיי.

די דעפּיליע הויבט זיך אָן. 2 מיט אַ האַלבע שעה גייען פאַרביי פאַר אונז טיילן פון דער אַרמיי. עס פליען אַעראָפּלאַנען! אויפן ים באַ־ווייזן זיך די קריגס־שיפן וועלכע שיסן פון זייערע האַרמאַטן.

מען קאָן איבעראַשט ווערן פון אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן! דער סאָלדאַט רוימט מיר איין אַ „סוד": זאָלסט ניט מיינען אַז דאָס איז אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן! דאָ גייט בלויז דורך אַ קליינער טייל פון אונדז חיל

און פון אונזער "נשק" (געווער) חוץ דעם, ווייזן מיר בלויז דאָס, וואָס מען מעג ווייזן...

ער דאַרף עס מיר ניט זאָגן! איך פאַרשטיי אַליין, אַז ניט אַלץ ווייזט מען...

— ווען מיר זאָלן, כאַטש, געווען האָבן, אַט דאָס ביסל געווער וואָס דו זעסט אַט דאָ (אין ארץ ישראל זאָגט מען איטלעכן „דו") וואָלטן אונ־זערע גרענעצן געווען אַנדערש!... מיר האָבן געזיגט מיט שטעקנס אין די הענט און מיטן געווער וואָס מיר האָבן צוגענומען ביי די... אַראַבער!

דער סאָלדאַט דערציילט מיר נאָך זאַכן אָבער... איך גלויב אים ניט! ערשט שפּעטער ווער איך — מיט אייגענע אויגן — געוואוירע אַז עס איז אמת! ארץ ישראל אַרבעט שוין אויס אַ סך אייגן געווער און וועט אַפילו — גאָר בקרוב — זיין בכוח צו... עקספּאָרטירן פאַרשידענע מינים געווער! ארץ ישראל אַרבעט שוין אויס אייגענע קליינע און גרוי־סע האַרמאַטן, פאַרשידענע אעראָפּלאַן־באָמבעס, פאַרשידענע און די־מאָדערנסטע מאַשין־געווער און אַפילו אַזעלכע מאָדערנע ראַקעטן וואָס נאָרד־אַמעריקע פאַרמאָגט זיי נאָך ניט!... דאָס אַלץ, איז געשאַפן גע־וואָרן אין די לעצטע פינף יאָר!

דער סאָלדאַט וויל מיר אָנטאָן אַ נחת רוח, גיט ער צו:

— און דאָס אַלץ האָבן מיר אַ גרויסן חלק צו פאַרדאַנקען די אידן אין אויסלאַנד, ספּעציעל — אין אַמעריקע און אַרגענטינע! אַדאַנק איי־ער הילף קאָנען מיר אַלץ דערגרייכן! מיר, דאָ, מיט אונזערע אָרעמע כוחות, וואָלטן מיר ווייט ניט פאַרפאָרן...

דערווייל איז דאָס דאָס ערשטע מאָל וואָס איך הער אַז אַ „סברא" זאָגט אַז דער גלות קומט צונוץ! ביז אַהער האָב איך געהערט בלויז פאַרקערט....

דער דריי־בענדלדיקער סאָלדאַט, דערציילט מיר אויך, אַז אַ „סברא" איינער מיטן נאָמען עוזי, האָט דערפינדן אַזאַ געווער, וואָס וועט אַוועק־נעמען דעם חשק ביי די אַראַבער צו אַ „צווייטן רונד" אָבער — אַט דאָס געווער איז נאָך אַ סוד!... פּונקט ווי עס איז אַ סוד צי ישראל פאַבריקירט שוין אייגענע טאַנקעס צי ניין?...

די דעפּיליע האָט זיך געענדיקט אַרום איינס דעם זייגער! דער רי־זיקער עולם איז רואיק זיך צעגאַנגען! אָן שטופּעניש, אָן צעקוועטשטע און געהלשטע! מען איז געגאַנגען און... געזונגען! מיין באַגלייטער געזעגנט זיך מיט מיר האַרציק! זאָגט אייערע אַרגענטינער אידן, אַז זיי

זאָלן קומען אַהער — ווער עס קאָן קומען — אַז זיי זאָלן שיקן אַהער זייערע קינדער — אויב זיי האָבן אַ דעה איבער זיי... און לסוף — זאָלן אינוועסטירן אין ארץ ישראל זייערע קאַפּיטאַלן!

גייענדיק אַביסל מיטן סאָלדאַט, דערצייל איך אים וועגן אידישן לעבן אין אַרגענטינע. ער איז מיר מודה! ער האָט זייער ווייניק געהערט וועגן אָט דעם לאַנד! און דאָס ביסל וואָס ער קאָן אַרגענטינע — איז ווייל זיין גרופּע שטייט נעבן די קיבוצים פון אַרגענטינער חברה! ער קאָן „עין השלושה" און האָט קיין ווערטער ניט אָפּצולויבן די חברה פון קיבוץ!...

אַך ווען איך קאָן אַזאַ אידישן סאָלדאַט אַראָפּברענגען קיין אַרגענטינע אויף אַ צענדליק רעפעראַטן!...

אינטערעסאַנט ביז גאָר איז איבערגעבן די איינדרוקן פון אַ פּעאיקן אידישן ארץ ישראל שרייבער וועלכער קאָן מדינת ישראל ווי זיינע אייגענע צען פינגער. דער דאָזיקער שרייבער אין אידיש — י. רימון איז זיין נאָמען — איז דער קאָרעספּאָנדענט פון אַ סך צייטונגען פון חוץ לארץ, איז זייער באַליבט אין לאַנד פאַר זיין אויפריכטיקע, ערלעכע און וואַרעמע באַציאונג צו אַלץ וואָס קומט פאָר אין ישראל. זיינע קאָרעספּאָנדענצן זיינען תמיד אָביעקטיווע און אויספירלעכע.

פריינט י. רימון איז געווען ביי דער דעספּילע, געשטאַנען „אויבנאָן" און אָט וואָס ער דערציילט ווי ער האָט זי געזען:

פון אַלע גאַסן אין חיפה האָט מען זיך געצויגן צו דער ריכטונג פון רחוב יפו און רחוב העצמאות, לענג אויס וועלכע די דעפילאַדע האָט געדאַרפט פאַרביימאַרשירן. די אונטערשטע טייל פון חיפה איז געווען פול געפּאַקט מיט אַ פולפאַרביקער מאַסע. עס זיינען געקומען אַלטע לייט, פרויען און קינדער, פון אַלע קרייזן און שיכטן. מען האָט געזען ווי מאַמעס האַלטן פּיצלעך קינדערלעך אויף די הענט און אַלטיטשקע פרויען אָנגעשפּאַרט אויף שטעקנס. אַלע, אַלע זיינען באַהויכט מיט דער אַטמאָספער פון יום-טוב. פיל טויזנטער זיינען אַרויף אויף די דעכער און ריזיקע מאַסן קוקן דורך די פענצטער. זייער פיל פון זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך בענקלעך און שטולן און זיי האָבן זיך אויסגעזעצט לענג אויס די וועגן פון פאַרביי-מאַרש. אַנדערע האָבן געבראַכט מיט זיך לייטערס... כדי מיט זייער הילף אַרויפצוקריכן אויף דיביימער. אַלע ווילן זען די העראָאישע אַרמיי-איינהייטן וואָס נאָענטער...

בלויז 3.600 מאַן זיינען פריי פון זוכן גוטע אויסזיכט-פּלעצער. דאָס זיינען געווען די איינגעלאַדענע געסט, פאַר וועלכע עס זיינען צוגעגרייט געוואָרן באַקוועמע פּלעצער אויף דריי טריבונעס, אין צענטער פון וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען די טריבונע פאַרן רעגירונגס-שעף און פאַרן דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס.

דריי מיליטערישע מאָטאָציקליסטן און אַ מיליטערישער דזשיפּ, וואָס זיינען דערשינען איין מינוט פאַר 10.30 פרי, האָבן אָנגעזאָגט דעם אָנקום פון רעגירונגס-שעף וואָס שטייגט גלייך אויס פון זיין אויטאָמאָביל מיט זיין פרוי און ער גייט אַרויף אויף דער סאַלוטירונגס-טריבונע אין דער באַגלייטונג פון אַרמיי-שעף רב-אלוף מרדכי מקלב. וואָס זעצט זיך פון זיין רעכטער זייט און אלוף-משנה יוסף שמחוני — פון זיין לינקער. דער ריזיגער עולם נעמט אויף די אָנקומענדיקע מיט רוישנדיגע אַפּלאָדיסמענטן און אין אייניקע סעקונדן שפּעטער שפּילט אַ מיליטערישער אָרקעסטער התקוה. מיט אַ קורצן איינדרוקספולן צע-רעמאָניאַל ווערט איבערגעגעבן די פאָן צבא הגנה לישראל פון דער צפון איינהייט אין די הענט פון ישראלדיקן לופט-פלאָט.

דער זייגער ווייזט 10.40. ביי אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן הויבט זיך אָן דער מיליטערישער אויפמאַרש. עס ווערן אויפגענומען די שילער פון אַן אָפיצערן שול, וואָס מאַרשירן אין פולער באַוואָפענונג. זיי שטעלן פאַר מיט זיך אַן ערן-וואַך פון די פענער. גלייך נאָך זיי פאָרן פאַרביי צענדליקער דזשיפּן, אין דער פאָרם פון אַ סעגל, אין דער ברייט פון שאָסיי, מיט די פענער און סימבאָלן פון די פאַרשיידענע אַרמיי-איינהיי-טן. אַ מיליטערישער אָרקעסטער מאַרשירט נאָך די דזשיפּן. נאָך אַן אָפּטיילונג פון יונגע אָפיצערן מאַרשירט אַלס ערן-וואַך פון די פענער. ער מאַרשירן פאַרביי אין אַ געמאָסטענעם פּרעכטיקן טראָט דריי אינ-אינפאַנטעריע אָפּטיילונגען, איינע נאָך דער צווייטער, צו זעקס סאָל-דאַטן אין אַ רייע. אויף די קעפּ האָבן זיי געטראָגן קאַמופלאַזשירטע שטאָלהעלמס. מיט רוישנדיקע אַפּלאָדיסמענטן ווערט אויפגענומען אַ פאַראַשוטיסטן איינהייט מיט רויטע בערעטן אויף די קעפּ. און ווידער פיר אָפּטיילונגען פון דער אינפאַנטעריע אין פולער באַוואָפענונג. נאָך זיי מאַרשירט די ישראלדיקע פּאָליציי. די בלאָקן וואָס מאַרשירן נאָך דער פּאָליציי זיינען: איינהייטן פון לופט-פלאָט, ים-פלאָט, שילערינס פון אַ שול פאַר פרויען אָפיצירן און אָפּטיילונגען פון סאָלדאַטקעס, אַן אָפּטיילונג פון הג"א (קעגן לופטן פאַרטייגונג) און איר אָרקעסטער. די

מיליטערישע פּאָליציי, וואָס דערשיינט אין אירע אויסגעפּוצטע מונדירן מאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. אַן אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט רופט אַרוים די סאָלדאַטן-איינהייט מיט די דרעסירטע הינט. מען זעט אויך די מעדיצינישע איינהייטן, וואָס זיינען פאַרטראָטן דורך גרופּן פון קראַנקן-שוועסטער און סאַניטאַרן אין זייער ווייסער קליידונג. נאָך זיי מאַרשירן אָפּטיילונגען פון טעלעפאָן, טעלעגראַף און ראַדיאָ, פון סאָלדאַטן און סאָלדאַטקעס און אַן אָפּטיילונג פון מויל-אייזלען, וואָס פירן אויף זייערע רוקנס שווערע באַוואָפענונג. גדנ"ע (די מיליטערישע יוגנט-גרופּן) פון אַלע אַרמיי-איינהייטן איז זייער שיין פאַרטראָטן אין דעם פּאַראַד. אַן אָפּטיילונג פון נח"ל (די חלוציש קעמפנדיקע יוגנט) דריקט אויס די שטרעבונגען פון זייער דינסט, וואָס נעמט אַרום מיליטערישע איבונגען און לאַנדווירטשאַפט. אַ טייל פון דער איינהייט מאַרשירן אין פולער באַוואָפענונג און אַן אַנדער טייל טראָגט אויף די אַקסלען גראַב-ליעס און ווידלעס, גראַב-אייזנס און אַנדערע אַרבעטס-מכשירים. די נח"ל איינהייטן, פוסגייער גרופּן און איינהייטן פון ח"ן — חיל נשים — פון דער פרויען-אַרמיי, באַוואָפנטע מיט סטען און טאָמי גאַנס — האָבן געשלאָסן די ערשטע טייל פון פּאַראַד, וואָס האָט דעמאָנסטרירט די אינפאַנטעריע אָפּטיילונגען פון דער אַרמיי.

דער רעגירונגס-שעף און דער אַרמיי-פירער זיינען די גאַנצע צייט געשטאַנען אויף זייערע פיס און זיי האָבן געענטפערט אויף די סאַלוטן פון די איינהייטס-קאָמענדאַנטן.

11.15 דערהערט מען דעם ערשטן גערויש פון די עראָפּלאַנען. די אויגן פון די הונדערטער טויזנטער ווערן צוגעשמידט צו די עראָפּלאַנען עסקאַדרעס וואָס נעמען אַרום שווערע און לייכטע עראָפּלאַנען, קאַמפּס-עראָפּלאַנען און שווערע באָמבאַרדירער. כוואַליעס-ווייז פליען זיי פאַרביי. אין דער ערשטער כוואַליע זעט מען עסקאַדרעס צו ניין עראָפּלאַנען און נאָך זיי — צוויי עסקאַדרעס צו ניין עראָפּלאַנען. ווי די שענסטע מוזיק האָט געקלונגען אין די אויערן פון די התלהבות'דיק באַגייסטערטע צושויער, דער גערויש פון די עראָפּלאַנען עסקאַדרעס, וואָס פליען אונטער די בלויע ישראלדיגע הימלען און באַוואַכן דעם פּאַטערלענדישן באָדן.

די עראָפּלאַנען פליען אַוועק אין דעם דרום'דיקן טייל פון לאַנד און עס הויבט זיך אָן די שיפן-דעמאָנסטראַציע פון ישראלדיקן מיליטערישן ים-פלאָט. אין אַ ווייטקייט פון בלויז איינציקע הונדערט מעטער פון שאַ-

סיי באַווייזן זיך אויפן ים זיבן קריגס-שיפן, דעקאָרירטע מיט פיל-פאַרביקע פענער, וואָס שווימען אין דער ריכטונג פון צפון. פון די האַר-מאַטן אויף די קריגס-שיפן ווערן געגעבן לכבוד דעם רעגירונגס-שעף אַ רייע ערן-זאַלבן.

נאָך אַ הפסקה פון 20 מינוט, וואָס איז אויסגענוצט געוואָרן פאַר דער דעמאָנסטראַציע פון ים-פלאָט, ווערט באַנייט דער מיליטערישער מאַרש. פונקט 11.35 פאַרמיטאָג הויבן זיך אָן צו באַוועגן די מאָטאָרי-זירטע איינהייטן פון דער הגנה אַרמיי. אין אַ דזשיפּ פאָרט בראש דער קאָמענדאַנט פון דער מאָטאָריזירטער קאָלאָנע און נאָך אים — 3 דזשיפּן, אַלע פון דער אַרטילעריע-איינהייט, און אַן אויסשפּיר איינהייט פון עט-לעכע צענליג דזשיפּן. נאָך זיי קומען אַרטילעריע איינהייטן פון לייכטע און שווערע האַרמאַטן, פאַרשיידענע מאַשין געווערן, פעלד-האַרמאַטן, האַרמאַטן קעגן לופט-אַנגריפן, אַנטי-טאַנק האַרמאַטן און אַן אָפּטיילונג פון פלאַקערן וואַרפער — וואָס האָט נישט איינמאָל אַרויסגעהאָלפן דער הגנה אַרמיי, אין די שווערע מאָמענטן פון פרייהייטס קאַמף. די פּראָ-זשעקטאָרן איינהייט פון ים-פלאָט מיט דער ערשטקלאַסיקער אויסשטאַ-טונג. צוויי באַוועגלעכע דענטיסטישע אַמבולאַטאָריעס. צוויי באַוועגלע-כע פעלד לאַבאָראַטאָריעס און צוויי באַוועגלעכע אַמבולאַטאָריעס פון פעלדרענטגען. אין המשך פון די מאָטאָריזירטע איינהייטן קומען פאַר-בינדונגס אויטאָמאָבילן און דריי אויטאָמאָבילן מיט פּאָסט-טויבן. צענד-ליגער אויטאָמאָבילן אין איין לאַנגער רייע, וואָס פירן באַוועגלעכע פוס-גייער איינהייטן און צולעצט זעט מען די אינזשיניערן-איינהייט, וואָס איז פאַרטראָטן דורך דריי ריזיגע בולדאָזערן, צוויי הויב-מאַשי-נען (אין דער טיף) און אַ פאַרשידנאַרטיגע שווערע טעכנישע אויס-שטאַטונג. אין דער איינהייט זעט מען אויך מינען ענטדעקער מיט זייער ספּעציפישער באַוואָפענונג.

פאָרן שלום פון דעם פּרעכטיקן מיליטערישן פּאַראַד פאָרט פאַרביי אַן איינהייט פון געפּאַנצערטע אויטאָמאָבילן און גלייך נאָכדעם הערט מען אַ שטאַרקן גערויש. 12.30 באַווייזט זיך דער ערשטער טאַנק, דער גערויש ווערט אַלץ שטאַרקער און אין משך פון אייניקע מינוט פאָרן פאַרביי ריזיגע געפּאַנצערטע קאָלאָסן. אין אַ גרויסער שנעלקייט פאָרן פאַרביי טאַנקן פון גרעסטן און שווערסטן קאַליבער, די קייטן וואָס שלעפּן די רעדער לאָזן איבער טיפע סימנים אינ'ם שאָסיי, וואָס „קרעכצט" אזש אונטער דער שווערער משא...

די ערן־וואך סאַלוטירט ווידער פאַר דער טריבונע פון רעגירונגס־שעף און פון דעם אַרמיי־קאָמענדאַנט און דערמיט ווערט פאַרענדיקט די מעכטיקע דעמאָנסטראַציע פון דער הגנה־אַרמיי אין יום העצמאות תשי"ג.

דער וואונדערלעכער מיליטערישער פאַראַד וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין מוסטערהאַפטער אָרדענונג און פינקטלעכקייט און וואָס האָט אַזוי ממשותדיג באַוויזן דעם מעכטיקן כח פון דער הגנה־אַרמיי, האָט נישט בלויז אויפגעמונטערט און באַגייסטערט די ברייטסטע מאַסן פון אידישן לאַנד. די דעמאָנסטראַציע פון דער הגנה־אַרמיי האָט אויך געמאַכט דעם שטאַרקסטן איינדרוק אויפן דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס און גאַנץ באַזונדערס אויף די מיליטערישע אַטאַשעס. די דעמאָנסטראַציע פון אונזער כח איז אויך געווען אַ וואָרענונג פאַר אונזערע פיינט, וואָס דראָען כסדר מיט אַ „צווייטער רונדע".

— — — — — — — — — — — —

פאָרנדיק צוריק קיין תל אביב, האָב איך פאַרזוכט דעם ביטערן טראָפּן וואָס הייסט „שירות־שאָפערן". זייער אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט — אַלנפאַלס, ביי אַ גרויסער טייל פון זיי — האָט קיין גרענעץ ניט! ער זעצט אונז אַריין אין קאָלעקטיוון־טאַקסי (שירות) נעמט ביי יעדן 2 פונט פאַר דער רייזע. ביי מיר נעמט ער גראַדע 5 פונט, פאַר אונז ביידע, און קומענדיק קיין תל אביב, ווען איך געב אים אַ צענער־פונט ער זאָל מיר געבן רעשט — וויל ער עס ניט טאָן! מען דאַרף צאָלן... 5 פונט פאַר יעדן איינעם! אַזוי וויל ער!

מיין זשורנאַליסטן־קאַרנעט האָט אים ווייכער געמאַכט. ער האָט מורא געהאַט איך זאָל עס באַשרייבן און... געגעבן דריי פונט רעשט! אָבער וועגן די שאָפערן — אַביסעלע שפּעטער!

21־טער אַפּריל:

היינט הויבט זיך אָן מיין אינטענסיווע אַרבעט אין ישראל. עס הויבט זיך אָן די וואָך (נעכטן איז דאָך געווען יום־טוב) און איך מוז אויסאַרבעטן אַ פּראָגראַם פון אַרבעט. איך טאָר ניט לאָזן איין טאָג, אָן עפּעס וויכטיקעס אויפגעטאָן.

איך באַשטים. די גאַנצע וואָך וועל איך נאָך זיין אין תל אביב און אומגעגנט. איך וועל זיך נענטער באַקענען מיט די מענטשן פון שטאָט,

מיט זייערע... מיינונגען און מיט זייערע האָפענונגען. איך וועל מאַכן אַ שפּאַציר קיין פּתח תקוה און אויב מעגלעך — קיין ראשון לציון. ביי־דע אַלטע, ערשטע אידישע מושבים פון ישראל.

פאַר אַלץ — וויל איך זיך אָבער באַקענען מיט אַ וויכטיקן און ווייטיקלעכן פּראָבלעם וואָס עקזיסטירט אין ישראל, אַ פּראָבלעם מיט וועלכן עס רעשט זיך אין חוץ לארץ. דאָס איז דער פּראָבלעם פון... אידן וואָס שמד'ן זיך! פון שוין דריי טויזנט געשמדטע אידן אין ישראל, פון אי־דישע קינדערלעך וואָס גייען אין מיסיאָנערסקע שולעס.

אין מיינע שמועסן מיט חברים שרייבער און קולטור-טוער פון ישראל, און ספּעציעל מיטן חבר ע ר נ ס ט האָב איך, ניט איינמאָל, באַרירט אָט די פראַגע און איך בין געוואָרע געוואָרן:

עס איז אַ געוויסער אמת! פאַראַן אַ סך אידן וואָס האָבן זיך גע־שמדט! פאַראַן אידישע קינדערלעך אין מיסיאָנערסקע שולעס!... פאַראַן אַ ש ט אַ ר ק ע מ י ס י אָ נ ע ר י ש ע אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע אין ארץ ישראל! אָבער צו קיין דריי טויזנט אידישע משומדים — קומט עס נאָך ניט!... אַפילו ניט צו קיין טויזנט!

— פון וואַנען נעמט זיך משומדים? וואָס פאַר אַ לעקעכל געבן די מיסיאָנערן זייערע קרבנות אַז זיי זאָלן זיך שמד'ן? — די הויפּט צוציאונגס-קראַפט פון שמד איז... אַ וויזע קיין לאַטיין-אַמעריקע, און גאָר ספּעציעל קיין בראַזיל!

פאַראַן אַ סך לענדער וואָס האַלטן פאַרמאַכט זייערע טויערן פאַר אידישער אימיגראַציע! דערזעט דער קאָנסול אַ אידישע פאַמיליע, דער־שמעקט ער, אַז דער עמיגראַנט איז פון משה'ס גלויבן — רוקט ער שוין אַזעלכע פלעקער אין וואָגן פון עמיגראַנט, אַז ער פאַרלירט שוין דעם חשק צו פאָרן אין זיין לאַנד אריין.

קומען די מיסיאָנערן און באַאַרבעטן דעם קאַנדידאַט אויף אַזאַ אויפן, אַז ער דענק דאָס... ער נאַרט אָפּ דעם מיסיאָנער! ער וועט זיך לאָזן באַגיסן מיט דער „הייליקער וואַסער", ער בייט זיך דעם נאָמען! — אנשטאָט משה בערקאָוויטש, גיט מען אים אַרויס אַ טויף-צעטל אויפן נאָמען פון אַנדרא גוזיק, אָדער מאַקסים פאַראנאַטש! — און ווען ער וועט קומען קיין אַמעריקע, וועט ער דאָרט צערייסן די פּאַפּירן און ווערן צוריק אַ איד!...

אַז דאָס איז ניט אַזוי לייכט, אַז בייטן צ ו ר י ק זיין פאַמיליע פון פאַראנאַטשי אויף בערקאָוויטש איז ניט גרינג, אַז „מגיר זיין" זיך —

לאָזט מען אים ניט — דאָס אַלץ ווייסט ער ניט! און ווען ער ווערט געוואוירע — איז שוין צו שפּעט! אַ סך... פאַרבלייבן ביים טויף צע־טל און ביי זייער נייעם נאָמען און גלויבן!...

פאַראַן נאָך „מאָטיוון" פון שמד!... מאָטיוון לייכטזיניקע, אומבאַ־רעכטיקטע אָבער — זיי פירן צום מיסיאָנערסקע שטיבל!

איינע פון די הויפּט־מאָטיוון פון שמד — איז צום באַדויערן, צום גרויסן באַדויערן — די עקאָנאָמישע לאַגע און די אַרבעטסלאָזיקייט אין לאַנד! און — זאָל דאָ גלייך געזאָגט ווערן: 99 מיט אַ האַלבן פּראָ־צענט פון די „משומדים", פון די, וואָס פאַרקויפן זייער איד פאַר אַ פּאָר פונט — זיינען פון די נייע עולים! פון אַזעלכע וואָס זיינען אין לאַנד עטלעכע יאָר און האָבן זיך ניט געקאָנט, אָדער ניט געוואָלט אַריינפּאַסן אין לעבן, — אין שווערן, קרבנותדיקן, ארץ־ישראל־לעבן און ארץ ישראל ווירקלעכקייט. אַ סך פון זיי קומען פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן! אויך דאָרט וואָלטן זיי זייער לייכט „געביטן דאָס רעדל". — אָבער, היטלער ימח שמו, האָט ניט געוואָלט זייער גאָט! ער האָט גע־פאָדערט זייער לעבן! דאָ, אין פרייען — שוין צו פרייען — ארץ ישראל, קאָנען זיי ניט, אָדער ווילן מער ניט ליידן קיין נויט! ווילן אויף שנעל, אויסבייטן זייער „מעברה" אויף אַ שיינער וואוינונג, אויף אַ וויזע קיין אויסלאַנד — טוען זיי עס אָן שוועריקייטן!...

די מיסיאָנערן — זיי זיינען איצט דאָ פאַראַן ווי אַ היישעריק. פאַרן אַרום איבערן לאַנד — ספּעציעל אין די גרעסערע שטעט, קומען אַריין אין די שפּיטעלער, שטעלן זיך אין דער רייע ביים באַזוכן אַ קראַנקן, קומען אַריין צום קראַנקן אָדער נויטבאַדערפטיקן אין צימער, לאָזן דאָרט איבער עפּעס עסן, לאָזן איבער אַ פּאָר פונט און...

קומען מאָרגן נאָך אַמאָל און איבערמאָרגן נאָך אַמאָל! אַלע טאָג, מיט אַן אַנדער פאָרשלאַג פון הילף — ביז זיי קריגן אַריין דעם קרבן אין זייערע לאַפּעס!

אין משך פון די עטלעכע טעג וואָס איך בין שוין אין ישראל האָב איך זיך מיט אָט דער „שמד־פראַגע" שטאַרק אינטערעסירט. איך האָב אַפילו באַשלאָסן זוכן אַ „שליסל" צו איינעם פון די געשמדטע, מאַכן מיט אים אַן „אינטערוויו" וואָס וועט באַשטיין פון איין וואָרט: הי־תכן?... איך האָב אָבער — פריער געוואָלט הערן און לייענען וואָס די ישראל־פרעסע און ישראל־מענטשן זאָגן וועגן דעם.

ביי מיין קומען אין לאַנד, איז דער ענין געווען זייער אַקטועל. אין

שטוב און אין קאָפּ האָט מען גערעדט וועגן דעם. שרייבער, האָבן עס באַשריבן און אַליאַרמירט. ספּעציעל האָט זיך געטומלט מיט איינעם פון די הויפּט „שמד-פאַבריקאַנטן" — אַ געוועזענער איד, וואָס — אויב איך מאַך ניט קיין טעות — האָט ער געהייסן מ א ז ו ר. זיין טעטיקייט איז געווען אַ דאָפּלטע. ער האָט,פריער, אָפּגעשמדט דעם אידן, און אים דערנאָך — אַרויסגעפירט פון לאַנד! אינטערעסאַנט איז, אַז ער האָט זיינע קרבנות געפירט קיין דרום-אַמעריקע דורך... מצרים, סיריע, אָדער אַן אַנדער אַראַביש לאַנד!

ווען איך בין איינמאָל געזעסן און געהערט די ראַדיאָ קיין ישראל טראַנסמיטירט פון... דמשק, אויף דער העברעאישער שפּראַך, האָב איך טאַקע געהערט, ווי די אַראַבער מעלדן, אַז יעדער איד, וואָס וויל עמיגרירן פון ישראל, יעדער אידישער בחור אָדער מיידל, וואָס וויל ניט גיין „דינען" און די רעגירונג לאָזט זיי ניט אַרויס פון לאַנד — קאָנען פראַנק און פריי אַריינקומען אין די אַראַבישע לענדער ווו מען וועט זיי געבן שטיצע פאַר זייערע וויטערדיקע וואַנדערונגען!...

אָט דאָס איז געווען די אַרבעט פון אָט דעם מנוול מאַזור! ער איז געקומען מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, קיין ישראל פון שאַנכאַי. געקומען איז ער מיט גרויסע פּלענער צו בויען גרויסע דעפּאַרטאַמענט הייזער אויף אויסצאָלן!

די אַגענטן פון די מודעות-אָפּטיילונגען, (אַוויסעס) פון די גרויסע ארץ ישראל צייטונגען, האָבן געהאַט מיט אים אַ שמועס וועגן זיינע פּלענער. לויט זיין חשבון וועט ער אַריינלייגן אין געשעפט... 20 מי-ליאָן פונט (דעמאָלט איז יעדער פונט געווען... קנאַפּע דריי דאָלער) ער האָט באַלד אַרויסגעוויזן זיין ברייטהאַרציקייט צו די צייטונגען און — דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון צייטונגס-וועזן אין ישראל — האָבן זיי אַרויסבאַקומען פון אים „אָרדערס" אויף צו דרוקן... גאַנ-צע זייטן אַוויסאַס פון זיין „געשעפט" און „אונטערנעמונג".

מעגלעך, אַז זיין אויסרעכענונג איז געווען, אַז ווי נאָר די אַוויסאַס וועלן דערשיינען, וועט זיך אַ גיסטאָן אַ מבול פון פונטן — אַלס „אָדע-רויף" אויף די געפּלאַנטע הייזער. נו איז קיין מבול פון פונטן ניט גע-קומען, דערפאַר, אָבער, האָט זיך אַ גאָס געטאָן אַ מבול פון חשבונות פון זיינע אַנאָנסן! אָבער, גיי צאָל פאַר „זייטלעך" אַנאָנסן, אַז... ער האָט ניט מיט וואָס אַ טאָג איבערקומען!

ער איז אַרעסטירט געוואָרן, איז אָפּגעזעסן אַ שטיקל צייט אונטער

גראַטעם, איז דערנאָך אַוועק פון ישראל, און אין אַ קורצער צייט אַרום, איז ער געקומען צוריק אַלס... אָנפירער פון מיסיאָנערן און זיך גע־נעמען אַרבעטן אין די לאַגערן פון די נייע עולים... אַגב. לויט ווי מען האָט מיר שפּעטער דערציילט — האָט ער שוין אַ פּאָר מאָל געכאַפּט... פּעטש פון עולים צו ווען ער איז געקומען מיט גאָטס וואָרט אויף די ליפּן און מיט עטלעכע פונט אין קעשענע!

— — — — — — — — — — — —

ווען איך בין היינט אינדערפרי אַרויסגעגאַנגען אין גאַס — האָב איך געטראָפן מיט זיך אַ בריוועלע פון אַ חשובער פּערזענלעכקייט אין תל אביב צו זיינעם אַ פריינט, אַ געוועזענעם פריינט, און איצ־טיקן... משומד! מיט אים וועט איר קאָנען רעדן פריי — האָט מיר פאַרזיכערט דער רעקאָמענדאַציע־געבער — ווייל ער זאָגט אייך דעם אמת! ער שעמט זיך ניט מיט זיין שמד און מיט זיין טעטיקייט אַלס שטיקל מיסיאָנער!

איך האָב אים געטראָפן זיצן אין אַ שטאָטישער ביבליאָטעק! ער קומט אַהין אַלע טאָג! ער בעט אַ בוך צום ליינען, אָפּט אָפּט — אַ מש־ניות אָדער אַפילו אַ קבלה־ספר, און ער פאַרטיפט זיך אין אים! הייסן הייסט עס, אַז ער קומט אַהין לייענען, ווייל דאָרט איז דאָ אַ רואיק פּלאַץ און אַ סך ספרים. דער אמת איז — ער גייט אַהין „כאַפּן־פיש״. ער איז אַ גוטער באַאָבאַכטער פון מענטשן, און ער שטודירט, די יעניקע וואָס קומען לייענען אין ביבליאָטעק. דאָרט, אין ביבליאָטעק, רעדט ער מיט קיינעם ניט! אָבער, ווען זיין קרבן — אויף וועמען ער וואַרפט אַ אויג — גייט אַרויס פון ביבליאָטעק, גייט ער אים נאָך, פאַרפירט מיט אים אינדרויסן אַ שמועס, ווערט מיט אים היימיש און מאָרגן... זיצן זיי שוין צוזאַמען, לייענען צוזאַמען און גייען אַרויס צוזאַמען!... אי־בערמאָרגן... קומט שוין יענער ניט אין ביבליאָטעק ווייל... ער האָט שוין באַקומען אַ בריוועלע אַהיים (אין ביבליאָטעק רעגיס־טרירט מען באַלד יעדנס אַדרעס) און מען וואָרנט אים קעגן זיין שכן דעם משומד!...

דער מיסיאָנער ווערט ניט ברוגז פאַרוואָס „מען האָט אים באַ־רעדט״, ער טוט זיך זיין אַרבעט רואיק און זוכט אַ צווייטן קרבן! און אַזוי אַלע טאָג!

— פאַרוואָס וואַרפט מען אים ניט אַרויס פון ביבליאָטעק?

— ערשטנס: — די ארץ ישראל־דעמאָקראַטיע — וועלכע איז פויפּ־סלעכער פונ׳ם פויפּסט! ניטאָ אַזאַ געזעץ! אָפיציעל — באַגייט ער ניט קיין שום פאַרברעכן קעגן קיינעם און קעגן דער רעגירונג!

צווייטנס: — אַזוי האַלט מען אים נעענטער אויפן אויג און מען קאָנטראָלירט אים!...

— איך גיב אים אָפּ דאָס בריוועלע. ער לייענט עס איבער און שטעלט אָן אויף מיר אַ פּאָר אויגן! וואָס וויל איך?

— דאָס ערשטע וואָס איך וויל וויסן, איז... צי ער איז ווילין מיט מיר צו רעדן אָפנהאַרציק? צי וועל איך מעגן שרייבן פון אונזער געשפרעך?

— יאָ! ער איז ווילין! ער הייסט זיך בלויז... „באַצאָלן״! ער וויל ניט קיין געלט! ער וויל בלויז, אַז איך זאָל אים זאָגן אָפנהערציק:

צו... גלויב איך, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט?...

— יאָ! איך גלויב אין גאָט! איך גיי אין שול אַריין! איך... פאַסט אַפילו יום־כפור!...

— אויב אַזוי, זענט איר פון מיינע מענטשן! קומט אַרויס אין קאַ־פע און מיר וועלן רעדן!

— — — — — — — — — — — —

מיר זיינען געזעסן אין קאַפע „עטרה״ און געזופּט די גלאָז — דעם „העמער״ — קאַווע, וואָס די ישראל־קאַפעען דערלאַנגען! מיר האָבן די ערשטע צייט ניט גערעדט קיין וואָרט. איך האָב באַטראַכט מיין אַמאָ־ליקן „גלויבנס־גענאָסע״, איך האָב זיך צוגעקוקט צו זיין געקנייטשן פּנים און שטערן, צו זיין גרויען קאָפּ האָר, און שטילערהייט האָב איך גערעדט צו זיך אַליין:

צו האָט ער — דער אַלטער תרח — ניט מורא פאַרן יום הדין? ער שטייט דאָך שוין מיט איין פוס, מיט אנדערהאלבן פוס אין קבר.

אויף איין מינוט איז מיר געקומען אויפן זינען די יאָרן פון ת״ח — ת״ט, די שחיטות פון באָגדאַן חמעלניצקי, ווען גאַנצע געמיינדעס אידן האָבן זיך געלאָזט אויסקוילען, אַבי ניט שמד׳ן זיך, אַבי ניט בייטן דעם גלויבן! איך באַטראַכט אָט דעם אַלטן מנוול, און פאַר די אויגן גיט מיר אַ שוועב דורך די געשטאַלט פון די חתן־כלה, וואָס האָבן זיך אין וואַ־סער אַריינגעוואָרפן, אַבי ניט שמד׳ן זיך! איך זע דאָס בילד פון יענער אידישער טאָכטער, וואָס האָט „אָפּגענאַרט״ דעם הײדאמאַק, האָט איב

איינגערעדט, אַז קיין קויל קאָן איר ניט שאַטן! זי האָט אַ כשוף אין זיך! אדרבא! זאָל ער פּרווון וועט ער זען! ער דאַרף נאָר צילעווען אין ברוסט! ער פּרוווט, און זי פאַלט אַ טויטע — אַבי ניט שמד'ן זיך!

און, אָט זיצט נעבן מיר אַן עלטערער איד. לויט די רעפערענצן אויך — אַ שטיק אינטעלעקטואַל! אַ שרייבער און אַ דיכטער! און ער, האָט קאָלטבלוטיק — סאַמע איצט ווען יעדער איד איז אונז טייער — פאַר־לאָזט אונזערע רייען! שמד'ט זיך אָפּ און ווערט אַ מיסיאָנער! ער זוכט נאָך אַנדערע קרבנות ווי ער איז געוואָרן! ער זוכט שותפים צו זיין מצווה!...

— — — — — — — — — — — —

איך האָב אים געפרעגט דאָס איינע וואָרט: היתכן? ער, האָט גערעדט צו מיר צוויי שעה מיט 40 מינוט אָן אָפּשטעל! ער האָט אויסגע־טרינקען 2 קאַפּעען און דריי גלעזער וואַסער און ווייטער גערעדט!

דער הויפּט תוכן פון זיין רעדן, זיין „פאַרענטפערן" זיך פאַר זיין טאַט איז געווען:

— „די אידן האָבן אים געטריבן צו שמד"! מען האָט אים איגנאָ־רירט! מען האָט אים ניט געוואָלט געבן אַ פּרוטה צו פאַרדינען! ער ברענגט מיר אַלס באַוויז די געשיכטע פון דער קריסטלעכער שריפט־שטעלערן אלישבע וועלכן האָט זיך מגיר געווען און איז געוואָרן אַ העברעאישע דיכטערן! וואָס איז געוואָרן פון איר? — רופט ער אויס מיט פּאַטאָס — מען האָט זי אַזוי איגנאָרירט, אַזוי פאַריאָגט, אַז זי האָט פאַרענדיקט איר לעבן אַ פאַראָרימטע אַ עלנטע אין אַ... קריסט־לעכן מאָנאַסטיר! איצט, לפּחות, בין איך אַ מענטש גלייך מיט אַלע, האָב אַן איינפלוס און מען רעכנט זיך מיט מיינס אַ וואָרט...

דאָס איינציקע מאָל וואָס איך האָב אים איבערגעשלאָגן איז געווען:

— האָט איר באַשטימט נעמען נקמה פון אידישן פאָלק, פון אידישן גאָט, פון אייער טאַטע־מאַמע, מלמד, חדר, און גוטע פריינט און האָט זיי — אויף צו להכעיס זיך געשמדט? זאָגט כאָטש דעם אמת: — טוט אייך ניט באַנג? וואָלט איר ניט געוואָלט פאַריכטן אייער טעות?...

מיין משומד האָט מיר האַסטיק איבערגעשלאָגן:

— ווען איר זענט געקומען מיט מיר רעדן — האָב איך בלויז גע־וואָלט ווינסן צי איר גלויבט אין גאָט, ווייל מיט קיין אַפּיקורסים — רעד איך ביכלל ניט! איך האָב, אָבער, ניט געהאַט קיין איין מינוט אין גע־דאַנק, אייך אָנהויבן פּרעדיקן קריסטנטום! זייט זשע אויך טאָלעראַנט

און פרעדיקט מיר ניט קיין אידנטום ווייל אַ איד... בין איך אַ גרעסערער און בעסערער פון אייך!...

אין משך פון געשפרעך, האָט ער אפילו מיט איין וואָרט ניט דערמאָנט קריסטנטום! ער האָט בלויז דערציילט ווי אַזוי ער האָט זיך געמוטשעט און ווי אַזוי מען האָט אים איגנאָרירט און פאַרפאָלגט! ער האָט געגאָסן פעך און שוועבל אויף אַלע שרייבער און פון זיי געמאַכט אַש און פּאָרך. איצט — האָט ער פרנסה מערער פון זיי און כבוד? — ער וועט נאָך אַמאָל ווערן אַ הויכער גייסטלעכער און ווען ער איז ניט קיין „פּראָטעסטאַנט" נאָר אַ קאַטאָליק — וואָלט ער נאָך אפשר, געוואָרן אַ... פּויפּסט!

— איך האָבן געמאַכט פון מיין נייעם גלויבן אַ „קרדום לחפור בה":
פון אידנטום האָב איך גאָרניט געהאַט וואָס צו דערוואַרטן!...

ווען איך האָב זיך מיט אים געזעגנט, האָב איך אים די האַנט ניט געגעבן! ער האָט מיך געעקלט! געעקלט!

צום באַדויערן, איז אין ישראל דאָ איצט אַ סך פון אַזעלכע, טיפּן כלבים!...

— — — — — — — — — — — — —

פאַרענדיקנדיק מיטן קאַפּיטל „משומדים אין ישראל", איז כדאי צו דערציילן וועגן נאָך אַ קוריאָז, וואָס אין ישראל קאָן זיך פאַרלויפן מיט אָט דער פּראָבלעם „איד-גוי":

ווען די טויערן פון ישראל האָבן זיך געעפנט, נאָכן פּראָקלאַמירן פון דער מדינה, האָבן זיך אַ שאָט געטאָן קיין ישראל פּאָרלעך פון געמישטע חתונות, וועלכע האָבן אין דער היים — א סך שוין נאָך דער קריג — געלעבט פון אָט עם ענין. אַ סך פּאָרלעך קומען פון טריפּאָלי, פון גריכנלאַנד, פון מצרים און אַנדערע אַראַבישע לענדער און מערער פון אַלע — פון דייטשלאַנד.

נו! כל זמן דער קאָפּ איז געווען פאַרשלאָגן מיט איינאָרדענען זיך — האָט מען — ביי די פּאָרלעך און שטוב — ניט אינזינען געהאַט צו טראַכטן וועגן „מ יי ן גאָט — ד יין גאָט". מען האָט געפונען אַרבעט, מען האָט געוואַרט אַז מען זאָל אַרויס פון „מעברה" און אַריין אין אַ „שיכון" און מען זאָל אָנהויבן אַ נאָרמאַל לעבן!

איצט שטייט מען שוין פעסט אויף ביידע פיס אויף דער ארץ ישראל ערד, מען איז מיטגלידער אין אַ דאָרף אָדער קיבוץ, האָט מען זיך דערמאָנט אין... גאָט! דאָס קריסטלעכע ווייבל פון אידישן מאַן, אָדער

קריסטלעכן מאַן פון אידישן ווייבל, ווײַל האָבן זיין גאָט און זיין... קירכע! ער צווינגט ניט זיין פרוי, צו גיין מיט אים אין קירכע — אָבער — ער וויל ניט, אַז זי זאָל אים צווינגען גיין מיט אים אין אַ אידישער שול אריין!...

אמת! ווען זיי האָבן חתונה געהאַט — בעסער געזאָגט — ווען זיי האָבן באַשטימט „צוזאַמענלעבן" — איז זיי, דאַן, ניט געלעגן אין זינען גלויבן אין קירכעס! איצט, איז מען שוין רואיקער! מען לעבט אין אַ פריי לאַנד — שוין צופיל פריי — און יעדער איינער מעג דינען זיין גאָט ווי ער פאַרשטייט! ווייל איין צד — ספּעציעל דער קריסטלע־כער, האָבן זיין פרייהייט פון גלויבן און זיינע... באַקוועמלעכקייטן צו בעטן צו זיין גאָט...

— ווי אַזוי זיינען די פּאָרלעך געקומען קיין ישראל?

פאַרשטייט זיך אַלס... אידן! זיי האָבן דאָך אויך באַקומען אי־דישע שטיצע און אידישע שיפסקאַרטעס! ווען זיי פאַרשרייבן זיך אַלס ניט־אידן, באַקומען זיי דאָך גאָרניט!...

דאָרף זיך טרעפן אַזאַ געשיכטע. אין אַ געוויסן פונקט פון לאַנד, האָבן זיך קאָנצענטרירט אַ גרעסערע צאָל פון אַזעלכע פאָרלעך! טאַקע לאַנדסלייט פון דער היים! פאַראַן אין אַ סך ערטער אַזעלכע קאָנצענט־רירטע פּאָרלעך. זיי, ביים אָנקומען אין לאַנד, האָבן געזוכט זיך איינאַר־דענען אַזוי. אַלס לאַנדסלייט, וועלן זיי קאָנען בעסער העלפן איינער דעם צווייטן — פונקט ווי ביי אידן פירט זיך אַזוי!

נו! האָבן אייניקע פון די קריסטלעכע „העלפטן" אַרויסגערוקט אַ פאָדערונג אַז מען זאָל זיי אויסבויען... אַ קירכע! אויב זיי זיינען מיט־גלידער פון קאָאָפּעראַטיוון אָדער קאָלאָניעס, איז די קאָאָפּעראַטיווו מחויב זיך זאָרגן פאַרן גייסטיקן געווּנס פון זיינע מיטגלידער!...

שטעלט זשע זיך פאָר, אין אַ קבוץ פון גליל אָדער עמק, אין נגב אָדער אין די הרי יהודה אַ... קלויסטער, געבויט פון אידן פאַר זיינע מיטגלידער... כאָטש — על דין ועל פי יושר זיינען זיי גערעכט!... „עס קומט זיי"!..

אין איינער אַזאַ קאָלאָניע וואָס טראָגט דעם נאָמען בית־זית איז אויסגעבראָכן אַן אָפענער קאָנפליקט צוליב דעם. דאָרטן געפינען זיך 70 „געמישטע פאַמיליעס" און די קריסטלעכע מענער אָדער ווייבער טענה׳ן: גיט אונז אָפּ אונדזער גלויבן! לאָזט אונז דינען אונזער גאָט ווי מיר ווילן! אַ קלויסטער ווילן מיר!

טענה'ט אָבער די מערהייט, וועלכע איז אַ אידישע:

אויב שטעלן אַ קלויסטער קעגן דעם ווילן פון דער מערהייט איינ־וואוינער — הייסט עס דאָך פאַרגוואַלדיקן אַזאַ פונדאַמענטאַלן געזעץ ווי „מערהייט" און „מינדערהייט"! זיי ווילן אַ קלויסטער? זאָלן זיך אַלע גע־מישטע חתונה-פּאָרלעך צענויפנעמען אין איינעם, זיך אויפבויען אַ באַ־זונדערע קאָלאָניע און דאָרט טאָן וואָס זיי ווילן! אַפילו אַ קאַטעדראַל!...

איז דאָס אויך נים קיין לייזונג! ווייל, אין אַזאַ קאָלאָניע וועלן די קינדער אויפוואַקסן אַבסאָלוטע... גוים און קאַנדידאַטן אויף גלחים און מיסיאָנערן — כאָטש זייער טאַטע אָדער מאַמע איז פון אידישן אָפּ־שטאַם!...

דערווייל איז נאָך דער פּראָבלעם נים געלייזט! ווען, מיר האָבן, אין קרייז פון חברים, דיסקוטירט אָט דעם ענין האָט מען... שטאַרק גע־קרעכצט!... ס'איז אַ פרישער ביין אין האַלדז! די שונאי ישראל פון דער קריסטלעכער וועלט, וועלן שוין קאָנען שרייען: אין ישראל איז ני־טאָ קיין פרייהייט פון גלויבן!...

— — — — — — — — — — — — —

נאָך מיטיק, פאָרן מיר קיין פתח תקוה! איר פאָר אָנקוקן די... פּרדסים, זיך טרעפן מיט אַלטע קאָלאָניסטן און ענדלעך אָנקוקן דאָס „דאָרף" פון וועלכן איך האָב פערציק יאָר געהערט און געחלומט!

איך געדענק ווי אַזוי מען האָט זיך אָנדערציילט אין אונזערע קליי־נע שטעטלעך וועגן דער גרינדונג פון פתח תקוה, אַז עפּעס איינער אַ איד יהודה ראב האָט זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן און איז אַרויס פון זיין שטוב אַקערן די ערד פון זיין גאָרטן, כאָטש ער איז געווען אין געפאַר אויפגעגעסן צו ווערן פון... טויזנטער מיליאָנען פליגן וואָס האָבן באַלאַגערט יענע געגנט... שפּעטער, זיינען געקומען נאָך אַזעל־כע אידעאַליסטן ווי אָט דער יהודה ראב און האָבן געקויפט אַ שטיק ערד אין יענער געגנט און האָבן די געגנט אַ נאָמען געגעבן פתח תקוה — דאָס הייסט „די טיר פון האָפענונג" אַ האָפענונג, זיך אומצוקערן און זיך באַזעצן אויף דער הייליקער ערד — די ערד פון אונזערע אבות.

וועגן פתח תקוה פלעגט מען דערציילן פאָלגענדע לעגענדע:

אין יאָר 1878 איז געקומען קיין ארץ ישראל אַ גרופּע אידן מיטן צוועק צו קויפן באָדן און זיך באַזעצן אויפן לאַנד. די דאָזיקע אידן האָבן

מיטגעבראַכט מיט זיך אַ דאָקטאָר וועלכער זאָל זיי אָנווייזן צו דער מקום איז ניט קיין געפּאַר פאַר זייער געזונט ווייל אין יענע געגנטן איז מאַלאַריע געווען אַן אָפטער גאַסט. ווען זיי זיינען צוגעקומען צום פּלאַץ וואו היינט שטייט פּתח תקוה און האָבן עס געוואָלט קויפן — האָט דער דאָקטאָר זיי געעצה׳ט דאָס דאָזיקע פּלאַץ ניט צו קויפן ווייל אַפילו אַ פויגל קאָן דאָרט ניט וואוינען.

די אידן האָבן אויסגעהערט דעם דאָקטאָרס מיינונג און... דאָס פּלאַץ יאָ געקויפט און אויסגעבויט דאָרט די ערשטע הייזער.

און, אָט, פון יענעם יאָר אָן, הויבט זיך אָן די געשיכטע פון ערשטן אידישן דאָרף אין ישראל און עס הויבט זיך אָן דער ערשטער אידישער קאַמף פאַר עקזיסטענץ אין ישראל. די אַראַבער שיקן זייער שאָף אַז זיי זאָלן פּאַשן אויף די אידישע פעלדער און די אידן לאָזן ניט און... עס גיסט זיך בלוט! דער קאַמף האָט געדויערט און די אידן האָבן אים געוואונען. די אַראַבער האָבן באַקומען דרך ארץ פאַר די פּתח תקוה׳ער קאָלאָניסטן.

די ערשטע קאָלאָניסטן פון פּתח תקוה האָבן זייער אַ סך געליטן. ווער ווייסט צו די איצטיקע עולים וואָלטן אויסגעהאַלטן אַזאַ עק־זאַמען? געווען טעג — אַזוי האָט מען דערציילט — אַז זיי האָבן אויפגע־האַנגען דאָס ברויט אויפן סופיט, כדי די קינדערלעך זאָלן עס ניט אויפ־עסן מיט אַמאָל... געווען צייטן ווען טאַטע־מאַמע האָבן קיין צוויי טעג ניט געגעסן כדי די קינדערלעך זאָל סטייען דאָס שטיקעלע ברויט... געווען שלעכטע צייטן — אָבער, וועגן פאַרלאָזן זייער דאָרף האָבן זיי ניט געטראַכט. אגב, שפּעטער, האָט דער באַראָן רויטשילד זיי אַביסל צוגעהאָלפן און זיי זיינען די שווערע צייטן איבערגעקומען.

שפּעטער מיט יאָרן, ווען פּתח תקוה איז שוין געשטאַנען פעסט מיט די פיס אויפן באָדן, האָט זי זיך „באַרימט" געמאַכט מיט איר מילחמה מיט די... אידישע אַרבעטער.

איך בין נאָך געווען אונטער אָט דעם איינדרוק. אַלנפאַלס, האָב איך שטענדיק געגלויבט אַז פּתח תקוה איז אַ גרויס... דאָרף, די מענטשן גייען דאָרט דאָרפיש געקליידעט, און כאָטש עס פאָרן שוין אַריין אַהין אויטאָבוסן, דאָך איז דאָס „דאָרף" פול מיט פויערישע וועגענער וואָס קומען אויפן מאַרק קויפן און פאַרקויפן!...

אינטערעסאַנט איז זיך צו באַקענען מיט דער... „קאָנסטיטו־ציע" פון פּתח תקוה. די ערשטע אידישע קאָלאָניע אין ישראל האָט

אויך געשאַפן די ערשטע אידישע קאָנסטיטוציע אין לאַנד. מיר דרוקן איבער דעם טעקסט פון אָט דער קאָנסטיטוציע און עס גלוסט זיך פאַר־גלייכן: די קאָנסטיטוציע פון פשוטע מענטשן געשאַפן מיט זעכציק־זי־בעציק יאָר צוריק מיט די היינט־וועלטלעכע רעגלאַמענטן וואָס די פי־רער פון פאַרשידענע „פאָרגעשריטענע" קיבוצים שאַפן...

לייענט זיך אַזוי די פתח-תקוה'ער קאָנסטיטוציע:

א) אין נאָמען פון גאָט, ווערן אַלע געבעטן צו לעבן בשלום איינער מיטן צווייטן, אויסמיידן קריגערייען און קעגנזייטיק זיך העלפן;

ב) גרופּנווייז וועלן די חברים אָנהויבן בויען, לויט אַ באַשטימטן פּלאַן פון אַן אַרכיטעקטאָר. קיינער האָט נישט קיין רעכט ענדערן דעם באַשלוס פון דער מערהייט חברים, וועלכע וועלן באַשטימען דעם אַלגע־מיינעם אויסזען פון די הייזער, גאַסן און הויפן;

ג) קיינער וועט נישט אַריין וואוינען אין די נייע הייזער, ביז עס וועט נישט אויסגעבויט ווערן אַ שול, אַ מקווה און אַ ברויט-אויוון.

ד) דער גאַנצער קאָלעקטיוו מוז זאָרגן אויסצוהאַלטן אַ רב, וועל־כער וועט פּסקענען שאלות און סכסוכים צווישן די איינוואוינער, אַלע מוזן זיך אָנשטרענגען כדי שאַפן אַ שול פאַר די קינדער, כדי זיי זאָלן זיך נישט האָדעווען ווילדע; מען מוז אָנעמען אַ שוחט; אַלע איינוואוי־נער וועלן אנטיילנעמען אין גראָבן אַ ברונעם פאַרן אַלגעמיינעם גע־ברויך פון קלאָרע וואַסער; יעדער איינער דאַרף פלאַנצן פאַר זיין הויז פּרוכט-ביימער און סתם גרינס, וועלכע וועלן ווערן אָפּגעהיט דורך יע־דערן, כדי דאָס נישט צעשעדיקן; אין איין הויז מוז מען קאָנצענטרירן מעדיקאַמענטן פאַרן אַלגעמיינעם געברויך, ביז עס וועט זיין די מעג־לעכקייט אָנצונעמען אַ שטענדיקן דאָקטאָר אין ישוב.

ה) „יעדער איינער מוז, לויט אַ ריי, גיין אַלע מאָל אין יפו, כדי צו ברענגען פאַר אַלעמען די נויטיקע שפּייז און אַנדערע באַדאַרף-אַרטיק־לען און ביינאַכט — מוז איינגעאָרדנט ווערן אַ שמירה פון די קאָלאָ־ניסטן קעגן רויב און גניבות".

ו) יעדער קאָלאָניסט דאַרף צאָלן זיין חלק אין שטייערן און פאַר דער אַלגעמיינער שמירה פון די פעלדער, לויטן גרויס פון זיין נחלה.

ז) דאָס געהאַלט דעם פּאַסטוך, וועט יעדער איינער באַצאָלן לויט דער צאָל פון זיינע בהמות און שאָף.

ח) די תבואה אין פעלד, ביז איר שניידן ווערט געהיט דורך אַלע פּאַראינטערעסירטע, לויטן סדר.

ט) מען מעג האָדעווען אַלע סאָרטן בהמות און שאָף, אַ חוץ... ציגן און בעק, סיידן צוויי-דריטל פון ישוב וועלן דערצו מסכים זיין.

י) אויב אַ בהמה אָדער פערד וועט שאָדן די תבואה אין פעלד, וועט דער בעל הבית פון די פי ווערן באַשטראָפט.

יא) די פעלדער וועלן איינגעטיילט ווערן אויף פאַרשידענע מינים זריעות — ווייץ, גערשטן א. א. וו. לויט ווי עס וועט באַשטימט ווערן דורכן גאַנצן קאָלעקטיוו. דאָס זייען און שניידן פון דער תבואה וועט זיין אין אַ באַשטימטן טערמין, לויט דעם ווי אַ ספּעציעלע קאָמיסיע וועט באַשטימען.

דער אַלגעמיינער קאָמיטעט פון דאָרף ציילט 7 מענטשן, זיי פירן אָן מיט דער גאַנצער געמיינדע, לויט זייער פאַרשטאַנד און באַשלוס. קיינער קען נישט זיך קעגנשטעלן זייערע אָנגענומענע באַשלוסן. 3 חברים פון קאָמיטעט וועלן זיין די אָנפירער, וואָס וועלן אַכטונג געבן אויפן אויספירן פון אַלע פאַראָרדענונגען און אויפן אויפמאָנען די שטייערן.

איינער פון די דריי — דער אָנגעזעענסטער — וועט זיין דער פאָר־זיצער פון קאָמיטעט, וועמען עס וועלן אָנגעטרויט ווערן די שליסלען פון דער געלט-קאַסע. ער וועט באַשטימען יעדע אויסגאַבע וואָס וועט ווערן פאַרשריבן אין אַ בוך. די רעכענונגען אין די ביכער וועלן זיין אָפן פאַר יעדער איינעם.

אַלע אַנדערע חברים אין קאָמיטעט וועלן זיין ראַטגעבער.

דער קאָמיטעט וועט אויסגעקליבן ווערן ביי אַ געהיימער אָפּשטי־מונג. יעדער איינער וועט האָבן שטים-רעכט לויט די צאָל נחלות, וועל־כע ער פאַרמאָגט.

די ערשטע דריי יאָר פון עקזיסטענץ פון ישוב וועלן די וואַלן פאַר־קומען יעדן יאָר, דאַקעגן — נאָכדעם — איינמאָל אין יעדע דריי יאָר.

די פאַרשריפטן פון דאָרף ווערן באַשטימט דורך אַלע אייוואוינער אָן אויסנאָם, און יעדערער איז פאַרפליכטעט איינצופאַסן זיי אין אַ

הילצערנעם ראַם, און אויפהענגען ביי זיך אין הויז, כדי זיי זאָלן זיין שטענדיק פאַר זיינע אויגן.

די דאָזיקע פּרימיטיווע „קאָנסטיטוציע", וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון די ערשטע גרינדער פון פּתח תקוה, מיט 70 יאָר צוריק, האָט גע־דינט אַלס יסוד פאַר אַ נאָרמאַל צוזאַמענלעבן פון ישוב.

באַלד, ווי נאָר אונזער אויטאָבוס איז אַריינגעפאָרן קיין פּתח תקוה, בין איך אַנטוישט געוואָרן! איך האָב גאָר געמיינט אַז... איך האָב על פּי טעות, גענעמען אַן אַנדער אויטאָבוס און בין ערגעץ אַנדערש פאַר־פאָרן! פאַר מיינע אויגן, זע איך ניט קיין דאָרף, ניט קיין סימן פון פּר־דסים, נאָר... מאָדערנע געביידעס, שיינע געפלאַסטערטע גאַסן! אַ שטאָט — ווי אַלע שטעט!

מיר גייען אַראָפּ פון אויטאָבוס, גייען דאָס ערשטע אַריין אין אַ „מסעדה" (אַ מין רעסטאָראַן-קאַפע) טרינקען אוים אַ גלאָז טיי און איך הויב זיך אָן צו דערפרעגן אויף אַן אַדרעס וואו איך דאַרף אָפּגעבן אַ גרוס פון ב. איירעס. ווי דער שטייגער פון די ישראל-אידן — ענטפערן זיי אייך:

זה פּה! לא רחוק! (ס'איז אָט, דאָ ניט ווייט!) דער „ניט ווייט" באַ־שטייט פון אַ צען, פופצן הונדערט מעטער און נאָך מיט אַ סמיטשיק!...

גייענדיק צו יענעם אַדרעס (אָן אַ גאַס און אָן אַ נומער, בלויז אויפן נאָמען פון... בעל הבית פון הויז — בית ליבאנאוו!) באַקוק איך „מיין" פּתח תקוה! איך בין אַזש אין כעס אויף זיך אַליין, וואָס איך האָב ניט פאַרשטאַנען, אַז די צייט שטייט ניט! אַז דאָס לעבן פּראָגרעסירט! אמת! פּתח תקוה איז ניט ווייט אַוועק אין פּראָגרעס: קעגן אַנדערע מקומות — איז פּתח תקוה שטאַרק אָפּגעשטאַנען! אַפילו די אַלטע שול, מיטן אי־דישן זייגער פון אויבן, מיטן אָנוויז אַז זי איז געבויט געוואָרן אין יאָר תרנ"ח (אַרום 55 יאָר) זאָגן אָן, אַז די מתפללים און די אידן פון פּתח תקוה האַלטן ניט פון... רעפאָרמאַציאָן, פון מאָדערניזם! אויף דער וואַנט פון אָט דער אַלטער שול הענגט אַ גרויסער מאַרמאָר און אויף אים אי'ז אויסגעקריצט די תפילה פון... מחדש זיין די לבנה! די איינציקע זאָרג פון אַמאָליקן פּתח תקוה'ער אידן איז, ווייזט אויס, געווען: טאָמער, חלילה האָט קיין איד ניט, צו דער האַנט אַ סדרל מיט דער תפילה פון מחדש זיין די לבנה!...

ניין! פּתח תקוה געפעלט מיר ניט! ניטאָ קיין פּרדסים! מען האָט — די גרעסטע טיילט פון זיי — אויסגעהאַקט און פאַרקויפט די פּלעצער אַלס.... „מגרשים" און אָפּגענומען טויזנטער פונטן! מען האָט — לויט

מיין טרוים — פאַרוואָכעדיקט מיין היילינטום! ווי אין כעס איך בין ניט געווען אויף די פּתח תקוה'ער אידן פון פערציק יאָר צוריק — האָב איך זיי דאָך, געהאַלטן פאַר אידעאַליסטן, פאַר די ערשטע אויסטרעטער פון אונזער שיבת ציון-באַוועגונג!...

צום „אַדרעס" האָב איך זיך, יאָקאָס, דערפרעגט! אין פּתח תקוה קאָן מען לאַנג ניט בלאָנדזשען! ליבאַנאָוו — אין וועמענס הויז מיין „גרי־נער" וואוינט, איז דאָ אַ „ותיק" (אַן אַלטער תושב) זיין „הויז" איז שוין אַלט אַ יאָר 50 און ער האָט שוין אָפּגענעמען דירה געלט — אויף אַ אָרעמער פּרייז — פיר מאָל אַזוי פיל וויפל עס האָט אים געקאָסט!

דער „גרינער" עולה, וואָס איז שוין 4 יאָר אין לאַנד, וואוינט אין אַ „צריף". אַ הויז פון ברעטלעך. פאַראַן אַזעלכע הייזער טויזנטער און טוי־זנטער אין ישראל! פאַראַן „צריפים", וואָס שטייען אין מיטן פעלד און סע וואוינען דאָרט די נייע עולים ספּעציעל — די איראַקער און תימנער. פאַראַן אויך „צריפים אין מיטן שטאָט... תל אביב, אויף די גרעסטע גאַסן ווי „מלך דזשאָרדזש", דאָס זיינען הייזער פון אַלטע תוש־בים פון תל אביב, וואָס האָבן שוין דעם צריף יאָרן־לאַנג און האָבן ניט די מאַטעריעלע מעגלעכקייט צו בויען דאָרט אַ בעסער הויז. פאַרקויפן דעם צריף — ווילן זיי אויך ניט, ווייל... זיי האַלטן אים אויף „ספּעקו־לאַציע" וואָס אַ יאָר, וואָס אַ טאָג, ווערט דאָרט די ערד טייערער!...

מער-ווייניקער, אין אַזאַ „צריף" וואוינט דער נייער עולה צו וועמען איך ברענג אַ גרוס. דער „צריף" פאַרמאָגט צוויי צימערן און אַ קיכ'ל. עס וואָלט דאָרט געווען זייער גוט צו וואוינען, ווען ניט דער חסרון וואָס אין דעם דאַזיקן צריף ווערט מען... זומער פאַרברענט פון היץ און ווינ־טער פאַרפרוירן פון קעלט! דאָך גיט מען פאַר אַזאַ „וואוינונג" טויזנט און 2 טויזנט פונט אָפּטרעט געלט און ווען דער בעל הבית אָדער די בעל הבית'טע וויל אָט דעם „צריף", מיטן גאָרטן אַרום אים, פאַרקויפן — נעמט זי אָפּ אַ... פּופּציק טויזנט אַרגענטינער פּעזעס!...

שפּעטער, ווען איך בין אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד און געזען די „אמת'ע צריפים", פון די נייע עולים, פון אָט יענע וואָס „שטייען אינ־דרויסן", וואָס שטייען אינמיטן פעלד, אָן אַ ביימעלע אַרום זיך, אָן אַ געהעריקן פּלאַץ פאַר היגיענישע באַדערפענישן, און אויף צו האָבן אַביסל וואַסער אין שטוב דאַרף מען גיין הונדערטער מעטער, האָב איך דאַן פאַרשטאַנען ווי נויטיק, ווי דרינגענד, עס איז די הילף פון אַמערי־קאַנער אידן — אַרגענטינע אַריינגערעכנט — אַז מען זאָל העלפן דער

מדינת ישראל דער אידישער אַגענץ און דעם קרן קימת, אַרויסצונעמען אַט די אידן, די נייע עולים, פון די מעברות, פון די „צריפים" און זיי איבערפירן אין מענטשלעכע וואוינונגען און שכונים!...

דער פּראָבלעם שכונים (וואוינונגען) איז אויך וויכטיק פאַר ישראל, ווייל די „צריפים" זיינען דער בעסטער פּראָפּאַגאַנדע־מיטל פאַר די... סאָוועטישע אַגענטן — די אידישע קאָמוניסטן — אין ישראל! דאָרט אין יענע צריפים, קלעפּט זיך אַלץ צו צו זיי!... דער בעסטער לאָזונג ביי די קאָמוניסטן איז: זעט ווי איר וואוינט און זעט ווי די... „פּקידים" וואוינען! גלייך ווי די פּקידים האָבן צוגענומען ביי זיי די וואוינונגען!...

פון מיין באַזוך אין פּתח תקוה בין איך אַהיים געקומען אַ „אַנטוישטער" און פאַרביטערטער! דער „צריף" אין וועלכן איך האָב אַריינגעטראָטן דאָס ערשטע מאָל — האָט אויף מיר געמאַכט אַ דערשיטערנדע ווירקונג!

איין גרויס פאַרגעניגן האָב איך געהאַט:

דעם נייעם עולה, — סקווירסקי הייסט ער — האָב איך געקאַנט פון בוענאָס איירעס. ער איז אַ לוסטראַדאָר פון פאַך, עטוואָס לינק געשטימט, און אויף וויפל איך ווייס — האָט ער קיינמאָל ניט געהאַלטן אין דער האַנט אַ העברעאיש וואָרט — כאָטש, ער איז ניט קיין עם הארץ און ער האָט געלערנט אין חדר און אַפילו אין ישיבה!

דאָ אין ארץ ישראל, אין „צריף" פון פּתח תקוה, ווען מיר זיינען געקומען, האָבן מיר אים געטראָפן זיצן און לייענען אַ... העברעאישן בוך — אַ פילאָסאָפישן דערצו — און זיין פרוי — דוכט זיך אַ פּשוטע אידענע — וואָס אַ חוץ טרינקען מאַטע, גיין אין מאַרק אַריין און אָפּקאָכן מיטיק האָט זי אין דער היים גאָר ניט געקאַנט, זי, אַט די טיפּיטשנע אידישע כאַסיע „די שוואַרצע"... רעדט אַ פיינעם העברעאיש מיט איר בחור'ל און זעט גאָר אַנדערש אויס!... זיי געבן מיר אַ מתנה פאַר זייערם אַ פריינט אין אַרגענטינע, די מתנה איז... דר. וויצמאַנס ע"ה בוך! (אין העברעאיש) אַט וואָס ישראל מאַכט פון מענטשן!

געבענטשט זאָלסטו זיין, אידיש לאַנד!

22־טער אַפּריל:

איך האָב היינט אַ סימפּאַטישן באַזוך. פריילין דאַניעלס, פאַרשטייערן פון דזשוינט, איז געקומען אונז איינלאַדן צו באַזוכן די אַנשטאַלטן וואָס דער דזשוינט האַלט אויס און שטיצט. דאָ אין ישראל,

ווערט די אַרבעט פון דזשוינט אָנגעפירט דורך אַ אינסטיטוציע וואָס הייסט „מלבן" ראשי תיבות פון די ווערטער: „מוסדות לטפל בעולים נהלשים" ד. ה. אַ אינסטיטוציע וואָס גיט זיך אָפּ מיט קראַנקע עולים.

מיר באַשטימען אַז מאָרגן פאָרן מיר אַרויס אויפן גאַנצן טאָג. היינט האָב איך אין פּראָגראַם אַן אַנדער אויפגאַבע:

איך וויל זיך באַקאַנען מיט פיר וויכטיקע גאַסן. די ערשטע גאַס — די בירזשע פון „שוואַרצן מאַרק" (שוק שחור) די לילענבלום-גאַס. די צווייטע גאַס — די גאַס פון האַנדל-וואַנדל — די הרצל-גאַס, די דריטע — די „אַמעריקאַנער" גאַס, ווו מען פאַרקויפט אַמעריקאַנער פּראָדוקטן — די לעווינסקי-גאַס, און די פערטע די גאַסט — וואָס די איראַקער האָבן פאַרכאַפּט און שפּאַצירן דאָרט אַרום גרופּעס-ווייז — די שדרות ראָטשילד-גאַס.

איך הויב אָן מיט דער לילענבלום-גאַס! דאָס פּלאַץ וואָס איז אַ שם דבר אין ישראל און וועגן וועלכן איך האָב זיך אַזוי פיל אָנגעהערט און אָנגעלייענט.

— — — — — — — — — — — — —

איך האָב עס אַמאָל געלייענט און איצט איז דאָס מיר ווידער אַרויף אויפן געדאַנק.

הכול תלוי במזל! אַלץ איז געווענדעט אין מזל! אפילו... צו האָבן אַ גאַס אויפן אייגענעם נאָמען — דאַרף מען אויך האָבן מזל! אָט למשל, מי לנו גדול! אונזער דר. הרצל ע"ה! ווער וועט עס ניט זאָגן, אַז די שענסטע גאַס אין ישראל — די הערלעכסטע גאַס פון דער אידישער שטאָט אין דער וועלט, דאַרף ניט זיין אויף זיין נאָמען?

לאָזט זיך אויס: די שענסטע גאַס אין תל אביב — טראָגט גאָר דעם נאָמען פון אַן ענגלישן גענעראַל — אַלענבי! און די גאַס פון האַנדל-וואַנדל, די גאַס פון ספּעקולאַציע און שאַכער-מאַכער, טראָגט דעם נאָמען — הרצל!

צי למשל: לילענבלום ע"ה. אָט, דער, וואָס האָט אַ גאַנץ לעבן געפּרעדיקט אידישע אַרבעט, אידישע האָרעפּאַשנעקייט! דאַרף זיך טרעפן, אַז זיין גאַס ווערט פאַרוואַנדלט אין דעם... „שוואַרצן מאַרק" (שוק שחור), ווערט אַ שם דבר אויף דער וועלט און ווערט דאָס... שוואַרצסטע פּינטעלע פון דער שיינער שטאָט תל אביב.

איצט ווען איך בין געווען אין ישראל, איז שוין דער „שוואַרצער מאַרק" אַראָפּ פון זיין „גלאַנץ" שוין געוואָרן אויס „מיוחס"!

צוריק מיט אַ יאָר אָדער צוויי — אַזוי האָט מען מיר דערציילט — „בימי דוב יוסף", האָט לילענבלום-גאַס — דער „שוואַרצער מאַרק" גע־בליט. ספּעקולאַנטן האָבן דאָרט געמאַכט די בעסטע געשעפטן! דאָרט האָט איר געקראָגן „אויף שוואַרץ" פון... 2 אייער — ביז אַ פּאָר הויזן, אַ פּאָר שיך, אַ העמד און אונטערוועש, און טאַקע אַ גאַנצן אינדיק אויך!...

היינט זיינען „נעבעך" אַלע זאַכן... פריי! היינט קויפט איר אַלץ אין קלייט! היינט ליגט אַלץ אין די שויפענצטער! און אויף לילענבלום־גאַס, קריגט איר בלויז... שאָקאָלאַד, נעס־קאַפע, סאַרדינעס, אַ פּושקע־לע פלייש, און... אַ פּאָר אַלטע הויזן!

פאַראַן אַ פּאָר הונדערט מעטער אויף דער לילענבלום-גאַס — ווי איר קאָנט, ממש, ניט דורכגיין! די פּאָר „קוואַדרעס" זיינען פאַרפּלייצט מיט... פאַרקויפערס! קויפער — מציאה-כאַפּערס — זיינען פאַראַן ווייניק! די „סוחרים" זיינען אַלע — פּאָזיטיוו אַלע — נייע סוחרים פון... רומעניע, פּוילן און אַנדערע „אידישע" מקומות, אַלע, געזונטע אייזערנע חברה-לייט! זיי ווילן ניט — אָדער אפשר קאָנען זיי ניט — זיך אַריינפּאַסן אין אַ פּראָדוקטיוון און נוצלעכן לעבן. אין פעלד אָדער ביים באַוואַלדן די בערג ווילן זיי ניט פאָרן. דאָ — ווי ווייניק מען פאַרדינט — פאַרדינט מען אַלץ מער, ווי ביים רייסן שטיינער און פלאַנצן בוי־מער! דרייט מען זיך אַרום איבער די פּאָר קוואַרטאַלן פון דער לילענ־בלום-גאַס — צווישן הרצל און אַלענבי — און מען וואַרט אויף אַ... סאָלדאַט וואָס זאָל קויפן אַ פּליטקעלע טשאָקאָלאַד, אַ פּושקעלע סאַר־דינעס, און עס ברענגען צו זיין טאַטע-מאַמע, אָדער כלה, אהיים!

איך האָב גערעדט מיט זיי — מיט אַ סך פון זיי — אַלע קלאָגן זיך אויף דער ביטערער לאַגע אין „פּאַך". אַ סך האָפן — אַז... דוב יוסף וועט ווערן נאָך אַמאָל מיניסטער און עס וועט ווערן נאָך אַמאָל... בי־טער אין דער באַשפּייזונגס־פראַגע. אגב. ניט די לילענבלום „סוחרים" אַליין, וואַרטן דערויף! די גרויסע סוחרים פון די קלייטן, די שניידער און שוסטער, וואַרטן אויך אויף דוב יוסף'ן!...

— און די פּאָליציי? זי דערלאָזט צו אָט דעם „אומלעגאַלן" מסחר?

— פאַרגעסט ניט! אין ישראל הערשט אַ אולטראַ-דעמאָקראַטיע! כל זמן, אָט די „סוחרים" באַגייען ניט קיין אָפיציעלן פאַרברעכן — קאָן

מען זיי גאָרניט טאָן! מען מאַכט אַ מאָל אַ איבערפּאַל אויף זיי, מען „קאָנ־פיסקירט" אַ פּאָר פּושקעלעך נעס־קאַפּע — דאָס טייערסטע „משקה" אין ישראל — און מען לאָזט זיי אָפּ! מאָרגן — זיינען זיי ווידער דאָ אויפן מאַרק, אויף דער לילענבלום־גאַס, וועלכע איז געוואָרן אַ פּשוטער „אדעסער טאָלטשאָק", אַפילו מיט אייגענע... קעשענע־גנבים! און מען וואָרנט אייך טאַקע! ווען איר גייט דורך די קוואדרעס פון דעם „לילענ־בלום־מאַרק" — היט די קעשענעס!... מען דערציילט, אַפילו, אַז עס פונקציאָנירט דאָרט אַ „סינדיקאַט" פון קעשענע־גנבים מיט אַ עלסטן וועמען, זיי דאַרפן אָפּגעבן די געגנבעטע זאַכן... פונקט ווי אויפן אדע־סער טאָלטשאָק...

די „הרצל־גאַס", זי איז שוין „אנשטענדיקער". דאָרטן זיינען שוין פאַראַן סוחרים וואָס צאָלן פּאַטענט, וואָס צאָלן די „מסים" און האָבן שוין זייערע פאַרשטייער אין די סוחרישע פאַראיינען. אַזוי ווי זיי זיי־נען נאָענט אין שכנות מיט די מענטשן פון „לילענבלום־גאַס" האָבן זיי „געירשנט" ביי זיי, אַ סך פון זייערע מנהגים און „ספּעקולאַציע־אינט־טעליגענץ". ווען איר קומט אַהיים און קויפט עפּעס אַ זאַך אין וועלכער איר האָט זיך אָפּגענאַרט, הן אין פּרייז, הן אין דער קוואַליטעט, זאָגט מען אייך גלייך: — „אַ הרצל סוחר" (פונקט, ווי אַמאָל, פלעגט מען ביי אונז זאָגן: „אַ בראָדער סוחר") אַ „הרצל־סוחר", הייסט, איינגעהאַנדלט די מציאה אויף הרצל־גאַס!

ווען דר. טעאָדר בנימין הרצל ע"ה שטייט אויף און זעט וואָס פאַר אַ גאַס זיין נאָמען טראָגט — וואָלט ער געוואָרן... אוים ציוניסט!

— — — — — — — — — — — — — —

די דריטע גאַס אין תל אביב איז שוין אַ „מער־לייטערישע". מען רופט זי — די אַמעריקאַנער־גאַס ווייל אויף איר — מערסטנטייל פאַר־קויפן זיך די פּראָדוקטן וואָס קומען אָן פון די אַמעריקאַנער פּעקלעך — כאָטש איר קריגט דאָרט אויך „היימישע פּראָדוקציע" לרוב, ווי אייער, הערינג, לאָקשן, צוקער און אַנדערע זאַכן אויף וועלכע מען דאַרף „כר־טיסים". די גאַס טראָגט דעם נאָמען פון אַ געוועזענעם אידישן אינטע־לעקטואַל לעווינסקי.

איך וועל, דאָ, איבערגעבן „דאָס וואָרט", אַ חשובן שרייבער פון תל אביב, אַ אידן וואָס הייסט י. בורך. און ער, אַלס גאַר גאַר היימישער אויף אָט דער גאַס ,וועט זי אייך אויסמאָלן אַזוי ווי זי שטייט און גייט.

דערציילט פריינט י. ברוך וועגן דער לעווינסקי-גאַס פאָלגענדעס:

אַ טומלדיק געסל מיט קרעמלעך פון הערינג, טשוועקעס, און אַזעל-כע קרעמלעך, וואָס ווען איר שטייט אַ ביסל פון דער ווייטנס דאַכט זיך אייך, אַז דאָרט באַקומט איר אַלץ, וואָס אייער הארץ גלוסט, נאָר ווען איר קומט אַריין זעט איר, אַז וואָס איר ווילט איז נישטאָ...

אין די צייטן פון שוואַרצן מאַרק, האָט איר, אויף דער לעווינסקי-גאַס, געקענט אַרויסקויפן פון אַ אידנס קעשענע אַ פונט פלייש, וואָס איז געוועָן צוויי מאָל שוואַרץ. סיי צוליב דעם שוואַרצן מאַרק, און סיי ווייל דאָס פלייש האָט געהאַט אַזאַ שוואַרצן קאָליר. איר האָט פון אַ אידנס אונטער דער פאָלע, געקענט קויפן עטלעכע שוואַרצע אייער, אָדער אַ פונט צוקער. אויף אָט דער גאַס האָבן דוב יוסף'ס קאָנטראָלערן געהאַט פולע הענט מיט אַרבעט. טאָמער האָט מען אַרעסטירט אַ אידן מיט פלייש, איז באַלד אויף זיין אָרט אויסגעוואַקסן אַ צווייטער איד מיט שוואַרצע ציבעלעס, אָדער מיט שוואַרצע קאַרטאָפל, און טאָמער האָט מען אַרעסטירט אַ איד מיט שוואַרצע אייער, זיינען אויף זיין אָרט אַרויסגעקומען צוויי אַנדערע.

זינט די רעגירונג האָט אָפּגעשאַפט די מערהייט קאָנטראָלן אויף שפּייז-אַרטיקלען, און אויך אויף דער מינדערהייט, וואָס איז נאָך גע-בליבן אונטער קאָנטראָל, קוקט זי דורך די פינגער — איז די לעווינסקי-גאַס געבענטשט געוואָרן מיט אַלעם גוטן. ווען איר גייט איצט אַדורך די לעווינסקי-גאַס, הערט איר די הילכיקע געשרייען:

„אַמעריקאַן", „אַמעריקאַן", „ווייבער, אַמעריקאַן", „כאַפּט, ווייבער, אַמעריקאַן".

וואָס רעקלאַמירט מען עפּעס „אַמעריקע" אויף דער גאַס לעווינסקי אין תל אביב? וואָס פאַר אַן „אַמעריקע" לייגט מען אייך פאָר איר זאָלט כאַפּן?

עס איז גענוג איר זאָלט אַ קוק טאָן אויף די וועגעלעך און טישלעך און איר וועט זען, אַז דאָ ליגן שטיקער אַמעריקע. איר קענט באַקומען פּושקעס מיט קאָנדענסירטע מילך פון פילאַדעלפיע, פּושקעס מיט פלייש פון טשיקאַגאָ, כשר ווורשטן פון די בראָנקס, מאַנישעוויטשעס הינער. וויסאָצקי טיי פון ניו-יאָרק, פיש פון מיטשיגען, טערקישן פעפער פון סיעטל, ענגלישע געווירץ פון ניו דזשוירסי און בערג מיט שאָקאָלאַד, וואָס — כאָטש זיי זיינען אויסגעאַרבעט אין רמת-גן — ווערן זיי אויך רעקלאַמירט אַלס אַמעריקאַנער. אפילו שאָקאָלאַד פון דער שווייץ ווערט

אויך רעקלאַמירט אַלס אַמעריקאַנער שאָקאָלאַד. און נעבן באַרג מיט פּעקלעך טרוקענע „זופּן" — נודל־זופּן, טאָמאַט־זופּן, קאַרטאָפל־זופּן, מילכיקע זופּן און פליישיקע זופּן, קענט איר קויפן אַמעריקאַנער אָפּגע־טראָגענע רעקלעך, קאָובאָיאישע הויזן, אַמעריקאַנער בלוזן פון לינ־קאָלנס צייטן און אַמעריקאַנער שיך מיט לאַנגע נעז, וואָס זיינען געווען אין דער מאָדע מיט אַ צוואַנציק—דרייסיק יאָר צוריק.

נעבן די פּושקעס מיט נעס־קאַפע, וויסאָצקים טיי און מאַנישעווי־טשעס הינער קענט איר אויך קויפן פילפעדערס „פּאַרקער 51", וואָס די הענדלער דערציילן אייך, אַז נעכטן אין אָוונט זיינען די פעדערס אַריינגעשמוגלט געוואָרן קיין ישראל גלייך פון אַמעריקע, און ווייל זיי זיינען „געשמוגלט" קאָסטן זיי אַ צענטל פון דעם, וואָס זיי קאָסטן אין אַמעריקע, טאַקע האַלב אומזיסט. נאָר טאָמער פאַלט אייך איין צו קויפן אַזאַ פעדער זענט איר אָפּגענאַרט אויף פולע הונדערט פּראָצענט, וואָרום דאָס זיינען איטאַליענישע נאָכגעמאַכטע „פּאַרקערס" וואָס שרייבן בלויז אויף דעם גרויסן נאָגל, אויף וועלכן דער סוחר פּרוּווט־אויס די שרייב־פעאיקייט פון דעם „פּאַרקער"...

דערנעבן שפּילט מען אויף אַ וועגעלע אין רולעט. מען שטעלט איין צען פּיאַסטער און מען קען געווינען אַ האַלבן ווורשט, אָדער אַ בלאָק שאָקאָלאַד. דאָס איז אַזאַ מין „מאָנטאָקאַרלאָ" קאַסינאָ פאַר אָרעמע, וואָס קענען איינשטעלן נאָר צען פּיאַסטער...

דאָ, אויף דער לעווינסקי גאַס, צווישן די אוצרות פון דעם רייכן אַמעריקע, פילן זיך אויך זיכערע די אויסאַרבעטונגען פון אַנדערע לענ־דער. די דענישע פּעקלעך פּוטער און די פּושקעס מיט שווייצער־קעז באַקומען דאָ אַ דאָפּלטן ווערט. דערנעבן, אויף אַ טיש, שטאַלצירן אויך די שעפּסן־קעזן און זאַלץ־קעזן, וואָס ווערן אויסגעאַרבעט אין ישראל. און די נאָרוועגישע הערינג קוקן אַריבער צו די טערקישע פיש. און די איטאַליענישע עפּל האַלטן זיך גרויס אַנטקעגן די היימישע מאַראַנצן. און דער גרינער אַרבעס פון ישראל ווערט פאַרשאָטן פון די איטאַליע־נישע צוקער־באָבעס. דאָ פירט מלחמה אַ גאַנצע אינטערנאַציאָנאַל פון שפּייז. און דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַל ווערט רעקלאַמירט מיט איין נאָמען:

„אַמעריקע, אַמעריקע, כאַפּט, ווייבער אַמעריקע!"

די פּרייזן פון די אַלע ווורשטן, זופּן, געטרוקנטע פלוימען, קעז און

וואָס איר ווילט הערן און געדענקען זיינען דאָ אָפּטמאָל ביליקער ווי אין אַמעריקע און זיכער ביליקער ווי אויף די „סקריפּס"!

פון וועלכן קוואַל שעפּט דאָס די לעווינסקי־גאַס אַט די אַלע גוטע זאַכן? צי האָט די לעווינסקי־גאַס אַ ספּעציעלן אָפּמאַך מיט אַמעריקע לויטן פּונט? צי מאַכט די לעווינסקי־גאַס אַ באַזונדער שפּייז און „קליי־דער־מגבית" אין אַמעריקע?

אין די צייטן פון שפּייז־ראַציאָנירונג, ווען מען האָט געדאַרפט אויס־קוקן, אַז די רעגירונג זאָל אויסטיילן אַ ציבעלע, אַ טאָמאַט, אָדער אַן אַנדער שפּייז, האָט מען, ווי מען זאָגט „געטאַפּט אַ וואַנט". דעמאָלט איז אַ פּעקל פון אַמעריקע געווען אַ יום־טוב אין שטוב. מען האָט גע־האַט דאָס געפיל, אַז משיח איז געקומען פון אַמעריקע און מען עסט דעם שור הבר אין פּושקעס. מען האָט אפילו געקענט זיין רייכער פון דעם איד, וואָס האָט געשיקט דאָס פּעקל פון אַמעריקע, אָבער מיט דעם אונטערשיד, וואָס יענער נישט רייכער איד אין אַמעריקע האָט די פּוש־קעס געקענט קויפן. זיינען די פּעקלעך געווען די שענסטע מתנות.

איז אָבער פאַראַן אַזאַ מין זאַך וואָס הייסט געוואוינהייט. און גע־וואוינהייט איז אַ מאָדנע געוואוינהייט. ווי נאָר איר געוואוינט זיך צו צו עפּעס, איז זיך שווער פון דעם אָפּצוגעוואוינען. האָבן זיך פיל אידן צו־געוואוינט צו באַקומען פּעקלעך. איז דאָס באַ זיי געוואָרן אַ צווייטע נאַ־טור. עס זיינען טאַקע פאַראַן אין ישראל פיל צענדליקער טויזנטער אידן פאַר וועלכע אַ פּעקל איז נאָך היינט אַ גרויסע זאַך. דאָס זיינען די אידן, וואָס לעבן פון אָרעמע געהאַלטן וואָס ביי דעם שרעקלעכן יקרות קע־נען זיי נישט פאַרבינדן איין מאָנאַט מיטן צווייטן. און דאָס זיינען אידן וועלכע אַרבעטן שוין ניט וואָכן, אָדער מאָנאַטן און זיי האָבן נישט אויף קיין ברויט צו דער זעט. פאַר אַט דעם שטייגער אידן זיינען די פּעקלעך אַ רעטונג און אָפּטמאָל די איינציקע נאָרהאַפטע שפּייז אין שטוב.

עס זיינען אָבער פאַראַן פאַרמעגלעכע אידן, וועלכע האָבן זיך צוגע־וואוינט צו באַקומען פּעקלעך פון זייערע אַמעריקאַנער קרובים...

איך האָב זיך געטראָפן מיט פיל אַמעריקאַנער טוריסטן, וועלכע האָבן דערציילט נישט ווייניק אַזעלכע קוריאָזן:

אַמעריקאַנער פּעקלעך־שיקער האָבן מיטגעגעבן גרוסן פאַר זייערע קרובים אין ישראל. ביים איבערגעבן דעם גרוס האָט דער קרוב אין אַמעריקע דערציילט וועגן זיין קרוב אין ישראל, צו וועלכן ער שיקט

פּעקלעך און קליידער, ווייל „דאָרט איז נעבעך אַזאַ אָרעמקייט אין שטוב, אַז דאָס האַרץ ווערט צעריסן"...

טוריסטן, וואָס זיינען געגאַנגען איבערגעבן אין ישראל די גרוסן, האָבן זיך געגרייט צו טרעפן מיט אָרעמקייט, מיט הונגער.

אָבער ווי דערשטוינט זיינען זיי געוואָרן, ווען זיי זיינען אָריינגעקומען אין פּאַרמעגלעכע הייזער, מיט ליכטיקע צימערן, פיין איינגעאָרדנט, מיט פרידזשידער און זאַטקייט און גוט געקליידעט, וואָס דער אַמעריקאַנער קרוב, וואָס שיקט די פּעקלעך, קען זיך גאָר צו אַזאַ סטאַנדאַרד נישט דערשלאָגן.

אָט אַזעלכע פּעקלעך-באַקומען האָבן זיך מיט דער צייט פאַרוואַנדלט אין שנאָרער. און עס דאַכט זיך זיי, אַז ביי יעדן איד אין אַמעריקע שטייט אַזאַ מאַשינקע, וואָס נאָר ער טוט אַ דריי און עס קומען אַרויס דאָלאַרן וויפל ער וויל...

אָט דער סאָרט איד פאַרקויפט די „סקריפּס" און באַקומט פאַר אַ „סקריפּ" פון צען דאָלאַר — צוואַנציק פונט און ער שרייבט צו זיין קרוב קיין אַמעריקע, אַז ער האָט געהאַט אַ פאַרגעניגן פון דעם פּעקל... נאָר די פושקע פון סקריפּס פאַרקויפט מען אויף דער לעווינסקי גאַס...

פאַראַן נאָך אַ סאָרט אידן, וועלכע פאַרקויפן די סקריפּס. דאָס זיינען גראַד אידן, וואָס נויטיקן זיך יאָ אין הילף און זיי וואָלטן גערן אַליין אויפגעגעסן דאָס וואָס עס געפינט זיך אין פּעקל. דאָס זיינען אַזעלכע וואָס קענען נישט אויסקומען פון זייערע אָרעמע געהאַלטער, אָדער אַרבעטסלאָזע. זיי קענען זיך נישט דערלויבן אַליין אויפצועסן דאָס באַקומענע. פאַרקויפן זיי דעם „סקריפּ" אום צו קענען קויפן ברויט און פרישע ירקות, אָדער קויפן פאַר אַ קינד אַ פּאָר שיכלעך.

פון אָט די צוויי קוועלן: פון די וועלכע האָבן די פּעקלעך איבעריק און פון די וואָס קענען זיך נישט דערלויבן אַליין אויפצועסן די באַקומענע פּעקלעך, שפּייזט זיך די לעווינסקי-גאַס און פאַרוואַרפט די טישלעך און וועגעלעך מיט אַמעריקאַנער פּראָדוקטן פון די פּעקלעך. און נעבן די אַמעריקאַנער פּראָדוקטן ווערן אויך גרויס אין יחום די איינלענדישע שפּייזן און די לעווינסקי-גאַס שרייט:

> אַמעריקע, אַמעריקע, כאַפּט, ווייבער, אַמעריקע!...
>
> און די תל אביבער ווייבער, פאָלגן און כאַפּן!...

די פערטע גאַס — די שדרות רויטשילד — איז די אָנשטענדיגסטע פון זיי אַלע! דאָרט זיינען די רייכע קאַפע־הייזער און דאָרט האַנדלט מען בלויז מיט... מגרשים — פעלדער (טערענאַס) און הייזער, שכונים און אַפילו אַ „צריף" קריגט איר דאָרט ביי די סוחרים אין די קאַפעען — ספּעציעל — אין „עטרה"־קאַפע! די גאַס איז... „אַקופּירט" פון די איראַקער! די „שוואַרצע" ברידער אונזערע פון איראַק האָבן „פאַר־כאַפּט" אַט די גאַס און דרייען זיך דאָרט אַרום. אַגב. איר גייט צו צו איינעם און פרעגט אים צי ער וויל גיין אַרבעטן — וועט ער זיך מיט אייך שטעלן דינגען פאַר דער פּרייז און... אַרבעטן — וועט ער נ י ש ט גיין!

די קאַפעען פון „שדרות רויטשילד", לעבן בלויז פון טוריסטן וועלכע מען ברענגט אַהין צו כאַפּן אַ מציאה'לע. איינער וויל פאַרקויפן זיינעם אַ מגרש, אַ אַלטע שטוב וואָס ער קאָן ניט איבערבויען און אַפילו אַ דרייגאָרנדיקע שטוב אויך! די מעקלערס פון די שדרות רויטשילד קאַ־פעען מאַכן לעצטנס ניט קיין גרויסע געשעפטן! עס קאָן אַוועקגיין אַ וואָך, אַ חודש, און קיין קונה זאָל נישט ווייזן זיך! אפשר, איצט — אַזוי זאָגן אייניקע — ווען דער אַריינפאָר פון טוריסטן איז לייכטער געוואָרן, ווען פאַר אַ דאָלער קריגט מען שוין אַ פונט מיט אַכציק גרוש — ניט ווי פאַראַיאָרן, האָט מען פאַר אַ דאָלער געקראָגן... פערציק אָדער 35 פּיאַסטער, אפשר, איצט, וועלן די אַמעריקאַנער און אַרגענטינער טו־ריסטן האָבן מער אינטערעס צו קומען און ברענגען זייערע דאָלערס אַהער..

— — — — — — — — — — — — —

אויף „שדרות רויטשילד" געפינט זיך אויך דער „גענעראַל־שטאַב" פון דער „פערטער־מלוכה" — דער לאָקאַל פון „אידישן זשורנאַליסטן פאַראיין אין ישראל". דער „מלך" פון אַט דער „מלוכה" — איז זייער געליבט ביי זיינע „אונטערטאַנען". מען רופט אים, מיטן פאַרצוויגענעם נאָמען משה'לע, (משה רון) און זיינם אַ וואָרט אין אַ געזעץ אין אַלע ציי־טונגס־רעדאַקציעס און אַנדערע קולטורעלע אינסטיטוציעס.

און, אַ צווייטע וויכטיקע זאַך געפינט זיך אויף „שדרות רויטשילד" — דער מאָנומענט פאַר די גרינדער פון דער שטאָט תל אביב. עס זיינען דאָרט אויסגערעכנט די נעמען פון אַלע גרינדער פון תל אביב, און פאַר מיין סאַטיספאַקציע און שטאָלץ — פאַראַן דאָרט אויך דער נאָמען פון

מיינעם אַ פריינט און מיטאַרבעטער װאָס װאױנט איצט אין בוענאָס אײרעס — ה׳ משה חאיענקא.

אפשר צוליב אָט די צװײ זאַכן, און צוליב דעם, װאָס די גאַס טראָגט רויטשילדס נאָמען — דאַרף מען פאַרקוקן אַף דעם חטא, װאָס עס דרייען זיך דאָרט אַרום שטעקעלע־דרייער „מגרשים״ — ספּעקולאַנטן; און װאָס די איראַקער זיינען געװאָרן די בעלי הבתים פון די... בענק װאָס זיי האָבן פאַרכאַפּט און זיי לאָזן ניט צו קיינעם זיך דאָרט אַװעקזעצן...

— — — — — — — — — — — — — —

פאַרנאַכט האָב איך — װי אַלע טאָג — געהאַט געסט. עס קומען מענטשן אָפּנעמען אַ גרוס פון אַרגענטינע און עס קומען חברים, שרייבער, דיכטער און סתם אינטעלעקטואַלן פון קר״יז מענטשן פון חבר ערנסט — זיך באַקאַנען מיט זיין גאַסט — דעם אַרגענטינער קאָלעגע.

יענעם אויפדערנאַכט האָב איך געהאַט צו גאַסט אַ אינטערעסאַנטנעם ארץ ישראל־טיפּ. אַ בעסאַראַבער אידן, אַ דאַבראָװענער, װעלכער טוט — זיין גאַנץ לעבן — איין קליינינקייט: ער זאַמלט מאַטעריאַלן און היסטאָרישע דאָקומענטן פון אידישן לעבן און שאַפן אין בעסאַראַביע פאַר די לעצטע... 200 יאָר, ער האָט געגרינדעט אַזאַ אינסטיטוציע װעלכער ער האָט אַ נאָמען געגעבן: „מוזיי־אַרכיװ, בעסראַביע״ (אויף עברית: „מוזיאון־ארכיון בסרביה״). און, אין אָט דעם מוזיי טרעפט איר בריװו, דאָקומענטן, ביכער, מאַטעריאַלן פון אידישן לעבן אין בעסאַראַביע אָנהויבנדיק פון פאַריקן יאָרהונדערט!

דער ה׳ מ. דאַװידזאָן — גרינדער, זאַמלער, פאַרװאַלטער און אויסהאַלטער פון אָט דעם אַרכיװ, איז אַליין, אַ שטיק אַרכיװ! אַ איד אַ בן תורה, האָט ער אַ זעלטענעם זכרון און נאָך אַ גרעסערער ליבע צו אַלץ װאָס איז בעסאַראַביש! ער האָט אָבער װייניק מזל און אַ סך ניט פאַרגינערס! זיין װייניק מזל װאָס ער האָט באַשטייט אין דעם װאָס... ער איז געבוירן געװאָרן אַ איד! ביי די אומות העולם, װאָלט אַזאַ היסטאָריקער, פאַרנעמען אַ הויכן פּלאַץ אין דער געזעלשאַפט, װאָלט באַקומען אַ רייכע סובסידיע פון זיין רעגירונג און אַ פעטן געהאַלט, אַ שיינע דירה און אַפילו אַן אויטאָ אומצופאָרן און אַרומשפּאַצירן!...

איז ער אָבער געבוירן געוואָרן ביי אידן! ביי עלטערן... רבנים, און מיוחסים. איז ער אויף גרויסע צרות, האָט ער אָפּגעלעבט א לעבן פון א פּקיד אין דער „עירה" און א קלייבער פון „שמות" — בריוו, דאָ־קומענטן פון א אידישן קיבוץ אין דער וועלט.

צו זיין גרויס „מזל" — זיינען נאָך פאַראַן א פּאָר אידן, וואָס פאַר־גינען אים ניט אַזוי פיל „כבוד", זיין א זאַמלער, א גרינדער און א שע־פער פון א „מוזיי־ארכיוו" — דערגייט מען אים די יאָרן, און מען דער־לאָזט ניט אַז אנדערע זאָלן אים העלפן! און, אין ישראל, זיינען פאַראַן אידן, וואָס קאָנען דערגיין די יאָרן — דווקא אין עברית — ניט ערגער ווי ביי אונז אין „גלות"!... כאָטש אין ערן־פּרעזידיום פון „מוזיי־אַר־כיוו" און אין זיין קאָמיטעט געפינען זיך אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי: דיכטער יעקב פיכמאַן, פּראָפ. רייס, פּראָפעסאָר גאָלדמאַן, דר. לאַנדא, אפרים אויערבאַך, יעקב באַטאַשאַנסקי, דר. ח. בר־דיין, י. ספּיוואַק, דר. ברי שחורי, הרב מ. בערמאַן, נ. תמיר, אדוואָקאַט לערנער, דר. מ. אַד־לער א. א.

פון ערשטן טאָג אָן וואָס דער דאָזיקער איד האָט זיך באַקאַנט מיט מיר — איז ער מיר אריין מיט ביידע פיס אין האַרצן! א מענטש וואָס קאָן זיך פאַרגינען — אנשטאַט זוכן פּרנסה וואָס פעלט אים צו זיין כּבילאַציע־געהאַלט, אנשטאַט צו פאַרברענגען ערגעץ אויף דער על־טער — נאָך א גאַנץ לעבן אַרבעטן, — איז זיך גאָר מישב און קלויבט... שמות! קלויבט דאָקומענטן וועגן בעסאַראַבער אידישקייט! און אַזוי קלויבנדיק, פאַרמאָגט ער שוין, אין זיין „אַרכיוו", א „קאַרטאָטעק" פון 800 בעסעראַבער פּערזענלעכקייטן, ווי רבנים, דיינים א. א. וו. פון די 50 שטעט און שטעטלעך פון בעסאַראַביע, ווי אויך אַריבער 300 פּער־זענלעכקייטן פון שווישפּילער, געזעלשאַפטלעכע טוער, משכילים און לע־רער — א סך פון זיי, טראַגיש אומגעקומענע — אויך פאַרמאָגט ער הונדערטער פאָטאָגראַפיעס און ווערטפולע כתב־ידן און מאַנוסקריפּטן! — אפילו א באַשרייבונג פון באַלטער פאָגראָם אין יאָר 1882, געשריבן פון א באַלטער אידן, וואָס האָט אַליין איבערגעלעבט דעם דאָזיקן פאָגראָם.

ווען איך זיץ פּנים אל פּנים מיט אָט דעם אידן — מיט דאַווידזאָנען רעד איך צו זיך אַליין:

נאָר ביי אידן קאָן אַזוינס פּאַסירן! פּאַרמאָגט 10 טויזנט ווערטפּולע ביכער, בראָשורן, מאַנוסקריפּטן און פּאַרמאָגט ניט... קיין צען גראָשן אויף אַן איבעריקן ציגאַר...

— — — — — — — — — — — — —

אַ צווייטער איד וואָס זיצט איצט מיט מיר איז אויך אַ אינטערעסאַנטע פיגור און עס לוינט זיך מיט אים צו באַקאַנען!

ער איז אַ „נייער עולה". אין ישראל איז ער ערשט 4 יאָר, ער קומט פון מצרים, פון קאַירא, וווּ ער האָט אָפּגעלעבט... ניין און דרייסיק יאָר, געמאַכט דאָרט אַ פּאַרמעגן און זיך דערדינט צו אַ כבוד אַז אין דער הויפּט־שטאָט פון מצרים איז פאַראַן... אַ גאַס אויף זיין נאָמען, די גאַס הייסט... י ע ק ב ל י ס ק אָ ו י ט ש!

וואוינענדיק אין מצרים האָט זיך דער ה' ליסקאָוויטש אָפּגעגעבן מיט מסחר און מיט... שרייבן ראָמאַנען אויף אידיש (אייניקע פון זיי פּאַרעפנטלעכט אין „אַמעריקאַנער" און אַ טייל האָט ער נאָך אין מאַנוסקריפּט) זיין הויז אין מצרים, איז געווען דער אַדרעס פון יעדן אידן וואָס איז — ביז צו דער באַפרייאונגס מילחמה — געווען אין יענע מקומות.

איצט וואוינט אָט דער איד אין אַן אייגענער שיינער, דריי־שטאָקיקער „ווילע" אין רמת־גן. צוזאַמען מיט אים וואוינט זיין איידעם וועלכער איז דער באַרימטסטער אויגן־דאָקטער אין ישראל, און ער, דער שווער, דער „נייער עולה" טראַכט נאָר וועגן... אידישער ליטעראַטור, ביכער, ראָמאַנען און סתם שרייבערייען! ער רעדט פּערפעקט אַראַביש, פראַנצויזיש, ענגליש און עברית! מערער פון אַלץ, האָט ער ליב צו רעדן און טראַכטן אויף... אידיש!

פאַראַן אַזעלכע אידן אין ישראל אויך!...

— — — — — — — — — — — — —

דעם טאָג האָב איך פאַרענדיקט מיט, גיין אויף דער נאַכט צו אַ... בונדיסטישער פאַרזאַמלונג. אָפיציעל האָט עס געהייסן, אַז מען פייערט די דערעפענונג פון „פראַנץ קורסקי" ביבליאָטעק.

ווען איך בין געקומען אַהין — איז שוין ניט געווען ווו אַריינצוקומען. דער זאַל און די פּאָר צימערן אַרום — זיינען געווען איבערפולט מיט מענטשן, מענער און פרויען, דעלעגאַטן און געסט, צווישן זיי — ב. שעפנער — דער באַרימטער שרייבער פון אַמעריקע, וואָס איז געווען צו גאַסט אין ישראל. צווישן די געסט — איינגעלאַדענע שרייבער צו

דער דערעפענונג זיינען געווען יואל מאַכטבוים, א. סוצקעווער, יצחק פערלאוו, א. מ. פוקס, ש. ערנסט, ז. טורקאָוו א. א.

פון דער ערשטער רגע אָן, האָט זיך געפילט דאָ דער בונדיסטי־שער טאָן. „בונד" — אין ישראל איז גלאַט אינטערעסאַנט. ווען מען זאָגט אָט די אַלע פאַרזאַמלטע בונדיסטן צוריק מיט 30 יאָר אַז זיי וועלן געפינען אין... ארץ ישראל אַ מקום מנוחה אַ געזיכערטע היים ווו צו קאָנען אַנטוויקלען זייער טעטיקייט — וואָלטן זיי אָפּגעשיקט אין משוגעים הויז! ס'הייסט? עפּעס געניסן פון ציוניזם? פון „ציוניסמוס"?

און אָט האָבן די בונדיסטן דאָ אַן אייגן הויז — אַ דאַנק דעם אַר־בעטער קאָמיטעט פון אַמעריקע, אַ שיינע — גאָר גאָר שיינע ביבליאָ־טעק מיט טויזנטער אידישע און אַ פּאָר הונדערט העברעאישע ביכער. אַ לייען־זאַל, ווו אַרבעטער קאָנען קומען לייענען די צייטונגען, און — ניט נאָר שטערט זיי ניט די רעגירונג — נאָר מען העלפט זיי! זיי קאָ־נען אַנטוויקלען זייער אידישע טעטיקייט וויפל זיי ווילן!

קיין רעדעס האָבן ניט געפעלט. איין רעדנער — דער אינטעלע־גענטנער פאַרוואַלטער פון דער ביבליאָטעק, ה' פערעלשטיין האָט אפילו אָנגעהויבן זיין רעדע מיט הרצלס ווערטער: „אים תרצו —אין זו אגדה!" — מיר האָבן געוואָלט האָבן אַ אייגן הויז — האָט ער אויסגעטייטשט זיין משל — און מיר האָבן עס. דער פאָרזיצער האָט, נעבעך, געזוכט עפּעס אַרויסצוברענגען אַז... „מען וועט קעמפן פאַר דער עקזיסטענץ פון אידיש אין ישראל, אָבער, ער האָט געפילט, אַז עס איז ניטאָ מיט ווער צו קעמפן!...

אַ שיינע רעדע האַלט א. סוצקעווער. ער ווינטשט דער ביבליאָטעק אריכת ימים.

דערנאָך לייענט מען טעלעגראַמעס פון בונדיסטישע גרופּעס און בונ־דיסטישע פערזענלעכקייטן פון דער גאַרער וועלט — אַחוץ פון אַרגענטינע...

איך האָב ניט געוווסט וואָס צו טאָן: צי זאָל איך זיך שעמען וואָס אונזערע בונדיסטן האָבן ניט אינזינען זייערע חברים אין ארץ ישראל — ווייל זיי זיינען מן הסתם פאַרנעמען מיט צוגרייטן... אַ ליסטע צו דער קהילה פון בוענאָס איירעס, אָדער... עס זאָל מיך פרייען וואָס אין

בוענאָס איירעס זיינען אַלע אידן — אחוץ די קאָמוניסטן — נאַציאָנאַלע אידן און ציונים! ניטאָ ביי אונז קיין בונדיסטן! אַ סימן — אַז האָבן זיי אַפילו ניט באַגריסט זייערע קאָלעגן אין ישראל...

— — — — — — — — — — — — —

23־טער אַפּריל:

קרוב צו 8 אַזייגער אינדערפרי שטייט שוין אין דרויסן דער אויטאָ פון „מלבן" (דזשוינט) מיט אַ ספּעציעלער „פירערן" וואָס וועט אונז אַ גאַנצן טאָג אַרומפירן איבער די „מוסדות" פון אַט דעם גרויסן און נוצלעכן אַנשטאַלט. די סימפּאַטישע אידישע פריילין וואָס פאָרט מיט אונז, איז אויך אַ „גרינע". ערשט אַ יאָר פיר אין לאַנד. רעדט אַ פּער־פעקטן, קלינגענדיקן עברית, רעדט דייטש, ענגליש א. א. וו. מיר פאַר־שטייען זיך איין מיט איר אין... אידיש! אויך דער שאָפער — דוכט זיך, אַ פּשוטער אויטאָ־טרייבער — רעדט עטלעכע שפּראַכן — אידיש אַריינגערעכנט. איז געווען אַ וויכטיקער סאָלדאַט אין דער באַפרייאונגס מלחמה און איז ברוגז אויף... בן גוריונען הלמאי ער האָט ניט „דער־לאָזט" אַז מען זאָל זיך ווייטער שלאָגן מיט די אַראַבער — ווען די „און" האָט געהייסן אָפּשטעלן — און מען האָט ניט אָפּגענעמען דעם וועג צום הר הצופים — ווען מען שלאָגט זיך נאָך איין טאָג!... אָבער — ער האָט האָפענונג אַז דער טאָג וועט נאָך קומען...

אונזער אויטאָ „פליט" אויפן וועג קיין חדרה־חיפה. דעם ערשטן אָפּשטעל דאַרפן מיר מאַכן אין דער „קאָלאָניע פאַר טובערקולאָזע" — אין נוה חיים. די פריילין מרים טעמפּעל וואָס באַגלייט אונז, קלערט אויף: עס האַנדלט זיך פון נייע עולים וואָס מען האָט געבראַכט פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און וואָס האָבן געליטן אויף אָט דער שרעקלעכער קראַנקהייט. דער דזשוינט האָט זיי אַריינגעבראַכט אַהער. 98 פּראָצענט פון זיי אויסגעהיילט און זיי בלייבן דאָ ביז זיי ווערן פול־שטענדיק געזונט.

מיר פאָרן אַריין אין... אַ „שטאָט" אַריין. די „שטאָט" — וועלכע באַשטייט פון אַ צענדלינג געביידעס, איז אָפּגעשלאָסן מיט אַ טויער וועלכן מען עפנט פאַר אונז. עס פּרעזענטירט זיך די פאַרוואַלטערן יהודית פייערמאַן, אַ יונגע, שיינע, פריילין, וועלכע פירט אונז איבער־אַלע אָפּטיילונגען. די „קראַנקע" — איצט שוין כמעט אויסגעהיילטע

— אַרבעטן, לערנען, פאַרברענגען, און פילן זיך זייער גוט. מיר האָבן פונקט געטראָפן, ווען דער לערער פון דער שולע האָט פאַר די אינ־טערנירטע געהאַלטן אַ לעקציע — אין עברית פאַרשטייט זיך, וועגן... ציטונגס-וועזן. דערוויסנדיק זיך אַז איך בין אַ ציטונגס-מאַן, האָט ער, טאַקע מיך, געגעמען פאַרן אָביעקט פון זיין שמועס, אַז ציטונגס-לייט דאַרפן זיך אינטערעסירן מיט אַלץ און מיט אַלעמען וואָס טוט זיך אויף דער וועלט.

די תלמידים — דער קלענסטער האָט געדאַרפט זיין עלטער פון... 25 יאָר, האָבן געשטעלט פראַגעס און איך און דער לערער האָבן גע־ענטפערט. זיי האָבן זיך אַלע אינטערעסירט צו וויסן, צי אַרגענטינער אידן... שטיצן דעם דזשוינט! ווען איך האָב זיי געגעבן אַ פאָזיטיוון ענטפער — האָבן זיי... אַפּלאָדירט!

און גייט זייט אַ גבור, און זאָל זיך אייך ניט שטעלן קיין טרערן אין די אויגן!...

אינטערעסאַנט צו פאַרצייכענען: אַלע באַדינער און באַדינערנס — דער פאַרוואַלטערן אַריינגערעכנט — זיינען... געוועזענע קראַנקע פון דאָזיקן אַנשטאַלט!

פון נוה חיים — פירט דער וועג צו אַ פאַבריק וווּ עס ווערן אויסגע־אַרבעט פאַרשידענע קונסט-טעפּיכער און קאָשעקלעך פון... שטרוי.

אין פאַבריק אַרבעטן... דעפעקטירטע, כראָניש-קראַנקע, יונגע מענער און פרויען — די גרעסטע טייל פון די אַראַבישע לענדער אַראָפּ־געבראַכטע. פאַראַן דאָרט צענדליגער און צענדליגער „אַרבעטער". ווען ניט דער מלבן — דזשוינט, וואָלטן זיי זיך אַרומגעוואַלגערט איבער די גאַסן פון תל אביב און פאַרמערט די אַרמיי וואָס בעט נדבות אין גאַס!

דאָ אין פאַבריק, זיינען זיי פאַרזיכערט מיט זייערע באַדערפעניש און באַקומען נאָך געצאָלט. דאָס געלט באַהאַלטן זיי און העלפן דערמיט זייערע פריינט און קרובים וואָס געפינען זיך נאָך אין מאַראָקאָ אָדער טוניס אָדער אַנדער אַראַביש לאַנד.

זייער מנהל — קאַרל מאיר, איז צו זיי אַ ברודער אַ פאָ־טער. ער רעדט זייער לשון און דער עיקר — האָט צו זיי געדולד! ניט יעדער איינער וואָלט געהאַט אַזוי פיל געדולד צו אַזעלכע געשטראָפטע מענטשן, וואָס — ביי זייער בעסטן ווילן — פאַרשטייען זיי גאָרניט וואָס איר רעדט צו זיי!...

און ווידער דאָס זעלבע, וואָס וואָלט געוואָרן פון אַט די צענדליגער אומגליקלעכע מענטשן, ווען זיי האָבן ניט קיין „מלבן" וואָס זאָל זיי, אַזוי וואָרעם, אַזוי פאָטערלעך, באַהאַנדלען און אָפּהיטן!...

דער שאָפער ווייסט שוין וואוהין מיר דאַרפן פאָרן! ער איז שוין דאָ אַ געניטער, ער ווייצלט זיך צו מיר:

„וואַרט אויס, ווערט ניט אַזוי עמאָציאָנירט, ווישט ניט אייערע אויגן! איר האָט נאָך גאָרניט געזען"!...

און טאַקע. אָט קומען מיר אין אַ פאַבריק ווו עס אַרבעטן בלויז... בלינדע. די פאַבריק איז פון „מלבן" — דזשוינט — און עס אַרבעטן דאָרט עטלעכע צענדליגע מענער און פרויען — אַלע בלינדע! צווישן זיי — אַ סך וואָס האָבן פאַרלוירן די אויגן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן אָדער... דורך אַראַבישע הענט אין איראַק, סיריע, לבנון און תימן...

מיר שטייען און קוקן ווי זיי אַרבעטן. דער רוי־שטאָף וועלכן זיי באַנוצן איז אַזוי צוגעגרייט פאַר זיי — פון די זעענדע פירער פון פאַבריק — אַזוי זיי מאַכן קיין שום טעות ניט ביי זייער אַרבעט! זעלטן, זעלטן אײנער זאָל אַ טעות האָבן! עס טרעפט איינמאָל צווישן טויזנט! זיי זיינען שטיל, געהאַרכזאַם און ליבענסווירדיק איינער צום אַנדערן. אגב. ווען דער מנהל האָט זיי געזאָגט אַז דער „זשורנאַליסט וויל פון זיי אַראָפּ־נעמען אַ פאָטאָגראַפיש בילד — האָבן זיי ניט געוואָלט. פשוט „פראָטעס־טירט" און... אַזוי פּראָטעסטירנדיק האָט מיין פאָטאָגראַפישער אַפּאַ־ראַט זיי אויפגעכאַפּט!...

דער „מפעל עוורים" — די קאָלאָניע פון די בלינדע וואָס דער־דזשוינט האַלט אויס אין ישראל איז, אפשר די הומאַניטאַרסטע אידישע אינסטיטוציע אין גאַנצן מיטעלן אָריענט (און אפשר אויך אין דער וועלט! ווער ווייסט?...)

אונזער אויטאָ פליט שוין ווידער איבער דעם ברייטן וועג וואָס פירט פון תל אביב קיין חיפה. מיר דאַרפן איצט פאָרן צום גרעסטן „מוסד", צו דער גרעסטער אינסטיטוציע וואָס דער „מלבן" — דזשוינט האַלט אויס אין ישראל — צום גראַנדיעזן כפר זקנים וואָס טראָגט דעם נאָמען „שער מנשה". דער דאָזיקער „כפר" (דאָרף) פון זקנים געפינט זיך נאָענט פון חדרה.

ווי נאָר איך האָב דערהערט אַז מיר פאָרן אַריין קיין חדרה, נוץ איך אויס די געלעגנהייט און בעט אונזערע פירער — ספּע־ציעל דעם האַרציקן שאָפער, אַז ער זאָל זיך אָפּשטעלן נעבען דער...

פּאָסט. איך וועל דאָרט פרעגן אויף איינעם אַ אידן — זייער אַ וויכטיקן פּ ק י ד, איינער וואָס איז דער אויפזעער פון צ ע ט י י ל ן ש פּ י י ז און זיין נאָמען איז א ק ס ע נ פ ע ל ד. געזאָגט האָט מען מיר אין אַר־געגנטינע, אַז אין חדרה, דאַרף מען נאָר דערמאַנען דעם נאָמען אַקסענ־פעלד — ווייסט שוין יעדערער ווער ער איז! אַז מען שמועסט — אויפ־זעער איבער פּאַרטיילען שפייז-אַרטיקלען! ווער קאָן ניט אַזאַ מענטשן אין זיין שטאָט?...

און איך, אַנשטאָט פרעגן אַ פּריוואַטן מענטשן — בין איך בעסער געפּאָרן אין פּאָסט! ווייל — מי לנו גדול, ווי די פּאָסט? וועלכע ווייסט דאָך יעדערנס אַדרעס, דערהויפּט נאָך פון אַזאַ וויכטיקן פּקיד ווי אַק־סענפעלד...

די ספּראַווקע אין פּאָסט האָט געדויערט... 15 מינוט! ערשט לסוף האָט מען מיר אינפאָרמירט אָפּיציעל:

אַקסענפעלד — וואוינט שוין ניט אין חדרה! זיך אַרויסגעצויגן קיין ירושלים! זיין אַדרעס — ווייסן זיי ניט!...

ווען איך דערצייל עס מיינע באַגלייטער — ספּעציעל דעם שאָפער, צעלאַכט ער זיך! גלויבט מיר, אַז דער באַאַמטער וואָס האָט אייך גע־ענטפערט אַזוי, איז... גאַרניט געגאַנגען זוכן דעם אַדרעס פון אַקסענ־פעלדן! ער איז... צו פויל זיך צו באַמיען און טאָן אַזאַ „שווערע" אַר־בעט. אָט וועל איך אייך אים געפינען!

און אַזוי איז טאַקע געווען! אַ פרעג איינעם, אַ פרעג אַ צווייטן און מיר פאָרן צו, צו אַ שיינער וויללע, אַ שטוב וואָס שטייט אין אַ וואַלד מיט פרוכט בוימער, דער גאָרטן — שיין באַאַרבעט! אָט דאָ וואוינט דער אַקסענפעלד — וואָס לויט דער אינפאָרמאַציע פון פּאָסט-באַאַמטן — האָט ער זיך אַרויסגעצויגן קיין ירושלים... דאָס גליק, אפשר, פון יענעם באַאַמטן וואָס האָט אַזוי בייזוויליק אינפאָרמירט אַ טוריסט, איז געווען, וואָס אַקסענפעלדן האָב איך אין דער היים ניט געטראָפן, און ער ווייסט עד היום ניט ווער עס האָט אים געזוכט, און איך?...

איך בין ניט געקומען קיין ישראל טאָן עמעצן שלעכטס! כאָטש געקומען איז אים זיכער, געבן אַ לעקציע פון אַרבעטזאַמקייט.

ערשט שפּעטער האָב איך איינגעזען, אַז אַזעלכע באַאַמטע ווי אָט דער פון דער פּאָסט אין חדרה, זיינען אין ישראל פאַראַן אַ סך און ספּע־ציעל... אין פּאָסט... ערגער פון אַלע — איז אין בני ברק! די דאָר־טיקע פּאָסט גופא, איז פשוט אַ סקאַנדאַל פאַרן מאָדערנעם לעבן אין ישראל

אין „כפר זקנים" „שער מנשה", זײַנען מיר געקומען מיט... 12 טעג פֿריער. שפּעטער מיט 12 טעג — דעם 5־טן מאַי האָט געדאַרפֿט זײַן די אָפֿיציעלע דערעפֿענונג פֿון אָט דעם „דאָרף פֿון אַלטע". די לײַטונג פֿון מלבן אין תל אביב, האָט אָבער, פֿאַרשטאַנען, אַז װען עס קומט אַ טוריסט פֿון אַרגענטינע און אַ אידישער שרײַבער דערצו — דאַרף מען ניט װאַרטן אויף אָפֿיציאַליטעט. און —

מיר פֿאָרן אַרײַן אין אַ אײַנגאַרטיקן דאָרף! פֿון דער װײַטנס װען מען איז נאָך 10 קילאָמעטער פֿון דאָרף, זעט מען שױן אָן די דעכער פֿון די הײַזער, װעלכע האָבן אַלע אײן אויסזען און זײַנען אויסגעבויט אָן שום לוקסוס — נאָר פּראָסט. פּשוט, מיט אַ סך זון און לופֿט און מיט אַ סך גערטנדלעך נעבן יעדער הויז.

פֿון גײן צופֿוס אָנקוקן דאָס דאָרף — קאָן קײן רײד ניט זײַן! מיר װעלן, צופֿוס אין אַ גאַנצן טאָג עס ניט אויסשפּאַנען! צענדליגער און הונדערטער דונאַם ערד איז פֿאַר אָט דעם דאָרף פֿאַרנעמען געװאָרן. צענדליגער געבײַדעס, אויסגעבויטע מיט אַלע מינימאַלסטע באַקװעמלעכקײטן געפֿינען זיך אין אָט דעם „דאָרף פֿאַר אַלטע".

די אײַנװאױנער פֿון דאָרף זײַנען אײַנגעטײלט אויף צװײ גרופּעס: אשכנזישע אידן און תּימנער. מען האָט עס געטאָן, טאַקע, װײַל עס האַנדלט זיך װעגן אַלטע לײַט װאָס זײַנען געװאױנט — יעדער אײנער — לויט זײַנע פּירעכצן אין זײַן פֿריערדיקער היים. װאָס איז שײך די װאױנונגען און פּריװילעגיעס — זײַנען אַלע אַלץ אײנס! בײַ יעדער טיר איז פֿאַראַן אַ גערטנדל און די פֿיר אײַנװאױנער פֿון צימער — באַאַרבעטן זײער גערטנדל! למען האמת — די גערטנדלעך פֿון די תּימנער־בליען שענער, זײַנען בעסער באַאַרבעט!...

דער שאָפֿער רוימט מיר אײַן אַ סוד אין אויער. „איצט איז אָנבײַסן צײַט בײַ די אַלטע. הײסט זיך פֿירן אין זײער עס־צימער"...

אויף מײַן ביטע — קומען מיר אַרײַן צו די תּימנער אין עס־צימער. זײ זיצן אַרום די טישן און נעבן יעדער טיש איז דאָ — אַן אויפֿזעער אָדער אויפֿזעערן װעלכע... „היט זײ"! דאָס היט מען זײ, אַז זײ זאָלן נוצן אַ... גאָפּל, אַ לעפֿל און אַ מעסער בײַם טיש! װיפֿל מען לערנט זײ און עס העלפֿט ניט! האָט זיך אײן אויפֿזעער „פֿאַרקוקט" אויף מײַן װינק — האָבן די אַלטע אָװעקגעלײגט דעם גאָפּל און אַרײַנגעשטופּט די פֿינגער אין שיסעלע און געגעסן מיט די הענט! עס איז זײ אַ סך לײַכטער (און אפשר אויך ליבער) צו זופּן די יוך פֿון שיסעלע אײדער צו עסן מיט

אַ לעפל!... פונקט ווי עס איז זיי שווער אָנצוטאָן אַ פּאָר שיך אויף די פיס. זיי טראָגן בעסער די שיך אין די הענט!...

דערפאַר האָבן מיר, דערנאָך, געהאַט נחת ווען מיר זיינען אַריינגעגאַנגען אין זייער שול אַריין! דער „חכם" זייערער, האָט אונז אויפגענומען, ניט בלויז מיט אַ האַרציקן שלום — נאָר אויך מיט אַ „ברוכים הבאים" און סתם געזאָגט עטלעכע פּסוקים פון תהילים פאַר אונזער געזונט וועגן. דערנאָך האָט ער אונז געוויזן זייער ספר תורה וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך! די ספר תורה איז געשריבן, ניט אויף פּאַרמעט — נאָר אויף לעדער! די אותיות זיינען גרעסער און דער שריפט איז קלאָרער! איין חסרון האָט די ספר תורה — זאָל זי מיר מוחל זיין — מען קאָן ניט שטיין נאָענט נעבן איר, סיידן מען זאָל זיך פאַרשטעלן די נאָז...

מען האָט אונז דערנאָך געפירט אין דער „שולע" פון די זקנות. אַ ספּעציעלע לערערקע לערנט זיי אויסאַרבעטן פאַרשידענע צייכענונגען אויף פּרויעשע בלוזקעס. עס ווערן דאָרט געמאַכט הונדערטער אַזעלכע אויסאַרבעטונגען, וועלכע ווערן דערנאָך פאַרקויפט די טוריסטן וואָס שפּאַצירן איבער די תל אביב'ער און ירושלימדיקע גאַסן! די פרויען באַקומען געלט פאַר זייער אַרבעט.

אַנדערש איז דער „עם־צימער" פון „אונזערע" זקנים. עס עסן מיט אַמאָל עטלעכע הונדערט אַלטיטשקע, וועלכע... רעדן צווישן זיך אויפן קול און... שילטן זיך פונקט ווי זיי האָבן עס געטאָן אויף דער סמאָטשע־גאַס אין וואַרשע, אָדער אויף דער מאָלדאַוואַנקע אין אָדעס. באַלד עפּעס — אַ קללה! אַזאַ פאַרגעניגן!

די קיך ביי „אונזערע" איז די מאָדערנסטע וואָס קאָן זיין. זייער און זייער ריין און היגיעניש און, מיר דוכט, אַז אַן אַלטער קאָן דאָרט לעבן 100 יאָר אָן קאָפּ־ווייטיק — כאָטש, טאָמער האָט איינער קאָפּ־ווייטיק, זיינען פאַראַן דאָקטוירים, ענפערמעראָס און... אַ רייכער שפּיטאָל דערצו וועלכער.. שטייט גראָדע ניט ליידיק!...

מיר ווערן איינגעלאַדן דאָרט צום מיטיק! שוין טאָקע צייט עפּעס צו עסן! דער פאַרוואַלטער פון אַנשטאַלט, אַ האַרציקער אידישער מענטש, — שמואל אלוני, הייסט ער — דערציילט אונז ביים עסן, וויפל אַרבעט די זקנים געבן מיט זייער קאַפּריזן! אָבער — מיר באַמיען זיך

נאָכצוגעבן זיי אַלץ וואָס זיי ווילן! זאָלן זיי — זייערע לעצטע יאָרן — פילן דעם טעם פון אַ גלעט פון אַ געטרייעם מענטשן נעבן זיך, פון אַ קינד וועלכן זיי האָבן ניט!

— צו קומט זיי עמעצער באַזוכן?

ניין! קיין צען פּראָצענט פון אַלע איינוואוינער פון אונזער דאָרף — האָבן ניט אין ישראל — און זיכער אין ערגעץ ניט — קיין פריינט! אַ חוץ דעם דזשוינט, און אונז, זייערע באַדינער — האָבן זיי קיינעם ניט אויף דער וועלט וואָס זאָל זאָרגן פאַר זיי! זייערע פריינט זיינען — כל ישראל! אַלע אידן פון דער גאָרער וועלט!... די אַרגענטינער אידן אַריינגערעכנט!

ביים אַרויספאָרן פון כפר זקנים „שער מנשה" האָב איך געטראַכט: עס וואָלט זייער ווינשנסווערט געווען אַז די חשובע עסקנים פון די מושב'ם זקנים פון חוץ לארץ, און ספּעציעל פון דער „היים פאַר אַלטע" אין אַרגענטינע, זאָלן אָפּשטאַטן אַ וויזיט אַט דעם כפר זקנים אין ארץ ישראל. זיי וואָלטן זייער אַ סך געקאָנט אָראָפּנעמען אַ ביישפּיל ווי אַזוי זקנים באַדינען זיך אַליין איינס דאָס אַנדערע און ווי אַזוי זקנים און זקנות אַרבעטן אַ גאַנצן טאָג און זיינען נוצלעכע בירגער פון אַן אייגן דאָרף.

אגב. אין כפר זקנים איז פאַראַן אַ אייגענע פּאָסט וואָס ווערט אָנגעפירט פון אַ 72 יאָריקן זקן. פאַראַן אייגענע „בריוו-טרעגער" וואָס האָבן... זייער ווייניק בריוו אָפּצוטראָגן אָבער — ציימונגען, באַקומען זייער אַ סך פון „אונזערע זקנים". פאַראַן אויך אין „כפר" אַ שיינער לייען-זאַל, מיט ביכער אין אַלע שפּראַכן. אויב אידן ווילן אַהין שיקן ביכער — וועלן זיי קיין עבירה ניט האָבן!...

— — — — — — — — — — — —

אונזער אויטאָ פליט שוין ווידער. מיר פאָרן אין שפּיטאָל פאַר „כראָניש קראַנקע" וואָס דער „מלבן" — דזשוינט האַלט אויס אין ישראל פאַר נייע עולים. ער געפינט זיך אין „מחנה ישראל", פאַרנעמט אַ גרויסן שטח ערד און ווערט אָנגעפירט פון אַ ספּעציאַליסט אַ דאָקטער וואָס הייסט מ. יגלון.

ווען מיר זיינען געקומען אין שפּיטאָל אַריין האָבן מיר געטראָפן אַלע בעטלעך פאַרנעמען! דער דאָקטער און די קראַנקן-שוועסטער, זיינען געווען שטאַרק „ביזי". דער פּערסאָנאַל איז ניט גענוג פאַר אַלע קראַנקע, פאַר אַזאַ גרויסן שפּיטאָל. מיט דער צייט, וועט אַלץ נאָר-

מאַליזירט ווערן. די קראַנקע, זיינען מערנסטייל פון די מזרח-לענדער, מען האָט זיי געבראַכט מיט די „כישוף-טעפּיכער" (אעראָפּלאַנען) און ס'וועט קאָסט מי און אַרבעט ביז מען וועט זיי שטעלן אויף די פיס. דער דזשוינט טוט אַלעס מעגלעכעס, וואָס שנעלער זיי געזונט מאַכן און זיי אַפּשיקן אין די קבוצים, מושבים אָדער אַנדערע פּונקטן פון לאַנד.

פאָרן אַהיים פאָרן — עס איז שוין אַרום פינף אַזייגער, ווייל אונז דער שאָפער ווייזן אַ שטיק... ישראלווירקלעכקייט! ער פירט אונז אין אַ „מעברה" פון איראַקער. עס איז דאָרט אַ „שטאָט" פון אַ פּאָר טויזנט נייע עולים...

מיר פאָרן אַריין אין אַ „גאַס" מיט „קלייטן". פאַראַן „קלייטן" אין הילצערנע „געביידעס" וואָס האַלטן זיך קוים — פון פּרוכט, פון גרינ־וואַרג, פון ברויט, און אַפילו פון אַלומינינע טעפּ און אַלערליי קיך-געשיר. און אַ טומל איז אַרום די קלייטן, אַ רעש, אַ מאַכעניש מיט די הענט, אַ דינגעניש, אַז מען קאָן טויב ווערן!

אין מיטן „גאַס" שפּאַצירן אַרום, מענער, פרויען, קינדער. דאָס זיינען מיינסטנס „אַרבעטסלאָזע" וואָס קאָנען ניט אָדער ווילן ניט אַרבעטן און זיי באַקומען אַ געוויסע שטיצע פון דער „סוכנות". פאַראַן אַפילו „קאַ־פּעען" מיט בענקלעך און טישלעך ווו עטלעכע מענער זיצן אײַנדרויסן און שפּילן אין פאַרשידענע שפּילערייען. מיט איין וואָרט: — מיר זיינען געוועזן אין אַ מאַרק פון דמשק. צופעליג געפינט זיך דער „מאַרק" אין ישראל...

די פראַגע וועגן די איראַקער עולים אין ישראל איז זייער אַ אָנגע־ווייטיקטע. מען האַלט די איראַקער עולים פאָרן ע ר ג ס ט ן עלעמענט פון די אַראַבישע לענדער וואָס מען האָט אַראָפּגעבראַכט אין לאַנד אַריין! פּונקט ווי תימנער זיינען אַרבעטסזאַמע און געדולדיקע, פּונקט ווי דער תימנער באַנוגנט זיך מיט ווייניק און דאַנקט צוויי מאָל אין טאָג גאָט, וואָס האָט אים געראַטעוועט פון תימן און געבראַכט קיין ישׂראל, פּונקט ווי דער תימנער זאָגט אויף יעדן שריט: לחם יש! מים יש! — ברוך השם! — אַזוי איז דער א י ר אַ ק ע ר ניט צופרידן, האָט גאַנצע טענות, און איז... ווילד אין זיין באַנעמונג! אייניקע זאָגן אַפילו — אַז ווען עס זאָל קומען צו אַ צווייטן „ראונד" מיט די אַראַבער — וואָלטן די איראַקער... אין בעסטן פאַל — ניט געוועזן קיין געטרייע קעמפער... (מען זאָגט נאָך ערגערס...)

בכלל, האָט מען אין ישראל, צופיל אַריינגענומען אין מויל אַרײַן די איראַקער! אין ישראל האַלט מען:

די בעסטע עולים זיינען די תימנער. נאָך זיי — גייען די בולגאַרער און די פּערסיער. נאָך זיי קומען די עולים פון טערקיי.

די ערגסטע זיינען — די איראַקער. עטוואָס בעסער פון זיי זיינען די מאַראָקער, די טוניסער, און טריפּאָליטאַנער.

עס איז שטאַרק פאַרדריסלעך און ווייטיקלעך, אַט די צוטיילונג פון דער לעצטער עליה אין :שבטים", אין „בעסערע" און „ערגערע" שבטים. אין גוטע, און שלעכטע און אין גאָר שלעכטע אידן! עס איז אַ גרויסער אומגליק פאַר ישראל אַט די „צוטיילונג". פונקט ווי עס איז אַ טעות און אַ אומגליק דאָס צעטיילן דעם ישוב אויף פאַרשידענע „עליות". די „ערשטע עליה", די צווייטע — דאָס הייסט פון ערב דער צווייטער וועלט מילחמה, און די לעצטע „עליה" — שוין נאָך דער מילחמה, אַט, די, וועלכע מען האָט געברענגט פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

רעדט איר מיט אַ ארץ ישראל אידן, וועלכער קאָן אפילו ניט די „שוואַרצע", (איראַקער) וועט ער אייך באַלד זאָגן, אַז מיט׳ן אַראָפּברענגען אַהער, אַט דעם עלעמענט — האָט מען „אומגעבראַכט" דאָס לאַנד! דאָס איז זיין גרעסטע טענה צו בן גוריונען, פאַר וועלן רע־אַליזירן דעם „קבוץ גליות". אַ גרויסע טייל פון ארץ ישראל אידן זיינען אויף אַזוי פיל אַנטי־איראַקיש, וויפל אַ סך רוסן, אוקראַאינער, אונגאַרן, רומענער און אַנדערע סלאַווישע פעלקער זיינען... אַנטיסעמיטיש! זיי זעען אויך אין יעדן שלעכטן איראַקער עולה — דעם גאַנצן קבוץ איראַקאַנער, און זיי פילן ניט, אַז זיי טוען נאָך די באַוווסטע אַנ־טיסעמיטן...

עס איז אָן צווייפל: דער גרעסטער אומגליק פאַר דער מדינת יש־ראל, פאַרן לאַנד און פאָלק, וועט זיין, אויב, אַנשטאַט אַן איינהייטלעך פאָלק, וועלן דאָרט זיין עטלעכע פעלקער — בעסער געזאָגט — עט־לעכע שבטים און אַט די „שבטים" וועלן פירן אַ „קאַלטן קריג" צווישן זיך! מען וועט זיך איגנאָרירן, באַקאָטירן, ענג מאַכן דאָס לעבן, און פון וועג ניט וועג, זיך אויך... אונטערפּאַטשן!

אמת איז, אַז מען קען ניט אַוועקזעצן ביי איין טיש, אַ אידן פון קורדעסטאַן און אַ אידן פון... ליטע. אַ אידן פון תימן און אַ אידן פון קעשעניעוו, אַ אידן פון דמשק און אַ אידן פון לאָדזש און זען „צע־נויפמישן זייערע מנהגים, זייערע מאכלים, זייער קולטור און זייערע

זיטן און געוואוינהייטן! אָבער, מיט דער צייט, וועט מען זיך איינגעוואוינען און צוגעוואוינען איינס צום אַנדערן... ספּעציעל — וועט עס זיין מיט זייערע קינדער און קינדס-קינדער! מען דאַרף האָבן געדולד!

דער ישראל-איד האָט דערווייל קיין געדולד ניט צו דעם! ביי אים, איז די גרעסטע טראַגעדיע, ווען זיין קינד פאַרליבט זיך אין אַ „ספרדי" — ווער שמועסט אין אַ תימנער און, חס וחלילה — אין אַ איראַקאַנער! נאָך ערגער, ווי ביי אונז, אין חוץ לארץ, ווען אַ קינד נעמט אַ שייגעץ אָדער אַ שיקסע.... ער, דער ישראל- איד, זאָגט אַזוי:

העלפן דעם „ספרדי", דעם איראַקער און מאַראָקער, דעם פּערסיער און קורדעסטאַנער, העלפן אים — יאָ! דאָס לעצטע העמד אוועקגעבן, דעם לעצטן ביסן ברויט! אָבער — פון דער ווייטנס! פאַר אַ מחותן, פאַר אַ שכן אַפילו — וויל ער אים ניט...

און אָט פאַר איך איצט אַרום אין „זייערס" אַ „שטאָט". איך באַטראַכט זייערע הייזער, זייערע מנהגים. עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז זייערע שוואַרצע אויגן שיסן מיט פייער פון שנאה צו אונדז „ווייסע". עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז ווען ניט די מורא פאַר דער מאַכט — פאַרן שוטר, וואָס דרייט זיך, דאָ ניט ווייט, אַרום, וואָלטן אָט די ליידיגגייער וואָס זיצן ביי די טישלעך פון די „קאַפעען" אָדער וואָס דרייען זיך אַרום איבער דער גאַס — וואָלטן אונז באַפאַלן, צוגענעמען אַלץ וואָס מיר גייען אָנגעטאָן, פאַרגוואַלדיגט אונזערע פרויען און אפשר אונז אויך דערשטאָכן!...

דאָס איז, פאַרשטייט זיך, איינרעדעניש! דאָס איז דער רעזולטאַט, פון די שמועסן, פון די געשפּרעכן און פון די ידיעות וואָס איך האָב געהאַט, פאַר די עטלעכע טעג וואָס איך בין אין לאַנד, וועגן אָט די „שוואַרצע", וועגן די „איראַקער", וועגן זייער ווילדקייט און אומדערצויגנקייט!

דאָס שאַפן זיי אַזאַ נאָמען — ברענגט ניט קיין נוצן דער יונגער מדינה!... די ישראל-אידן, ווילן עס ניט באַנעמען!....

— — — — — — — — — — — — —

מיר זיינען געקומען אהיים קיין תל אביב מידע און... צעבראָכענע. די לאַגע פון די אומגליקלעכע וואָס איך האָב געזען אין די אַנשטאַלטן פון דזשווינט און לסוף — דער שפּאַציר איבער דער איראַקאַנישער „שטאָט", האָט זיך אָפּגערופן אויף מיין קאָפּ און נערוון. אַזוי

פיל עלנט, אומגליק און מענטשלעכע טראַגעדיע אין איין טאָג — איז געװען צופיל פאַר מיר!...

ביינאַכט — װי דער שטייגער איז — האָב איך געהאַט געסט, אָבער איך האָב זיי ניט אויפגענומען. פאַר מיינע אויגן זיינען געשטאַנען די... בלינדע װאָס אַרבעטן, די כראָניש-קראַנקע, װאָס טוען נוצלעכע אַרבעט, און די געפלאָגטע איינװאױנער פון דער איראַקאַנישער „מעברה".

װען װעלן זיי שוין אַמאָל לעבן אין מענטשלעכע באַדינגונגען?...

24־טער אַפּריל:

איך שטיי היינט אויף זייער פרי. איך דאַרף תיכף פאָרן קיין... ירושלים. איך האָב היינט, אינדערפרי, אַ װיכטיקע באַשטעלונג דאָרט. איך האָב געקראָגן אַ רעקאָמענדאַציע-בריװ פון אַ גרויסער פּערזענלעכקייט פון תל אביב צו אַ צװייטער אין ירושלים, אז מען מען זאָל מיך פאָרשטעלן פאַר איינעם פון די װיכטיקסטע מיטגלידער פון די... „נטורי קרתא", און היינט אינדערפרי עלף אַזייגער מיט 15 מינוט װעט מיך איינער פון די װיכטיקע „קאָרפּן קעפּ" פון אָט דער גרופּע אויפנעמען...

װער די נטורי קרתא'ניקעס זיינען? — װייסט איר מן הסתם. דאָס איז אַ גרופּע פרום-פאַנאַטישע אידן, װאָס זיינען פאַראַן איבער גאַנץ ארץ ישראל און זייער „הויפּט-קװאַרטיר" איז אין ירושלים! זיי זיינען קעגן... דער פּראָקלאַמירונג פון דער אידישער מדינה. זיי זאָגן, אַז מען טאָר ניט דוחק זיין את הקץ, מען דאַרף װאַרטן ביז... משיח װעט קומען, ביז דוד מלך ישראל װעט זיך בחסד אלהים, זיך אַרויפזעצן אויפן טראָן פון מלכות ישראל און ער װעט צוריק אויפבויען דעם בית המקדש!...

די דאָזיקע גרופּע טוט איר אַרבעט „אונטער דער ערד", ד. ה. פאַרבאַהאַלטענערהייט, כאָטש, אָפיציעל, שטערט איר קיינער ניט אַז זי זאָל זיין טעטיק — דאָס הייסט, בעטן גאָט, מתפלל זיין אויף ביאת המשיח! פאַרקערט! די ישראל-אידן און די ישראל-רעגירונג װאָלטן זיך, אפשר ,מחיה געװען װען משיח גיט זיך אַ יאָװע אַראָפּ. אפשר װאָלט אים, משיח'ן, לייכטער געװען צו דערליידיקן געװיסע שװערע פּראָבלעמען פון די ישראל פינאַנצן, עקאָנאָמיע, און אַנדערע צרות.

באַנוגענען זיך ניט די „נטורי קרתא'ניקעס", מיט גייסטיקער אַר-

בעט! זיי וואַרפן אונטער, פון ווען ניט ווען, אַ באָמבעלע דאָרט וואו מען דאַרף, וואַרפן שטיינער אויף די פּריוואַטע אויטאָס וואָס פאָרן אום שבת אין „זייער" ממשלה — אין מאה שערים פון ירושלים, און אַ סברא — פאַראַן אַ סך וואָס גלויבן אין דעם — אַז זיי האַנדלען אונטער שטילער־הייט מיט... עבר הירדן, מיט די אַראַבער בכלל ווען זיי האַלטן פאַר געטרייע שוועסטערקינדער, וואָס וועלן ניט דערלאָזן צו אַזאַ „חלול השם" — גרינדונג פון אַ אידישער מדינה דורך פּשוטע בשר ודמ'ס און ניט דורך... משיח בן דוד.

איינע פון מיינע אויפגאַבע וואָס איך האָב זיך געשטעלט בעת מיי־נע פּלענער צו פאָרן קיין ישראל איז געווען — קריגן אַ רעקאָמענדאַ־ציע צו איינעם פון זייערע גדולים און זיך מיט אים דורכשמועסן! איך וויל זעען, ביז ווי ווייט גייט אידישער פאַנאַטיזם!

ניט לייכט איז מיר אָנגעקומען צו קריגן אַ פאַרבינדונג מיט זיי. איך האָב אין תל אביב געדאַרפט האַרעווען ביז איך האָב געקראָגן אַ בריוו קיין ירושלים. אין ירושלים האָב איך ערשט געדאַרפט „בייטן דעם באַן". ד. ה. ערשט יענער וואָס איך האָב צו אים געקראָגן אַ רעקאָמענ־דאַציע — האָט ערשט געזוכט זכות אבות און...

אויף היינט 11 אינדערפרי איז באַשטימט דער אינטערוויו.

— — — — — — — — — — — — —

זיבן אַזייגער אינדערפרי בין איך געזעסן אין „טאַקסי" (שירות) וואָס פאָרט קיין ירושלים. דער בילעט פון טאַקסי איז פיר מאָל אַזוי פיל טייערער ווי מיטן באַן — אָבער עס האָט ווערט. מיטן טאַקסי זענט איר זיכערער! אגב. פון תל אביב קיין ירושלים גיין אַלע 15 מינוט טאַק־סים במשך פון גאַנצן טאָג — אַ חוץ... שבת! קיין ירושלים פאָרט דער טאַקסי שבת ניט אַריין! ער וואָלט פון דאָרט, מיט גאַנצע רעדער — און דער שאָפער, מיט גאַנצע ביינער — ניט אַרויסגעפאָרן!...

דער אויטאָ פליט ווי אַ פייל פון בויגן. דער וועג איז אַ... גלייכער. ממש ווי אַ שפּיגל; אָט פאָרן מיר דורך דאָס געוועזענע אַראַביש דאָרף ר מ ל ה. דער שאָפער — וויסנדיק שוין, אַז איך בין אַ „גרינער" (און צו־פעליג זיינען נאָך צוויי פּאַסאַזשירן — טוריסטן) דערציילט אונז וואָס פאַר אַ מערדעריש דאָרף אָט דאָס ראמלא איז געווען אַלע יאָרן פון מאַנ־דאַט. אַז דאָ איז אַ אידישער אויטאָבוס קיינמאָל ניט זיכער געווען אַז עס וועלן ניט פליען קיין שטיינער אָדער קוילן, אַז דאָ איז קיין אידי־

שער אויטאָ קיינמאָל ביינאַכט ניט דורכגעפאָרן! און איצט? אַלע הונדערט פּראָצענט אידיש! קיין איין נפש איז פון זיי ניט גע־בליבן! זיי — די מערדער פון דאַנען, האָבן געהאַט אַ סך אידיש בלוט אויף זייער געוויסן און האָבן מורא געהאַט פאַרן טאָג פון חשבון:

מיר פאָרן דורך אַ נייעם מושב. אַ גרויסע טאַבליצע מעלדעט:

„דאָ, וועט אויפגעבויט ווערן אַ דאָרף פון אַרגענטינער אידן".

דערזעען אָט דעם אויפשריפט, וויל איך אַרויסשפּרונגען פונעם אוי־טאָ, כאַטש כאַפּן אַ בליק פון דער ווייטנס! איך דערמאַן זיך אָבער אין מיין „אינטערוויאו", איך האָב מורא צו פאַרשפּעטיקן די שעה און די געלעגנהייט און — איך זאָג גאָרנישט! מיר פאָרן ווייטער!

מיין פרייד, אַז דער וועג איז אַ גלייכער אַ... „שפּיגל" — געדווי־ערט ווינציק. מיר הויבן אָן פאָרן אויף בערג און צווישן בערג. דעם אמת אויסזאָגן: איך בין אַ שלעכטער פאָרער אויף בערג! עס פאַרדרייט זיך מיר דער קאָפּ. עס הויבט מיר אָן שווינדלען פאַר די אויגן!...

דער וועג צווישן די בערג הויבט אָן ווערן וואָס אַמאָל אָפּטער און... שאַרפער! מיר פאָרן הונדערטער מעטער אין דער הויך! איך געב אַ בליק אונטן און... פאַרמאַך די אויגן. דער שאָפער באַמערקט מיין נערוועזי־טעט, ווייזט אוים אַז איך בין שטאַרק בלייך. ער הויבט אָן פאָרן פּאַ־וואָליע און טרייסט מיך:

— פאַר אַלץ, האָב אינזינען, אַז איך האָב אויך אין דער היים אַ ווייב און צוויי קינדערלעך. אַ מאַמע וואוינט אויך מיט מיר — טרייסט ער מיך — און, אויב מיר זאָלן פאַלן — וועל איך זיין דער ערשטער קרבן!... ווייזט אוים אַז דאָס האָט טאַקע געווירקט אויף מיר. איך בין געוואָרן רואיקער, איך האָב אַפילו אָנגעהויבן עפענען מערער די אויגן און זיך אומקוקן ווו מיר זיינען.

דער שאָפער ווייזט אונז:

— אָט דער וועג איז געווען פאַרפעסטעט מיט אַראַבער. אינגאַנצן פון דאַנען ביז צו דער גרענעץ איז איצט פאַראַן... 7 קילאָמעטער. דעמאָלט, איז געווען ווייניקער. זיי פלעגן באַשיסן אָט דעם פּלאַץ און ניט צוגעלאָזט קיין פּראָוויאַנט פאַר ירושלים! אָט פאָרן מיר טאַקע דורך, דורך אַ אָרט ווו עס ליגן נאָך צעשמעטערטע אויטאָס. דאָס איז געווען דער בית הקברות פאַר הונדערטער אויטאָס, און דער טויט פון אונ־זערע בעסטע קינדער...

מיר קומען צו צו אַ וועג ווו עס שטייט די גרענעץ־וואַך! פון דאַנען

דער גאַנצער וועג קיין ירושלים איז „פּאַרזייט" מיט געוועזענע אַראַבישע הייזער און דערפער. אַלע — מיטן אויסנאַם פון איין דאָרף — זיינען צעשטערט און קיין לעבעדיקער נפש איז דאָרט ניטאָ. די חורבות שטייען און וואַרטן אַז עס זאָל קומען דער טאָג ווען מען וועט זיי אָפּראַמען און מען וועט אויפן באָדן פאַרזייען גרינוואַרג, אָדער פּאַשע פאַר די בהמות און עופות. די איינוואוינער פון אָט די דערפער, האָבן געקעמפט מיט געווער אין דער האַנט קעגן אַ אומבאַוואָפנט רו־איק פאָלק, האָבן פאַרגאָסן אומשולדיק בלוט! איצט — קאָנען זיי דאָ ניט וואוינען! זיי שניידן, — דאָרט, אין עגיפּטן, אָדער עבר הירדן, — די פּרוכט וואָס זיי האָבן פאַרזייט וואוינענדיק אין ישראל.

ענדלעך. מיר פאָרן אַרויף אויף איין באַרג, אויף נאָך אַ באַרג, און לסוף אויף אַ גאָר הויכן באַרג. דער שאָפער זאָגט אונז אָן די בשורה.

מיר זיינען שוין אין ירושלים. אָט דאָ, הויבט זיך אָן די שטאָט!

איך בעט דעם שאָפער זיך אָפּשטעלן אַ רגע. איך גיין אַראָפּ, בויג זיך אָן צו דער ערד, הויב אויף אַביסעלע פון דער זאַמדיקער ערד און...

איך מאַך אַ שהחינו, און געב די ערד אַ קוש...

די אַנדערע צוויי טוריסטן —ביידע אַמעריקאַנער — טוען עס אויך! זיי טוען עס אויטאָמאַטיש אָן... געפּילן. איך האָב עס געטאָן, ווייל... דאָס האַרץ איז מיר פאַר עמאָציע שיעור אַרויסגעשפּרונגען! עפּעס אַ קלייניקייט! ירושלים! וויפל יאָרן, וויפל טעג און נעכט, האָב איך געחלומ'ט צו זען אָט די אייביקע שטאָט? וויפל מאָל האָב איך — אין קינדערשער התלהבות — און שפּעטער ווען איך בין שוין גרויס געוואָרן און אַ ציוני געוועזן — וויפל מאָל האָב איך געזען ירושלים אין מיין דמיון? איצט שטיי איך מיט מיין גאַנצן גוף, מיט דער גאַנצער נשמה, פאַר די טויערן פון ירושלים און, אין צען מינוט אַרום, וועלן מיינע פיס באַטרעטן די גאַסן, פון אָט דער היסטאָרישער, לעגענדאַרישער, און הייליקער אידישער שטאָט. אַ שאָד וואָס איך קום, היינט אַהער אין איילעניש און בלויז אויף אַ פאָר שעה! אָבער — איך וועל נאָך זיין דאָ!...

ערשט נעכטן איז דאָ געווען אַ שיסעריי! אָט, דאָרט, אויבן, זיצן זיי פער ווייזט אונז:

איז בלויז... דריי קילאָמעטער די גרענעץ. אָט דאָ, קומען אָפט פאָר שי־סערייען...

אַריינפאָרנדיק אין שטאָט אַריין, פאָרן מיר דורך אַ גאַס. דער שאָ־

די רוצחים, די אראבער פון עבר הירדן! אָבער — זיי וועלן דאָ לאַנג ניט זיצן! עס וועט קומען אַ טאָג אויף זיי!...

דער אויטאָ בלייבט שטיין אין צענטער פון שטאָט. די פּאַסאַזשירן גייען יעדערער זיין וועג. איך גיי מיט אַן אַדרעס אין קעשענע, און ערשט פון דאָרט וועט מען מיך פירן צו איינעם פון די פירער פון די „פרומסטע פון די פרומע".

אויב אין תל אביב איז שווער צו געפינען אַ גאַס מיט אַ נומער, איז אין ירושלים — נאָך שווערער. זעלטן אַז אויפן ראָג גאַס זאָל הענגען אַ צעטל מיטן נאָמען פון גאַס, און נאָך זעלטענער איז, אַז אויף אַ הויף, אויף אַ שטוב אָדער קלייט, זאָל זיין צוגעקלאַפּט אַ נומער! בכלל אָריענטירט מען זיך ניט אין ירושלים אויף גאַסן און נומערן, נאָר לויט... „בית" — (הויז:)

„בית שוואַרץ", „בית צימערמאַן", „בית ירמיהו". א. אַ. וו.

איך האָב נאָך צייט. איך וועל מאַכן אַ קליינעם שפּאַציר איבער ירושלים. אינטערעסאַנט צו זען, נאָך „וועמען", דאָ אין ירושלים, האָט מען אַ נאָמען געגעבן די גאַסן? איך נעם אַן אויטאָ און היים זיך פירן איבער די גאַסן, גלאַט אַזוי:

אָט האָט איר אַ רייע פון גאַסן וואָס, אין איין האַלבע שעה האָב איך אויסגעפּיעט צו קרייצן:

יהודה המכבי — משה רבינו, — אברהם אבינו, — יצחק, — יעקב, — אהרון הכהן, —יוסף הצדיק, — ירמיה הנביא, — ישעיה הנביא, — יחזקאל הנביא, — שמואל הנביא, — דבורה הנביאה... — בר כוכבא, רחוב המודעין — גאולה — כרם אברהם — רחוב הלל — רחוב שמאי — רחוב בנימין — זאב הרצל — ככר מאקס נוירדו — ככר באלפור — מלך כורש — רחוב ביאליק — א. מאפו — פ. סמאלענסקי — מענדעלע מוכר ספרים — נחום סאָקאָלאָוו — אחד העם — מלך דזשאָרדזש — בן יהודה — בצלאל — א. א.

פאַרשטייט זיך, אַז די נעמען פון די גאַסן בין איך געוואוירע געוואָרן אַ דאַנק דעם שאָפער. ער האָט מיר, ביי יעדער גאַס — אָנגעזאָגט ווי אַזוי די גאַס הייסט.

פאַראַן אויך אין ירושלים, גאַסן וואָס האָבן באַזונדערע היסטאָרישע באַדייטונגען. דערציילט אַ איד מענדל מאָזעס ווי אַזוי ער האָט שפּאַצירט איבער ירושלימער גאַסן:

אָט שפּאַציר איך איבער דער „רחוב כובשי קטמן" (דעראַבערער

פון קאַטאַמין, אַ קוואַרטאַל פון וועלכן די אַראַבער האָבן געשאָסן אויף ירושלים); „רחוב הפורצים" (דורכברעכער פון דער באַלאַגערטער ירו־שלים); „רחוב ל"ה (אויפן נאָמען פון 35 יונגע העלדן, וועלכע זיינען געפאַלן אויפן וועג צו דער באַלאַגערטער ירושלים); „רחוב משמר העם". (פאָלקסגאַרד פון בירגער בעת דער באַלאַגערונג פון ירושלים). עס זיינען פאַראַן גאַסן צום אָנדענק פון די, וואָס האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן כדי ברענגען, וואַסער, שפּייז און אַנדערע „פּראָדוקטן" אין דער באַ־לאַגערטער שטאָט. איינע אַזאַ גאַס האָט דעם נאָמען „רחוב שירות", וואָס מיינט אָרגאַניזירטע קאַראַוואַנען פון לאַסט־אויטאָס, „רחוב מחלקי המים" (וואַסער פאַרטיילער).

די שכונה „מחנה יהודה" האָט באַשאָנקען אירע גאַסן און געסלעך מיט שמעקנדיקע נעמען פון פרוכט און ביימער. אַ דאַנק דעם האָב איך שפּאַצירט אויף „רחוב החרוב" (באָקסער גאַס), „רחוב השקד" (מאַנדל גאַס), „רחוב התפוח" (עפּל גאַס), „רחוב האגס" (באַרנע גאַס). אין די דאָזיקע גאַסן איז אַמאָל געווען קאָנצענטרירט דער האַנדל מיט פרוכט.

אַ חוץ „גאַסן" — איז ירושלים געבענטשט מיט „שכונות" (קוואַר־טאַלן „געגנטן"), תל אביב האָט אויך הונדערטער שכונות, ווו מען קאָן זיך אויסדרייען דעם קאָפּ און פאַרלירן די נערוון ביז מען געפינט אַ גאַס מיט אַ נומער. ירושלים, שלאָגט דעם רעקאָרד מיט די „שכונות" די אינטערעסאַנטסטע גרעסטע און אָריגינעלסטע שכונות — איז... מאה שערים. דאָרט וועל איך היינט דאַרפן זיין! דאָרט וואויגען די „פרומסטע פון די פרומע" און די... ווילדסטע פון די ווילדע.

„מאה שערים" איז — ווי עס דערציילט מענדל מאָזעס —

דער עלטסטער און גרעסטער קוואַרטאַל אין דער נייער ירושלים איז די באַקאַנטע „מאה שערים", וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין דער וואָך פון דער פרשה „תולדות" (דעצעמבער 1873), ווו עס איז געשריבן אין חומש „ויזרע יצחק בארץ ההיא וימצא בשנה ההיא מאה שערים ויברכו ד'" (און יצחק האָט געזייט אין דעם לאַנד און ער האָט געהאַט אין דעם יאָרהונדערט מעסטלעך און גאָט האָט אים געבענטשט). „מאה שערים" איז אויסגעוואַקסן צו אַ סימבאָל און איז געוואָרן די „אַלט־שטאָט" פון ניי־ירושלים.

ווען איך האָב שפּאַצירט אין „מאה שערים", האָב איך געזען מיניאַ־טור־שטעטלעך פון פוילן, גאַליציע, ליטע, אוקראַאינע, אונגאַרן. איך האָב געזען אידן אָנגעטאָן אין גאַליציאָנער ברייטע קאַפּעלושן, אין פוי־

יש־אידישע היטלעך און אין אוקראַאינישע היטלען מיט ברייטע דאַש־קעס. אין מאה שערים" זיינען פאַראַן כלערליי חסידישע „שטיבלעך" אויף נעמען פון די רביים פון שטעט אין פוילן, גאַליציע און אונגאַרן, וווּ עס איז שוין מער ניטאָ קיין איין איד. פון די אָפענע פענצטער אין „מאה שערים" האָב איך אויך געהערט ווי מלמדים האָבן געלערנט מיט קליינע קינדער חומש און פאַרטייטשט די לשון־קודש'דיקע ווערטער אויף אידיש: „ויאמר — און ער האָט געזאָגט, ד' — גאָט, אל — צו. משה — משה'ן, לאמר — אַזוי צו זאָגן". אין די שמאָלע, ענגע געסלעך פון „מאה שערים" האָב איך געזען אידן וואָס זייערע פּנימער זיינען מיר געווען באַקאַנט פון... אילוסטרירטע הגדות.

איך האָב געדאַרפט האָבן צו איינעם וואָס וואוינט... „בית אַש־קלון". און אָט אַזוי פרעגנדיק איינעם, אַ צווייטן, אַ דריטן — בין גע־קומען צום אַנגעוויזענעם הויז. אַ עלטערער מענטש עפנט מיר די טיר, בעט מיך אַריין. ער האָט שוין אַ פּאַרטיקע בריוו פאַר מיר צו איינעם פון „יענע" און... גיט מיר אַ לעקציע:

איר זאָלט ניט פּרוּוון רעדן מיט אים קיין עברית; זיי האָסן עברית. און לשון קודש — איז פאַר זיי צו הייליק, אַז זיי זאָלן אים באַנוצן וואָ־כעדיק... איר זאָלט ניט זאָגן אַז איר סימפּאַטיזירט מיט ציוניזם, ווייל — ער וועט אייך לאָזן שטיין און אַוועקגיין! אָט דאָ, אין דעם בריוו, ווערט איר רעקאָמענדירט אַלס מענטש וואָס האָט ניט קיין שום סימ־פּאַטיעס פאַר... ישראל!...

איך נעם דעם בריוו אין דער האַנט, געזעגן זיך, און גיין צום נפש וואָס האָט... אויך ניט קיין סימפּאַטיעס פאַר ישראל. דער בריוו ברענט מיר די האַנט... איך פיל אַז איך טראָג אַ שרץ מיט זיך. אָבער פאַרפאַלן. אַנגעהויבן —דאַרף מען ענדיקן! איך האָב אַ שטיק מהלך צו גיין. איך האָב אָבער אַביסעלע צייט דערויף. גייענדיק, קוק איך דערווייל אין די שויפענצטערס. איך באַטראַכט די סחורה וואָס ירושלימער אידן שטעלן אַרויס צום פאַרקויף. מיטן אויסנאַם פון די... גזוז־קליטלעך, וואָס זיי־נען פאַראַן אויף טריט און שריט — זיינען אַלע סחורות בלויז פאַר טוריסטן: בצלאל אויסאַרבעטונגען, מענטעלעך פאַר שבת־חלה, פאַר מצה־באַדעקן, קינסטלערישע שפילקעלעך און.. ספרים. דאָס זיינען 80 פּראָצענט פון די קלייטן. מען וואַרט, אַז דער טוריסט זאָל קומען קויפן. אַ שאָד, וואָס מען האָט אַזוי ווייניק אינזינען אַז דער טוריסט זאָל אויך האָבן באַקוועמלעכקייט ביי זיין פאַרווילן אין שטאָט. לפחות אַנקלאַפּן

טאַבליצקעלעך אויף די גאַסן מיט נומערן אויף די הייזער, אַז דער טו־ריסט זאָל זיך ניט אויסברעכן דעם מוח צו געפינען אַ הויז...

פונקט צו דער מינוט בין איך געשטאַנען פאַר אַ... יאַטקע וואָס „פאַרקויפט" רינדערן פלייש — אַזוי שטייט בפירוש אָנגעשריבן. די יאַטקע איז פוסט. פלייש וועט אָנקומען אין עטלעכע טעג אַרום פון אויס־לאַנד וועט מען טיילן — צו הונדערט גראַם אויף אַ חלק — לכבוד... שבועות דער קצב נעמט מיין בריוו, לייענט זי, באַטראַכט מיך, און ווענדעט זיך צו מיר אין... עברית.

טוב. מה רוצה לדעת? (גוט, וואָס ווילסטו וויסן?).

איך פאַרשטיי זיין טריק. דאָס וויל ער מיך אויספרואוון, צו איך בין אַ ציוניסט? צו איך רעדט עברית?... איך ענטפער אים אויף אי־דיש, אַז... אויף לשון קודש רעד איך נאָר מיטן רבונו של עולם ווען איך דאַוון. מיט פשוטע מענטשן רעד איך אידיש...

מיין טריק גייט אָן. ער ווערט פריינטלעכער, בעט מיך זיך זעצן אויף דעם איינציקן בענקל וואָס שטייט דאָרט. און... מיר ווערן היי־מישער!

— — — — — — — — — — — — —

איך דערצייל אים וואָס פאַר אַ מיינונג די אידן אין חוץ לארץ האָבן וועגן זיין „פּאַרטיי", זיין גרופּע. איך דערצייל אים, אַז מען האַלט זיי פאַר אומפאַראַנטוואָרטלעכע, פאַרעטערישע מענטשן, פאַר בוגדים אין פולן זינען פון וואָרט... איך וויל ביי אים אַ אויפקלערונג וועגן דער טעטיקייט פון אָט די מענטשן וואָס רעדן פון גאָט, און האָבן אים ניט אין האַרצן!... וואָרום, ווי קאָן קאָן מען האָבן גאָט אין האַרצן, אַז מען חנ'דלט זיך צו די אַראַבער — אויפן חשבון פון דער אידישער מדינה?...

מיין קצב איז געשטאַנען און אויסגעהערט אַלץ וואָס איך רעד צו אים. טיילווייז, האָט ער פאַרמאַכט די אויגן און עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַז זיינע ליפּן שעפּטשען... איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער דאַוונט. אפשר זאָגט ער די תפילה: „ולמלשינים אל תיה תקווה"... דער קאָליר פון זיין פנים האָט זיך עטלעכע מאָל געביטן. אָט איז דאָס רויט און אָט איז דאָס בלייך. ווען איך האָב געענדיקט מיין רעדן, האָט ער זיך ניט געאיילט מיר צו ענטפערן. ווייזט אויס, אַז ער האָט צע־נויפגעקלויבן געדאַנקען און ווערטער. ווען ער האָט אָנגעהויבן רעדן

— האָט ער געשיט מיט פייער. זשעסטיקולירט מיט די הענט און מיטן גאַנצן קערפּער. אָט, האָט ער גערעדט מיט פאַרמאַכטע קולאַקעס, און אָט, האָט ער ביידע הענט צענויפגעלייגט ווי ער זאָל תפילה טאָן צו גאָט.

— עס אַרט מיך ניט, אַז איר זאָלט דערציילן אייערע אידן אין גלות, אַלץ וואָס איך וועל אייך זאָגן. עס אַרט מיך ניט אַז איר, און טויזנטער און אַפילו מיליאָנען אידן ווי איר, זאָלן אונז האַלטן פאַר „וואָס אין דער קאָרט". מיר, דאָ, אין ארץ הקדושה און אַ סך, גאָר אַ סך טויזנטער און מיליאָנען אידן אין די גלות־לענדער האַלטן, אַז עס קאָן ניט זיין קיין אידישע מלוכה אויפגעשטעלט פון בני אדם, פון מענטשן — מעגן זיי זיין ווי גאָניאַל! די אידישע מלוכה וועט צוריק אויפגעשטעלט ווערן, ווען די צייט וועט קומען, לויט עס האָבן אונז געלערנט אונזערע עלטערן, לויט ווי עס האָבן עס פאָראויסגעזאָגט די גרויסע צדיקים און דער עיקר די נביאים, פון אַלע דורות — אַז משיח בן דוד וועט קומען. מיר דאַרפן ניט צוּאײלן דעם קץ. מיר דאַרפן ניט זיך און קיינעם ניט איינרעדן, אַז משיח איז שוין דאָ, אָדער אַז ער וועט בכלל ניט קומען, און עס איז שוין געקומען די צייט אויפצושטעלן אַ אידישע מלוכה — ווי זיי— די ציוניסטן רופן עס — אידישע מדינה!...

מיר, די גאָטספאַרכטיקע אידן פון דער גאָרער וועלט, וועלן אַזאַ מדינה, אַזאַ מלוכה ניט אַקצעפּטירן! מיר'ן קעמפן קעגן אָט דעם גרעסטן אַפּיקורסישן געדאַנק, פון אַלע צייטן זינט דעם חורבן פון בית המקדש ביז היינט — מיר וועלן טאָן אַלץ וואָס אין אונזערע כוחות איז, אַז די אידן און ספּעציעל די קינדער, זאָלן זיך ניט איינרעדן אַז עס האָט זיך געענדיקט דער אידישער 2־טויזנט־יאָריקער גלות, און עס איז שוין צוריק פאַראַן אַ אמת אידיש לאַנד! אַ אידיש לאַנד וועט נאָר דאַן זיין, ווען עס וועט קומען די אמת'ע גאולה, ווען גאָט וועט שיקן זיין משיח בן דוד און ער וועט אויפבויען צוריק דעם מלכות ישראל, און ער וועט אויפשטעלן דעם בית המקדש, ווי מיר זאָגן עס אַלע טאָג אין אונזערע תפילות און ווי מיר טראַכטן עס אַלע טאָג אין אונזערע הערצער!

— איז, מיט וועלכע מיטלען, דענקט איר, וועט איר דערגרייכן אַז אידן זאָלן בלויז וואַרטן אויף משיח בן דוד און אויף „מלכות־ישראל"? צי גלויבט איר אַז... העלפנדיק די אַראַבער אין זייערע מלחמה־פּלענער צו צעשטערן ישראל — דערוויל די מדינת־ישראל, העלפנדיק די אַראַבער אַז זיי זאָלן קומען מיט די לאַנגע מעסערס און אויסקוילען

אידישע קינדער — טוט איר דערמיט גאָטס ווילן און איר דערנענטערט דאָס קומען פון אמת'ן משיח בן דוד?

— ווער זאָגט אייך אַז מיר העלפן, אָדער מיט טראַכטן העלפן, די אַראַבער, אַז זיי זאָלן צעשטערן דאָס — וואָס איר רופט אָן מדינת ישראל?... ער בלייבט שטיל אויף אַ מינוט און זעצט פאָר:

איר קוקט דערויף וואָס איינער פון אונז איז אַראָפּ פון זינען און אוועק צו די אַראַבער?... אַזאַ איינער איז ביי אונז פאַררעכנט פאַר אַ ע ו כ ר י ש ר א ל! מיר קאָנען די אַראַבער און ווייסן אויף וואָס זיי זיינען פעאיק! העלפן זיי — טראַכטן מיר גאָר אַפילו ניט, פונקט ווי מיר טראַכטן ניט צו העלפן אייערע... בן גוריונטשיקלעך און די אַלע וואָס טומלען און פרייען זיך מיט זייער שפּילצייג וואָס זיי רופן אידישע מדינה.

— און, אָט דאָס וואַרפן די באָמבעלעך „פון ווען-ניט-ווען" הייסט ביי אייך... „ניט העלפן". צי העלפט איר ניט, דערמיט, די אַראַבער? צו ווייסט איר ניט אַז יעדער שאָדן וואָס ארץ ישראל ליידט — איז אַ אומדירעקטע הילף די אַראַבער? די גרעסטע הילף, אָבער, וואָס איר גיט די אַראַבער איז, — וואָס זיי נוצן אייך אוים פאַר זייער פּראָפּאַגאַנדע! זיי טענה'ן פאַר דער וועלט, אַז ניט אַלע אידן ווילן אַ אידישע מדינה! בלויז די סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן זיינען פאַר אַ אידישער מדינה! די אָרטאָדאָקסן, די פרומע, זיינען קעגן אַ אידיש לאַנד! אַ סימן — און זיי ווייזן אָן אויף אייער טעטיקייט!...

— יאָ! אָבער, וואָס אינטערעסירט א ו נ ז וואָס די אַראַבער זאָגן און וואָס די וועלט זאָגט! אונז אינטערעסירט וואָס מ י ר זאָגן! און מיר זאָגן איין זאַך:

קיין אידישע מלוכה קאָן ניט זיין אויפגעשטעלט מיט מענטשלעכע הענט און מיט מענטשלעכן ווילן. אָט אַזוי האָט מען אונז געלערנט 2 טויזנט יאָר און ביי אָט דער תורה, וועלן מיר בלייבן. ווער עס וויל האַנדלען אַנדערש, איז אַ פושע ישראל און מען דאַרף אים עוקר מן השורש זיין!

— מיט וועלכע מיטלען?

— אַלע מיטלען זיינען כשר!

— אַ לעצטע פראַגע: צו גלויבט איר, אַז די אַראַבער וועלן ווידער באַפאַלן ארץ ישראל?

— יאָ! מיר זיינען זיכער אַז די אַראַבער וועלן באַנייען זייער מיל-חמה קעגן ארץ ישראל. מיר זיינען אָבער אויך זיכער, אַז גאָט וועט ניט

איבערגעגעבן זײַנע קינדער — דאָס אידישע פאָלק, אין זײערע הענט. מיר זײַנען איבערצײַגט, אַז די אידן װעלן זײ באַזיגן, װעלן זײ אַרויס־טרײַבן פון גאַנץ ארץ ישראל, ספּעציעל פון אונזער הײליקער שטאָט ירושלים, פון די הײליקע מקומות. ערשט, דעמאָלט, װעט זיך אָנהויבן אונזער אמתער קאַמף מיט די מדינה־אידן! מיר װעלן ניט דערלאָזן אַז זײ זאָלן פאַרשאַכערן און פאַרמסחר׳ן אונזערע מקומות הקדושים! די הײליקע ערטער געהערן אונז, פרומע אידן װאָס זײַנען חרדים ויראי ה״!

— יאָ! אָבער איר פאַרגעסט אַז איר האָט ניט קײן עקסקלוסיװן פּאַטענט אויף פרומקײט! אָט זײַנען דאָ פרומע אידן, למשל די, פון „אַגודת ישראל״, עס זײַנען דאָ גרויסע רבנים, דײנים, גאונים. װי הרב הרצג, הרב עוזיאל, הרב אונטערמאַן, װאָס האָבן ניט װײניקער צו טאָן מיטן רבונו של עולם װי איר, און דאָך, אַנערקענען זײ די עקזיסטענץ פון אַ אידישער מדינה און אַרבעטן מיט מיט איר, און לטובת איר! זײ האָבן אַפילו פאַרפאַסט אַ „מי שבירך״ װאָס מען זאָגט שבת אין די בתי מדרשים, און אין דעם דאָזיקן „מי שבירך״ בעטן זײ פאַרן געזונט און װאוילזײַן פון דער מדינה און פון א י ר ע ר ע ג י ר ע ר און... זײ בעטן אויך אַז משיח זאָל שוין קומען! דאָס הײסט — מען קאָן צענױפּ־בינדן בײדע זאַכן צוזאַמען...

— די אַלע רבנים און פרומע אידן װאָס אַרבעט מיט, מיט דער ממ־שלה טוען עס... פאַר געלט און פאַר כבוד! אַ סך פון זײ פאַרקויפן דעם רבונו של עולם און זײַן תורה װײל זײ װילן הײסן „דעפּוטאַטן״ און מיניסטאָרן...

און פון װאַנען נעמט איר געלט כדי צו קאָנען אָנפירן אײַער טע־טיקײט?

— מיר דאַרפן ניט קײן סך געלט! יעדער אײנער פון אונז, שטײ־ערט זיך מיט פאַר אונזער אָרגאַניזאַציע מיט װיפל ער קאָן!

— עפּעס שמועסט מען אין גאַס, אַז איר באַקומט אויך געלט פון די אידישע... קאָמוניסטן! ז ײ , האָבן אַ גרויסן אינטערעס אַז אײַער אָרגאַניזאַציע זאָל װאַקסן, אַז איר זאָלן האָבן געװוג... געװער, ספּע־ציעל — באָמבעלעך, װעלכע איר דאַרפט פון װען ניט װען, אונטער־לײגן ערגעץ בײַ אַ מיניסטער אין שטוב...

ווען מען גיט אונז אַ באַשטייערונג קוקן מיר ניט פון וואַנען דאָס קומט! יעדער איינער וואָס העלפט אונז, איז — תבוא עליו ברכה!...

— אַפילו די אַראַבער?...

— — — — — — — — — — — — —

אונזער שמועס האָט זיך דאָ געענדיקט. מיין מיטשמועסער האָט מיר אַפילו די האַנט ניט געגעבן! געגעבן אַ שאָקל מיטן קאָפּ, און איז אַוועק... אַ ברוגזער. איך בין אַוועק אַ... צעפרידענער

— — — — — — — — — — — — —

זאָל שוין דאָ, אגב אורחא דערמאָנט ווערן. אין ישראל וואַקסן פאַרשידענע ווילדע גראָזן. אָט די „נטורי קרתא" זיינען ניט די איינציקע אויפן ישראל באָדן. פאַראַן נאָך ווילדערע פון זיי! פאַראַן אַ „שבט" וואָס רופט זיך... „כנענים". זיי טענה'ן גאָר, אַז מען דאַרף זיך אומקערן צו מעשי בראשית פון כנען. מיר, אַלע אידן, זיינען געווען איינוואוינער פון כנען און דאַרפן בלייבן כנענים — געצנדינער! מיר דאַרפן דינען דעם גאָט פון... א ש ת ו ר ש, פונקט ווי אונזערע עלטערן האָבן עס געטאָן מיט... פיר טויזנט יאָר צוריק.

די כנענים האָבן אַ גרויסע אָרגאַניזאַציע און אַפילו אַ אייגענע צייטונג וואָס הייסט „אלף", ווייל זיי זאָגן אַז מען דאַרף אָנהויבן פון „אלף". פון אָנהויב!

מיט די דאָזיקע כנענים, האָט זיך מיט אַ צייט צוריק געטומלט צוליב אַן אינטערעסאַנטנעם ענין.

איינער אַ ישראל-בחור אַ „סברא" האָט זיי אָפּגעטאָן אַ שפּיצל. ער איז אַוועק צו די „כנענים" און זיך „געשמדט" אויף אַ זייעריקן. ער האָט מיטגעמאַכט זייערע טעניץ און זייער „דינסט" צו זייער גאָט אשתורת און איז מיט דער צייט געוואָרן אַ שטיק „פּירער" ביי זיי.

אין אַ שיינעם טאָג איז ער פון זיי נעלם געוואָרן און האָט אַרויסגעגעבן אַ בראָשור און באַ ש ר י ב ן אַלץ וואָס ער האָט געזען און געהערט ביי זיי!....

נאָך אָט דער „פּראָוואָקאַציע" האָט ער זיך אַ שטיק צייט געדאַרפט היטן, ווייל זיי האָבן אים געזוכט צו טויטן!...

אָט אַזוי איז דאָס לעבן. ישראל פאַרמאָגט פון אַלץ און פון אַלעמען. אין דעם ים, וואָס הייסט מדינת ישראל, זיינען פאַראַן אַלערליי פיש. אַפילו אַזעלכע וואָס „פילן" זיך לעבעדיקערהייט...

איך האָב ד ע ר ו ו י י ל פאַרענדיקט איין טעטיקייט אין ירושלים.

איך איַיל זיך צוריק אַהיים, קיין תל אביב. איך האָב נאָך היינט דאָרט אַ סך אַרבעט, פֿון פֿריער באַשטעלטע. אָבער, ווי אַזוי קומט מען קיין ירושלים און מען גייט ניט אָפּשטאַטן אַ וויזיט אין „סוכנות", אין קרן היסוד, און קרן קימת — ספּעציעל, טאַקע אין קרן קימת — וואו איר טרעפֿט דאָרט, היימישע אַרגענטינער חברה — מען זאָגט אַפֿילו — די בעסטע, פֿעאיקסטע און געטרייסטע פּקידים.

דער הויף וואו אַלע דריי פֿאָלקס־אָרגאַניזאַציעס געפֿינען זיך, מאַכט אַ וואונדערלעכן איינדרוק נאָך פֿון דער ווייטנס. אַף אַזאַ הויף, אַף אַזאַ הויז, קאָן מען זיך נאָר טאַקע פֿאַרגינען אין אַ אידיש לאַנד בכלל און אין ירושלים בפרט. אַלע געביידעס שטייען אין אַ האַלבן רונד און זעען אויס ווי... די לבנה אָנהויב חדש. ביים פֿאַרמאַכטן טויער שטייט אַ היטער און קאָנטראָלירט ווער עס פֿאָרט אַריין, מען האָט שוין אַמאָל געהאַט אַ לעקציע, מיט ניט זיין גענוג פֿאָרזיכטיק — האָט אויפֿגעריסן אַ באָמבע אין דער געביידע פֿון קרן היסוד. איצט, אַז אַ פֿרעמדער וויל אַהין אַריינגיין און טראָגט אַ פּעקל — קוקט מען אַריין וואָס ער טראָגט.

דאָס ערשטע קום איך אַריין אין די ביוראָען פֿון קרן קימת, פֿאָרט... פּאָפּולערער און היימישער. עס איז דאָרט אַ גערודער מיט מענטשן. טוריסטן קומען און טוריסטן גייען. דאָרט איז אויך דאָס פּלאַץ וואו מען באַשטעלט אַ „טיול" אַ שפּאַציר איבערן לאַנד, אָרגאַניזירט דורכן קרן קימת. די דאָזיקע „טיולים" — דאָס אַרומפֿאָרן מיט אַ אויטאָבוס און מיט אַ „מדריך", אַ אויפֿקלערער איבער אַלע ווייטע פּונקטן פֿון ארץ ישראל — ספּעציעל דאָרט וואו דער קרן קימת האָט באָדן, האָט קיבוצים, און האָט... אַן אינטערעס אַז איר זאָלט עס זען — איז זייער אינטערעסאַנט. די דאָזיקע „טיולים" זיינען פֿון גרויס פּראַקטישקייט הן פֿאַרן טוריסט, הן טאַקע פֿאַר... קרן קימת און פֿאַר ארץ ישראל.

דער טוריסט זעט דאָס לאַנד, און ווער עס וויל אַפֿילו ניט — ווערט באַגייסטערט, און קומט צו זיך אַהיים, קיין חוץ לארץ, פֿון אַזאַ „טיול", פֿון אַזאַ רייזע — גאָר אַן אַנדער מענטש.

איך האָב זיך אויך פֿאַרשריבן אויף אַזאַ „טיול", כאָטש באַשטימט האָב איך, צו פֿאָרן אַליין, זעלבסטשטענדיק. איך בין דאָך ניט געקומען קיין ישראל אַלס... טוריסט, זען דאָס לאַנד און פֿאָרן צוריק אַהיים. איך האָב דאָך אַ גרעסערע אויפֿגאַבע — ווייזן דאָס לאַנד פֿאַר טויזנטער לייענער, פֿאַר טויזנטער פֿריינט — ישראל־אידן אַריינגערעכנט!...

עס וועט אפשר זיין אומגלויבלעך, אָבער עס איז דאָך פאָרט אַ פאַקט, מיטן אויסנאַם פון די סאָלדאַטן און... שאָפערן, זיינען 80 פּראָצענט פון ישראל־אידן נים באַקאַנט מיטן לאַנד, ווייסן ניט ווי דער, אָדער יענער, קיבוץ געפינט זיך, און זיינען נאָך ניט געווען אין אַזעלכע פּאָפּולערע און היסטאָרישע ערטער ווי: הר ציון, מירון, טבריה, צפת, עכו און להבדל — נצרת. פאַראַן טויזנטער אידן אין תל אביב וואָס זיינען נאָך אין ירושלים און אין חיפה ניט געווען, און דאָס זעלבע פאַרקערט.

אַ סך פון מיינע נייע פריינט אין ישראל — הונדערטער האָב איך געקראָגן דאָרט — ווילן זיך טאַקע נענטער באַקענען מיט ישראל דורך אָט דעם בוך, און... דורך די אָפיציעלע „טיולים" וועל איך עס ניט קאָנען דערגרייכן.

אין די ביוראָען פון קרן קימת טרעף איך די אַרגענטינער באַאַמטע: א. פּעסקין, עליסאַ שוואַרץ, און דער דינאַמישער דראזנין, זיי נעמען מיך אויף זייער האַרציק. זיי בענקען ניט נאָר אַרגענטינער, ווייל זיי זיינען זיי ניט זשעדנע! אַלע טאָג קומען אַרגענטינער אידן אַהין און אַלע טאָג האָבן זיי גרוסן פון זייער „אַלטער היים". זיי דערפרייען זיך בלויז מיט אַן אַרגענטינער אידן, ווייל זיי ווילן אים נוצלעך זיין, ווייל זיי ווילן אים אַרויסהעלפן מיט עפּעס! זיי טוען עס מיטן גאַנצן האַרצן און אַרגענטינער טוריסטן אנערקענען עס. אינטערעסאַנט זייער ענטפער: איך זאָג זיי פאַר עפּעס: אַ דאַנק — ענטפערן זיי אייך:

דער דאַנק — קומט דעם קרן קימת!...

די „סברא"-פּקידים זיינען שוין ניט אזוי באַשיידן!...

— — — — — — — — — — — — —

די רייזע צוריק, פון ירושלים, האָט מיר שוין ניט אויסגעזען „שרעקלעך". דוכט זיך, די זעלבע בערג, די זעלבע אָפּגרונטן, אָבער, עס קלינגען אין די אויערן די רייד פון פאַריקן שאָפער:

„איך האָב אויך אין דער היים אַ פרוי מיט 2 קינדער". דאָך ווען מיר זיינען פּטור געוואָרן פון די גרויסע בערג און מיר זיינען אַרויף אויפן גלייכן וועג — האָב איך פרייער אָפּגעאָטעמט.

אין אויטאָ זיינען מיר עטלעכע מענטשן. מען וועדט היימיש, מען צערעדט זיך — און למן האמת — איך זוך דאָך צו רעדן מיט יעדן איינעם, ווערט מען מער באַקאַנט מיטן ישראל-איד. מיט זיין לעבן, זיין האָפענונג און דער עיקר — זיין מיינונג!

דערהערט אַז עס פּאַרט מיט זיי אַן אַרגענטינער איד, איז דער שמועס געוואָרן לעבעדיקער.

איינער פון די פּאַסאַזשירן בעט מיך, אַז איך זאָל איבערגעבן זיי־נעם אַ פעטער אין אַרגענטינע (אַ באַוואוסטער פאַבריקאַנט פון וויזשאַ לינטש) אַז ער זאָל אים אויפהערן שיקן... אַלטע מלבושים. ער דאַרף זיי ניט, ער נוצט זיי ניט און שענערע פון זיי גיט ער אַוועק אַן אָרעמאַן. אמת. צוריק מיט אַ יאָר און מיט צוויי, זיינען אַלטע קליידער געווען אַ מטבע, אָבער אויך דאַן האָט ער זיך ניט גענויטיקט אין אַזעל־כע אַלטע זאַכן. אגב, דעמאָלט האָט דער פעטער... ניט געשיקט און ער, שיקט איצט, ווען דאָס לאַנד איז פול מיט די בעסטע מלבושים.

אַ צווייטער פּאַסאַזשיר וויל וויסן פאַרוואָס אַרגענטינער אידן... פּאַקעווען ניט איין זייערע פּעקלעך און קלויבן זיך ניט אַריבער, הענדום־פּענדום קיין ארץ ישראל? און, ניט בלויז אַרגענטינער — אַלע אידן פון די „גלות” לענדער...

וואוהין וועט איר זיי אַריינעמען?

וואָס זשע? מיר דאַרפן זיי אַנגרייטן הייזער? זאָלן זיי בידעווען אין פּאַלאַטקעס ווי מיר האָבן עס געטאָן צוריק מיט דרייסיק יאָר.

אַזעלכע „קלוגע” אידן, זיינען פאַראַן אין די שווערע טוויזנטער אין ישראל. עס איז אומעגלעך צו פאַרשטיין: צי זיי דענקען אַזוי, ווייל זיי זיינען גרויסע ישראל־פּאַטריאָטן און זיי וואָלטן געוואָלט, אַז אַלע אידן פון דער וועלט, זאָלן זיך צענויפקומען קיין ארץ ישראל און זאָלן בילדן איין גרוים פאָלק, אָדער... זיי פאַרגינען פּשוט ניט, וואָס דער טוריסט, קומט פון אַ זאַט, פעט לעבן, פון לענדער וואו עס עקזיסטירט ניט קיין „כרטיסים” און וואו מען ווייסט ניט פון דוחק, און נאָך אַפּזיין עטלעכע וואָכן, הויבט זיך אויף דער איד, דער טוריסט, און פאָרט אַוועק צו זיין פעטן טיש... דאָס איז אַ מין סאָרט קנאה צענויפגעמישט מיט ווילן אַז יענער זאָל האָבן מיין לעבן!...

מעגלעך אַז די לעצטע השערה — איז נענטער צום אמת!...

מיר זיינען אַרויף אויף דער טעמע: אָרעמע לייט וואָס בעטן נדבות אין די גאַסן.

איך האָב אויסגעדריקט מיין פאַרוואונדערונג, וואָס די רעגירונג דערלויבט אַזאַ עפנטלעכן נדבות־בעטן! אין תל אביב — קאָן מען אַפּט די גאַס ניט דורכגיין. פון די רעסטאָראַנען — איז דאָך אָפגערעדט. איר קאָנט קיין לעפל אין מויל ניט נעמען. איינער נאָכן צווייטן ווי אָפּגע־

רעדט זיך: א י ך וועל אַרוים — וועסטו אַריין, שטייט מען איבער אייער טיש מיט דער אויסגעשטרעקטער האַנט אָדער... מיט אַ בלעכן פּושקעלע, וואו די מטבעות קלאַפּן און מאָנען אייך. פון נ י ט געבן, קאָן קיין רעדע ניט זיין. ער וועט אָן דער נדבה ניט אַוועקגיין! דאָס שענסטע איז:

פאַראַן אין ישראל אַ מטבע וואָס באַטרעפט 5 פּרוטות (אַ האַלבן פּיאַסטער) אויף אָט דער מטבע זאָגט מען, אַז פאַר איר, קאָן מען בלויז קריגן אַ... קללה פון אַ אָרעמאַן. פּרוּווט, גיט אַן אָרעמאַן אַ נדבה אָט די 5 פּרוטות — וועט ער זי אייך, פּשוט, וואַרפן אין פּנים אַריין, אָדער אין בעסטן פאַל — אַוועקוואַרפן אויף דער ערד. „עס לוינט איב ניט" אַזאַ קליינע נדבה. (די מטבע איז מער־ווייניקער 5 סענט) איך האָב אַמאָל, צוליב קוריאָז טאַקע, געוואָלט זען צי אַן אָרעמאַן וועט אָננעמען אַזאַ נדבה, האָב איך אַזאַ נדבה געגעבן אַן אָרעמאַן אין גאַס — איז זי מיר געפאַלן צוריק צו די פיס מיט אַ „ברכה": וואַרגט זיך מיט דעם... ווער זיינען עס די בעטלער?

אַ גרויסע טייל פון זיי, זיינען פון די מזרח־לענדער. גאָר ספּעציעל — די מאַראָקאַנער. פאַראַן, אָבער, גענוג „אונזערע" אויך, וועלכע האָבן אין דער אַלטער היים אויך געהאַט די זעלבע „פּרנסה" און דאָ. וויל ער זי ניט בייטן, ווייל... עס לוינט זיך! ישראל־אידן און ספּעציעל די טוריסטן, געבן נדבות. דאָס איז אפשר דער בעסטער ענטפער פאַרוואָס עס זיינען דאָ אַזוי פיל בעטלער. וואָלט מען ניט געגעבן — וואָלטן זיי געזוכט אַן אַנדער פּרנסה.

— און פאַרוואָס דערלאָזט די רעגירונג דאָס גאַסן־בעטלעריי? — הערט אַ קוריאָז:

אַ פידלער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף דער גאַס און האָט מיט זיין שפּילן צונויפגעצויגן אַ גרויסן עולם. וועלכער האָט געוואָרפן נדבות אין זיין טעלער. אַזוי ווי דער עולם האָט געשטערט דער גאַסן־צירקו־לאַציע, האָט אים אַ שוטר געפּרוּווט פאַרווערן דאָס שטייען דאָרט און דאָס שפּילן. דער פידלער האָט ניט געוואָלט אַוועקגיין פון אַזאַ „סטראַ־טעגישן" פּונקט ווי אַלענבי און שיינקין גאַסן און... ער האָט געמוזט אַ־גיין אין משטרה (פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט). פון דאָרט איז דער ענין אַי־בערגעגאַנגען צום ריכטער. די רעגירונג האָט אים פאַרקלאָגט פאַר בעטן נדבות אין מיטן גאַס און דערמיט שטערן עפנטלעכע באַוועגונג; דער משפּט האָט דערגרייכט צום... ה ע כ ס ט ן ג ע ר י כ ט און די רעגי־

רונג האָט פאַרשפּילט! עס איז נישטאָ קיין געזעץ אין ישראל אַז מען טאָר ניט בעטן קיין נדבות. ביי די טערקן — און ישראל לעבט דאָך נאָך לויט די טערקישע געזעצן — איז בעטן נדבות, געווען גאָר גאָר אַ אנשטענדיקע פּרנסה און אַרבעט. אַ סברא אפילו, אַז די טערקישע בעטלער האָבן געהאַט... „געהילפן" וועלכע האָבן געאַרבעט ביי זיי אויפן טאָג אָדער אויף דער וואָך, און באַקומען כך וכך „געהאַלט", און די גאַנצע הכנסה פון טאָג האָט געהערט צום בעל הבית. געווען טויזנטער פאַלן, ווען אָרעמעלייט האָבן — ביים טערקס-צייטן — געדונגען ביי אַ מאַמע אַ... פּיצעלע קינד אויפן טאָג. מיט אַ קינד איז לייכטער צו קריגן אַ נדבה. און... אויפן סמך פון אַט דעם געזעץ האָט די רעגירונג פאַרשפּילט דעם משפט, און דער פידלער... שטייט אויף אַלענבי גאַס, שפּילט אויפן פידעלע און פאַרדינט מערער וויפל... אַ מיניסטער אין ישראל!

מיינע מיטרייזנדע האַלטן אויך מיט מיר, אַז — אַזוי צי אַזוי — אַט די מחנה בעטלער וואָס פאַרפלייצן די שטאָט, שאַפן אַ שלעכטן שם דעם לאַנד. פון יעדע הונדערט טוריסטן — קומען 80 פּראָצענט אַהיים און דערציילן אַז ישראל פאַרמאָגט... טויזנטער בעטלער. און אַ ז אַ שם, ברענגט ניט קיין נוצן און קיין כבוד פאַר ישראל, ספּעציעל, ווען עס הערן עס מענטשן וואָס האָבן פּלענער עולה זיין און זיך באַזעצן אין לאַנד.

אַט האָבן מיר זיך צוריק מיט אַ פּאָר טעג טאַקע געטראָפן, אויף אַ גאַס אין תל אביב, אַ גרופּע אַרגענטינער אידן, און דאָס ערשטע וואָס זיי האָבן מיר געפרעגט איז געווען:

צי האָט איר באַמערקט וויפל בעטלער עס זיינען דאָ פאַראַן?...

אויף צו פאַרענטפערן „מ י י ן" ישראל, האָב איך זיי דערציילט, אַז דאָס זיינען די זעלבע בעטלער וואָס דרייען זיך אַרום אַלע טאָג אין אַלע קאַפעען און רעסטאָראַנען, ביי אַלע קלייטן און קלייטלעך און זיי ווייזן אויס אַז זיי זיינען אַ גאַנצע מחנה! אין דער אמת'ן זיינען זיי וויי־ניק! זיי וואַרפן זיך נאָר צופיל אין די אויגן...

מיר האָבן זיך צושמועסט וועגן יאשא חפץ און דער סקאַנדאַל אַרום אים. גאַנץ ישראל האָט וועגן דעם גערעדט.

יאשא חפץ — דער באַרימטער פידלער, גאַסטראָלירט איצט אין ישראל. זיינע גאַסטראָלן האָבן אַרויסגערופן אַ סענסאַציע וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ גרעסערן סקאַנדאַל.

יאשא חפץ האָט זיך פאַרגלוסט אַריינשטעלן אין זיין פּראָגראַם עטלעכע קאָמפּאָזיציעס פון באַוואוסטן נאַצישן קאָמפּאָזיטאָר ריטשאַרד

שטראַוס — היטלערס ליבלינג און פּרעזידענט פון די ריין-אַרישע קאָמ-פּאָזיטאָרן.

שפּילן אין ארץ ישראל די ווערק פון אַזאַ נאַצי איז געווען, אי נאַ-ריש- אידיאָטיש, אי חצפה׳דיק-פּראָוואָקאַטאָריש! פּשוט באַליידיקן דעם אידישן ישוב אין ישראל. נו! האָט מען זיך געווענדעט צו אים און אים געבעטן אַז ער זאָל שטראַוסעס ווערק אַרויסנעמען פון זיין רעפּערטואַר. עס האָבן זיך צו אים געווענדעט פּערזענלעכקייטן, מיניסטאָרן און פּשוטע אידן! ער האָט ניט געוואָלט נאָכגעבן! עס האָט זיך געווענדעט צו אים מיט אַ ספּעציעלער בקשה דער מיניסטער דר. פּנחס רוזן — עס האָט ניט געהאָלפן.

וואָס האָבן אידן געטאָן? ווען ער האָט געשפּילט אין חיפה אַנדערע קאָמפּאָזיציעס — האָט מען צעטראָגן דעם זאָל פון אַפּלאָדיסמענטן! ווען ער האָט געשפּילט שטראַוסעס שטיק — כאָטש, אונטער אַ פאַרשטעלטן נאָמען — האָט מען קיין איין אַפּלאָוז ניט געהערט, פּונקט ווי מען זאָל זיך געווען אָפּגערעדט צווישן זיך! דוכט זיך, אַז דאָס האָט דעם קינסט-לער געדאַרפט דינען אַלס לעקציע. יאַשאַ חפץ האָט געדאַרפט אַראָפּנע-מען אַ מוסר השכל אַז מיט די אידן אין ישראל שפּילט מען זיך ניט אין „צעלאַכעס”...

איז ער אָבער אַן עקשן ג ד ו ל! ער קומט קיין ירושלים און שפּילט ווידער דעם נאַצי-שראַוסעס קאָמפּאָזיציע. די פּאָליציי האָט זיך גערוכט אויף „עפּעס”. די ישראל-צייטונגען וואָס דערשיינען אָוונט-צייט, האָבן געפירט אַ שטאַרקע העצע קעגן קינסטלער. גרויסע פּאָליציי-קרעפטן זיינען געשטאַנען הינטער די קוליסן און כמעט-כמעט, אויף דער בינע. מען האָט זיך גערעכט אויף אַ... קויל וואָס זאָל אויסגעשאָסן ווערן פון זאָל! דער עולם אין זאָל איז אָבער געווען רואיק. מען האָט ניט אַפּלאָדירט, מען האָט שטומערהייט פּראָטעסטירט! וואָס יאָ! עטלעכע אומבאַקאַנטע בחורים האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין דער קאַבינע פון עלעקטריציטעט און האָבן אַרויסגעשרויפט די טאַפּאַנעס... איז געוואָרן פינצטער אין זאָל אויף אַ פּאָר מינוט. אין אַן אַנדער לאַנד און שטאָט, וואָלט שוין געוואָרן אַ קווויטשעריי פון ווייבער, און מענטשן וואָלטן שוין געטראָטן איינס אויפן אַנדערן און עס וואָלט שוין געווען קרבנות. ביי ישראל-אידן איז אַנדערש! מען האָט קיין מורא ניט! מען איז גע-בליבן רואיק אויף די פּלעצער ביז עס איז געוואָרן ליכטיק!

נאָכן קאָנצערט, האָט די פּאָליציי אָפּגעפירט יאַשאַ חפץ אין זיין

האָטעל און מען האָט געקאָנט מיינען אַז ער האָט בשלום געענדיקט זיין קאָנצערט אין ירושלים! די חברה, אָבער, וואָס האָט באַשטימט אים צו באַצאָלן פאַר זיין שפּילן דעם נאַצים קאָמפּאָזיציע — האָט אַנדערש געמאַכט דעם חשבון. זי האָט געוואוסט אַז יאשא חפץ דאַרף נאָך די זעלבע נאַכט פאָרן קיין רחובות און זיי האָבן אָפּגעוואַרט אין דרויסן. ווי נאָר ער איז אַרויס פון דעם האָטעל, האָט זיך צו אים דערנענטערט אַ בחור און מיט אַ שטיק אייזן אים דערלאַנגט אַ שטאַרקן זעץ איבער דער האַנט.

דער חשבון איז געווען — אים מאַכן פאַר אַ קאַליקע אַז ער זאָל שוין מער ניט קאָנען האַלטן קיין פידל אין דער האַנט. צו חפצ׳ס גליק איז דעם שלעגער אינגאַנצן ניט געלונגען! די האַנט איז טאַקע אַרויס אַ צעבלוטיקטע, אָבער — לויט ווי דאָקטוירים האָבן געזאָגט — וועט ער זי נאָך קאָנען נוצן. אגב, זיינע הענט זיינען פאַרסטראַכירט אין אַ פערטל מיליאָן ד אָ ל אַ ר! אַזוי, אַז אָן פרנסה — וואָלט ער ניט געבליבן...

דער דאָזיקער טעראָריסטישער אַקט האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע אויפרעגונג אין ישראל. די ערנסטע צייטונגען האָבן פּראָטעסטירט קעגן אָט דעם מין טעראָר. די צייטונגס-מענטשן — אונטער פיר אויגן — האָבן זיך דווקא מחיה געווען וואָס יאשא חפץ האָט געכאַפּט אַ פּאַרציע! זאָל ער און אַנדערע וויסן אַז מיט אידישע געפילן שפּילט מען זיך ניט...

ווען מען האָט זיך אין אַ פּאָר טעג אַרום אויסגעניכטערט פון דעם רושם וואָס דער אָנפאַל אויף יאשא חפץ האָט געמאַכט, האָט מען אין די ערנסטע קרייזן אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם אומגליק וואָס עס רוקט זיך אָן אויף ישראל מיטן פאַרשפּרייטן זיך פון טעראָריסטישע גרופּעס וואָס האַנדלען לויט זייער חשק און „וועלט-אָנשויונג”. מען האָט זיך ערשט א י צ ט אָנגעהויבן אַרומקוקן אַז... וואַרפן שטיינער אויף אַ אויטאָ וואָס פאָרט דורך די גאַסן פון ב נ י ב ר ק (אַ פרומער ישוב נעבן תל אביב און פּתח תקוה) — איז אויך אַ טעראָריסטישער אַקט „וואָס טאָר ניט פאַרשוויגן ווערן! אַז סטראַשען די אייגנטימער פון אַ קינאָ-זאָל דאָס מען וועט אויפרייסן זיין לאָקאַל אויב ער וועט אים פאַרדינגען צו... משה סנה — איז אויך אַ טעראָריסטישער אַקט! אַז שיקן בריוו צו רעסטאָראַנען וואָס פאַרקויפן חזיר-פלייש — אַז מען וועט אויפרייסן דעם לאָקאַל — איז אויך עפּעס טעראָריסטיש און אַז מען כאַפּט ניט און מען באַשטראָפט נישט אָט די טעראָריסטעלעך — לייגן זיי אונטער

באַמבעס ביי מיניסטאָרן און ווילן אויפרייסן די כנסת און מאָרגן — די שעה זאָל ניט קומען — ווער ווייסט וואָס זיי וועלן נאָך אָפּטאָן?

דער שטיק אייזן מיט וועלכן מען האָט דערלאַנגט יאשא חפץ אי־בער דער האַנט — האָט פאַרשאַפט אַ סך דאגות די פאַראַנטוואָרטלעכע פירער פון ישראל! היט אָפּ, גאָטעניו, פון ערגערס!...

— — — — — — — — — — — — —

ביי טאָג מאַך איך אַ שפּאַציר איבער תל אביב׳ער ספרים-געשעפטן. איך וויל וויסן וואָס פאַרא ספרים קויפט מען אין תל אביב?

אין ערשטן בעסטן געשעפט: מיין ערשטע פראַגע:

— איר האָט עפּעס **אידישע** ביכער אויך?

— ניין! איך **האַלט** ניט קיין אידישע ביכער.

— נו! און עברית-ביכער פאַרקויפן זיך?

ב״ה ניט צו פאַרזינדיקן! אידן קויפן ביכער, ספּעציעל — די נייע, די ערשט דערשינענע. מען שפּאָרט אָפּ פון מאָגערן געהאַלט, מען פאַר־דינט אַ זייט-געלטל און מען זאָגט ניט אויס אין דער היים, און — מען קויפט ביכער! אַ בוך אין ישראל, איז דאָס צווייטע — און אַ מאָל, דאָס ערשטע — נאָכן עסן! צירונג אין שטוב איז: — ניט אַ שיינע פּיאַנאָ, ניט רייך מעבל און אַפילו ניט... אָרעם מעבל — נאָר אַ ביבליאָטעק, אַ שאַ־פע מיט ביכער! מען קאָן אויך קריגן ביכער אויף אויסצוצאָלן. כך וכך אַ חדש. און שטענדיק איז מען דעם מוכר ספרים שולדיק! ווייל, נאָך איידער ער האָט אים באַצאָלט דעם אַלטן חוב — איז ער אים שוין שול־דיק אַ נייעם. אריינגיין אין שטוב פון אַ ישראל-תושב, און ניט טרעפן קיין שאַפע ביכער — איז אַ בזיון פאַרן הויז, פאַרן בעל הבית און פאַר דער גברת אויך. אויך זי, די פרוי, לייענט — פאַרשטייט זיך אין עברית — זי לייענט, אפשר, ניט די פילאָזאָפישע און הויכע ליטעראַטור-ביכער, וואָס דער מאַן קויפט — אָבער זי לייענט... דער מאַן קויפט פאַר **איר** — אויך.

אין אַ צווייטן געשעפט האָב איך אָנגעטראָפן עטלעכע אידישע בי־כער. איך האָב זיי טאַקע אָפּגעקויפט בזיל-הזול. ביליגער ווי זיי קאָסטן אין... אַמעריקע — וואו זיי זיינען דערשינען. זיי ליגן שוין ביי אים אַ שטיק צייט און „ער קאָן פון זיי ניט פטור ווערן״. די „ותיקים״ די אַל־טע תושבים — קויפן ניט קיין **אידישע** ביכער און די **נייע עולים**, האָבן ניט קיין געלט צו קויפן ביכער, און אַ חוץ געלט — האָבן זיי ניט וואו צו האַלטן די ביכער. אין זיין „צריף״ (הילצערן הויז

וואָס באַשטייט פון איין צימער) פון דער „מעברה", האָט ער ניט קיין פּלאַץ אויף קיין ביכער, טאָ, ליגן א י ד י ש ע ביכער און דער שטויב עסט זיי אויף און קיינער קויפט ניט!...

— לייענט ניט דער נייער עולה גאַרניט?

— ער לייענט יאָ! ער גייט אין שטאָטישער אָדער אַנדער ביב ליאָטעק, לייענט ד אָ ר ט , אָדער נעמט אַהיים אַ בוך. קויפן, — אָבער, — קויפט ער ניט!...

— אפשר קאָנט איר מיר שוין פאַר איין וועגס אָנווייזן, וועד עס זיינען די קויפער פון ביכער? יונגע? אַלטע? עס אינטערעסירט מיך זייער אָט די פראַגע.

— בבקשה! פאַרוואָס ניט! קויפן — קויפט איטלעכער. יונג און אַלט. דאָס איז געווענדעט לויט דעם בוך וואָס דערשיינט און וואָס איז אין אינטערעס פון דעם אָדער יענעם עלטער. בדרך כלל, אָבער, קויפן יונגע — מערער ווי עלטערע. דאָ, איז אַ מאָדע, אַז אַ בחור וויל ברענגען זיין בחורה אַ מתנה — איז דאָס בעסטע, דאָס שענסטע וואָס ער ברענגט איר — אַ בוך. ספּעציעל — אַ בוך וואָס איז ערשט דערשינען!

צופעליק, האָבן מיר דיסקוטירט דערפון צווישן אַ גרופּע פריינט ביי אַ היימישער מסיבה, אַז: — וואָס פאַר אַ טענות מען קאָן ניט האָבן צו דער ישראל־יוגנט — און טענות זיינען פאַראַן אַ סך צו זיי — איין גרויסע מעלה האָבן זיי: — זיי לייענען אַ סך! ספּעציעל — לייענען זיי עברית! עס דערשיינען, און סע קומען אָן פון אויסלאַנד, טויזנטער בי־ בער אין אַנדערע שפּראַכן — ספּעציעל אין ענגליש, וועלכע די ישראל־ יוגנט דאָמינירט פּערפעקט, קויפן — קויפט זי מערער די עברית־ ליטעראַטור.

— וועלכע „טענדענץ"־ביכער לייענט מען מערער, — בעטער גע־ זאָגט — ק ו י פ ט מען מערער? אָט, למשל, זע איך ביי אייך אַ בוך וועגן סטאַלינען? האָט איר אַ סך פאַרקויפט פון אים?

— די יוגנט וויל ניט לייענען ניט וועגן... ציוניזם, נאַציאָנאַליזם און בכלל וועגן דער געשיכטע פון אויפבוי פון ארץ ישראל. וויל אויך ניט לייענען וועגן סטאַליניזם און קאָמוניזם. אָט דעם „סטאַלינס בוך" האָבן איך געקראָגן 40 עקזעמפּליאַרן און שוין אַ חדש צייט ווי זיי ליגן ביי מיר! מער ווי איינעם האָב איך ניט פאַרקויפט. דער איינער קונה, איז מיינער אַ באַקאַנטער אַ פאַרברענטער... אַנטי־קאָמוניסט און אַנ־ טי־סטאַליניסט!... זאָל היינט דערשיינען אַ בוך וואָס זאָל זיין עפּעס

פאַרבונדן מיט... „ציון" מיט „חובבי ציון", מיט „שערי ציון" — וועט ער האָבן דעם זעלבן מזל. זעט איר, אָט, האָט מען מיר צוגעשיקט לעוו טאָלסטויס ערשט-דערשינענעם בוך „מילחמה ושלום" האָב איך שוין פאַרקויפט פופציק פון זיי...

איך האָב נאָך געהאַט אַ סך וואָס צו רעדן מיט מיין נייעם פריינט, דער מוכר ספרים פון שיינקין גאַס, אָבער מיר זיינען איבערגעריסן געוואָרן אינמיטן פון אַ מאָדנער טרובעריי אין גאַס. דאָס איז אַרומגעפאָרן אַ קליינער אויטאָ און איינער האָט מיט אַ טרובע פון דאָרט געפייפט, אַז דער עולם קרעמער „זאָל... פאַרמאַכן די קלייטן און גיין מקבל שבת זיין, ווי עס פּאַסט פאַר אידן אין אַ אידישער שטאָט. מיין קרעמער האָט טאַקע פאַרמאַכט זיין געשעפט און מיר האָבן אַרויסשפּאַצירט אין גאַס אַריין. צו נאַכט — איז נאָך געווען אַ גוטע שעה! אָבער, דער אויטאָ — עטלעכע אַזעלכע — פאָרן אַרום באַצייטנס, איבער אַלע גרעסערע און קלענערע גאַסן, פון תל אביב, און וואָרענען דעם עולם אַז מען דאַרף מקבל-שבת זיין!

— נו! און דער עולם, די קרעמער, פאָלגן?

— ווי-ווער! די „עס-קראָמען"... פייפן אויף די שבת-רופער און שומרי שבת, און פאַרמאַכן עט, עט, ווען עס גלוסט זיך זיי. מיר, — אַזעלכע קרעמער ווי איך, און אַפילו מאַנופאַקטור געשעפטן — דאַרפן פאַרמאַכן ווען מען הייסט אונז, אויב ניט, קאָנען מיר אַריינפאַלן אין אומחן ביי אָט די פרומאַקעס און זיי קאָנען, שטילערהייט און אַפילו עפנטלעך אָרגאַניזירן אויף אונז אַ באָיקאָט. זיי האָבן אויך געפּרוּווט „נעמען מיטלען" קעגן די עסנוואַרג געשעפטן, אָבער, זיי האָבן געהאַט אַ דורכפאַל. עסן — מוז מען און אַ בוך קויפן— איז שוין אַנדערש...

גייענדיק אַהיים, האָב איך עטלעכע מאָל נאָך באַמערקט דעם אויטאָ וואָס „רופט אין שול אַריין". איך האָב זיך דערמאָנט אין... מיין אַלטער היים, אין שלמה דאַדין וואָס האָט זיך אָוועקגעשטעלט נעבן שלום בעל עגלה׳ס שטוב, אַריינגערוקט דעם פינגער אונטער גאָרגל און אַ רוף געטאָן! „גייט, אין שול אַריין"!

אידן קרעמער, ווייבער סעמאַטשקע-פאַרקויפערנס, האָבן אין איילעניש צענויפגענומען זייער „קראָם", ניט פאַרגעסן אַ זאָג צו טאָן: אוי אַ בראָך איז מיר! מען רופט שוין אין שול אַריין! און אין איין ערף עין איז געוואָרן שבת!...

היינט, איז אַ מאָדערנע צייט! היינט פאָרט „שלמה־דאָדי" מיט אַ דזשיפּ. עס טרייבט אָן אַ „נהג" (שאָפער), ער רייסט זיך ניט זיין האַלדז רופנדיק אין שול אַריין — נאָר ער פייפט! ער פּייפּט מיט אַ מאָדער־נעם שופר! אַ סך וואָס הערן אים — פייפן אויך... אויף אים! מען הערט זיך אַפילו ניט צו צו אים!...

— — — — — — — — — — — — — —

איך גיי אויך מקבל שבת זיין. היינטיקס מאָל גיי איך אין אַ שול אַריין וואָס הייסט: „פּועלי צדק" פריער האָט זי געהייסן: מיזרחי־אַגודת ישראל. די דאָזיקע שול האָט מיר פאַראינטערעסירט ווייל... זי האָט אַ „געשיכטע" אונטער זיך. אַ שול ווי אַלע שולן, מיט... מחלוקת, מיט צוויי צדדים וואָס זיינען צעגויפגעגאָסן געוואָרן פון צוויי... פּאָליטישע פּאַרטייען „הפּועל המזרחי" און „פּועלי אגודת ישראל". אָפּגעמאַכט, האָט מען, אַז מען זאָל זיין „נייטראַל", מען זאָל ניט „פּאַרגוואַלדיקן" איינער דעם צווייטנס „אידעען". ווייזט אויס, אַז די פרומע האָבן דעם זעלבן יצר הרע וואָס די פריידענקער און אַפילו... קאָמוניסטן, און אַבי מען קאָן נאָר — קליגערט מען איבער דעם צווייטן צד. האָט טאַקע איין פּאַר־טיי, שטילערהייט, ביינאַכט ווייזט אויס, געביטן די טאַבליצע פון דער שול און אַ נאָמען געגעבן „פּועלי־צדק". דאָס איז נאָך גאָרניט! מען איז אַוועק, און מען האָט צוגענומען אין שול אַריין אַ רב פון אייגענעם חדר!

איז געוואָרן ויצעקו און פּעטש זיינען געפלויגן ווי עס פירט זיך ביי אַזעלכע וואַזשנע ענינים, און דער צווייטער צד האָט אויך צוגענע־מען אַ רב און געמאַכט אַ מנין פאַר זיך.

האָבן אינטערוועגירט אַדוואָקאַטן און אַפילו דער... „מגן דוד אַדום" וואָס האָט געפירט די צעפּאַטשטע און צעבלוטיקטע אין שפּיטאָל אַריין; (אין אַ שמחת תורה׳דיקן טאָג) און...

אַזוי איז דערוויל געבליבן: 2 מנינים און צוויי רבנים.

אין אָט דער שול, האָב איך עס איצט „מקבל שבת" געווען. גערעכנט, אפשר וועל איך דאָרט טרעפן עטלעכע פון די „מלאכי השרת" וואָס באַ־גלייטן יעדן אידן אַהיים צו זיין שבת־טיש, און פאַרהיט אים פון אַלדאָס בייז, כ׳האָב פּשוט געמיינט אַז איך וועל דאָרט געוואוירע ווערן, צו וועלכער... פּאַרטיי, אָט די „מלאכי השרת געהערן?...

קיין „מלאכים" — האָב אים דאָרט ניט געטראָפן, נאָר אַ... צ ע ן מנינים אידן — אַ סך קינדער צווישן זיי און אַלע מיט קליינע יאַרמעל־קעלעך אויף די שיינע קעפּעלעך — זיינען דאָרט יאָ געווען! שפּעטער,

ווען איך בין שוין געזעסן ביים שבת-טיש, וואו עס זיינען געווען עטלעכע באַקאַנטע — געסט לכבוד שבת — און רעדנדיק וועגן אָט דער שול, ווי בכלל וועגן דער גרויסער צאָל קינדער וואָס איך האָב דאָרט געטראָפן, האָט מען מיר שוין דערציילט:

די „פרומאַקעס" וועלכע גרופירן זיך אַרום די „אַגודת ישראל" און „מזרחי" איז דאָ אַ סך וואָס צו קריטיקירן און פאָרוואַרפן! זיי ווילן שלעפן דעם וואָגן אויף צוריק! אין זייערע קיבוצים — אַקערן זיי, דווקא, מיט מאָדערנע טראַקטאָרס און שניידן מיט די מאָדערנסטע שנייד-מאַשינען וואָס זיי באַקומען פון אַמעריקע. אין שטאָט, אָבער, וואָלטן זיי — אַנשטאָט אויטאָמאָבילן, געפירט דעם סיסטעם פון... שלעפן אַ וואָגן מיט אָקסן! ווען זיי זאָלן זיין ביי דער מאַכט וואָלטן זיי אַרעסטירט יעדן איינעם וואָס... וואָלט זיך געגאָלט אַ באָרד! אָבער, איין גרויסע מעלה האָבן זיי! זייערע קינדער! אַזוי ווי זיי היטן אָפּ זייערע קינדער פון צו גיין אין שלעכטע וועגן — היט ניט אָפּ קיין שום ארץ ישראל-איד! זיי געבן שטאַרק אַכטונג אויף זייערע קינדער פון געבורט אָן, ביז... צו דער חתונה! ביי זיי טרעפן זעלטן, גאָר גאָר זעלטן אַזעלעכע טראַגעדיעס ווי עס האָט לעצטנס געטראָפן מיט קינדער פון די „צעטייל-טע" קבוצים. דער פאָטער און מוטער איז ביי מפא"י און די 2 קינדער זיינען ביי מפ"ם און מען איז זיך שונאים!...

ווען זיי נעמען צו אַ לערער אין זייערם אַ שולע אָדער אין קבוץ, זיינען זיי גוט חוקר ודורש זיין פאַרגאַנגענהייט. זיי ווייסן אַז זיי געבן אים איבער דאָס טייערסטע וואָס זיי פאַרמאָגן — זייערע קינדער און ביי זיי וועט ניט טרעפן, אַז דער לערער זאָל „פאַרפירן" זייערע קינ-דער צו אַן אַנדער אידעע...

אָט דאָס איז דער סוד, וואָס אויך דאָ, אין שטאָט, איז צו קבלת שבת, פול די שול מיט קינדערלעך אין זייערע טיפּישע יאַרמעלקעלעך! ביי זיי, וועט אַ קינד ניט האָבן די חוצפה צו זאָגן: „זה העסק שלי וזה העסק שלך". דו טאַטע, גיי אַליין אין שול און איך וועל גיין צו מיינע חברים און צו מיינע זאַכן! זייער קינד — ווי קליין אָדער גרויס עס זאָל ניט זיין — גייט מיט זיי אין שול אַריין און בכלל — פאָלגט אַ טאַטן!...

ביינאַכט, על משכבי בלליות, האָב איך לאַנג געטראַכט וועגן דעם וועגן יענע „אָפּגעשטאַנענע" קינדער מיט זייערע יאַרמעלקעלעך און

פּאות׳לעך און פון אונזערע „מאָדערנע״ „ציוויליזירטע״ קינדערלעך וואָס ווערן דערצויגן אין ישראל אויפן סיסטעם פון ענטפערן די עלטערן:
„זה העסק שלי — וזה העסק שלך!...

— — — — — — — — — — — — —

25־טער אַפּריל:

שבת אינדערפרי. כאָטש איך ווייס שוין פון פריער ווי אַזוי דער שבת אינדערפרי זעט אויס אין תל אביב, וויל איך ניט דורכלאָזן די געלעגנהייט און זיך „אָנזאַפּן״ מיטן פאַרגעניגן פון אמתן עונג־שבת.

די גאַס איז שטיל. וואו ניט וואו, זעט מען אַ אידן מיטן טלית לויפן אין שול אַריין. אָט „לויפט״ אַ איד מיט אַ שטריימל אָנגעטאָן דעם טלית אויף זיך. ער דאַרף זיין עפּעס אַ חסיד פון אַ קלייזל. זיין „הולך״, זיינע ווייסע זאָקן איבער די שמאָלע ויידענע הויזן, זיין גאַרטל אַרום דער זיידענער קאַפּאָטע אַרומגענומען מיט אַ שליף, זיין העמד אָנעם גאַל־סטעק, געבן אים אַ סך חן. ווען מען שערט אים אָפּ זיין בערדל זעט מען אַז עס האַנדלט זיך אין אַ מאַן פון אַ פּאָר און צוואַנציק יאָר...

אַזעלכע זיינען אין ישראל דאָ אין די טויזנטער און זיי דעצידירן — דורך זייערע שטימען, דורך זייערע דעפּוטאַטן אין כנסת — דעם גאַנג פון דער מלוכה...

איך בין אַוועק דאַווענען אין אַ נייער שול פּאַר מיר. אין דער מזרחי־שער שול אויף לילענבלום 12. אַ שאָד וואָס איך בין דאָרט ניט געווען נעכטן צו קבלת שבת וואָלט איך געזען אַ שיינעם ספּעקטאַקל! ביים „עמוד״ שטייט אַ בחור׳ל פון אַ יאָר צען און זיינע משוררים זיינען, ניט עלטער פון אים און אייניקע — אַ סך יונגער, און זיי זינגען עס מקבל־שבת אַז עס איז אַ חיות צו הערן.

אויך היינט העלפן זיי אונטער דעם חזן וועלכער איז נאָך גאָר גאָר אַ יונגיטשקער. די אַלטע אידן, די מתפללים פון שול, שיקן יונגערע אַלס שליחי צבור פאַרן רבונו של עולם. זיי הערן זיך צו צום דאַווענען, צו קרי־את התורה, צו אַלע תפילות מיט דרך ארץ און יראת שמים!... עס איז, ממש, ניט צו גלויבן אַז איר זענט אין אַ מקום קדוש, אַזוי... שטיל איז!

באַלד נאָך „קדושה״ נעם איך... אַ טאַקסי און פּאָר אַהיים. מיר זיינען היינט, געלאַדענע אויף מיטיק צו אַ אידן, וואָס ביי אים, וועל איך דערקענען אַ סך פון דעם לעבן פון דער ישראל־אינטעליגענץ. דער איד איז אַ געוועזענער לערער אין אַ מיטל־שול, אַ מחבר פון אַ פּאָר וויכטיקע

ביכער און איצט — אַ הויכער באַאַמטער פון דער „עירה" אילון — (באַראַניק) איז זיין נאָמען.

ווען איך בין געקומען אַהיים — האָב איך אים שוין געטראָפן וואַרטן אויף מיר. ער איז אונז געקומען נעמען. אַרויסגייענדיק אין גאַס, האָב איך דווקא געוואָלט נעמען אַ טאַקסי. מען דאַרף גיין אַ צען קוואַדרעס, אָבער ה' אילון לייגט פאָר בעסער „זיך דורכגיין" אַביסל! מיר שפּאַצירן איבער די תל אביבער שבת-גאַסן וועלכע זיינען שוין איצט „לעבעדיק" מיט די... „שירות" — טאַקסים וואָס פאָרן אין אַלע עקן שטאָט. אידן מיט טליתים אין די הענט — פונקט ווי איך האָב עס פריער געטאָן — זיצן אין די אויטאָס און פאָרן אַהיים...

ביים טיש — אַ שבת-טיש וואו עס שטייען נאָך די נעכטיקע לייכ-טער פון ליכט-בענטשן — זיצט דער בעל הבית מיט אַ יאַרמולקעלע אויפן קאָפּ, מאַכט קידוש, מאַכט אַ מוציא איבער דער חלה איינגעטינקען אין זאַלץ — טאַקע ווי אין דער אַלטער היים.

מיין מכנים אורח איז אַ מענטש ביי די פאָר און פערציק. האָט צוויי קינדער. אַ זון וועלכן מען האָט געשיקט לערנען קיין... נאָרד אַמעריקע — ווייל אין ישראל איז ניטאָ קיין שולע פון זיין ספּעציאַליטעט, און אַ טעכטערל — וואָס זיצט איצט מיט אונז ביים טיש — פון אַ יאָר 17, און וואָס — רעדט ניט און פאַרשטייט ניט קיין איין אידיש וואָרט!

מיין מכנים אורח — זייער אַ פריינטלעכער מענטש — רעדט מיט מיר... עברית. איך בעט אים — צוליב מיין פרוי וואָס קאָן ניט קיין עב-רית — רעדן אידיש. אין משך פון געשפּרעך פיל איך אין אים אַז... דער אָנבייסן באַקומט אים ניט צוליב דעם וואָס ער מוז... רעדן אי-דיש! ער, אַ ווילנער איד, אַ דערצויגענער אין אַסטראָג — וואָס איז אין לאַנד ביי די דרייסיק יאָר — האָט ניט בלויז ליב דעם עברית — נאָר ער פילט אַ שנאה צום אידיש!... אין זיין רייכער ביבליאָטעק איז ניט פאַ-ראַן קיין איין אידישער בוך!...

פאַרשטייט זיך, אַז אַלס לערער, האָט ער זיכער אויך אַזוי דערצויגן הונדערטער און הונדערטער תלמידים. וואָס זשע פאַר אַ טענות קאָן מען האָבן צו די „סבראַס" וואָס רעדן ניט, פאַרשטייען ניט און האָבן... פיינט דאָס אידישע לשון?...

איצט איז ער אויף אַן אַנדער פּאָסטן. זיין געהאַלט, מיט וועלכן ער האַלט אויס זיין שטוב בכבוד, שיקט אַ זון לערנען קיין נאָרד אַמעריקע

און לערנט דאָ זײַן טעכטערל אין מיטל־שול און פּיאַנאָ — זײַן געהאַלט דערגרייכט ניט צו קײן... 180 פונט (אָרום 2 טויזנט פּעזעס) פון אָט דער סומע רעכנט מען אַראָפּ און אַראָפּ, כך וכך „מסים" און אַנדערע קלייניקייטן און עס בלײַבט אים ניט קיין 150 פונט! און אַזוי לעבט מען און אַזוי נעמט מען אויף געסט, און אַזוי גייט מען אויף קאָנצערטן, אין סינע, אין טעאַטער א. א. וו.)

וואָס יאָ. ניט ער, ניט קיינער אין ישראל ווייסן פון די הוצאות וואָס די אידן אין „חוץ לארץ" האָבן, ווי „מגבית", קרן קימת־זאַמלונגען, קאַמפּיינען פאַר... שפּיטעלער, ישיבות, רבנים און אַנדערע זאַמלונגען און ספּעציעל — די לאָקאַלע אַנשטאַלטן וואָס יעדער אידן אין די אַנדערע לענדער האָבן אויסצוהאַלטן, ווי למשל: בית יתומים, עזרה, ביקור חולים, הכנסת אורחים, ליגע קעגן טובערקולאָז, אָזע, אָרט, מושב זקנים און... אַ צענדליק שולעס און לאַנדסלייט־פאַראיינען. אויב דער ישראל־איד איז אַן אַרבעטער אָדער באַאַמטער און איז אַ מיטגליד אין היסתדרות — נעמט מען ביי אים אַראָפּ פאַרן קופּת החולים. און מען גיט אים דאָקטאָר, מעדיקאַמענטן, סאַנאַטאָריע און אַנדערע זאַכן... אומזיסט!

פאַראַן געוויסע „מוסדות" וואָס מאַכן קאַמפּיינען איינמאָל אין יאָר און אויף וועלכע די ישראל־אידן געבן געלט — לויט זייערע סימפּאַטיעס מיט די מוסדות — דאָן, נעמען זיי די באַקומענע רעסיווע, קלאַפּן צו ביים אַריינגאַנג פון טיר — דאָס איז שוין אַ באַוואָרעניש אַז פון דעם דאָזיקן „מוסד" וועט מען שוין ניט קומען מער באַלעסטיקן!...

ניט אַלע, ניט אַפילו אַ דריט־חלק פון ישראל־אידן געבן אויף אָט די אינסטיטוציעס וואָס קאַמפּיינעווען, און פאַראַן טויזנטער אידן וואָס „די שטאָט" — די באַדערפעניש פון דער קהילה — קאָסט זיי ניט — אַ חוץ די מסים — קיין סענט ניט!...

מיין איצטיקער מכנים אורח ביי וועמענס טיש מיר זיצן איצט, איז ראדע איינער פון די, וואָס נעמען נאָך אַראָפּ פון אַרעמען געהאַלט און געבן פאַר עטלעכע וואוילטעטיקע פאַראיינען. דאָס איז שוין דער איינ־פלוס פון דער... מאַסאַנען־לאַזשע וואו ער איז אַ מיטגליד פון העכערן ראַנג...

איך זוך צו פאַרבינדן מיט אים אַ פּאָליטישן שמועס. ער, אַלס אינ־טעליגענט, ווי אַזוי זעט ער די לאַגע אין לאַנד? וואָס, נאָך זיין מיינונג נאָך, דאַרף געטאָן ווערן, אַז ישראל זאָל... אויפגעריכט ווערן?

ער ווערט ערנסט! אַלס פּאַטריאָט פון ישראל, אַלס איינער וואָס איז

גרייט צען מאָל אין טאָג מקריב זיין זיך פאַר וואוילזיין פון לאַנד — זעט ער נאָך פאַר אַ סך שווערע יאָרן ביז דאָס לאַנד נאָך וועט קאָנען שטיין אויף די אייגענע פיס. ער איז איבערצייגט, אַז אָן דער הילף פון „גלות־אידן" (זיין אויסדרוק) וועט ארץ ישראל ניט קאָנען אויסקומען! ער ווייסט אַז עס איז לעצטנס דאָ אַ גרויסע ע מ י ג ר אַ צ י ע פון ארץ ישראל צוריק אין די גלות־לענדער! דאָס אַנטלויפט צוריק יענער עלעמענט, וואָס איז גע־קומען אַהער און וואָס האָט געמיינט אַז ער וועט דאָ קאָנען האַנדלען־וואַנדלען, ספעקולירן, און אפשר טאַקע.... אַפנאַרן אַ צווייטן אידן, וואָס איז ווייניקער קלוג און פּראַקטישער פון אים! אָט דער עלע־מענט — אַ טייל פון זיי — האָט זיך ניט איינגעאָרדנט און... מען אַנט־לויפט צוריק! מען פאָרט צוריק אַפילו קיין דייטשלאַנד! בעסער אַזוי! אַזאַ עלעמענט טויג ניט פאַר ישראל! אונזער געשיכטע ווייסט צו דער־ציילן אַז מיט עטלעכע טויזנט יאָר צוריק האָט מען אונז אָנגעזאָגט אַז:

„ווען מען גייט אין מילחמה זאָל מען פריער אויסרופן אַז, ווער עס האָט אַ ווייך האַרץ — זאָל זיך אומקערן צוריק".

אָט די אידן וואָס א נ ט ל ו י פ ן פון ישראל — האָבן אַ ווייך האַרץ! אויב איר ווילט — זיינען זיי גאָר קיין אידן ניט! זאָלן זיי לויפן צוריק! מיט דעם בּיסעלע חלוצים וואָס קומען, וועלן מיר זיך באַנוגענען!...

— צי גלויבט איר ניט, אַז די ט ע ו ת'ד י ק ע האַנדלונג פון דער רעגירונג פון וועלן תיכף איינפירן „סאָציאַליזם בימנו — במדינת יש־ראל" האָט געבּראַכט דערצו, אַז מען זאָל זיך ניט קאָנען איינאָרדענען ביי... אַרבעט, ביי פיזישער אַרבעט, פשוט דערפאַר, וואָס פרעמדער אי־דישער קאַפּיטאַל האָט ניט געוואָלט קומען, ריזיקירן, און קעמפן מיט סאָ־ציאַליזם?

— מעגלעך אַז אויך דאָס איז אמת! כאָטש איך האַלט, אַז ד ע ר וואָס וויל צוריק אַנטלויפן, ווייל ער געדענקט די פיש און דאָס פעטע פלייש וואָס ער האָט געגעסן אין זיין גלות־לאַנד — וועט אייך אויסזוכן אַלע תרוצים אין דער וועלט פ אַ ר וו אָ ס ער פאָרט צוריק! פאַראַן אַזעלכע מנוולים, וואָס כדי צו באַרעכטיקן זייער אַנטלויפן פון ישראל שיטן זיי פעך און שוועבל אויפן לאַנד און אויף אונז — די אַלטע תושבים. וועלכע האָבן אַזוי פיל בלוט פאַרגאָסן פאַרן לאַנד! מיר האָבן זיי אוועקגעגעבן אונזער ברויט, אונזער פלייש, אונזער מילך און דאָס איי וואָס אונזערע קינדער דאַרפן עסן — כדי זיי זאָלן זיך דאָ איינאָרדענען. ביז ז י י — די לעצטע עליה — איז ניט געקומען, האָבן מיר געהאַט פון

אַלעמען צו דער זעט! איצט — לעבן מיר אויף „כרטיסים״, אַלץ, כדי, עס זאָל סטייען פאַר „זיי״ אויך! נו! זיינען זיי ניט צופרידן, און אַנט־לויפן פון דאַנען! זאָלן זיי לויפן!...

— איר פאַרגעסט אָבער, פריינט, אַז די גרויסע שטיצע וואָס מיר, די אידן פון חוץ לארץ, געבן פאַר ארץ ישראל, געבן מיר עס, כדי עס זאָל סטייען פאַר די נייע עולים וואָס קומען אַהער „צו אייך״. די הויפּט־פּראָפּאַגאַנדע פון מגבית איז: — אַכט הונדערט טויזנט נייע עולים! און איר זאָגט דאָך אַליין אַז די אידן פון „גלות״ העלפן און דאַרפן ווייטער העלפן, היוצא לנו מזה — איז: ניט איר גיט אַוועק אייער ביסן פון מויל, נאָר... פון זייער ביסן — בלייבט נאָך „עפּעס״ פאַר אייך! אַ דאַנק דעם „עפּעס״ קאָן ישראל עקזיסטירן אָן מורא פאַרן מאָרגן...

— — — — — — — — — — — — —

די דאָזיקע טענה, אַז „מיר האָבן די נייע עולים אַוועקגעגעבן אונזער ברויט און פלייש, וואָס מיר האָבן געהאַט לרוב, ביים טערק און דערנאָך ביי דער מאַנדאַטן־מאַכט״ — האָב איך געהערט, ניט פון איין ישראל־תושב און ישראל־פּאַטריאָט. אַ סך פון זיי זיינען געוואָרן ברוגז אויף מיר, ווען איך האָב זיי דערמאָנט, אַז אין די צייטן פון טערק און שפּעטער פון מאַנ־דאַט — האָבן זיי, אָט די פאַר שיך וואָס זיי טראָגן, אויך קוים, קוים, גע־קאָנט קויפן איינמאָל... אין דריי יאָר. די ישראל־אידן, האָבן זיכער אַ סך בייגעשטייערט, צו קאָנען אַריינעמען אָט די 8 הונדערט טויזנט עולים. אָבער — זיי האָבן ניט אַוועקגעגעבן זייער ברויט פון מויל! די אידן פון חוץ לארץ האָבן אויך צוגעטראָגן אַ חלק — דעם גרעסטן חלק — אַז די עולים זאָלן קאָנען אַריינקומען און בלייבן אין לאַנד... ווען איך פלעג עס זיי זאָגן, זיינען זיי ברוגז געוואָרן אויף מיר. ישראל־אידן ווילן ניט אַז מען זאָל זיי זאָגן...

דעם שבת בייטאָג האָב איך אויך ניט פאַרלוירן אומזיסט. איך האָב געהאַט אי הנאה אי זיך אָנגענעמען מיט אַ סך עגמת נפש.

אַרום 4 אַזייגער איז צוגעקומען אַן אויטאָ מיט אַ נייעם פריינט וואָס איך האָב דערוואָרבן אין ישראל ה׳ אַלעק פּעטאַשניק. ער קומט אונז נע־מען אָנקוקן די פאַבריק פון בערשטלעך וואָס אַן... אַרגענטינער איד, אַ זייער פעאיקער סוחר און קלוגער איד ה׳ יואל טאַנדייטער האָט אויפגעשטעלט נעבן תל אביב, ביים ברעג ים פון פּרעכטיקן פּלאַזשאַ־פּלאַץ — „בית ים״.

מיר פאָרן אַהין. מיר דאַרפן דורכשניידן יפו. איך בעט מיין נייעם מכנים אורח, אַז, צוריקוועגס, זאָלן מיר זיך אָפּשטעלן אין יפו און אויס־געפינען דעם אַדרעס פון מושקאַטס פריינטל ווען איך דאַרף איבער־געבן אַ גרוס און אפשר „נאָך עפּעס"... איך בין שוין געווען אין יפו, געזוכט די גאַס נומער הונדערט און ניט געפינען. אפשר וועלן מיר איצט האָבן מער מזל!

מיר קומען צו דער פאַבריק. אַ שאָד וואָס עס איז שבת און מען אַר־בעט ניט! אַ פּאָר „שוואַרצע" אַרבעטער — היטער פון פאַבריק — נעמען אונז אויף מיט אַ ברייטן און זינגענדיקן שלום! גיי, טרעף, אַז דאָס זיינען גאָר אידן!... מען פירט אונז אַרום מען ווייזט אונז די מאַשינעריע, דעם „רויען מאַטעריאַל" און דערנאָך — די אויסגעאַרבעטע סחורה. די פאַב־ריק ברענגט צוויייערליי נוצן דער מדינת ישראל. ערשטנס: — גיט זי מענטשן אַרבעט. צווייטנס — אַרבעט מען אויס סחורות אויף וועלכע מען האָט, פריער געדאַרפט „דיוויזן".

וויפל אַרגענטינער אידן וואָלטן געמעגט נאָכטאָן יואל טאַנדייטערס ביישפּיל?... פאַראַן ביי אונז רייכערע אידן פון אים, וועלכע האָבן גע־זאַמלט מיליאָנען פּאַר... זייערע קינדער. די קינדער נעמען אָפּ די ירושה און האָבן אין טאַטן — צום חודש נאָך זיין טויט — פאַרגעסן!... אַ פאַבריק אין ישראל — אָט אַזאַ ווי טאַנדייטערס ביים שפת חים אין "בית ים„ — וואָלט דאָך געווען דאָס שענסטע וואָס זיי וואָלטן אויפ־געטאָן...

אָבער, גיי רעד מיט זיי!...

— — — — — — — — — — — — —

מיר זוכן שוין ווידער אין יפו די גאַס נומער הונדערט. פריינט אלעק פּטאַשניק פאָלט אויף אַ געדאַנק. מיר פאָרן צו דער... הויפּט־קאָמיסאַריאַ פון יפו! צו דער משטרה! זי מוז דאָך וויסן וואו די גאַס ליגט ערגעץ!... מען צעלייגט דאָרט פאַר אונז אַ „מאַפּע" פון יפו'ער גאַסן! אַזאַ נומער עקזיסטירט ניט! אָבער — די מאַפּע איז נאָך אַן אַלטע, פון די צייטן פון די אַראַבער, און פון זייער מאַפּעס און מיט זייערע נומערן קאָן מען קלוג ניט ווערן. דער אָפיצער גיט אונז אַ עצה וואו, מער וויני־קער, מיר דאַרפן זוכן. ער זאָגט אונז פאָראויס, אַז צופאָרן אַהין מיט אַן אויטאָ — וועלן מיר זיכער ניט קאָנען.

העכער אַ שעה צייט האָט געדויערט דאָס זוכן די גאַס. מיר זיינען שוין געווען ביי דער גאַס נומער 98. די צווייטע גאַס — וועלכע דאַרף

זיין הונדערט — טראָגט גאָר דעם נומער...64. די דריטע — דעם נו־מער 78. מיר זיינען ענדלעך צוגעשפּרונגען — ווייל צוגיין האָט מען ניט געקאָנט — און געטראָפן די גאַס נומער הונדערט. אָנהויבנדיק זוכן דעם נומער 21 האָבן מיר שוין אָנגעשפּאַרט ממש צום ים. דאָס הויז שטייט אויף הילצערנע שטאַנגען און אונטן קומט צו דער ים...

ווען מיר זיינען אַריין אין שטוב צו דעם עולה — איז אונז פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן! ווי אַזוי לעבן עס דאָ מענטשן? ווי אַזוי האַלט מען דאָ קינדער? ווי אַזוי דערלאָזט די רעגירונג, די מוניציפּאַליטעט, אַז מענטשלעכע וועזנס זאָלן דאָ איבערנעכטיקן אַ נאַכט? די פיר „ווענט" זיינען נאָס עס רינט פון זיי! דאָס באַקומען זיי וואַסער פון... ים! אַ גרעסערע כוואַליע פון ים — באַגיסט די ווענט... שלאָגט אוים די פענצטער און אַריין אין שטוב אַריין!... אַ גליק וואָס דאָס איינע בעט — פאַר די פיר מענטשן, שטייט אינמיטן שטוב און עס איז ניטאָ קיין געפאַר אַז סע זאָל אָוועקשווימען!...

ווי האָבן זיי עס געקראָגן אַזאַ וואוינונג? פאַרוואָס וואוינען זיי דאָ? ווי אַזוי האָבן זיי ניט קיין רחמנות אויף זיך און אויף די קינדערלעך?

דאָס איז אַן אַראַביש הויז. אין דער צייט פון כאַפּ־לאַפּ — האָט מען זיך געלאָזט לויפן כאַפּן אַ שטוב, און אַלע זיינען שוין געווען פאַר־כאַפּט! געמיינט אויף בלויז עטלעכע טעג — און מען ליגט שוין אין דעם „וואַסער־לאָך"... 4 יאָר! געקומען פון קאָנצענטראַציע־לאַגערס, פון אַלע וויסטע מקומות כדי אַריינפאַלן אַהער!... און וואָס זאָל מען טאָן? אויף צו קריגן ערגעץ אַ צימער, טאַקע אין יפו און טאַקע אין „דזשעבעליע" דאַרף מען האָבן כאָטש... טויזנט פונט. האָבן זיי, ביז איצט אָפּגעשפּאַרט דריי הונדערט פונט, און מיט דריי הונדערט פונט — טוט מען גאָרנישט אויף!...

— — — — — — — — — — — — —

איך וועל שוין היינטיקן יום־כפור ניט דאַרפן פאַסטן! די מצווה וואָס איך האָב געהאַט, אין איינאָרדענען — מיט מושקאַטס הילף און פולמאַכט — אַ מענטשלעכער וואוינונג, אַ דירה אויף... דער ערד — ניט אין וואַסער — אַט די מצווה, וועט מירביישטיין!...

דאָס, וואָס איך האָב דאָ איצט געזען — האָט עס מיר די נאַכט פאַרביטערט!... איך בין די גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן!...

26־טער אַפּריל:

איך קאָן זיך נאָך נים צוגעוואוינען מיטן געדאַנק, אַז די וואָך, הויבט זיך דאָ אָן נים מאָנטיק נאָר פון זונטיק! די וואָך איז דאָ טאַקע לענגער! מען קאָן אַ סך אויפטאָן.

היינט האָב איך זייער אַ סך אַרבעט. דאָס ערשטע וואָס איך דאַרף טאָן — איז פאַרזאָרגן די רייזע קיין מירון!

וואָס איז אַזוינס מירון? צי ווייסט איר, צי האָט איר שוין געהערט וועגן אַ מירון? איך בין זיך מודה. פאַר מיינע 55 יאָר לעבן האָב איך נאָך נים געהערט רעדן פון אַ זאַך וואָס מען רופט „מירון". ערשט איצט, זייענדיק אין ישראל, בין איך געוואוירע געוואָרן אַז עס איז דאָ אַ „מירון" אויף דער וועלט, אַז מירון איז אַ געוויסער מקום, אַ געוויסער באַרג, וואו עס געפינט זיך דער קבר פון רבי שמעון בר יוחאי, און אַז ל"ג בעומר — ווען עס פאַלט אוים זיין יאָרצייט — פאָרן צו זיין קבר — צענדליגער און צענדליגער... טויזענטער אידן — ישראלים און פון דער גאַנצער וועלט — און מען צינדט ליכט, מען מאַכט אָן „הדלקה" און... מען טאַנצט, מען שפּרינגט, מען זינגט, ביז מען פאַלט אָן כוחות!...

— אויב איר וועט נים זיין ל"ג בעומר אין מירון — האָט איר גאָרנים געזען אין ישראל" — פלעגט מען מיר זאָגן!...

„וואָס הייסט? זיין אין ישראל פונקט ל"ג בעומר און נים זיין אין מירון"? — דאָס איז געווען די הויפּט-טעמע פון יעדן איינעם וואָס האָט מיט מיר גערעדט.

וואָס איז אַזוינס מירון?

וויפל איך וועל נים וועלן איבערגעבן און פאַרטייטשן „וואָס איז אַזוינס מירון" וועט מיר אומעגלעך ז,יין! איך וועל אייך פאָלגלעך פאָרשטעלן אַ אידן, וואָס הייסט ל. ב יי ן. דער דאָזיקער איד, אַ סברא בן סברא, אַן אייניקל פון אַ געוועזענעם גרויסן רב מר יהושע קאהן זצ"ל, וועלכער האָט געגרינדעט די ישיבה בר יוחאי אין מירון צו־ריק מיט זעכציק יאָר, קומענדיק אַהין פון פוילן (פּראַג ביי וואַרשע) און זיך דאָרט באַזעצט מיט זיין טאָכטער, איידעם און אייניקלעך. חוץ דעם, האָט ער, אויפן קבר פון שמעון בר יוחאי אויפגעבוים אַ מושב זקנים. די ישיבה מיטן מושב זקנים זיינען דערנאָך ליקווידירט געוואָרן און לעצטנס איז די ישיבה — דורך די בני עקיבא — צוריק אויפגע־בוים געוואָרן.

דערציילט ה׳ ל. ביין וועגן מירון פאָלגנדעס:

מירון איז, אַן אַ גוזמה, איינע פון די הייליקסטע ערטער אין ארץ ישראל. איך בין שוין דאָרט געווען צענדליגער מאָל און וויפל מאָל איך זאָל דאָרט נישט קומען, ווערט מיר די טיפע מיסטעריע אַלץ מער אומפאַרשטענדלעך. איז דאָך רבי עקיבא געווען דער רבי פון שמעון בר יוחאי און עס איז באַקאַנט דער קבר פון ר׳ עקיבא, וועלכער געפינט זיך אויף אַ הויכן באַרג אין טבריה. דאָך, ווערט זיין הייליקער קבר כמעט ניט באַזוכט. וואָס איז די אמתע סיבה, הלמאי זינט לאַנגע יאָרן ציט עס טויזנטער און לעצטנס צענדליגער טויזנטער אידן פון אַלע שיכטן אין ל״ג בעומר צום הייליקן קבר פון ר׳ שמעון בר יוחאי?

קיין מירון פלעגט מען עולה זיין נאָך אין די גאָר אַלטע ציטן. מי־רון ווערט דערמאָנט אין די כתבים פון די עולי־רגל און פון די ערשטע רייזנדע פון צווייטן העלפט פון 12־טן יאָרהונדערט. אין משך פון אַלע תקופות ,וואָס האָבן איבערגעלאָזט באַווייזן און ידיעות, פלעגט מען באַזוכן מירון און דאָרט אָפּריכטן תפילות. די עליה איז געווען אַ פּער־מאַנענטע, אָבער איר כאַראַקטער און דערציערישע ווערטן ענדערן זיך כסדר.

ווען מיר פאָרשן נאָך די תקופות און ווילן דערגיין די וואָרצלען פון ל״ג בעומר און די הילולא פון רבי שמעון בר יוחאי, ווערט אונז קלאָר, אַז דער דאָזיקער כאַראַקטער האָט זיך אַנטוויקלט בלויז אין די לעצ־טע יאָרהונדערטער. די ערשטע ציטן איז מען בעיקר געפאָרן צו די מיוחסדיקע היילן פון הלל און שמאי. די ערשטע רייזנדיקע, וואָס דערציילן אַ סך וועגן דער ספּעציעלער עליה און פאָלקס יום־טוב, וואָס זיינען פאָרגעקומען פסח שני אָרום די מערות פון הלל ושמאי און דער־מאָנען לגמרי נישט די הילולא פון ר׳ שמעון בר יוחאי — אין ל״ג בעומר.

אין יענע ציטן איז די עליה אין דעם יום־טוב געווען פאַרבונדן מיט דעם וואַסער, וואָס איז געפונען געוואָרן אין די היילן פון הלל און שמאי. ר׳ פתחיה פון רעגענסבורג שרייבט: „אין מיטן דער הייל ליגט אַ שטיין, אַ גרויסער שטיין וועלכער איז אויסגעפּולט ווי אַ כוס... און ווען עס קומען אַהין אָרנטלעכע מענטשן, און זעען דעם שטיין פול מיט וואַסער, וואַשן זיי זיך די הענט, זיינען מתפלל און בעטן זיך אויס כל טוב. נישט אָרנטלעכע מענטשן זעען נישט דאָס וואַסער, און ווען מען

זאָל פון שטיין שעפּן אפילו טויזנט עמערס וואַסער בלייבט ער דאָך תמיד פול״...

ר׳ שמואל ברב שמעון שרייבט: „דער ראש הגולה האָט געבעטן און מען האָט אָנגעצונדן אַ וואַקסן־ליכט, כדי צו זען פונוואַנען קומט דאָס וואַסער אין די ברינעמער. אָבער מיר האָבן געזוכט און נישט גע־פונען. מיר האָבן אויסגעגאָסן אַ סך וואַסער אויף דער ערד און עס איז גאָרנישט קנאַפּער געוואָרן. דאָס דאָזיקע וואַסער איז געווען זיס ווי האָניג און צום באַוואונדערן״.

„אין מירון געפינען זיך די היילן פון הלל און שמאי און זייערע תלמידים צוזאַמען 32. דאָרט פאַרזאַמלט מען זיך פסח־שני און ווען מען געפינט וואַסער אין דער מערה, פרייען זיך אַלע, ווייל דאָס איז אַ סימן, אַז עס וועט זיין אַ גוט און געבענטשט יאָר. אַ סך מאָל, ווען מען האָט קיין וואַסער נישט געפונען האָט מען אָנגעהויבן מתפלל זיין און גלייך, כהרף עין, איז דאָס וואַסער אָנגעקומען״.

מיט דער גרויסער עליה פון צפת און גרינדונג פון בתי מדרשים, האָט דאָס עולה־זיין קיין מירון באַקומען אַ באַזונדערע באַצייכענונג.

פון די צייטן, ווען עס האָט אָנגעהויבן בליען דער קבלה־לימוד, ווערט די עליה קיין מירון געריכטעט צום קבר פון ר׳ שמעון בר יוחאי, דעם מחבר פון זוהר הקדוש.

אין דער דאָזיקער תקופה האָט זיך אויסגעצייכנט די עליה קיין מי־רון מיט דער „הדלקה״, וואָס דאַרף מיט זיך סימבאַליזירן דאָס גרויסע ליכט, וואָס איז נתגלה געוואָרן דורך ר׳ שמעון בר יוחאי, אַ טייל זיינען מסביר דעם מנהג פון אַריינוואַרפן זילבערנע מטבעות אין דעם פייער־פאַקעל, ווי אַ רמז וועגן דער נויטווענדיקייט צו באַפרייען זיך פון תאווה צו געלט. דאָס האָט אַ שייכות צו דעם, וואָס חז״ל דערציילן, אַז ר׳ שמעון האָט אַרויסגענומען זיינע תלמידים אין אַ טאָל ביי מירון און מתפלל געווען, עס זאָל פול ווערן דער טאָל מיט גאָלדענע רענדלעך. ווען זיין בקשה איז דערפילט געוואָרן, האָט ער געזאָגט צו זיינע תל־מידים, וואָס זיינען מקנא די רייכע: „ווילט איר גאָלד, נעמט אייך, אָבער זייט וויסן, אַז יעדער, וואָס נעמט איצט, נעמט אַ טייל פון זיין חלק לעולם הבא״. פאַרשטייט זיך, אַז קיינער פון די תלמידים האָט זיך נישט צוגערירט צו דעם גאָלד.

אויך דער מנהג אָפּצושערן די 3־יעריקע אינגלעך דאָס ערשטע

מאָל די האָר (וואָס ווערט אָנגערופן אויף אַראַביש „כאַלאַקען”), אַי־
בערלאָזנדיק בלויז די פּאות, איז ענג פאַרבונדן מיט מירון.

אין די לעצטע יאָרן פון דער מאַנדאַט־צייט האָט די עליה קיין מי־
רון זיך באַדייטנד געשטאַרק און עס איז באַטאַנט געוואָרן די קנאות
פון בר יוחאי צו זיין פאָלק און לאַנד, און זיין קעגנערשאַפט צו די רוי־
מישע אַריינדרינגלער. ר׳ עקיבא און זיינע תלמידים, וואָס זיינען אוים־
געשטאָרבן בעתן אויפשטאַנד פון בר־כוכבא צווישן פּסח און שבועות
און רבי שמעון בר יוחאי, וואָס האָט אויפגעהויבן די פאָן פון אויפ־
שטאַנד, זיינען ביי רעליגיעזע אידן געשטעלט געוואָרן ווי אַ מוסטער
פון פרייהייט לעבן. די רעליגיעזע יוגנט פון הפּועל המזרחי רופט זיך
אויפן נאָמען פון ר׳ עקיבא און די מאַסן האָבן אָנגעהויבן שטראָמען קיין
מירון מחמת כבוד צום אָנדענק און געשטאַלט פון רבי שמעון בר
יוחאי דעם דרייסטן און מוטיקן קעמפער וואָס איז אַנטלאָפן פון די רוי־
מער און זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ הייל און פון דאָרט באַלויכטן די פאַר־
באָרגענישן פון דער תורה.

מיט דער באַנייאונג פון דער מדינה איז צוגעקומען אַ נייער דראַנג
צו דער עליה קיין מירון. דאָרט איז צוריק אויפגעלעבט געוואָרן די
ישיבת בר יוחאי דורך די בני עקיבא. עס איז געעפנט געוואָרן אַ „חדר
הזוהר” און אַ „בית העדות” פאַר רעליגיעזע אַנטפּלעקונגען אינעם
לעצטן באַפרייאונגס־קריג, כדי אויפצואווייזן די המשכדיקייט פון די
נסים און נפלאות, וואָס זיינען מיט אונז געשען בימים ההם ובזמן הזה

רעליגיעזע זעלנער פון צבא הגנה לישראל האַלטן פאַר ריכטיק
עולה צו זיין ל״ג בעומר קיין מירון און מאַכן אַן אזכרה די דראָבע־
רער פון מירון, מתייחד זיין זיך מיטן גרויסן צדק ר׳ שמעון בר יוחאי,
מזכיר זיין די גבורים און אָפּגעבן אַ שבח והודיה לצור ישראל. מיטן
דאָזיקן געזאַנג דערהויבט זיך דאָס קול פון די גליל־באַפרייער.

די עליה קיין מירון קומט לעצטנס פאַר אין זייער אַ גרויסע פאַר־
נעם. מירון איז היינט דאָס איינציקע הייליק אָרט, היות
דער כותל המערבי, מערת המכפלה און קבר רחל געפינען זיך ביי די
אַראַבער און מ׳קען דאָרט, ליידער, ניט צוקומען. איז אונז היינט צו־טאָג
געבליבן בלויז מירון. לויט די אָפּשאַצונגען פון דער קאָמיסיע פאַרן רע־
ליגיעזן לעבנס־שטייגער ביים משרד הדתות האָבן דעם פאָריקן ל״ג
בעומר באַזוכט מירון בערך פערציק טויזנט אידן. די דאָ־
זיקע צאָל וואָלט פיל גרעסער געווען, ווען ניט די קאָמוניקאַציע־שווע־

ריקייטן און גרויסע הוצאות, וואָס זיינען היינט פאַרבונדן מיט אַ נסיעה קיין מירון.

מירון פאַראייניקט אַלע שיכטן און קלאַסן. מען טרעפט דאָרט די עקסטרעם-פרומסטע אידן פון אַלטן ישוב, ביז די סאַמע פרייסטע אידן פון נייעם ישוב. אויך איז פאַריקס יאָר געווען שטאַרק דערקענבאַר די נייע עליה פון קיבוץ גלויות. אַלע קלאַסן האָבן גענומען אַ שטאַרקן אָנטייל אין די פייערלעכקייטן. זיי זיינען צוזאַמען מתפלל, אַלע אידן טאַנצן און זינגען צוזאַמען, דערביי טראָגט זיך אויף קילאָמעטערס דאָס טראַדיציאָנעלע געזאַנג „בר יוחאי נשמחת, אשריך", „עם ישראל נמשחנו אשרינו", „ואמרתם כה לחי רבי שמעון בר יוחאי", „בר יוחאי אשריך, שמן ששון מחבריך".

אָט. דאָס איז אַ שטיק געשיכטע פון מירון. צו דעם דאָזיקן מקום קדוש גרייט זיך איצט דאָס גאַנצע לאַנד. פרומע און ניט פרומע און פאַר אַלץ — אַלע טוריסטן פון אַלע לענדער פון דער וועלט וואָס זיינען דאָ אין לאַנד.

פאַרשטייט זיך, ניט בלויז מירון ציט צו די טויזנטער טוריסטן און טאָקע ישראל-אידן אויך. חוץ מירון. וויל מען זיין אין צפת! (צפאַט) דאָס וואָרט צפת איז אַ צויבער פאַר יעדן אידן וואָס האָט געלערנט אַמאָל אין חדר און וואָס ווייסט עטוואָס וועגן ארץ ישראל. צפת איז אַ שטאָט פון מיסטיק. אַרום צפת וועבן זיך טויזנטער לעגענדעס וועגן גאוני ישראל און וועגן נסים און קבלה. אויף אַ באַרג אין צפת געפינט זיך דער קבר פון גרויסן תנא רבי עקיבא. ניט ווייט פון צפת געפינען זיך די קברים פון גרויסע תנאים, ווי למשל: הלל הזקן, שמאי א. א.

אין צפת האָבן געלעבט די מקובלים רב משה קורדובירא, דער ארי הקדוש, רב חיים וויטאל א. א. און עס וועט ניט זיין איבערגעטריבן ווען מיר וועלן זאָגן אַז צפת איז ביי די פרומע אידן ניט ווייניקער הייליק ווי ירושלים עיר הקדושה!

„ווען איר וועט דינגען דעם שאָפער ער זאָל אייך פירן קיין מירון — זאָגט מען מיר אָן — נעמט מיט אים אויס, אַז ער מוז בלייבן שטיין אין צפת אַ פּאָר שעה! איר וועט דאָרט האָבן וואָס צו הערן און זען!...

אַ שאָד וואָס מען האָט מיר ניט אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל זיך מיטנעמען גענוג עסן קיין צפת אויב... איך וויל פון דאָרטן ניט אוועקפאָרן אַ הונגעריקער...

איך באַשטים ביי זיך: — מען מוז פאָרן אָנקוקן מירון.

די ווענט פון תל אביב, זיינען באקלעפּט מיט די מודעות פון אָרגאַניזאַציעס אַז זיי וועלן פירן קיין מירון און אין איין וועג — קיין צפת, קיין טבריה, און אַנדערע מקומות. די קאָנקורענץ צווישן די אַלע אָרגאַניזאַציעס אין דער פּראָפּאַגאַנדע איז גרויס. אָבער איך, און טויזנטער ווי איך, טוען אַנדערש. מיר גייען אַוועק צו די ערטער וואו עס שטייען די טאַקסי־אויטאָמאָבילן, באַשטעלן אַזאַ רייזע אויף זונטיק. ער דאַרף אונז — זעקס מענטשן — פירן, ניט בלויז קיין מירון — נאָר אין אַ גאַנצע רייע שטעט און שטעטלעך, ספּעציעל קיין צפת, טבריה און... נצרת! נאָך מירון — איז ביי מיר נצרת דער וויכטיקסטער פּונקט וואו איך וויל זיין!...

איך באַזאָרג זיך מיט נאָך... פיר שותפים צו דער רייזע. צוויי אַרגענטינער אידישע פאַמיליעס. איין פאַמיליע וואָס איז געקומען אַהער אַלס טוריסט און וועט אָפּפאָרן צוריק אַלס טוריסט און די צווייטע אַ איד וואָס איז געקומען אַהער — צוריק מיט 4 יאָר, אין דער תקופה פון... „סאָציאַליזם בימנו", ער האָט געבראַכט מיט זיך זיין פאַרמעגן אויסגעביטן אין דאָלאַרס. דאַן האָט מען אים פאַר יעדן דאָלער געגעבן... 35 פּיאַסטער (אַ דריטל פונט. איצט, ביים ענדערן פון אָט דעם „סאָציאַליסטישן קורס", און איינזעענדיק דאָס טרויעריקייט פון דער ווירקלעכקייט, גיט מען שוין פאַר יעדן דאָלער... קנאַפּע צוויי פונט) און — צובּיסלעכווייז איז דער איד געבליבן אָן די דאָלערס, און אָן די 35־ער פּיאַסטער, און ער פאָרט צוריק אַהיים. איידער ער וועט פאַרלאָזן ישראל — וויל ער זען מירון און ער ווערט מיין „שותף" צו דער רייזע.

פאַרזאָרגט „מירון", לאָז איך זיך אַוועק „שטודירן" אַ וויכטיקן פּונקט פון דעם לעבן פון ישראל־אידן בכלל און ספּעציעל — פון די נייע עולים! דאָס איז דער — קופּת החולים.

ביי אַלע, סטאַבילע, אומות העולם איז איינגעפירט, אַז אָרעמעלייט באַקומען מעדיצינישע הילף. פאַראַן אומעטום שטאָטישע אָדער רעגירונגס־שפּיטאָלן וואו אַן אָרעמאַן קאָן... קרענקען אומזיסט, כל זמן דער אָטעם זיינער האַלט זיך נאָך ביי אים.

ישראל איז *דערווייל* אַ אויסנאַם! פאַר די פינף יאָר וויפל דאָס לאַנד איז אַלט, און פאַר די דרייסיק יאָר מאַנדאַט, האָט ישראל — אוןן דאַן פאַלעסטינע — ניט דערגרייכט צו האָבן אייגענע שפּיטעלער ספּעציעל פאַר אָרעמעלייט! און, אַן אָרעמאַן, ווען ער איז שלאַף געוואָרן — איז טאַקע געווען ניט גוט!

אין א בעסערער לאגע געפינען זיך אין ישראל די ארבעטער וועלכע זיינען מיטגלידער פון „הסתדרות". זי — די הסתדרות — האט שוין גוט אינזינען אירע מיטגלידער. זי האט אן א י י ג ע נ ע ם גרויסן שפיטאל, וועלכן זי האט איצט צענפאך פארגרעסערט. זי האט א גוטע ארגאניזאציע וואס הייסט „קופת חולים", און א הסתדרות-מיטגליד קאן קרענקען אן זארג.

ווען זשע איז דאס געדערט געווארן? ווען דער מיטגליד, וואס צאלט אין קופת חולים, ארבעט און איז גוטשטייענדיק מיט זיין מיטגליד-אפצאל. אויב עס איז ניט אזוי — איז דעם קראנקן ניט מקנא צו זיין!...

אזוי זיינען די געשרייען פון „דרויסן". פון די וועלכע זוכן שלעכטס אויף דער מדינה און פון ד י וועלכע דארפן האבן א תירוץ פארוואס... זיי פארלאזן דאס לאנד.

דער ענין „שלאף זיין" אין ישראל, איז — פון איין זייט — דער ערנסטער זארג פון יעדן תושב, און — דער טייערסטער אויף דער וועלט ער האט, אבער, אויך א גרויסע מעלה: די בעסטע דאקטוירים, די גרעסטע מומחים אין דער מדיצין, געפינען זיך אין מדינת ישראל. שוין פון יאר 1933, ווען היטלער, ימח שמו, איז ארויף אין דייטשלאנד, האבן אנגעהויבן אנקומען קיין ישראל דאקטוירים פון דייטשלאנד, וועלכע זיינען פארטריבן געווארן פון זייערע קאטעדרעס אלס פראפעסארן. היינט, מיט דער לעצטער עליה זיינען אויך אנגעקומען גרעטטעוועטע דאקטוירים פון דער גארער וועלט. דאך פעלן אוים דאקטוירים אין ישראל, צוליב דעם וואס זיי האבן — ביז היינטיקס יאר — ניט געהאט קיין אייגענע „פראדוקציע", קיין אייגענעם מעדיצינישן פאקולטעט, וואס זאל פאבריצירן דאקטוירים. און יענע פריוואטע דאקטוירים וואס זיינען איצט פאראן — הייסן זיך גוט באצאלן· עס האט זיי אויך טייער געקאסט דאס שטודירן אין לאנדאן אדער ניו-יארק!...

צו די שפיטעלער און סאנאטאריעס פון תל אביב, שטראמען הונדערטער קראנקע פון גאנצן לאנד — ארבער אריינגערעכנט. פאר די לעצטע, איז אפילו אין י פ ו, אויף רחוב 4, פאראן א ספעציעלער „קופת חולים". אבער — עס איז ווינציק. אויף צו ווערן אטענדירט פון א דאקטער, און אויף אריינגענומען ווערן אין שפיטאל — קריגן דארט א בעטל — מוז מען האבן גרויס מזל... און נאך גרעסערע פראטעקציע! אין ד ע ם זינען, איז ישראל ניט קיין אויסנאם און ניט ערגער ווי אנדערע לענדער! מאכן וועגן דעם א גאנצן טומל איז נאריש און

שעדלעך! פֿאַראַן אין תל אביב צוויי בתי־חולים פֿון דער ממשלה, פֿאַראַן אַן „הדסה" שפּיטאָל אויף באַלפֿור גאַס און אַ צווייטער — אין דער „קריה" אַלע זיינען זיי איבערפֿולט און מען דאַרף שטיין לאַנג־לאַנג אין דער רייע צו קריגן דאָרט אַ בעטל. אויך דער „מגן דוד אַדום" האָט אַ צייטווייליקן שפּיטאָל וואו מען קאָן דאָרט בלויז זיין דריי טעג. אָבער, ווער איז שולדיק וואָס ישׂראל האָט נאָך ניט קיין באַקוועמע שפּיטעלער? . . .

די קראַנקע ווילן דערפֿון ניט וויסן! זיי שרייען! זיי פּראָטעסטירן! די אויפֿברויזן קעגן דער רעגירונג, אַ ל ע אָן אויסנאַם — מאַכן דערפֿון אַ „אישו" פֿאַר זייער אַנטי־רעגירונג אָדער אַנטי־מפּ"אי פּראָפּאַגאַנדע, און רייצן דעם... ווײַלער קעגן אָט דער פּאַרטיי, וועלכע איז, — א י ן ד ע ם ה י נ ז י כ ט — גאָט די נשמה שולדיק!...

אָט, האָט אַ משוגענער דערהרגעט אַ קינד. דער משוגענער איז אַרומגעגאַנגען אויף דער פֿריי, ווייל — ער האָט ניט געהאַט קיין בעטל אין משוגעים הויז און אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכע א י ד י ש ע צייטונג, באַשולדיקט די... דאָקטוירים פֿון משוגעים הויז אין... מאָרד פֿון קינד!

מיט איין וואָרט: אידישע דאָקטוירים זיינען די בעסטע פֿאַרדינער אין ישׂראל! זיי שטייען אויפֿן... צווייטן פּלאַץ. דאָס ערשטע פּלאַץ פֿאַרנעמען... די שאָפֿערן!...

בייטאָג האָבן מיר געמאַכט אַ אינטערעסאַנטנעם שפּאַציר. פֿריינט ווילענסקי איז אונז געקומען פֿירן אין דער עלטסטער אידישער שולע פֿון ארץ ישׂראל — די אַגראַר־שול „מקווה ישׂראל". זי עקזיסטירט שוין... 85 יאָר.

דאָס שענסטע, דאָס הערלעכסטע אין ישׂראל — איז די „מקווה ישׂראל"־אַגראַר־שולע.

די דאָזיקע פֿרומע שולע איז אַ מלוכה פֿאַר זיך. זי איז געגרינדעט געוואָרן דורך משה מאָנטעפֿיאָרע ע"ה און פֿון דער פֿראַנצויזישער אידישער באַרימטער חברה „אַליאַנסאַ איזראעליטא", און איז, דורך די רויטשילדס אויסגעהאָדעוועט געוואָרן אַלע יאָרן פֿון איר קיום.

די שולע פֿאַרנעמט הונדערטער דונאַם קאַמפּ. פֿאַרמאָגט עטלעכע — זייער אַלטע און זייער אַלט־מאָדישע געביידעס — און דאָרטן לערנען זיך אידישע פ ר ו מ ע בחורים און מיידלעך. זיי לערנען זיך אַגריקולטור, און לערנען אויך אַלגעמיינע למודים — ספּעציעל — יראת השם! דאָרט עסן זיי און דאָרט האָבן זיי זייערע שלאָף־צימערן און פֿון דאָרט

גראַדואירן זיי זיך אַלס אַגראָנאָמען. אַ גאַנצן טאָג פאַרברענגען די תלמידים און תלמידות צוזאַמען. אין די עס-זאַלן — צוזאַמען. דאָס ריינקייט פון די צימערן, מאַכן זיי צוזאַמען און אַלערליי שפּילערייען — אויך צוזאַמען. אין די גערטנער — שטייען זיי אַקסל ביי אַקסל און אַרבעטן צוזאַמען. דאָך, לויט ווי מיר האָבן זיך גוט אינפאָרמירט, הן אינעווייניק הן אינדרויסן, האָט נאָך קיינמאָל דאָרט ניט געטראָפן אַ זאַך וואָס זאָל ברענגען בושה דעם אַנשטאַלט פון די שילער און שילערנס! אָט גייען פון דער אַרבעט אַ גרופּע בחורים (מיט יאַרמלקעלעך אויף די קעפּ), גייען געאַרבעט מיט בחורות, און... גאָרניט!

אַ גוטע פּאָר שעה האָבן מיר זיך אַרומגעדרייט אין די גערטנער פון מקווה ישראל. געווען אין זייער קלויז און געטראָפן העכער אַ מנין בחורימלעך, זיצן איבער אָפענע ספרים און לערנען. צו אַ פּאָר — געכאַפּט אַ בליק. איינער אַ בחור׳ל פון אַ יאָר 14 קוקט אַריין אין אַ משניות. אַ צווייטער — פון אַ יאָר 12 אין אַ „שלחן ערוך", אַ דריטער — אַן עלטערער שוין, מיט קיילעכדיקע געקרייזלטע פּאות׳לעך אין אַ פּשוט... תהילים׳ל. ווען איינער פון זיי ענדיקט אַריינקוקן גיט ער אַ קוש דעם ספר, פאַרמאַכט אים, גייט צו צום קראַן וואַסער גיסט זיך אָפּ די הענט, ווישט זיך אָפּ מיטן — ניט איבעריקן זויבערן האַנטוך — גיט אַ קוש די מזוזה און גייט אַרויס.

איך האָב געפּרואווט פאַרפירן אַ שמועס מיט איינעם און אַנדערן. קיין אידיש וואָרט — קאָנען זיי ניט! בלויז... לשון קדש, אָבער — אויך מיט דער ספרדישער „הברה". ביי זיי, הייסט עס, „לשון קדש" ניט קיין „עברית".

וואָס האָבן זיי געטאָן אין דער צייט פון דער באַפרייאונגס-מילחמה?

זיי זיינען געבליבן אויפן אָרט. ניט ווייט פון זיי, ממש אונטער דער נאָז, האָבן זיי געהאַט די רוצחים פון דער אַראַבישער שטאָט ראַמלאַ. ניט ווייט — איז אויך געווען דאָס אַראַבישע „דאָרף" לוד. זיי זיינען געווען אַרומגענומען מיט שונאים פון אַלע זייטן און זיינען געווען גרייט אַלע טאָג אומצוקומען אויף קדוש השם. זיי האָבן זייער הייליק פּלאַץ, זייער שולע און היים ניט פאַרלאָזט און מיט ביקסן אין דער האַנט און מיט גרוים בטחון אין האַרצן — זיך געהאַלטן אויפן אָרט, ביז דער נעגנט איז געוואָרן אידיש לאַנד!

ווייל מען זיך אַראָפּנעמען אַ ביישפּיל פון מיזאַמער אַרבעט, זאָל מען גיין אָנקוקן די אַגראַר-שולע „מקווה ישראל". מעגלעך, אַז צוליב

דעם אַליין האָט זיך געלוינט די רייזע קיין ישראל... אַ שאָד, וואָס אין ישראל גופא, און ספּעציעל אין תל אביב, פון וואַנען די „מקווה ישראל" געפינט זיך 15 מינוט רייזע — זיינען פאַראַן טוריזנטער אין טויזנטער „ותיקים" (אַלט־געזעסענע תושבים) — וואָס קאָנען ניט אָט די אַגראַר־שולע, וואָס האָבן זי נאָך ניט געזען, און אַפילו — ניט גע־הערט פון איר!...

ניט אומזיסט, גלויב איך, אַז אָט דער בוך, וועט באַקאַנען, ניט בלויז טויזנטער אידן פון חוץ לארץ, מיט ארץ ישראל — נאָר אויך אַ סך ישראלים וועלן געוואוירע ווערן, ווי אַזוי „זייער" לאַנד זעט אויס און וואָס פאַרא טייערע זאַכן עס פאַרמאָגט... אונזער באַגלייטער און „מנהל", דער פריינט ווילענסקי, אַ אזרח פון דריי צענדלינג יאָ־ אין ישראל, איז דאָ דאָס ערשטע מאָל און ווען ניט מיר — וואָלט ער זיך אויסגעלעבט די יאָרן און דאָ ניט געווען...

צו וואָלט ניט געווען קיין פּלאַן אַז אין ישראל זאָל מען פּראָפּאַגאַנ־ דירן טוריסטיק פאַר... די ישראל־תושבים! נשקשה! זיי מעגן אויך קאָנען דאָס לאַנד. זייער אַ אינטעלעגענטנער אידישער שרייבער אין ישראל, איינער ד. אריאן — טוט עס אויף די שפּאַלטן פון זיין צייטונג „לעצטע נייעס"! אַ צייטונג דווקא אַ שטיק... בונדיסטישע!!

— — — — — — — — — — — —

איך בין געווען אין אַ בכבוד'ק פּלאַץ. צו זיין אין אָט דעם אָרט דאַרף מען האָבן אַ באַזונדער זכות ביים אויבערשטן. איך בין געווען ביי: שלום עליכמ'ס יאָרצייט־אָוונט.

ווי באַוואוסט האָט אונזער גרעסטער אידישער שרייבער שלום עלי־ כם ע"ה, איבערגעלאָזט אַ צוואה, אַז אין טאָג פון זיין יאָרצייט, זאָל מען ניט וויינען ,ניט קלאָגן, נאָר מען זאָל זיך צענויפנעמען ביי זיינע קינדער אין הויז — אין וועלכן מקום יעדער איינער פון זיי זאָל ניט וואוי־ נען — און מען זאָל דאַרט לייענען זיין צוואה און אויך אַ פּאָר זאַכע־ לעך פון זיינע מעשה'לעך.

אין תל אביב וואוינט זיין איידעם, דער באַוואוסטער העברעאי־ שער שרייבער, און איבערזעצער פון שלום עליכמ'ס ביכער, ה' י. ד. בערקאָוויטש. אַהין בין איך געווען איינגעלאַדן יענעם אָוונט ווען עס איז אויסגעפאַלן זיין יאָרצייט.

געקומען אַהין בין איך אַביסעלע פאַרשפּעטיקט. שוין ממש ניט גע־ ווען קיין ליידיק פּלאַץ וואו זיך צושפּאַרן, אָבער, דער ליבער דיכטער

א. סוצקעווער האָט שוין געפינען אַ פּלאַץ פאַר מיר. אים, סוצ־קעווערן, האָט מען מכבד געווען מיט דער „עליה" פון לייענען די צוואה. סוצקעווער האָט זי געלייענט אַזוי האַרציק, אַזוי דיכטעריש, אַז עס האָט זיך יעדן געשטעלט טרערן אין די אויגן.

שלום עליכם האָט, אָבער, ניט געוואָלט, אַז אין טאָג פון זיין יאָר־צייט זאָל מען וויינען און טרערן לאָזן! מען הויבט אָן לייענען זיינע מעשה׳לעך. עס לייענט י. ד. בערקאָוויטש. עס לייענט דער באַוואוסטער הבימה אַרטיסט ווארדי, עס לייענט אַ צווייטע שוישפּילערן, עס לייענט זרבבל, און — דער עולם לאַכט. עס זיצן דאָ די שענסטע פּערזענלעכ־קייטן: די אַלמנה ביאַליק, די שוועסטער פון חיים וויצמאַן, די שוועס־טער פון אנ׳כי, דער רעדאַקטאָר פון „דבר" זכאי, משה גראָסמאַן, און נאָך אַ טוץ אָנגעזעענע שרייבער, דיכטער, מאָלער און קינסטלער. אַלע לאַכן! ...

למען האמת. ווען מען האָט געלייענט שלום עליכמ׳ן אין אָריגינאַל, אין אידיש, האָט עס געהאַט אַלע טעמים. האָט מען אָנגעהויבן לייענען אין העברעאיש, האָט דער עולם... קוים קוים אַ שמייכל געטאָן!...

אין אַ געשפּרעך וואָס איך האָב דערנאָך געהאַט מיטן גדול הדור פון דער העברעאישער ליטעראַטור — טאַקע שלום עלימ׳ס איידעם י. ד. בערקאָוויטש און ווען איך האָב, אָט דעם „אַפּיקורסישן" געדאַנק, אַרויסגעזאָגט — האָט ער מיר אים באַשטעטיקט! שלום עליכמ׳ן — אויב מען וויל פון אים הנאה האָבן — דאַרף מען לייענען, אָדער הערן לייענען — אין אידיש...

איך גיי דערנאָך מיט סוצקעווערן אַהיים. מיר שפּאַצירן צופוס. סוצ־קעווער האַלט ערב זיין אָפּפאָרן קיין אַרגענטינע אויף אַ לעקציע-טור איינגעלאַדן פון אידישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַראיין. ער... פיבערט מיט דער רייזע. ער וויל זייער און זייער זיך באַקאַנען מיטן אַר־גענטינער אידישן ישוב פון וועלכן ער האָט שוין באַקומען פיינע גרוסן!...

ביי מיר אין האַרצן, בעט איך ביי גאָט: זאָל ער ניט אַנטוישט ווערן פון אונז! זאָל זיין זיידענע דיכטערישע נשמה ניט אָוועקפאָרן פון אונז מיט עפּעס אַ פאַרביטערונג. סוצקעווער, איז ניט בלויז, פאַר אונז אין חוץ לאָרץ, אַ געוועזענער פּאַרטיזאַן און אַ גרויסער דיכטער וואָס האָט פאַרבינדן ביידע זאַכן צוזאַמען. סוצקעווער איז, ניט בלויז דער רעדאַק־טאָר פון דעם זשורנאַל „די גאָלדענע קייט", נאָר ער איז, בפועל ממש — די גאָלדענע קייט, וואָס פאַראייניקט די אידישע מאַסן פון

חוץ לארץ מיט ארץ ישראל! ווען ניט זיין „גאָלדענע קייט", וואָלטן די אידישע מאַסן אין דער וועלט געהאַט אַן אַנדער מיינונג וועגן ישראל און וועגן דער באַציאונג פון ישראל־רעגירער צו... אידיש.

27־טער אַפּריל:

היינט אינדערפרי איז מען געקומען פון קרן קימת אונז נעמען אויף אַ „טיול" וואָס האָט געדאַרפט געדויערן גאַנצע דריי טעג! אין די דריי טעג, האָבן מיר געדאַרפט זען גאַנץ ארץ ישראל! קאָנען מיר, אָבער, ניט פאָרן. מיין פרוי האָט זיך נעכטן פאַרגלוסט עסן אַ „גלידה" — (אייז־קרים העלאַדאָ) און דווקא, ניט קיין „אַרטיק", וועלכע ווערט געמאַכט פון אַ פאַראַנטוואָרטלעכער קאָמפּאַניע — נאָר אַ גלידה, פון יענע, וואָס די קיאָסקעלעך פון „גזוז" אויף בן יהודה און „מוגרבי" פאַרקויפן. האָט זי זיך מיט אָט דער „גלידה" פאַר׳סמ׳ט! דעם אמת צו זאָגן, איך האָב אויך פאַרזוכט פון אָט דער „געשמאַקער" „גלידה", און אויך מיר האָט עס געשאַדט — אָבער אַ סך ווייניקער!...

די פרוי ליגט אין בעט און קאָן ניט פאָרן. איך האָב געהאַט גרויס יסורים דערפון. שפּעטער האָב איך זיך אַרומגעקוקט, אַז „עס איז ניטאָ קיין שלעכטס — אַז דערפון זאָל קיין גוטס ניט אַרויסקומען"... אַנשטאָט צו פאָרן אין איילעניש און אין דריי טעג אָפּפאָרן ישראל, האָב איך עס דערנאָך געמאַכט שטופנווייז, מיט מער צייט און מיט מער — גאָר, גאָר, אַ סך מער — נוצן פאַר מיר, און פאַר מיין אַרבעט.

דעם קרן קימת — בלייב איך במילא שולדיק מיין דאַנק! פון די טיולים מיטן קרן קימת האָט מען אויך אַ סך פאַרגעניגן!...

— — — — — — — — — — — —

איך בין שוין ווידער אין גאַס. איך וויל איצט מאַכן אַ שפּאַציר צופוס, פון מיין הויז ביזן פּאָסט. ווען איך זאָל גיין נאָרמאַל צופוס אָט דעם מהלך דאַרף ער געדויערן ניט מער ווי דרייסיק מינוט. ביי מיר האָט ער געדויערט גאַנצע דריי שעה. אויפן וועג האָב איך זיך אָפּגעשטעלט און... געציילט וויפל שיך־פּוצער זיצן אויף אָט דעם שטח פון, מער־ווייניקער, 1200 מעטער. איך האָב אָפּגעציילט גאַנצע... הונדערט מיט אַכט שיך־פּוצערס. צו קופּקעלעך פון פינף־זעקס, זיצן זיי, קלאַפּן מיט זייערע בערשטלעך אין די קעסטלעך און רופן אייך זיך פּוצן די שיך...

צי איז דאָס אַזאַ גוטע פרנסה וואָס אַזוי פיל כאַפּן זיך צו איר?

חלילה! פרנסה האָט מען קוים־קוים! מערסנטנטייל אַרבעטן ביי אַט דעם פאַך די „שוואַרצע". „אונזעריקע" זיינען ניטאָ אַפילו קיין צען פּראָצענט פון זיי. דער מאַראָקאַנער אָדער קורדעסטאַנער עולה, פאַרדינט זיך זיינע 2 פונט אַ טאָג. גענוג פאַר אים. די פרוי איז ערגעץ אַ וועש־וואַשערן און אין זייער „צריף" ערגעץ אין יפו אָדער נאָענטער מעברה — האָבן זיי גענוג.

פון וועמען לעבן זיי? אַלץ פון טוריסטן! קיין נייער עולה וועט זיך די שיך אין גאַס ניט פוצן! אַ „ותיק"? אויך ניט! די פרוי קויפט אַ פושקעלע שואוואַקס און זעט שוין אַז דעם מאַנס שיך זאָלן גלאַנצן! סיידן אַ וויכ־טיקער און... איילנדער פקיד וואָס לויפט מיט זיין פאָרטפעל אויף אַ זיצונג ערגעץ, איז אויפגעשטאַנען שפּעט און האָט קיין צייט ניט גע־האַט, אין דער היים, זיך אָפּפוצן די שיך — מוז ער עס שוין טאָן אין גאַס, און מאַכן אַ אומזיסטע הוצאה פון... 10 פּיאַסטער (אַרום אַ פּע־זע מיט 20 סענט). ווען די שיך־פוצער זאָלן דאַרפן לעבן פון די ישראַ־לים — וואָלטן זיי קיין פּופּציק פּיאַסטער אַ טאָג ניט פאַרדינט... אַ גליק וואָס אַלע טאָג זיינען דאָ טוריסטן, וואָס פוצן זיך די שיך און וואָס פרעגן!... כמה זה? (וויפל איז?).

און ווידער דאָס זעלבע. זענט איר פּראַקטיש און איר ווייסט אַז עס קאָסט צען פּיאַסטער — גיט איר אים דאָס צען־פּיאַסטערדיקן פּאַפּירל אָדער מטבע זאָגט ער אייך: „תודה רבה" און פאַרטיק! טאָמער ווייסט איר ניט, פרעגט איר אים — נעמט ער ביי אייך פופצן און צוואַנציק פּיאַסטער! דער טוריסט ווערט דערמיט ניט אָרעמער! אָבער אַ „שוואַר־צער" מאַראָקאַנער האָט אים איבערגעקליגט; אַמאָל פאַרדריסט עס אים!...

— — — — — — — — — — — —

קומט מען קיין ישראל — דאַרף מען אַלץ זעען און באַנעמען!

איך בין ניט געפאָרן קיין ישראל כדי... איבערצוציילן וויפל שיך־פוצערס עס געפינען זיך אויף איין גאַס. איך בין אויך ניט געקומען אין אַט דעם שיינעם לאַנד כדי צו ציילן וויפל „גזוז"־קליטן געפינען זיך אויף אַלענבי־גאַס. אָבער דאָס, וואָס עס וואַרפט זיך שטאַרק אין די אויגן, קאָן מען ניט הייסן די אויגן: קוקט ניט! אגב, די שיך־פוצערס

און די גזוז'ניקעס זיינען אַ טייל, אַ גרויסע טייל פון דער ישראל־באַפעל־קערונג וואָס לעבט פון טוריזם! פאַרוואָס זשע זאָל איך אַזאַ „צווייג" פון ישראל־לעבן און ישראל־פּרנסה — ניט אַרויסברענגען?...

— — — — — — — — — — — —

די צענטראַלע פּאָסט אין תל אביב — געפינט זיך אויף אַלענבי און יהודה הלוי גאַסן. ווערליק פאַר אַזאַ גרויסער, קיין עין הרע, שטאָט, און אַ אידישע שטאָט דערצו — ווייל אידן נוצן מערער די פּאָסט ווי אַנדערע פעלקער — איז די „צענטראַלע" ד ו א ר קליין און אומבאַקוועם. איר טרעפט דאָרט אַלע טאָג הונדערטער און הונדערטער אידן, אזרחים פון ישראל ווי טוריסטן! פאַראַן עטלעכע פענצטערלעך צו באַדינען דאָס פּובליקום און ביי יעדער פענצטערל איז תמיד דאָ אַ „תור" (רייע) פון אַ צענדלינג מענטשן — ספּעציעל ביי די פענצטערלעך וואָס פאַרקויפן „בולים" (עסטאַמפּיזשאַס) פאַר בריוו. אגב. טוריסטן קויפן בלויז מאַרקעס פאַר לופט־פּאָסט בריוו.

די געשיכטע מיט דער פּאָסט אין ישראל איז זייער אַן אינטערעסאַנטע. בימי הטערק — אין די צייט ווען דער טערק איז געווען בעל הבית איבער פּאַלעסטינע, זיינען אין גאַנץ ארץ ישראל געווען עטלעכע פאַרשידענע פּאָסטן לויט דער נאַציאָנאַליטעט. די רוסן האָבן געהאַט ז י י ע ר פּאָסט, די פראַנצויזן — ז י י ע ר ע די ענגלענדער — ז י י ע ר ע א. א. וו ווען אַ פראַנצויז אָדער אַ רום אָדער פון אַ צווייטער נאַציאָנאַליטעט, האָט געדאַרפט אָפּשיקן אַ בריוו, איז ער געגאַנגען צו ז י י ן פּאָסט און געשיקט דורך איר! די „אָפיציעלע" רעגירונגס־פּאָסט פון די טערקן — האָט געפּוסטעוועט!...

האָבן זיך די טערקן „געקלוגערט" און וועלנדיק צוציען די אידישע באַפעלקערונג צו זיך, האָט זי אין פּאָסט אַוועקגעזעצט אַ סך אידישע באַאַמטע וואָס האָבן גערעדט העברעאיש. זי האָט אַפילו געוויסע מאַרקעס געדרוקט מיט אידישע אותיות! דאָס אַלץ האָט ניט געהאָלפן! די פּאָסט אין געבליבן אום־אַקטיוו.

ביי דער מאַנדאַטן־מאַכט, איז שוין בלויז געווען איין איינציקע פּאָסט — אָבער, די ענגלישע רעגירונג האָט ניט געהאַט קיין אינטערעס, אַז די אידן אין ישראל זאָלן האָבן אַ גרויסע, אַ באַקוועמע פּאָטשט, זאָלן שרייבן און באַקומען אַ סך בריוו, און... אַזוי ווי די אַראַבער דאַרפן ניט קיין פּאָסט, איז די פּאָסט ווידער געבליבן אַף דער זעלבער שטופע...

היינט ביי די ערשטע פינף יאָר אידישע מלוכה, איז נאָך די פּאָסט נישט אין אָרדענונג. די געהאַלטן פון פּאָסט-באאמטע זיינען זייער קליינע און... זיינען מער נישט ווערט! ... אַגב. די געביידע איז זייער קליין, נישט צוגעפּאַסט פאַר דער באַדערפעניש פון אַזאַ גרויסן ישוב און אַזוי פיל טויזנטער טוריסטן וואָס קומען אַהין. פאַראַן אויך זייער ווייניק פּערסאָנאַל. אין אַנדערע ערטער גייט מען אָפּזאָגן טויזנטער באאמטע, דאָ, אין פּאָסט, נויטיקט מען זיך אין עטלעכע צענדלינג באאמטע און עס איז נישטאָ קיין קאָאָרדינירן-ארבעט אַזאַ זאַך דורכפירן.

דער גרעסטער אומאָרדענונג און ענגשאַפט איז אין דער אָפּטיילונג פון דער פּאָסט וואו מען דאַרף שיקן אָדער באַקומען פּעקלעך. די דאָזיקע אָפּטיילונג געפינט זיך אַ דריי-פיר הונדערט מעטער ווייטער פון דער צענטראַל-פּאָסט, ערגעץ אין אַ ווינקל-פּלאַץ, וואו מען דאַרף זיין אַ סטראַטעג אָדער נביא אויסצוגעפינען וואו יהודה הלוי 48 געפינט זיך. ווען איר קומט אַהין, טרעפט איר שטענדיק צענדליגער מענטשן, קאָפּ אויף קאָפּ, מיט אָפענע און פאַרמאַכטע פּעקלעך. עס איז אַ טומל און רעש, מען קריגט זיך און מען שלאָגט זיך איבער דער אייביק אַנגעווייטיקטער פראַגע: — ווועמענס רייע איז איצט? איינער איז אויף אַ מינוט אַרויס פון דער גרויסער רייע, לאָזט מען אים צוריק נישט אַריין! ...

דער גרויסער עולם ווערט באַדינט פון איינעם, העכסטנס צוויי באאמטע. אויב איר האָט קיין מזל נישט, וועט איר טרעפן פּונקט אויף איינעם וואָס... געגעצט גאָר, וואָס גייט אַלעמאָל אַוועק פון טיש (מאַסטראַדאָר) מן הסתם כאַפּן אַ ביס... און אז ער קומט שוין צוריק — גיט ער פּונקט אַ כאַפּ אַ פּאַפּירל פון איינעם וועמענס רייע עס איז נישט — ווערט אַ טומל, אַ קריגעריי, און דעם באאמטן שוינט מען אויך נישט!

עד ווערט נישט נתפּעל און טוט זיך רואיק, מעלאַנכאָליש, זיין אַרבעט!

אַ שעה מיט 45 מינוט בין איך געשטאַנען ביים טיש אויף אָפּשיקן אַהיים 2 פּעקלעך ביכער. איך האָב דעם באאמטן נישט געאיילט. איך בין נישט געווען ברוגז אויף אים ווען ער האָט מיך אַזוי לאַנג געמוטשעט. איך בין נישט געוואָרן אויפגערעגט ווען ער האָט מיר געמאַכט פינף מאָל אָנשרייבן און איבערשרייבן די דריי פאָרמולאַריאָס וואָס ער האָט מיר געגעבן. וואָלט ער געווען אַ גוטער מענטש און אַ... געטרייער ישראל-באאמטער — האָט ער מיר נעקאָנט פאַרמיידן אַ סך

צייט-פּאַרלוסט, און אַ סך אַרבעט. ער האָט מיר נאָר געדאַרפט גוט אָנווייזן, וואו און ווי אַזוי מען פּילט אויס די פאָרמולאַריאָס. ער איז אָבער איינער — נאָך פון די טערקישע פּאָסט-באַאמטע. ער איז זיכער אַ ירושה-באַאמטער פון די ענגלענדער — האָט ער מיך אַטענדירט ווי ער איז געוואוינט כל ימיו! איך בין עטלעכע מאָל אַרויס פון „אַטשערעד" און זיך ווידער אַריינגעשטעלט. איך האָב געוואָלט זען... ווי יענער בעלמער נאָכט-היטער: וואָס וועלן די גנבים טאָן מיטן וואָגן סחורה? — איך האָב געוואָלט זען צי עס וועט אים ניט נמאס ווערן, מיר אַזוי פיל צייט פאַרדרייען דעם קאָפּ און די יאָרן. מיר איז ניט נמאס געוואָרן! איך האָב גענעמען אַ „לעקציע" ווי אַזוי אַ שלעכטער באַאמטער קאָן דעם לאַנד און דער רעגירונג מאַכן מערער שלעכטע פּראָפּאַגאַנדע אין 2 שעה וויפל די רעגירונג קאָן מאַכן גוטע פּראָפּאַגאַנדע אין 2 חדשים!...

ווען איך בין שוין געוואָרן לויז פון אים, ווען איך האָב שוין געהאַט די „רעסיווע" אין דער האַנט, האָב איך זיך צו אים ווידער צוגעשטופּט און אים... געוויזן מיין קאַרנעט פון זשורנאַליסט. איך האָב אים געזאָגט — אָן פאַרביטערונג — אַ דאַנק, ווייל, די צוויי שעה — דאָ שטייען — האָב איך אַ סאָך געלערנט און איך האָב אַ גוטן מאַטעריאַל!...

דער „באַאמטער" איז ניט נתפעל געוואָרן. ער האָט מיך... געבעטן אים צושיקן אָפּגעדרוקט וואו איך וועל עס באַשרייבן...

— — — — — — — — — — — —

צי דאַרף מען פון אַזאַ איינצלנעם פאַל משפטן, אַז אַלע פּאָסט-באַאמטע זיינען שלעכטע?

חלילה! פאַראַן אין פּאָסט... גוטע באַאמטע אויך! אַ שאָד וואָס זייער ווייניק! די פּאָסט אין ישראל, איז דער שוואַכסטער פּונקט פון דעם לעבן פון לאַנד. צוליב „פּאַרטיי-ענינים", האָט מען אָפּגעזאָגט אַ סך פּראַקטישע פּאָסט-באאמטע און מען האָט צוגענעמען אַ סך... טויגעניכטסן, אַ סך, וואָס טויגן בלויז צו פאַרקויפן פּאָסט-מאַרקעס און אפשר דאָס... אויך ניט! מען האָט ניט געזאָרגט, אַז אַ בריוו פון יפו קיין ירושלים זאָל ניט גיין קיין פינף טעג (ביים טערק פלעגט אַזאַ בריוו גיין... אַ חדש צייט) מען האָט ניט געזאָרגט אַז ביים פענצטערל וואָס נעמט אויף טעלעגראַמעס קיין זיד-אַמעריקע זאָל זיצן איינער וואָס... קאָן די שפּאַנישע שפּראַך! אַבי ער קאָן ענגליש און פראַנצויזיש — איז גענוג! גיי, טענה זיך מיט אים אויס, אַז דאָס וואָרט „בוענאָס איירעס"

איז איין וואָרט, ניט קיין צוויי. ער ראָט מיך אַפילו, אַז איך זאָל צו-שטעלן דאָס וואָרט... בראַזיל — וועט די טעלעגראַמע אָנקומען שנע-לער!...

צי דאַרף מען קיין ישראל ניט פאָרן ווייל... די פּאָסט איז דאָרט ניט איינגאַנצן אין אָרדענונג? חלילה! מען קאָן עס איבערלעבן!...

צי מעג מען אויסזאָגן, צי מעג מען שרייבן, אַז פּאָסט אין ישראל איז צוריקגעשטאַנען אויף גאָר אַ סך? צי וועט מען ניט שאַדן ברענגען דעם לאַנד אַז מען וועט עס דערציילן?

חלילה! מער שאַדן ברענגט מען ווען מען פאַרשווייגט! אדרבא! מען דאַרף עס אָנווייזן און אונטערשטרייכן... אפשר וועט די רעגירונג זיך אומקוקן אויף דער פּאָסט און... עטוואָס — אָדער אַ סך — זי אויס-היילן...

די פּאָסט אין ישראל איז קראַנק!...

— — — — — — — — — — — —

אויב די פּאָסט פון ישראל, פון תל אביב, האָט מיר פאַרשאַפט עג-מת-נפש — האָב איך שפּעטער, פאַרנאַכט-צו געהאַט פאַרגעניגן, גאָר אַ סך פאַרגעניגן, ווען איך האָב געזען — ניט דאָס ערשטע מאָל — ווי אַזוי דאָס ישראל-קינד ספּעציעל פון'ם נייעם עולה, און גאָר ספּעציעל — פון די „שוואַרצע", ווערט אָפּגעהיט אין ישראל און ווערט צוגעגרייט צו דער גרויסער ראָל וואָס אים וועט אויסקומען צו שפּילן אין לאַנד אין די נאָענסטע... צוויי צענדלינג יאָר...

דער שרייבער, פּריינט הערשמאַן, איז מיך געקומען איינלאַדן צו אַ קינדער יום-טוב וואָס ווערט דורכגעפירט אין אַ זעקס-גראַדיקער קינדער-שולע וואו זיין ברודער — אַ באַוואוסטער פּעדאַגאָג — איז דאָרט איינער פון די וויכטיקסטע לערער און מדריך!

די שולע ליגט אין איינעם פון די פּאַרוואָרפענע ווינקעלעך פון יענע הייזלעך פון יפו וואו די אַראַבער האָבן זיך געפלאָדעט ווי די זשאַבעס, געלעבט ווי חזרים און פאַרעפּישט דעם געגנט.

איצט, הייסט דער געגנט „כפר שלום", איז באַזעצט מיט עולים פון די אַראַבישע לענדער, און אין דער שולע לערנען עטלעכע הונדערט קינדערלעך.

דאָרטן וואו עס איז איצט אַ שולע האָט גאָר געלעבט עפּעס אַן אַראַ-בישער שייך און ער האָט געהאַט צימערן און צימערלעך פאַר זיינע

פּאָר צענדלינג ווייבער וועלכע ער האָט זיך איינגעהאַנדלט. איצט קלינגט דאָרט דאָס קול׳כל פון אַ אידיש קינד בעת ער לערנט די עברית-שפּראַך אָדער בעת ער זינגט און דעקלאַמירט ביאַליקס אַ שיר.

אָט איז טאַקע היינט אַ קינדער יום-טוב דאָרט. פריינט הערשמאַן, דער לערער, דערציילט מיר, אַז דער יום-טוב איז מער פאַר די עלטערן פון די קינדער ווי פאַר די קינדער... מען האָט איינגעלאַדן די על־טערן פון די תלמידים און תלמידות — די גרעסטע טייל, מיט אַזעלכע פּנימער וואָס איר וואָלט געשוואוירן ביי באָרד און פּאות, אַז זיי זיינען... אַראַבער אָדער אינדיער. מען האָט זיי איינגעלאַדן און מען וויל... פאַר זיי עפּעס רעדן, פאַר זיי זינגען! מען וויל זיי ער־ציען צום אידיש-לאַנד. מען וויל זיי אויך אַריינגעבן חשק, אַז זיי זאָלן די איבעריקע קינדער זייערע שיקן אין שולע און טאַקע... אַליין אויך קומען אויף די אָוונט-קורסן.

די דירעקציע פון דער שולע האָט געבראַכט „פון צענטער״ אַ גוטן רעדנער. מען האָט אויך געבראַכט אַ גוטע זינגערן וועמען די קינדער־לעך און די גרויסע האָבן ניט אַראָפּגעלאָזט פון דער בינע. מען האָט אפילו געבראַכט אַ מוזיקער וועלכער זאָל אַקאָמפּאַנירן דער זינגערן.

עס האָט אין מיר אַ ציטער געטאָן מיין לערערישע נשמה וואָס טליעט אין מיר. איך האָב געקוקט די קינדערלעך אין די אייגעלעך, ווי אַזוי זיי נעמען אויף יעדער לידעלע זייערס וואָס מען האָט איינגעזונגען מיט זיי און איצט זינגען זיי אַלע, צוזאַמען מיט די לערער, מיט די געסט און אפילו... אַ טייל „אינטעלעגענטנערע״ עלטערן וואָס געפי־נען זיך דאָ. אָ! ווי וועט זיין דעם שונא וואָס וועט וועלן — שפּעטער, ווען אָט די קינדערלעך וועלן שוין זיין גרויסע און וועלן דינען דעם פאָ־טערלאַנד — ווי וועט זיין יענעם שונא, וואָס וועט אָנפאַלן אויף זייער מולדת (פאָטערלאַנד)...

אַ שאָד וואָס איך האָב איצט ניט ביי דער זייט מיין פריינט אילון (באַ־ראַניק) און אַנדערע הונדערטער ווי ער, וואָס האָבן טענות צו דער „עליה״ פון די „שוואַרצע״, און בכלל צו נייע עולים! איך וואָלט אים געפרעגט: „וואָס וואָלט געוואָרן פון אָט די אידישע קינדערלעך, ווען מיר לאָזן זיי איבער אין איראַק, אין תימן, אין ליביע, אין מצרים, אין דמשק און אין בירוט? וואָס וואָלט געוואָרן פון זיי? און... וואָס וואָלט — אין צוואַנ־ציק יאָר אַרום געוואָרן פון די מאָדערנע אידן פון ישראל וואָס האַלטן אַזוי שטאַרק פון... געבורט-קאָנטראָל״?...

די דאָזיקע שוואַרצע קינדערלעך און ספּעציעל, — זייערע עלטערן — וועלן דערגאַנצן דאָס, וואָס די מאָדערנע טאַטע-מאַמע פון תל אביב און אַנדערע שטעט טוען אַ שאָדן דעם לאַנד מיט זייער... איין קינד-סיסטעם...

מעגלעך, אַז מען טאָר וועגן דעם ניט שרייבן! פאַרפאַלן! וועגן אַ סך זאַכן טאָר מען ניט שרייבן! גלייכער, איז אָבער, ווען מען שרייבט יאָ!... אויב, פאַרשטייט זיך, מען טוט עס מיט גוטן ווילן און ניט מיט בייזוויליקייט!...

28-טער אַפּריל:

היינט איז געווען דער ערשטער טאָג פון אונזער אַרויספאָרן פון תל אביב איבערן לאַנד. מיין פרוי איז שוין בעסער פון דער „גלידה". זי וועט שוין פאַרזאָגן אַ צענטן — און אַלע אירע פריינט וואָס זי וועט טרעפן אין ישראל — אַז מען זאָל ניט עסן אין גאַס די גלידה'ס וואָס זיי מאַכן. טאַקע! קיין אייער צו מאַכן גוטן אייז-קרים, האָבן זיי דאָך ניט און... מאַכן אַ לעבן מוז מען דאָך — איז ווען עס שאַדט איז פאַרפאַלן! פאַ-ראַן אַזעלכע וואָס אייז-קרים — ניט קיין פרישער — שאַדט זיי אויך ניט! זאָל זיי וואויל באַקומען.

היינט זיינען מיר די געסט פון דעם ראָמאַנען-שרייבער און געווע-נעם תושב פון מצרים, ה' יעקב ליסקאָוויטש. אָט דער איד, האָט אין קאַירע, אַ גאַס אויף זיין נאָמען פאַר זיינע פאַרדינסטן פאַר דער שיינ-קייט פון דער שטאָט און פאַרן וואוילזיין פאַר די אָרעמע שיכטן פון דער מצרישער הויפּט-שטאָט. אגב. די גאַס טראָגט נאָך איצט אויך זיין נאָמען — כאָטש מען ווייסט שוין דאָרט, אַז ער האָט זיך איבערגע-פּעקלט מיט זיין האָב און גוטס קיין ישראל!...

פריינט ליסקאָוויטש איז געקומען מיט זיין קליינעם אויטאָ אונז פירן קיין רחובות אָנקוקן דעם ווייצמאַן-אינסטיטוט און ווייצמאַן קבר. איידער מיר'ן קומען קיין רחובות, וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אין ראשון לציון און אָנקוקן דעם באַרימטן „יקב" (קעלער) וואו מען אַרבעט אויס די באַרימטע ווײַנען פון ראשון לציון.

מיר פאָרן 4 פּאַסאַזשירן. איך מיט מיין פרוי און ה' ליסקאָוויטש און פרוי. דאָך, אַלס געניטער „אויטאָמאָביל-טרייבער" — פיל איך, אַז עפּעס פידלט ניט: מיר זיינען שוין אויסער דער שטאָט אויפן וועג צו ראשון לציון און דער אויטאָ גייט קוים. ה' ליסקאָוויטש איז „זיך מודה"!

ער האָט פּריער געוואוסט אַז דער אויטאָ איז קראַנק און ווער ווייסט צי ער וועט פאַרפאָרן. ער האָט אָבער אונז צוגעזאָגט האָט ער געוואָלט האַלטן וואָרט....

די עטלעכע קילאָמעטער ביז ראשון לציון האָבן געדויערט העכער אַ שעה. מיר באַשטימען אַריינגיין אין „קעלער", אָנקוקן און פאַרזוכן אַביסל ווײַן וואָס איז אַלט... אַ פופציק-זעכציק יאָר (אַזוי איז מען זיך דאָרט נוהג מיט געסט) און... מיר'ן זיך אומקערן אַהיים מיטן אויטאָבוס. זײַן אויטאָ וועט ער מוזן לאָזן דאָ.

ביי אונזער גייעם מכניס אורח העקט זיך דאָס חיות, ער וויל פאַר אונז יוצא זיין ווי ער האָט צוגעזאָגט. ער איז גרייט צו דינגען אַ טאַקסי און פאָרן מיט אונז. אַ כאַראַקטעריסטיק פון ישראל-אידן. זאָגן זיי צו — דערפילן זיי זייער צוזאָג...

מיר קומען אין דער אַדמיניסטראַציע פון „יקב". אַ יונגער מענטש נעמט אונז אויף.רעדט אַלע שפּראַכן אַחוץ — אידיש. מיר רעדן עברית. בעסער געזאָגט — ער רעדט עברית און איך רעד... העברעאיש! ביי די ישראל-מענטשן, איז דאָ אַ גרויסער אונטערשיד צווישן דעם נייעם עברית און דעם אַלטן העברעאיש, וועלכן זיי האָבן, ניט איבעריק ליב און פון וועלכן זיי שפּעטן אָפּ.

מיר ווערן אַריינגעפירט אין די קעלערן פון ווײַן. אונזער „פירער" איז אַ יונגער בחור פון דער פראַנצויזישער אַפריקע. ער רעדט אַ פּלי-סיקן עברית — ערשט 4 יאָר אין לאַנד — און מיטן ה' ליסקאָוויטש רעדט ער פראַנצויזיש. מיר גייען פון גאָרן צו גאָרן. מיר זיינען שוין טיף אין דער ערד. ריזיקע פעסער ווײַן — איינער אויפן אַנדערן אַרויפגע-שטעלט, זיינען פול אין די קעלערס. אויף יעדער פאַס איז אָנגעוויזן פון וועלכן יאָר דער ווײַן איז. דער יונגסטער ווײַן אין אָט דעם קעלער איז אַלט 25 יאָר. דער עלטסטער — 70 יאָר. ער ווייזט אונז: מיליאָנען און מי-ליאָנען ליטערס ווײַן ווערן דאָ אויסגעאַרבעט און זיי ווערן פאַרקויפט, די אַלע „אַלטע" וויינען וואָס שטייען — דאָס לאָזט מען איבער יעדער יאָר כך וכך ווײַן און מען פאַרקויפט ניט.

— וויפל אַרבעטער זיינען דאָ פאַראַן?

— מער-וויניקער אַ פיר הונדערט. אַלע זיינען... שומרי שבת און פרומע אידן. קיין ניט פרומער איד, אַ איד וואָס עסט טריפס, קאָן

דאָ ניט אַרבעט ביים ווייַן. מען האָט מורא פאַר זייַן סאַנדוויטש מיט חזיר־פליייש.

פאָרן אַוועקגיין, ווערן מיר איינגעלאַדן אין דער אַדמיניסטראַציע אויף אַ „לחיים". מען פרעגט אונז פון וועלכן „יאָר" מיר ווילן פאַרזוכן?...

דאָס ביסל ווייַן — ליגט מיר נאָך איצט אין טעם!...

— — — — — — — — — — — — —

געמיינט האָב איך, אַז איך האָב אָנגעהויבן מיינע רייזעס אין שלים־מזלדיקן טאָג. ווייזט אויס אַז ניין!

שוין שטייענדיק ביי דער טיר קומט אונז אָן אַקעגן מיין שיפס־ברודער ה' אַברהם דיקענשטיין און זייַן פרוי. זיי זייַנען היינט אויך ארויסגעפאָרן „אין וועג אַריין". זיי פאָרן מיט זייערן אַ פלימעניק און פלימעניצע און מיט אַ אייגענעם אויטאָ. זיי וועלן פאָרן ביזן נגב. ביז מפלסים. פאַראַן פּאַר אונז פּלעצער אין אויטאָ.

אונזער פרייד איז איין לשער. מיר פאָרן שוין אין די קיבוצים און אַזוי אומגעריכט.

ער שטעלט אונז פאָר זיינע קרובים. אַ סברא מיט אַ סברא'כע. ער — הייסט מאָטקע. זי — הייסט חנה'לע. האַרציקע וואוילע קינדער. ער מאָטקע, האָט זיך אונז דערנאָך... איינגעבאַקן אין האַרצן מיט זייַן... ארץ ישראל'קייט, מיט זייַן אינטעליגענץ און פעאיקייט. ער איז אַ וויכטיקער פקיד אין דער „צענטראַלע" וואו מען מאַכט רערן פאַר דער וואַסער־לייטונג פון גאַנץ ארץ ישראל. זייַן אַרבעט איז גאָר גאָר אַ פאַראַנטוואָרטלעכע!... זייַן געהאַלט? — אַ סך ווייניקער וויפל ביי אונז נעמט דער... הויז־היטער אָדער די ווינדע־פירער פון דער קהילה!...

אין ישראל איז אַזוי: וואָס מער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און וואָס ווייניקער געהאַלט! און — מען איז צופרידן! מען קלאָגט זיך ניט! „אין דבר!"

מיר פאָרן אויפן וועג צו מגדל אשקלון. ניט ווייט פון דאָרט געפינט זיך די וויכטיקסטע פאַבריק פון אָט די רערן. באַלד, ביים טויער וואו סאָלדאַטן מיט ביקסן האַלטן וואַך, האָב איך דערזען, אַז אונזער מאָטקע איז ניט אַבי ווער. ווי נאָר מען האָט אים דערזען, האָט מען באַלד געעפנט טיר און טויער פאַר אונז, און מיר האָבן אָנגעהויבן שפּאַנען צווישן רערן...

די פאַבריק פאַרמאָגט מאַשינען פון לעצטן מאָדעל. וואַסער און

רערן פּאָר וואַסער, איז אין ישראל וויכטיקער און בילכער ווי נאַפט אפילו! דאָס גאַנצע לעבן איז אָפּהענגיק פון וואַסער, און אויב פון'ם נגב איז שוין געוואָרן אַ שטיקל „לייט", איז אַדאַנק דעם וואַסער וואָס מען „שיקט" אַהין און אַ דאַנק אָט די רערן וואָס מען מאַכט דאָ, און דורך וועלכע דאָס וואַסער פליסט.

די וואַסער־רערן זיינען אומגעהויער גרויס. פּאַראַן אַזעלכע, וואו אַ הויכער מענטש קאָן שטיין אינעווייניק און זיך ניט דאַרפן אָנבויגן... פּאַראַן אַזעלכע, וואָס אַ גרויסער „קאַמיאָן" קאָן בלויז פירן איין רער און דאָס קוים!...

אָט דאָס אַלץ ווערט געמאַכט מיט אידישע הענט, מיט אידישע ענערגיע און מיט... אַמעריקאַנער מאַשינען און מיט אידיש געלט פון די אַמעריקעס.

פרעגט זשע איינעם פון די אויסוואורפן פון משה סנה'ס חדר וועט ער אייך זאָגן אַז... מען דאַרף מיט אַמעריקע איבעררייסן, מען דאַרף ווענדן די אויגן צו רוסלאַנד! וואָס וועט רוסלאַנד שיקן קיין ישראל? אַ סך רוסישע ביכער מיט וועלכע ישראל איז פאַרפּלייצט און אַ סך... קאָמוניסטישע אַגיטאַטאָרם!

מיר פאָרן אַריין אין שטעטל וואָס געפינט זיך אין שכנות פון דער פאַבריק. דאָס שטעטל — ווי אַלע שטעטלעך הויבט זיך אָן מיט... גזוז־קליוטלעך, פרוכט און גרינסן און אַ פּאָר „ערנסטע" געשעפטן. צווישן זיי — אַ שניידער געשעפט פון אונזערס אַן אַרגענטינער, דאָרט וואוינט איינער פון די אָנגעזעענסטע פועלי ציון טוער פון סאַנטאַ־פע יונה קריטשיק. אין חוץ לארץ, איז אים אפשר געווען בעסער. זיין אייגן הויז אין סאַנטע־פע, אַ סך גראַמער ווי זיין „שיכון" ערגעץ אין אויסרייסעניש און וואָס באַשטייט פון איין צימער. אָבער, אי ער, אי זיין פרוי זיינען גליקלעך. איבערגליקלעך. מען האָט שוין אייניקלעך „סאַברעס" און די קינדער — אין אַ קיבוץ. און ווידער דאָס זעלבע: לחם יש! מים יש! ברוך השם!...

אין אָט דעם שטעטל האָבן אַרגענטינער אידן נאָך אַ חלק. פּאַראַן דאָרט אַ „קופת חולים", איינער פון די וויכטיקסטע אין יענעם געגנט. דער אָנפירער פון דער אַפּטייק, איז אַן אַרגענטינער יונגערמאַן שלמה באַרק — דער זון פון שמחה באַרק ע"ה. אַ שאָד וואָס דער פאָטער האָט

ניט דערלעבט צו אַזאַ נחת! אויך אַ שאָד, וואָס אָט דער באַרק וועט, אפשר, מוזן צוריק אַרויספאָרן אין חוץ לארץ. פון דער באַפרייאונגס-מילחמה איז ער אַרוים מיט אַ... צעבראָכענער פלייצע און ער וועט מוזן צוריקקומען זיך היילן... זיין „סאַברעלע" וועט אים אָבער שלעפּן צוריק אין זיין „מולדת"...

נאָענט צום שטעטל האָט די „סוכנות" (אידישע אַגענטור) אויסגעבויט אַ גאַנצע רייע — טאַקע אַ פּאָר הונדערט — נייע, צוויי-גאָרנדיקע „שיכונים". טויזנטער נייע עולים וואוינען שוין דאָרט. מען דאַרף צאָלן „דירה געלט". די גרעסטע טייל — צאָלן ניט! אַרויסוואַרפן דערפאַר — האָט מען נאָך קיינעם ניט!... די „שיכונים", אָן און פאַר זיך, זיינען געבויט שטאַרק... פאַרטאַטשעס, אָן שום טאָלק און באַקוועמלעכקייט. אָן שום אָרדענונג און פּיעטעט. וואָלט זיי געבויט די הסתדרות, וואָלטן די „שיכונים" געבויט געוואָרן פאַר פּאַרטיי-לייט, וואָלטן זיי געהאַט אַן אַנדער פּנים... אָבער, בשעת הדחק — זיינען אַזעלכע שיכונים, דער טרוים פון הונדערטער מענטשן וואָס וואוינען אין... „צריפים" אָדער מעברות!..

פאָרן פאַרלאָזן אָט די געגנט, פירט אונז מאָטקע ווייזן נאָך אַ פּלאַץ. דאָס איז דאָס אָרט, וואָס לויטן תנ"ך האָט שמשון הגבור דאָרט מילחמה געהאַלטן מיט די פלישתים. דאָס איז דאָס פּלאַץ וואו ער האָט געפּאַקט דריי הונדערט פוקסן צענויפגעבונדן זייערע „עקן" איינער צום אַנדערן, אַריינגעלייגט ברענענדיקע פאַקלען אין די צענויפגעבונדענע עקן און זיי אַריינגעלאָזט אין די פעלדער פון די פלישתים, סאַמע אין דער צייט ווען די תבואה איז געווען הויך, און זיי האָבן זיי אינגאַנצן פאַרברענט.

און — ניט בלויז אַ געשיכטע-פּלאַץ זיינען מיר צוגעפאָרן זען! מיר קומען אויך צו צום ברעג ים, וואו עס איז פאַרגעקומען אַ שלאַכט מיט מצרישע אַריינדרינגער וועלכע האָבן געוואָלט אַנפאַלן „אונטנאַרום". אין דער זייט שטייט אַ געביידע וואָס די ענגלענדער האָבן גענוצט פאַר זייערע סאָלדאַטן, אין דער געביידע געפינען זיך איצט אידיש חייל. פון אָט דער געביידע, האָט מען טאַקע דעמאָלט — בעת דער מילחמה — זיך פאַרטיידיקט.

זוכנדיק אין זאַמד, געפינען מיר נאָך ליידיקע „קאַפּסולן" פון רעוואָלווער ביקסן. איך נעם מיט איינעם פאַר זכרון.

די צייט שטייט ניט! מען דאַרף פאָרן ווייטער!

דער וועג פון „מגדל אַשכלון" פירט אונז קיין „יד מרדכי"! דאָס איז דער ערשטער קיבוץ וואָס מיר וועלן זען. מיר „לאָזן זיך אַראָפּ" צום נגב.

ווען מאָטקע האָט אונז געמעלדעט אַז מיר לאָזן זיך אויפן וועג פון נגב, האָט דאָס האַרץ אַ ציטער געטאָן! נגב! אַ קלייניקייט דאָס וואָרט „נ־ג־ב". וויפל אידיש בלוט איז דאָרט פאַרגאָסן געוואָרן? וויפל מי, שוויים און אַרבעט, האָט די אידישע יוגנט דאָרט אוועקגעלייגט? וויפל האָפענונג האָט דאָס אידישע פאָלק געלייגט און לייגן ערשט איצט אויפן נגב! און לסוף וויפל פאַרדרוס האָבן מיר געהאַט, ווען די „און" האָט אָנגענומען אַ באַשלוס אַז... דער נגב דאַרף געהערן צו די אַראַבער!

איצט לאָזן מיר זיך באַלד אַראָפּ אין נגב אַריין. פריער וועלן מיר אָנקוקן דעם שיינעם, שוין אַלטן קיבוץ „יד מרדכי". דאָס הייסט דער קיבוץ אָפן נאָמען פון באַוואוסטן געטאָ־קעמפער מרדכי אַנילעוויטש ע"ה. ביים אָנקומען אין קבוץ, און נאָך, עס עט וועט — זעט מען שוין די גרויסע סטאַטוע פון דעם אידישן העלד וואָס שטייט דאָרט, אויבן אויף אַ באַרג, און האַלט אַ האַנט־גראַנאַט אין דער האַנט — פונקט, ווי דאַן, אין געטאָ, ווען ער האָט געקעמפט קעגן די רוצחים — די היטלעריסטן ימח שמם. נעבען דער סטאַטוע פון גבור, שטייט אַ צווייטע „סטאַטוע" אַ זכר פון דער באַפרייאונגס־מילחמה. עס שטייט איינגעבויגן און דורכ־געלעכערט דער רייזיקער צעמענטענער טאַנק פון וואַסער, וועלכן די אַראַבער האָבן מיטן פייער פון זייער אַרטילעריע און טאַנקן צעשע־דיקט. זיי זיינען שוין געווען נעבן דעם טויער פון קיבוץ. וויניקער ווי הונדערט מעטער פון דער ערשטער געביידע פון קיבוץ. די אידישע גבורה האָט זיי באַזיגט! אידישע בחורים, מיט ליידיקע הענט, מיט פלע־שער ברענענדן נאַפט, האָט זיי צוריקגעטריבן. און, ווען די אַראַבער האָבן זיך עטוואָס אָנגעהויבן צוריקציען — איז שוין געוואָרן לייכטער! האָט מען שוין געהאַט געוועהר — טאַקע זייער אייגן געווער וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט אויפן שלאַכט־פעלד ביי דער זייט פון זייערע... פגרים!

„יד מרדכי" האָט זיך, לסוף, געמוזט אונטערגעבן און איז אָקופירט געוואָרן פון די מצרים. נאָכן אונטערשרייבן דעם וואָפנשטילשטאַנד, איז „יד מרדכי" געוואָרן צוריק אידיש־לאַנד.

„יד מרדכי" געפינט זיך האַרט נעבן דער גרענעץ מיט די מצרים,

אָבער איצט איז דאָס שוין אַן אַנדער „יד מרדכי״! איצט וועט זיין ווי דעם שונא וואָס וועט זיי אָנגרייפן !...

מיר לאָזן זיך אַראָפּ פון באַרג אין קיבוץ אַריין. אַזוי ווי עס איז דער ערשטער קיבוץ וואָס מיר באַזוכן, האָבן מיר געמיינט, אַז ווי נאָר מען קומט צופאָרן אין קיבוץ, אַזוי קומט מען צו צו אייך, מען גיט אייך אָפּ אַ ברייטן „שלום עליכם״ און מען פאַרבעט אייך... צום טיש. אגב אורחא: מיר זיינען געקומען מיטיק-צייט און — אַ ביסעלע הונגעריק אויך...

אַביסל אַנטוישט בין איך געוואָרן, ווען... איך האָב באַמערקט, אַז קיינער קומט צו אונז ניט צו. מען זעט אַ גרופּע פון זעקס מענטשן זיך אַרומדרייען און קיינער גייט ניט צו פרעגן: מה שמך?... נאָך מער, אין קיבוץ „יד מרדכי״ זיינען פאַראַן אַ סך לאַטיין-אַמעריקאַנער און אַ גרויסער טייל פון זיי אַרגענטינער, און, אַמ זעט מען אונז, מען דערקענט, דוכט מיר, אַז מיר זיינען אַרגענטינער — און קיינער קומט צו אונז ניט צו!...

מיר האָבן געמוזט טאָן דאָס, וואָס מחמד האָט געטאָן ווען ער האָט געזען אַז דער באַרג קומט ניט צו אים!... מיר זיינען אַריינגעקומען אין עס-זאַל, געפרעגט (אַלץ מאַמקע!) צי מען קאָן דאָ אָפּעסן? און —

מיר זיצן שוין ביים טיש און עסן דעם ערשטן קיבוץ-מיטיק. היי־מיש געבאַקן ברויט. אַ געדעכטן סופּ. אַ סך קרויט און בוריקעס און אַ טעלער לאָקשן. דאָס איז געווען יעדערנס מיטיק און אונזער מיטיק אויך.

הינטער אונז זיצט אַ גרופּע יונגוואַרג וואָס עסט און... רעדט! מען רעדט שפּאַניש (!) מען רעדט עברית אויך! אָבער — מער שפּאַ־ניש. איך האָב באַקומען אַ חשד אַז דאָס וויל מען ניט פאַרגעסן די „מו־טער-שפּראַך״ על כל צרה שלא תבוא...

נאָכן מיטיק פאַרפירן מיר אַ שמועס מיט אַ פּאָר חברה. צי איז מען צופרידן?

— יאָ!

צי איז מען גליקלעך מיט דער לאַגע?

— געוויס!

—וואָס זאָל מען זאָגן די עלטערן אין דער היים?

— זיי זאָלן קומען וואָס שנעלער!

— ווי קומט עס וואָס זיי שענקען אַזוי ווייניק אויפמערקזאַמקייט די אורחים וואָס קומען אָנקוקן דעם קיבוץ?

— אַזאַ געוואוינהייט דאָ! נישטאָ קיין אינטערעס צו אַטענדירן פרעמדע אורחים! ווען עס קומען די אייגענע, די פירער פון „צענטער", פון תל אביב, דאַן, קומט מען זיך צוזאַמען און מען מאַכט זיי אַן אויפנאַמע?

דער קיבוץ „יד מרדכי" איז פון „השומר הצעיר" פון רעכטן פליגל. די פאַר לינקע, די פאַר „סנה"-מענטשן וואָס זיינען דאָ געווען — זיינען אַוועק פון דאַנען.

דער קיבוץ פאַרמאָגט אַ פיינע עלעקטרישע סטאַנציע, פאַרמאָגט אַ גוט איינגעאָרדנטעווירטשאַפט. מילך, אייער, פעלט דאָ ניט! מען פאַרנוצט אַליין און דאָס איבעריקע פירט מען קיין תל אביב צו דער „תנובה".

די „תנובה" — דאָס איז דאָס פּאָפּולערסטע וואָרט אין ישראל. דאָס איז אַן אָפּטיילונג פון הסתדרות וואָס נעמט אָפּ די מילך-פּראָדוקציע, מאַכט דערפון... מילך, פּוטער, סמעטענע און פאַרקויפט עס דער באַפעלקערונג. די מילך ווערט „פּאַפּראַוועט" מיט פּודער-מילך וואָס ווערט געבראַכט פון... אַמעריקע, און עס סטייעט פאַר דער גאַנצער באַפעלקערונג! פאַראַן אַ סך וואָס האַלטן אַז די תנובה מאַכט פון דער מילך — פּוטער. זי נעמט, אָבער, פריער אַראָפּ זיך... די „סמעטענע". די „תנובה" איז ביי איטלעכן אין מויל און ניט שטענדיק צו גוטן! אַלע, פּאָזיטיוו, אַלע, געבן אָבער צו, אַז ווען ניט די תנובה, ווען די מילך פון אַלע קיבוצים זאָלן אַריינפאַלן אין פּריוואַטע הענט, וואָלט מען זיך צו קיין ביסל מילך און צו אַ שטיקל פּוטער — ניט דערשלאָגן...

מיר זיינען אַרויסגעפאָרן פון „יד מרדכי". די אַרגענטינער חברה האָבן אונז פאַרגעסן... מיטגעבן אַ גרוס זייערע טאַטע-מאַמע. זאָל עס זיין אַבזיכטלעך? איז מען ברוגז אויף טאַטע-מאַמע וואָס זיצן דאָ און טרינקען מאַטע, עסן אַסאַדאָ און זיי, דאָרט, דאַרפן אַזוי פיל אַרבעטן און זיך באַנוגענען מיט אַזוי ווייניק? אָדער אפשר איז דאָס פּשוט... נאַכלעסיקייט?

שפּעטער האָב איך זיך געשאָפן גאָר אַן אַנדער באַגריף...
מיר פאָרן אויפן וועגן קיין „מפלסים"!

— — — — — — — — — — — — —

דאָס וואָרט „מפלסים" איז אַ מאָגנעט פאַר אַרגענטינער און אורוגווייער אידן. דער קיבוץ „מפלסים" איז געווען דער ערשטער וואָס

די אַרגענטינער און אורוגווייער אידן האָבן אויפגעשטעלט אין ישראל. איצט, זיינען פאַראַן נאָך עטלעכע קיבוצים אָבער — „מפלסים”, אַלס ערשטער און אַלס דער וויטסטער אין נגב, איז באַ אונז „געפעסטשעט”. אַן אַרגענטינער איד וואָס איז געפאָרן קיין ישראל און איז אין „מפל-סים” ניט געוועזן — איז... אין ישראל ניט געווען!

איידער מיר קומען קיין מפלסים האָבן מיר נאָך אַן איבעראַשונג. מאַטקע — אונזער וואוילער סברא'לע, פירט אונז צו אַ אָרט וואו בלויז יחידי סגולה קאָנען אהין צוקומען. דאָס איז אַן אָרט וואָס פאַרזאָרגט מיט וואַסער טויזנטער, צענער טויזנטער און הונדערטער טויזנטער דו-נאַם ישראל ערד. דאָרט, אין דעם דאָזיקן מקום, זיינען עס פאַראַן אַזעל-כע מאַשינען וואָס טרייבן דאָס וואַסער אַהין וואו מען נויטיקט זיך אין דעם.

ניט אַלע טוריסטן, ניט אַלע ישראל אידן קאָנען צוקומען צו אָט דעם געהיימניספולן פּלאַץ. ניט יעדער קאָן האָבן די זכיה אַז פאַר אים זאָלן זיך אויפעפענען די מיסטעריעזע טירן אונטער דער ערד און... מען זאָל דערזען אַ נייע וועלט פאַר זיך. ישראל געפינט זיך נאָך אין מילחמה-צושטאַנד, פאַראַן אַ סך שונאים אַרום און אַרום, און די גרע-נעץ? ווי וויט איז אומשטיינס געזאָגט? דאַרף מען זיין פּאַרזיכטיק. ווען מען גייט עמעצן ווייזן אַזאַ סטראַטעגישן לעבנס-סוד. מאַטקע פירט מיט זיך זיין פעטער און פירט אַ אידישן זשורנאַליסט פאַר וועמען... זיין פעטער גאַראַנטירט אַז ער וועט ניט איבערגעבן די אַראַבער וואָס ער זעט דאָ — נו! שטייען מיר נעבן אַ באַרג, עס עפנט זיך אַ מיסטעריעזער טויער, נאָכדעם ווי דער שומר אינעווייניק, הערט דעם „פּאַראָל-קלינג” און —

ניין! שרייבן וועגן דעם? ניט מען מעג, ניט די פאַנטאַזיע דער-לויבט עס. מען דאַרף עס זען מיט אייגענע אויגן. מען דאַרף זעען די אידישע אַרבעט, די אידישע אינטעליגענץ און אידישער לעבנס-ווילן. מען קאָן זיך, קוים, שאַפן אַ באַגריף וואָס ישראל האָט אָפּגעטאָן אין משך פון פינף יאָר עקזיסטענץ.

אָט דאָס וואָס מיר זעען איצט, וועט אויפלעבן אַ גרויסע טייל פון נגב. אַ ענלעכע זאַך געפינט זיך אין גליל און אויב מען וועט אינסטאַלירן נאָך אַזאַ „אונטערנעמונג” פון יענער זייט באר-שבע — וועט אַ גרויסע טייל פון ישראל ערד ווערן גרין ווי אין דער שווייץ...

ווען דער עלעקטראָטעכניק וואָס פירט אַן מיט אָט די ריזן-מאַשי-

נען (אלע געבראַכט פֿון נאָרד אַמעריקע...) האָט אונז באַגלייט צום אַרויסגאַנג, ווען מיר האָבן זיך געזעגנט מיטן זינגענדיקן ש-ל-ו-ם! האָט זיך מיר געגלוסט אים אַרומכאַפּן קושן! לפּחות — אַ קוש טאָן אים אין דער האַנט! מיין פרוי האָט איין אַרבעט! זי... ווישט די נאַסע אויגן! אַן אומגליק מיט איר! וואָס פאַר אַ נייעס, וואָס פאַר אַ שיינע זאַך, זי זעט אין ישראל — וויינט זי — פאַר פרייד!

— — — — — — — — — — — — — —

מפלסים שטייט ביים וועג! דאָס איז אַ גרויסע פּריווילעגיע פאַר אַ קיבוץ! דאָס וויל זאָגן, אַז מען קאָן אַהין צוקומען פון שטאָט, אַז עס גייט דאָרט דורך אויטאָבוסן און אַז דאָרט איז אַ „טראַפּיק", וואו מען קאָן אָפט זיך אַריבערכאַפּן מיט אַ פּריוואַטן אויטאָ אָדער לאַסט-קאַמיאָן. מפלסים געפינט זיך הארט ביי דער אַראַבישער גרענעץ אָבער, גיט אַזוי נאָענט צו די אַראַבער ווי די אַרגענטינער קיבוצים: גזית אָדער ספּעציעל — עין השלושה! דאָך, קוקט מען זיך אויף מפלסים מערער אום ווי אויף „עין השלושה" ווייל מפלסים איז... אַ מפּאַישער קיבוץ, דאָס הייסט, האָט צו וועמען צו רעדן, האָט אַן אַקטיווע פּאַרטיי אונטער זיך און „עין השלושה" איז פון „הנוער הציוני", ד. ה. געהער צו די אַלגעמיינע ציונים, צי אַט יענע אידן, וועלכע עס איז שווער אַ ריר צו טאָן!...

מיר זיינען אַריינגעפאָרן קיין מפלסים אַרום דריי אַזייגער נאָכמיטיק. אונזער אויטאָ איז געבליבן שטיין אין „מיטן גאַס" און מיר האָבן אָנגעהויבן זוכן... „באַקאַנטע". ערגעץ דאָ, און ערגעץ דאָרט, זיינען געזעסן אידן אויף די „גאַנעקעס" פון די „צריפים". איינער האָט אַריינגעקוקט אין אַ בלאַט. אַן אַנדערער איז גלאַט געזעסן און... געקוקט אויף אונז! אויפהויבן זיך. צוגיין גריסן, אַ פרעג טאָן וועמען מען זוכט?

— דאָס טוט קיינער ניט!

אפשר איז דאָ אַזוי דער מנהג?

פריינט דיקענשטיין גייט זוכן אַ באַקאַנט מיידל. ער האָט צו איר אַ גרוס פון די עלטערן. מאַטקע מיט זיין פרוי גייען... גלאַט איבערן קיבוץ, איבער די וועגן! איך האָב אַלץ האָפענונג אַז איינער פון די חברה וואָס דרייען זיך אַרום, וועלן אונז פרעגן ווער מיר זיינען? אפשר האָבן מיר אַ גרוס פון אַ טאַטן פון אַ מאַמען, פון אַ קרוב?

אַ שטיקל אינצידענט געשעט מיט מיר.

אַ „מויד" פון אַ יאָר דריי פיר און צוואַנציק, גייט דורך דורך אונז, גריסט זיך ניט. איך שטעל זי אָפּ, רעד צו איר שפּאַניש און פרעג זי צי זי איז פון אַרגענטינע. זי ענטפערט אַז יאָ! ד אָ ן גיב איך זי אַ פרעג:

— און די שלעכטע דערציאונג, פון ניט גריסן אַ מענטשן ווען ער קומט צו דיר, האָסטו געבראַכט פון אַרגענטינע אָדער דו האָסט זיך שוין דאָ אויסגעלערנט?...

די מויד ווערט אַביסל צעטומלט! אויף אַזאַ באַליידיקונג האָט זי זיך ניט געריכט! זי וויל עפּעס ענטפערן, זיך אָנהויבן אפשר קריגן, אויסטענה'ן — אָבער, זי קאָנטראָלירט זיך און לויפט אַוועק!..

אין אַ מינוט אַרום יאָגט זי אונז אָן. זי... אַנטשולדיקט זיך! זי איז געווען שטאַרק פאַרנעמען מיט אירע געדאַנקען האָט זי אונז ניט באַמערקט!... זי ווערט דערנאָך מיט אונז באַפריינדעט און שלאָגט פאָר צו גיין זוכן זייער מנהל...

אינצווישן קומט דיקענשטיין צוריק מיט דער פריילן וואָס ער האָט געזוכט. איך דערצייל איר פון מיין „אינצידענט". זי „באַרואיקט" מיך. מיר זיינען, ניט די ערשטע און ניט די לעצטע, אויף וועמען מען קוקט זיך ניט אום ווען מען קומט אָן. עס קומען אַהער אַ ל ע טאָג טוריסטן און „מען קאָן זיך מיט זיי ניט אָפּגעבן".

אָט די טעמע, האָבן מיר די זעלבע נאַכט, דיסקוטירט מיט חברים, שרייבער און קולטור עסקנים, ווען איך האָב זיי דערציילט פון דער „אויפנאַמע" אין מפלסים, און דעם תירוץ אַז „מען קאָן זיך ניט אָפּגעבן מיט די באַזוכער". זיי, מיינע חברים, די ישראלים, האָבן צוגעשטימט, אַז אַזוי איז דאָס! מען קאָן ניט פטר'ן קיין צייט פאַר די באַזוכער. איך — דער טוריסט — האָב געהאַלטן, אַז יעדער קיבוץ, פּונקט ווי ער האָט אַן „אחראי" (פאַראַנטוואָרטלעכן) ביי דער וואַסער, ביי דער עלעקטריציטעט, ביי די עופות און... חזירים, ביי דעם קאַמיאָן און פאַבריק, אַזוי מוז ער האָבן איינעם אָדער צוויי חברים, וואָס זייער אַרבעט זאָל זיין אויפנעמען געסט — אפילו ווען זיי קומען אַלע טאָג און... עטלעכע מאָל אין טאָג. איך האָב אָנגעוויזן אַז:

ערשטנס: — צו געסט — דערלייגט מען ניט! ספּעציעל אַזעלכע אָרעמע, אָנפאַנגס-קיבוצים וואָס נעמען זיך ערשט שטעלן אויף די פיס!

צווייטנס: — געסט קומען פון אַזאַ אויפנאַמע אַהיים פאַרביטערטע זיי ווערן ניט קיין גרויסע פּראָפּאַגאַנדירער, פון ישראל-מענטשן און יש־

ראַל־פּריינטלעכקייט בכלל, און פון די קיבוצים — בפרט. מילא — איך, און פּריינטאַ דיקענשטיין, וועלן אָט די „פּריינטלעכע” אויפנאַמע אין מפלסים — אַראָפּשלינגען. נאָך אַכט מענטשן וועלן דעם ניט שענקען קיין אויפמערקזאַמקייט! די איבעריקע נײַנציק — פון יעדער הונדערט, וואָס — קומען ניט גערופּענווייז מיט דעם „טיול” פון קרן קימת, נאָר דינגען אַן אויטאָ און פאָרן אָנקוקן די קיבוצים, ווען זיי ווערן אַזוי ווי אָפּגעשמיסן פון אַזאַ באַגעגעניש! זיי — ברענגען ניט קיין נוצן מיט זייער דערציילן ווי אַזוי מען נעמט אויף אין אַ קיבוץ!...

אַ צווייטע דיסקוסיע האָב איך געהאַט יענעם אויפדערנאַכט:

צו דאַרף מען, און צו מעג מען וועגן אָט דעם שרייבן?

מיינע חברים האָבן געהאַלטן אַז... חס וחלילה! עס וועט... מיר שאַפן שונאים, קעגנער! ד׳אָ, וויל מען ניט לײַדן ווען מען שרײַבט ניט בלויז גוטס! דאָ וויל מען ניט ליידן ווען מען קריטיקירט! צעוואָס דאַרף איך עס? און — אפשר קאָן עס טאַקע שעדיקן דעם קיבוץ? די קיבוצים!

איך, און צוזאַמען מיט מיר, מיין חבר ערנסט און זיין אינטעליגענטנע גברת רבקה — האָבן געהאַלטן... אַז מען דאַרף יאָ אַרויסברענגען פאַר דער עפנטלעכקייט אָט די באַנעמונג פון קיבוצים צו באַזוכער, צו „טוריסטן”. מען דאַרף געבן די פּראַקטישע קיבוצים־פירער אַ לעקציע אין גאַסטפריינטלעכקייט, ספּעציעל — צו די אידן פון חוץ לארץ! זיי האָבן אין קיבוץ פון אַלץ — אַ חוץ פון אָט דעם מין!...

איידער איך פאַרענדיק דאָס „קאַפּיטל מפלסים” — אַ פּאָר ווערטער וועגן דער גרינדונג פון אָט דעם ערשטן אַרגענטינער און טייל־וויַיז, זיד־אַמעריקאַנער — קיבוץ;

די איצטיקע „איינוואוינער” פון מפלסים האָבן דערגענצט זייער „הכשרה” אין עמק יזראעל. ווען זיי זיינען געקומען צום פּלאַץ וואו איצט שטייט „מפלסים” — איז דאָרט געווען בלויז שטיין און ווילדעניש. זייער ענטוזיאַזם און בכלל ליבע צום לאַנד, האָט זיי אונטערגעמונטערט און געהאָלפן ביי דער פאַרפעסטיקונג פון אָט דעם קיבוץ.

די ערשטע הילף האָבן זיי באַקומען פון קרן היסוד. געהערנדיק „פּאָליטיש” צו דער שיטה פון מפא״י, באַקומען זיי פון אָט דער גרופּירונג מער אָדער ווייניקער, אויפמערקזאַמקייט. ווען איר טרעפט זיך אין תל אביב, מיט אַ מפּא״י־טוער, איז דאָס ערשטע וואָס ער פרעגט אייך: איר זענט שוין געווען אין מפלסים? אויב ניט — איז ער גרייט

אייך פירן אַהין!... די איבעריקע זיד־אַמעריקאַנער קיבוצים, ווי למשל: עין השלשה, געש, סעד, יד מרדכי, כיסופים, ג ז י ת א. א. האָבן ניט אַזאַ מזל. אייניקע פון זיי געהערן צום „השומר הצעיר" און... זיי זיינען עלנט. האָבן ניט פון וועמען צו באַקומען גענוג הילף. דער השומר הצעיר איז פּאָליטיש־קראַנק און מאַטעריעל נאָך מער!...

אין דער צייט ווען מיר זיינען געווען אין ישׂראל האָט מפלסים געהאַט עטלעכע אינטערעסאַנטע געשעענישן!

אין איין זונטיק, האָט מען דאָרט געפּראַוועט... דריי חתונות מיט אַמאָל! אינ'ם ענין טהרת המשפחה — קאָן מען צו מפלסים קיין טענות ניט האָבן! אַז אַ בחור און בחורה פאַרליבן זיך און ווילן חתונה האָבן — גייט מען זיך ניט „צוזאַמענלעבן" — נאָר מען שטעלט אַ חופה און מען האָט חתונה! ער הייסט איר... מאַן — ניט איר חבר, און זי איז זיין ווייב — ניט חבר'טע...

צום באַדויערן! אין אַ סך קיבוצים פון „השומר הצעיר" הערשט ניט אָט דער סיסטעם...

אַ צווייטע איבערלעבעניש האָבן זיי געהאַט: — עס איז געקומען אַ דעלעגאַציע פון דער בוענאָס אײַרעסער קהילה, דער סעקרעטאַר ה' שלמה מרדכי גוטמאַן און קאַסיר ה' אַנטאָניאָ קליין, און מען האָט געלייגט אַ גרונטשטיין פאַר אַ „קולטור־הויז" אין מפלסים! ווען עס וועט קומען די רייע אַז אויך אין אַנדערע קיבוצים פון אַרגענטינער אידן זאָל מען בויען אַ קולטור־הויז? — ווער ווייסט! מעגלעך אַז בקרוב און מעגלעך, אַז קיינמאָל ניט! דאָס איז געווענדעט... וועלכע פּאַרטיי עס וועט באַהערשן דאָס אַרגענטינער אידיש געזעלשאַפטלעך לעבן!...

למען האמת! מען דאַרף ניט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט, ניט מפלסים און ניט די איבעריקע קיבוצים וואָס ליגן אויסגעלייגט אַרום די גרענעצן מיט די שונאים.

מפלסים, און נאָך מער — עין השלשה, ליגן האַרט ביי די גרענעצן. זייער ראָל איז זייער אַ וויכטיקע. זיי זיינען עס דער באַריער, וואָס וועט דאַרפן — חס וחלילה, ווען עס זאָל אויסברעכן אַ מילחמה מיט די אַראַבער — אָפּהאַלטן דעם שונא וויפל מעגלעך עס וועט זיין! די מיליטערישע פירער פון ישׂראל, האַלטן די קיבוצים ביי די גרענעצן, פאַר די בעסטע סטראַטעגישע פאַקטאָרן וועלכע קאָנען ברענגען די גרעסטע נוצן — ווען עס זאָל עפּעס געשען! אַלע איינוואוינער פון אָט די קיבוצים ביי די גרענעצן — אַלע איינוואוינער, מאַן און פרוי, אַלט און

יונג, ווערן געשולט צו קאָנען האַלטן אַ ביקס, אַ פּולעמיאָט און אַנדער געווער אין דער האַנט. יעדער קיבוץ איז באַוואָרנט אַז קיין געווער זאָל אים ניט פעלן! און ווען מען שטיצט אַזאַ קיבוץ ווי מפלסים אַדער עין השלשה אַדער אַנדער גרענעץ־קיבוץ — שטיצט מען דירעקט און אומ־דירעקט די זיכערקייט פון מדינת ישראל! ווען איך האָב, שפּעטער, גערעדט מיט מיליטער־מענטשן און מיט פּערזענלעכקייטן פון „משרד הבטחון" וועגן דער ראָל פון אָט די קיבוצים ביי דער גרענעץ — האָבן זיי געהאַט בלויז לויב־ווערטער פאַר די בראַווע חברה־לייט פון די דאָ־זיקע קיבוצים. אַ פּריינט פון זיכערקייט־מיניסטעריום, אַ באַוואוסטער שרייבער ראובן רובינשטיין, האָט געזאָגט:

אויף וואָס פאַראַ אויפן קענען מיטווירקן די גרענעץ־ישובים? גאַנץ פּשוט: זיי קענען פאַרהאַלטן די באַוועגונג פון שונא, זיי קענען שעדיקן זייערע קאָמוניקאַציע־וועגן, זיי קענען באַפאַלן דעם שונא פון הינטן א. א. וו. אַזוי אַרום קען אַפילו אַ קליינער ישוב, וואָס ציילט עטלעכע צענדליק משפחות, ווערן אַ פאַקטאָר אין קריג און אַפילו ווירקן אויפן גאַנג פון די וויטערדיקע מילחמה־אָפּעראַציעס אויף אַ דעצידירנדיקן אויפן. אַזעלכע פאַלן האָבן מיר שוין געזען בשעת אונזער באַפרייאונגס־מילחמה.

מדינת ישראל איז אַ קליינע מדינה. מיר פאַרמאָגן ניט קיין גרויסע שטחים, וואוהין אונזער אַרמיי זאָל קאָנען אָפּטרעטן פון דער גרענעץ, ביז עס וועט מאָביליזירט און אָרגאַניזירט ווערן דער הויפּט־כוח.

אין פאַל פון אַן אַנגריף וועלן מיר זיין געצוואונגען מיט אַלע כו־חות צו פאַרהאַלטן דעם שונא לעבן דער גרענעץ און אים נישט לאָזן אַריינדרינגען טיפער אויף אונזער טעריטאָריע. די גרענעץ־ישובים, וואָס געפינען זיך לענגאויס די גרענעצן, וועלן זיין איינער פון די וויכטיק־סטע פאַקטאָרן ביים דורכזעצן אָט די אויפגאַבע. זייערע איינוואוינער קענען זיך מאָביליזירן אין משך פון עטלעכע שעה און אַריינטרעטן באַלד אין קאַמף. אויך בירגער, וועלכע זיינען נישט מיליטער־פעאיק וועלן אין אַזאַ פאַל זיך קענען אַנשליסן צו דער שוץ־סיסטעם.

די מיליטערישע כוחות, וועלכע זיינען אָרגאַניזירט אין די דאָזיקע ישובים, וועלן האָבן אַן איבערגעוויכט לגבי דעם שונא דערמיט, וואָס זיי קאָנען גוט די סביבה, אָריענטירן זיך אין איר טאָג און נאַכט, ווייסן יעדן סטעזשקעלע און געדענקען, וואו ס'זיינען פאַראַן גוטע פּאָזיציעס און אויסבליק־פּונקטן. אַזעלכע פּאָזיציעס האָבן זיי שוין אָנגעגרייט פון

פריער. דער שטח איז גוט אויסגעמאָסטן, און זיי ווייסן ווי ווייט זייער פייער קאָן דערגרייכן.

אויב מען וויל אָפּשאַצן וואָס פאַר אַ ווערט עס האָבן אַזעלכע גרעניץ-ישובים ווי מפלסים, עין השלשה, גזית, יד מרדכי און אַנדערע, איז כדאי זיך צו באַקענען מיט דער געשיכטע פון קיבוץ ד ג נ י ה.

ווער האָט ניט געהערט ווי אַזוי דגניה אָדער נגבה האָבן זיך פאַרטיידיקט און האָבן געהאָלפן געווינען די מילחמה. אָט, הערט טאָקע ווי אַזוי דער זייער באַהאַוונטער זשורנאַליסט, איינער פון די אָנפירנדיקע פּערזענלעכקייטן פון משרד הבטחון (מיניסטעריום פון זיכערקייט) דערציילט.

אַגב, מיטן פריינט ראובן רובינשטיין האָב איך זיך באַפריינדעט און... זיך איינגעליבט אין דעם אויפן ווי אַזוי ער דערציילט וועגן י ע נ ע טעג:

ווער האָט ניט געהערט וועגן די באַשיצער פון ד ג נ י ה, וואָס בשעת דעם אָנגריף פון שונא אויפן עמק-הירדן האָבן זיי פאַרהאַלטן די באַוועגונג פון די סירישע טאַנקן מ מ ש א ו י פ ן ה ו י ף פ ו ן י ש ו ב און זיי האָבן דורך דעם געוואונען טייערע שעה'ן? ווייל פאַר דער צייט האָבן אונזערע רעגולערע אַרמיי-טיילן באַוויזן אָנצוקומען אויפן אָרט און אָפּשטויסן דאָס סירישע מיליטער. דער ערשטער מענטש, וואָס האָט געוואָרפן די ערשטע „מאָלאָטאָוו פלאַש" און האָט אָנגעצונדן אַ סירישן טאַנק, איז געווען איינער פון די אַלטע קבוצה-חברים. ער איז באַגאַנגען די דאָזיקע העלדישע טאַט ווייסנדיק, אַז ער באַשיצט ממש זיין אייגן הויז, פון וועלכן ער קען נישט אָפּטרעטן.

דאָס זעלביקע באַוואוסטזיין האָט אַריינגעגעבן מוט אין די הערצער פון די באַשיצער פון קיבוץ „נ ג ב ה", וואָס זיין נאָמען איז געוואָרן אַ סימבאָל אין דער באַפרייאונגס-מילחמה. דער קיבוץ „נגבה", וואָס געפינט זיך אויף אַ קרייץ-וועג אין נגב, האָט פאַרהאַלטן דעם פאָרויס-מאַרש פון מצרימשן מיליטער חדשים-לאַנג, ביז צבא הגנה לישראל האָט זיך באַוויזן צו אָרגאַניזירן און איז אַריבער אין אַ קאָנטער-אַטאַקע, וועלכע האָט געבראַכט דערצו, אַז די מילחמה האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויפן שונאס שטח און אונדזערע זעלנער זיינען דערגאַנגען ביז אל-עריש

מ'דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז די באַשיצער פון נגב צוזאַמען מיט די ישראל-זעלנער האָבן געציילט נישט מער ווי עטלעכע הונדערט מאַן. אונזער באַוואָפענונג איז דאַן געווען אַ געגוג נעבעכדיקע, און דאָך זיינען

זיי געשטאַנען אין קאַמף קעגן טויזנטער עגיפּטישע זעלנער, באַוואָפנטע מיט אַרמאַטן און פּאַנצער־כוחות און אַעראָפּלאַנען. אַלע בנינים פון „נגבה" זיינען חרוב געוואָרן. נישט געבליבן קיין איין גאַנץ הויז! אָבער די מוטיקע קעמפער האָבן זיך איינגעגראָבן אין די שוץ־גראָבנס און געשניטן דעם שונא אין די הונדערטער, ביז צבא הגנה לישראל האָט באַוויזן אָנצוגרייפן דאָס מצרישע מיליטער און האָט באַפרייט נגבה פון דער באַלאַגערונג.

איך האָב זיך, אַבזיכטלעך, אָפּגעשטעלט עטוואָס לענגער איבער דער געשיכטע פון מפלסים און די גרענעץ־קיבוצים, כדי, אַרויסצובריינ־גען דעם פאַקט, אַז אָט די קיבוצים, זיינען דער וויכטיקסטער נערוו פאַרן קיום פון מדינת ישראל און פאַר זייער זיכערקייט! מפלסים, ווי אַנדערע קיבוצים, האָבן „טעכנישע" חסרונות, זיינען ניט איבעריק פריינטלעך צו באַזוכער אָדער טוריסטן, נו! דאַרף מען זיי מוחל זיין! זיי ווערן, מיט דער צייט, ענדערן זייער „טאַקטיק". מיר — אַלע אידן פון חוץ לארץ, דאַרפן זיי שטיצן און העלפן וואַקסן! ניט ירושלים, ניט תל אביב, ניט חיפה, וועלן קאָנען עקזיסטירן אָן גרויסע שטאַרקע און אַנטוויקלטע קיבוצים, ווי מפלסים, גזית, עין השלשה א. א...

— — — — — — — — — — — — —

פון מפלסים איז אונזער וועג געווען טאַקע דורך דעם דאָזיקן קיבוץ „נגבה". אין דער געשיכטע פון דער באַפרייאונגס־מילחמה וועט „נג־בה" זיכער פאַרנעמען אַן אָנגעזען פלאַץ. „נגבה" — עטלעכע יונגע חברה, האָבן אויפגעהאַלטן דעם מצרי וועלכע האָט געגאָסן, ממש, מיט פייער.

ניט ווייט פון „נגבה" געפינט זיך אַ הויז וואָס האָט געדינט ביי די ענגלענדער פאַר אַ קאַזאַרמע, איז דאָס הויז דורך און דורך געלעכערט פון אַלע זייטן. ניטאָ קיין פינף סענטימעטער אין די ווענט וואו עס זאָל ניט זיין קיין סימן פון אַ קויל! די מצרים האָבן דאָ געהאַט אַ גרוי־סע מפלה. אין „נגבה" — אַ קיבוץ פון השומר הצעיר — זיינען מיר גע־שטאַנען בלויז מינוטן! מיר פאָרן שוין אַהיים. מיר ווילן נאָך אָנקוקן גדרה, רחובות און נס ציונה! די דאָזיקע לעצטע „קאָלאָניע" איז אַמאָל געווען רייך אין פּרדסים. אַ ביסל וויין פון נס ציונה האָט מען געטרינקען בלויז אין די רייכע הייזער פון גלות. ווי אַזוי זעט היינט אויס נס ציונה?...

דער וועג אַהיים וואָלט אפשר ניט געווען אַזוי פריילעך ווען ניט דאָס פּאָרל סאברעס — מאַטקע מיט זיין פרוי וועלכע זינגען פאַר אונז, העברעאישע, אידישע און... רוסישע לידער! זיי פאַרשטייען ניט קיין וואָרט וואָס זיי זינגען, אָבער זיי זינגען אַזוי שיין רוסיש, אַז קיינער וואָלט ניט געגלויבט, אַז דאָס איז „אַרטיפיציאַל".

ווען מיר זיינען געקומען קיין גדרה, זיינען מיר שוין געווען עטוואָס מיד פון טאָג. אַ טרונק — שאַדט ניט! בפרט נאָך, ווען פאַר דיינע אויגן שטייט אַזאַ שיין „געשעפט" ווי... אַ קיאָסק מיט גזוז!

מען זעצט זיך ביי — ניט איבעריק ריינע — טישלעך. מען טרינקט „קאַווע מיט מילך" און „גזוז". מען באַטראַכט אַלץ די לעבער וואָס די שיסערייען האָבן — אין יענער צייט — אָנגעמאַכט. גדרה, האָט פאַר די פינף יאָר גאַרניט פּראָגרעסירט, דערציילט מיר מאַטקע. פאַראַן אַ סך שטעטלעך אַזעלכע, צו וועמען דער פּראָגרעס האָט זיך ניט צוגע־קלעפּט! דערפאַר, אָבער, ווען מיר זיינען אַריינגעפאָרן קיין רחובות — האָבן מיר געטראָפן אַ שיינע מאָדערנע אידישע שטאָט! עפּעס האָבן מיר דאָך דאָ, דאָס טייערסטע וואָס מיר דאַרפן האָבן פאַר אונ־זער עקזיסטענץ — דעם וויצמאַן אינסטיטוט!

— — — — — — — — — — — —

ניט איינמאָל האָב איך באַמערקט, אַז הן איך, הן מיין פרוי, זיינען בבחינת... קליינע קינדערלעך, אַז וועלכעס שפּילצייג מען וויַיזט זיי לסוף — דערויף זאָגן זיי, אַז דאָס איז דאָס שענסטע!

וואָס פאַר אַ שטאָט, מושב אָדער קיבוץ מיר האָבן געזען אין יש־ראל, האָבן מיר געגלויבט אַז... דאָס איז דאָס שענסטע — ביז מיר האָבן ניט געזען קיין אַנדער מושב און ווידער געמיינט אַז דאָס איז דאָס שענסטע!

אָט זיינען מיר אַ פּאָר שעה אין רחובות. מיר שפּאַצירן איבער די גאַסן, איך — ווי מיין טבע איז — כאַפּ אַ שמועס מיט דעם און מיט יענעם. איך קויף סיגאַרעטן — און רעדט מיט דער פאַרקויפערקע. זי איז שוין פיר יאָר אין לאַנד און „פאַרדינט שטיקער גאָלד". אָט דאָס קליינע „קיאָסקעלע" האָט זי אָפּגעקויפט און געגעבן דריי טויזנט פונט דערפאַר. (35 טויזנט פעזעס).

וואו האָט זי גענעמען אַזאַ גרויסע סומע געלט?

אַביסל געבראַכט מיט זיך פון דייטשלאַנד... געווען דאָרט צוויי יאָר און איז ניט געזעסן ליידיק און אַביסל האָט געשיקט אַ שוועסטער פון אַמעריקע.

— צו האָט זי חשק צו פאָרן קיין אַמעריקע?

— חס וחלילה! וואָס איז' איר דאָ שלעכט? אירע צוויי קינדער זיינען אין קיבוץ און צוויי קינדער האָט זי מיט זיך און זיי וועלן אויך גיין שפּעטער אין קיבוץ!

— און איר מאַן וואָס טוט?

— זאָל ער שוין טאָן מיט די זייטן — זאָגט זי שוין אויף אידיש (ביז איצט האָבן מיר גערעדט אין עברית) ער איז געוואָרן אַ וואַגאַבונד, ליגט אין תל אביב, און זיין אַרבעט איז... ער ליגט אין יפו אין אַ קאַפע און שפּילט אַ גאַנצן טאָג אין קאָרטן!

אויף צו שפּילן אין קאָרטן אָדער דאָמינאָ, מוז מען פאָרן קיין יפו! אין גאַנץ ארץ ישראל, אין קיין שום קאַפע-הויז פון גאַנצן לאַנד, טרעפט מען ניט קיין שפּילער אין דאָמינאָ אָדער אין קאָרטן! בלויז, דאָרט, אין יפו, זיינען זיי פאַראַן אויף טריט און שריט!

רחובות איז אַנדערש פון אַנדערע שטעט אין ישראל, ניטאָ דאָרט אַזוי פיל גאַסן-בעטלער, ניטאָ דאָרט אַזוי פיל „סוחרים" פון „טשאָקאָלאַד", ניטאָ דאָרט אַזאַ „שוק שחור" (שווארצן מארק) ווי אין אַנדערע מקומות פון ישראל. ווייזט אויס, אַז דער גייסט פון דעם גרויסן אידן וואָס האָט דאָרט געוואוינט און פון זיין גרויסן ווערק וואָס ער האָט דאָרט אויפגעבויט — האָט דאָרט אַזאַ השפּעה!...

גיין אָנקוקן דעם וויצמאַן אינסטיטוט — איז שוין שפּעט! אָבער, מירן נאָך קומען אַהער. ווי קאָן מען זיין אין ישראל און ניט זען דעם וויצמאַן אינסטיטוט?

ניין! מיר ווייזט זיך אויס, אַז רחובות — איז אַנדערש פון אַנדערע שטעט אין ישראל.

29־טער אַפּריל:

איך באַקום אַ טעלעפאָנישע איינלאַדונג פון דער פאַרוואַלטונג פון ישראל-„אָרט", אַז איך זאָל פאָרן מיט זיי באַזוכן די „אָרט"-שולן און אינסטיטוציעס. אַזוי ווי אין מיין פּראָגראַם פון טעטיקייט אין ישראל, איז „אָרט" אַריינגערעכנט — נעם איך אָן די איינלאַדונג און באַשטים אויף שפּעטער מיט עטלעכע טעג דעם אַרויספאָר. דערוויל — וויל איך

האָבן... זייטיקע אינפאָרמעס וועגן „אָרט" אין ישראל. איך וויל זיך ניט פאַרלאָזן דערויף וואָס מען וועט מיר אָ פ י צ י ע ל ווייזן און דערציילן! אַזוי בין איך שוין!

איך הויב אָן רעדן מיט פריינט, מיט חברים און מיט צייטונגס־מענטשן וועגן דער „אָרט"-טעטיקייט אין לאַנד. איך האָב זייער פיינע גרוסן, אָבער — זיי גלייכן זיך ניט! אָט, דערציילט מיר איין חבר אַז דער „אָרט" פאַרמאָגט אַ סך שולעס אין לאַנד. אַ צווייטער דערציילט אַז די טעטיקייט פון „אָרט" איז בלויז אין תל אביב און יפו. אַ דריטער דערציילט גאָר, גאָר אַ „גוזמא", אַז דער „אָרט" פאַרמאָגט אַ נעץ פון די בעסטע פאַך־שולן איבערן גאַנצן לאַנד און ספּעציעל — אין די קיבוצים. איך זע אַרויס, אַז די ישראל־מענטשן ווייסן זייער ווייניק וועגן זייערע אינסטיטוציעס. ספּעציעל — וועגן יענע, וועלכע זיינען נאָך נייע. עס איז שוין ביי מיר קיין חדוש ניט. איך בין שוין צוגעוואוינט צו טרעפן ישראל־מענטשן וואָס וואוינט שוין אין לאַנד צענדליגער יאָרן און ווייטער פון פתח תקוה גאָר ניט געזען, און כמעט ניט געווען! נאָך מער! ער האָט גאָר קיין חשק ניט צו זיין! און אפשר איז ער טאַקע גערעכט! ער האָט ניט קיין צייט וועגן צו פאָרן אָנקוקן דאָס לאַנד! ווען ער אַרבעט ניט — „ז י צ ט" ער! אַז אַ ישראל־מענטשן זאָל האָבן ווייניקער ווי דריי „זיצ'ן" אַ וואָך — איז זייער זעלטן! מעג ער זיין אַ שרייבער אַ קולטור־טוער אָדער — אַ פּשוטער שניידער! ער גייט אויף „זיצונגען" פון פאַראיין אָדער פון... פּאַרטיי־קעמערל.

נאָך איידער איך בין אַרויסגעפאָרן אָנקוקן די „אָרט"-אינסטיטוציעס, האָב איך שוין געהאַט אַ פולשטענדיק בילד וועגן „אָרט" אין ישראל. פון צענויפגענעמענע ידעות, בין איך געוואוירע געוואָרן:

דער „אָרט" איז איינער פון די וויכטיקסטע און נוצלעכסטע אינסטיטוציעס אין ישראל. ווען ניט דער „אָרט" וואָלט די ישראל־רעגירונג און ישראל איינוואוינער, געהאַט אַ סך צו ליידן פון די 85 פּראָצענט נ יי ע עולים וואָס האָבן ניט געהאַט קיין שום פאַך אין דער האַנט ווען זיי זיינען געבראַכט געוואָרן קיין ישראל. אַ קלאָר בילד וועגן דער „אָרט"-טעטיקייט האָב איך געקראָגן אין דער „אָפּטיילונג פון צייטונגס־מענטשן ביי דער רעגירונג". די דאָזיקע אָפּטיילונג געפינט זיך אין תל אביב אין ריטס־האָטעל און איז באַזעצט מיט מענטשן וואָס קענען גוט דאָס פאַך, קענען גוט דאָס לאַנד און זיינען שטענדיק גרייט אייך צו העלפן מיט אַלץ און אַלעמען אָבער ספּעציעל מיט אינפאָרמאַציע.

ווען איך בין שפּעטער מיט עטלעכע טעג געקומען צום „אָרט" און אין מיין געשפּרעך מיטן אומדערמידלעכן דירעקטאָר פון דער אָרגאַני־זאַציע — דעם הער יעקב אליסקי, האָב איך אַרויסגעוויזן בקיאות אין דער טעטיקייט פון „אָרט" אין ישראל, האָט ער מיר באַלד געגעבן דעם ערן-טיטל; וואָס מען גיט אין ישראל:

„איר זענט אַ חברה-מאַן"!

און טאַקע. ווי אַזוי איז מען ניט קיין „חברה-מאַן", אַז איך ווייס שוין, דאָס דער „אָרט" פאַרמאָגט העכער פערציק — פאַך-שולן אין ישראל וועלכע ווערן פאַרעכנט אַלס אַ דריטל פון אַלע שולעס פון אָט דעם מין, און אַלס די בעסטע און פּראַקטישסטע פון לאַנד. ווי אַזוי זאָל ער מיר ניט געבן קיין „קאָמפּלימענט" אַז איך בין אַ „חברה-מאַן", ווען ער הערט אַז איך רעד צו אים וועגן די וויכטיגסטע מאַשינען און די בעסטע טעכניקער וואָס דער „אָרט" האָט מיטגעבראַכט קיין ישראל פון דייטשלאַנד ווען ער האָט דאָרט ליקווידירט זיין טעטיקייט און זיך איבערגעצויגן קיין ישראל.

נאָך איידער הער אליסקי גיט מיר אינפאָרמאַציע — די אָפיציע־לע אינפאָרמאַציע — ווייס איך שוין אַליין, אַז דער „אָרט" האָט פאַך־שולן אין די קיבוצים, אין עין חרוד, אין כפר אברהם און אַז די שענסטע שולע וואָס דער „אָרט" פאַרמאָגט אין ישראל, איז די שולע אין אַ ... ישיבה, אין פּתח תקוה, וואו די ישיבה בחורים לערנען זיך, ניט בלויז אַ בלאַט גמרא און אַ פּרק משניות — נאָר אַ פאַך צו קאָנען שפּעטער פאַרדינען אויפן לעבן. די ישיבה הייסט טאַקע „תורה ומלאכה" און די שולע פון „אָרט" דאָרט — איז די בעסטע פון יענער געגנט.

ווען איך בין שפּעטער אַרויסגעפאָרן מיט די „אָרט"-פאָרשטייער איבער די שולעס — בין איך שוין ניט געווען קיין „גרינער" און איך האָב געוואוסט וואָס צו בעטן אַז מען זאָל מיר ווייזן!

— — — — — — — — — — —

איך נוץ אויס דעם פרייען טאָג און פאָר באַזוכן צוויי ערטער. איך וויל זיין אין איינער פון די גרעסטע „מעברות" וואָס זיינען נאָענט פון תל אביב און דאָרט, דערנעבן, וועל איך אויך זיין אין איינער פון די שענסטע מושבים — אַ מין „חצי דאָרף, חצי שטעטל", וואָס געפינט זיך נאָענט פון לוד. דער דאָזיקער מושב הייסט: — „קרית ביאַליס־טאָק". דאָס האָבן די ביאַליסטאָקער אידן אין אַמעריקע גענעמען

און אויפגעבויט אַ פּרעכטיקע געגנט מיט שיינע הייזער און עס איבערגעגעבן די ביאַליסטאָקער לאַנדסלייט וואָס האָבן זיך געראַטעוועט און געקומען קיין ישראל. וועגן דעם דאָזיקן מושב דערציילט מען זיך אָן וואונדערלעכע זאַכן! די ביאַליסטאָקער פון אַמעריקע ווערן שטאַרק געלויבט פאַר אָט דעם מושב, אויף אַרגענטינער אידן פון ביאַליסטאָק — געזאָגט געוואָרן!...

מיר שפּאַצירן מיטן אויטאָ איבער דער „ביאַליסטאָקער שטאָט". עס וואוינען דאָרט נייע עולים וועלכע זיינען געבוירן געוואָרן אין אַ „זיידן העמדל" ווייל... זייער געבוירן־היים האָט געהייסן ביאַליסטאָק. אָט, דאָ, ווייסט מען, כמעט, ניט וואָס עס הייסט זיך וואַלגערן הינטער אַ פּאַלאַטקע אָדער אין אַ הילצערן־בלעכן קעסטל וואָס מען רופט „צריף" וואו מען ווערט פאַרברענט אום זומער און דערפרוירן אום ווינטער. דאָ, אין קרית ביאַליסטאָק זעט מען פריילעכע פּנימער פון גרויס און קליין, פון קינדערלעך וואָס האָבן אַ פּלאַץ וואו צו שלאָפן באַקוועם און וואו זיך... אויסבאָדן ווען מען דאַרף.

און, אָט, באַלד אין שכנות, פאָרן מיר אַריין אין אַ מעברה. דוכט זיך — פון בולגאַרישע אידן. די דאָזיקע „מעברה" איז שוין אַלט אַ פּאָר יאָר. אַ סך עולים האָבן זיך שוין איבערגעצויגן אין לייטישע וואוינונגען, אַ סך עולים האָפן, אַז גאָר אינגיכן וועלן זיי פון דאַנען אויסגעלייזט ווערן. האָפן! דאָס איז דאָס גרעסטע וואָרט אין ישראל! יעדער איינציקער דאָרט — האָפט! מען האָפט אויף בעסערע צייטן און מען האָפט אויף אַ בעסערע דירה!

די דאָזיקע מעברה, וועלכע געפינט זיך אין אַ גוטן סטראַטעגישן פּונקט צווישן לוד און תל אביב, האָט אַ גרויסע מעלה: — עס איז לייכט צום קריגן אַרבעט! מען איז נאָענט פון צוויי וויכטיקע אַרבעטסצענטערן און די מענטשן פון דער מעברה — ספּעציעל די בולגאַרישע אידן וואָס זיינען זייער אַרבעטסזאַם — האָבן ניט קיין דאַגה און מורא פאַר אַרבעטסלאָזיקייט! דערפאַר, אַז איר קומט אַריין אין זייערס אַ שטיבל, איז דאָרט שיין, ריין, ציכטיק, מען באַגעגנט אייך מיט אַ פריילעך פּנים, מען גרייט אייך אַ... ווייס טישטעכל און — אויב איר ווילט פאַרדינען אַ מצווה — טוט אַ טובה, זאָגט זיי ניט אָפּ און פאַרזוכט עפּעס פון טיש! נעמט אָן „אשכולית" (פּאָמעלאָ) נעמט אַ מאַראַנץ און עסט! זיי — די בולגאַרישע עולים פון דער מעברה, זיינען זייער גליקלעך ווען מען עסט עפּעס ביי זיי!

איינער פון די איינוואוינער פון דער בולגאַרישער מעברה האָט געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט! זיין אויסזען, זיינע גרויסע ברילן און דעם בוך וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט, האָט אים „פאָרגעשטעלט" אַז ער איז ניט קיין פשוטער „בולגאַר". איך האָב פאַרבונדן אַ שמועס מיט אים. ער רעדט עטלעכע שפראַכן און רוסיש קאָן ער פערפעקט. אין סאָפיא איז ער געווען אַ פראָפעסאָר פון פרעמדע שפראַכן אין דאָרטיקן אוניווערזיטעט. ער האָט פאַרלוירן זיין גאַנצע פאַמיליע אין דייטשלאַנד און ער איז שוין דאָ דריי יאָר. ער האָט דאָ געהאַט אַרבעט און ער איז געווען איינער פון די בעסטע באַאמטע אין אַ רעגירונגס-אינסטיטוציע. ער איז, אָבער, אַ אומקאָמפראָמיסלעכער שונא פון דייטשלאַנד און פון אַלץ וואָס שמעקט מיט עפעס דייטש! ווי נאָר ישראל האָט געשלאָסן דעם רעפאַראַציע-אָפמאַך, האָט ער רענונסירט פון זיין פאָסטן, גייט אַרום מעלאַנכאָליש, האָט קוים,קוים, וואָס צו עסן, האָט צו קיינעם קיין טענות ניט און... לייענט ביכער וועלכע ער קריגט אין אַ ביבליאָטעק! נעמען דיסקוטירן מיט אים איז איבעריק! דערמאָנט מען אים דעם נאָמען ד יי ט ש, ווערט ער אַן אַנדער מענטש! די אויגן שיסן מיט פייער און די הענט זיינע, זיינען גרייט דורם צו זיין!

און אפשר איז ע ר גערעכט?...

די מעברה פון די בולגאַרן, איז מער-וויניקער בעסער ווי אַנדערע וועלכע איך האָב שפעטער באַזוכט, אָבער, בלויז אונזערע אידישע שונאים זאָלן לעבן אין מעברות! דאָס שטיין אין אָטשערעד ווען מען דאַרף אָנצאַפן אַ ביסעלע וואַסער, דאָס וואַרטן אין דער רייע כדי צוצוקומען צום... בית הכיסא, דאָס ציטערן פאַר אַ רעגן, פאַר אַ היץ, פאַר קעלט און פאַר די שטורעמס-זאַמד וואָס דער ווינט ברענגט פון ים, דאָס פינצטערקייט באַנאַכט און דער אומעט בייטאָג — ווער פון אונזערע אידן וואָס קומען פון די זאַטע לענדער קאָן דאָס פאַרשטיין און באַנעמען?

צי איז די רעגירונג שולדיג אין זייער לאַגע?

חלילה וחס! די רעגירונג האָט געטאָן אַלץ וואָס זי איז געווען בכוח צו טאָן — זיי געבראַכט קיין ישראל! פאַראַן אין ישראל טויזנטער אידן „ותיקים" (אַלטע תושבים) וואָס האָבן טענות צו בן גוריונען הלמאי ער האָט פראָקלאַמירט דעם „קיבוץ גליות" — דאָס צונויפנעמען די אידן פון אַלע לענדער פון גלות און זיי ברענגען קיין ישראל! די דאָזיקע מענטשן פון די מעברות — זיינען דער פראָדוקט פון אָט דער פאָ-

ליטיק! וואָס וואָלט אָבער געוואָרן פון אַט די אידן און פון אַט די קינדערלעך וואָס דרייען זיך דאָ אַרום, ווען מען ברענגט זיי ניט קיין ישראל און מען לאָזט זיי אויפן „חסד" פון די איצטיקע מושלים פון יענע לענדער.

זיכער איז אויך, אַז בן גוריון האָט ניט געגלויבט אַז דאָס אידנטום פון חוץ לארץ וועט אַזוי ווייניק מיטהעלפן אין איינאָרדענען די דאָזיקע עולים. מען האָט זיך גערעכנט אויף גרויסע געלטער פון אַמעריקאַנער אידן וואָס וועלן שאַפן דאָרט פאַבריקאַציע און געבן די עולים אַרבעט און מען האָט זיך גערעכנט אויף גרויסע הילפס-געלטער פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג! ביידע זאַכן זיינען ניט געקומען אין אַ גענוגנדער צאָל...

אין קעגנזאַץ צו אַנדערע „מעברות" וואו די קאָמוניסטישע און השומר הצעירעשע פּראָפּאַגאַנדע האָט אַ געוויסע השפעה — איז די „מעברה" פון די בולגאַרישע עולים אַן אויסנאַם! מען האָט דאָרט פיינט די קאָמוניסטן און דעם קאָמוניזם ווי אַ שפּין! זיי האָבן פאַרזוכט דעם קאָמוניזם אויף די אייגענע פלייצעס און ווילן מער פון אים ניט הערן. איך האָב גערעדט מיט אַ סך פון זיי! און מערקווירדיק! זיי האָבן גאָר אַן אַנדער זאָרג: — זיי האָבן מורא אַז מען זאָל ניט... ליקווידירן זייער „מעברה" און זיי איבערפירן אין אַנדערע — מער סטראַטעגישע — פונקטן פון לאַנד, וואו עס איז נויטיק אַז דאָרט זאָל זיין אַ ישוב. די רעגירונג פון מדינת ישראל האָט ניט קיין אינטערעס אַז צווישן תל אביב און לוד אָדער חיפה, זאָל אויסוואַקסן נאָך אַ שטאָט. דאָס לאַנד נויטיקט זיך, אַז די באַפעלקערונג זאָל זיין צעשפּרייט איבער אַלע עקן — און ספּעציעל — ביי די גרענעצן פון גליל, נגב, א. א. רעדט מען איצט, אין דער „מעברה" פון די בולגאַרער אידן, אַז מען וועט זיי געבן „שיכונים" ערגעץ אין ווייטערע פונקטן פון לאַנד און... זיי דאגה'ן שוין וועגן דעם! אָבער — אין דבר! זיי וועלן גיין וואוהין מען וועט זיי הייסן! זיי זיינען שטאַרק דיסציפּלינירט און זיינען שטאַרק דאַנקבאַר דער מדינה וואָס האָט זיי אַרויסגענומען פון קאָמוניסטישן שטאָט און געבראַכט אין פרייען ארץ ישראל.

מיר פאָרן צוריק. אין קאָפּ באַמבלען זיך געדאַנקען:

די מעברה פון די בולגאַרישע אידן און דער מושב, די שטאָט, „קרית ביאַליסטאָק", ווער וועט עס ניט זאָגן אַז אַפילו צו געבוירן ווערן דאַרף מען האָבן מזל!...

און נאָך אין אַ פּלאַץ וויל איך היינט זיין!

ווען איר פאָרט מיט אייער אויטאָ נעבן לוד מוזט איר פאַרביי־פאָרן אַ אינטערעסאַנטנעם מושב. דאָס איז די ישיבה און די וואוינונגען פון די ליבאַוועטשער חסידים וועלכע האָבן זיך די ערשטע געראַטעוועט פון סאָוועטן־רוסלאַנד, געקומען קיין ישראל און דאָ אויפגעשטעלט אַ ישיבה פאַר זייערע קינדער. זיי האָבן דער ישיבה אַ נאָמען געגעבן: „ישיבה פליטי עולי רוסיא בארץ ישראל".

דאָס אַוועקשטעלן אין לוד אַ ישיבה — איז געווען אַ געשיכטלע־כער קאַפּריז. ווי באַוואוסט, איז לוד אַ היסטאָרישע שטאָט ביי אידן. נאָך אין די צייטן פון יהושע בן נון ווערט דערמאָנט די שטאָט לוד. שפּעטער איז לוד אויך באַרימט געווען אַלס גרויסער צענטער פון תורה. דאָס וואָרט לוד ווערט דערמאָנט אין דער גמרא אַלס מקום פון ישי־בות און אַלס זיץ־פּלאַץ פון גרויסע חכמים און תנאים...

די לעצטע יאָרן איז לוד געווען אַן אַראַבישער מקום — און דער עיקר אַן ענגלישער — וועלכע האָבן דאָרט אויפגעבויט אַ לופט־פעלד און וואָס קומט איצט אַזוי גוט צענוץ די אידן...

די ישיבה אין לוד דינט פאַר אַ מקום תורה ניט בלויז פאַר די קינ־דער פון ליובאַוויטשער חסידים — נאָר די גרעסטע טייל תלמידים פון דאָרט זיינען... קינדער פון תמנער עולים. פאַר זיי, פאַר די תמנער, איז אַזאַ ישיבה ווי אַנגעמאָסטן. אַזוי פיל יראת השם ווי זיי באַקומען אין די ישיבות פון ליובאַוויטשער רבין — קריגן זיי אין ערגעץ ניט. אַגב. אַחוץ די ישיבה אין לוד — פון די רוסישע אידן — האַלטן די ליו־באַוויטשער חסידים אויס נאָך אַ רייע ישיבות און תלמוד תורות. די באַרימסטע פון זיי זיינען:

אַ ישיבה אין דאָרף „ספריא" וועלכער הייסט אָפיציעל: כפר חב"ד, און פאָלגענדע מוסדות אין פאַרשידענע פונקטן פון לאַנד: די ישיבה „תורת אמת" אין ירושלים, צוויי ישיבות אין תל אביב, אַ ישיבה אין ראשון לציון און צוויי ישיבות אין לוד.

דאָס שענסטע פּלאַץ זייערס איז דער כפר חב"ד. עס איז שיין צו זען, ווי אידן קומען פון פעלד פאַרהאָרעוועטע און פאַרשמייעטע, וואַשן זיך אָפּ די הענט, מאַכן אַ מוציא און — מען גייט אַוועק אין קלויז אַריין און מען פאַרטיפט זיך איבער אַ בלאַט גמרא!...

קאָן עס אונזערע אידן אין חוץ לארץ פאַרשטיין? ווייזט אויס, אַז אויף די דאָזיקע ישיבות האָט מען געזאָגט: כי מציון תצא תורה!...

איך וועל עס אויסשרייען אין אַלע גאַסן! וויל מען קאָנען ארץ ישראל פון „אינעווייניק”, וויל מען זיך באַקאַנען מיט אַ סך פּראָבלעמען, מיטן לעבן און שאַפן, מיט די מעלות און חסרונות פון ישראל-לעבן, זאָל מען רעדן מיט די... שאַפערן!

אָט, די „אומה”, צו וועלכער מען האָט אַמערסטן טענות ווייל זיי „ראַבעווען” דעם טוריסט, פאַרדינען ביי אים מער מיט אַ פּאָר פּיאַס־טער ווי עס קומט זיי על פּי טאַריף, אָט די חברה שאַפערן, קאָנען אייך אָריענטירן בעסער ווי די בעסטע און פּעאיגסטע „מדריכים”. מיין רייזע מיטן שאָפער איבער די מעברות און מושבים באַווייזט עס מיר.

צוריק מיט עטלעכע טעג האָב איך געהאַט אַ שמועס, אַ דיסקוסיע און ממש אַ „היציקן” דיספּוט וועגן דער יוגנט אין ישראל. פון ערשטן טאָג אָן פון מיין קומען קיין ישראל האָב איך באַמערקט אַז:

דאָס שענסטע און דאָס בעסטע וואָס דאָס וועלט-אידנטום פאַרמאָגט איז — די ישראל-יוגנט!

גייענדיק איבער די תל אביבער גאַסן און זיך צוקוקנדיק צו דער יוגנט, האָט דאָס האַרץ געטאַנצט פאַר פרייד! אָט, די חברה, וועלן ממשיך זיין אונזער דור, אונזער קיום, אונזער עקזיסטענץ!

צו דער זעלבער צייט, האָב איך באַמערקט זאַכן, באַמערקט, זיטן ביי דער יוגנט, וועלכע האָבן פאַרוואָלקנט מיינע גרויסע הייסע האָפע־נונגען וואָס מען קאָן זיך ווינטשעווען אַז אויך אונזערע קינדער אין חוץ לארץ זאָלן אַזוי וואַקסן!...

ביי צענדליגער פאַלן, אין שטאָט און אויסער דער שטאָט, האָב איך באַמערקט אַז די יוגנט איז צופיל... זעלבסשטענדיק, צופיל אומ־אָפהענגיק און — מיט מיין גאַנצער פאַראַנטוואָרטלעכקייט זאָג איך עס — צופיל חוצפה'דיק קעגן די עלטערן בכלל און קעגן עלטערס פון זיך — בפרט.

אין אַ געשפּרעך מיט חברים און פריינט, האָב איך אַפילו איינמאָל זיך אויסגעדריקט פאָלגנדעס:

פאַראַן אין חוץ לארץ פייערדיקע אידישיסטן וואָס גלויבן אַז די אידישע געשיכטע און דאָס אידישע לעבן בכלל הויבט זיך אָן פון... מענדעלע, פרץ שלום עליכם ע"ה. דאָ ביי אייך, אין ישראל, מיינט די יוגנט, אַז ארץ ישראל האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1948 און אין בעס־טן פאַל — אין יענעם יאָר ווען מען האָט אָנגעהויבן קעמפן מיט די

ענגלענדער. אין אַלגעמיין — אַזוי פלעג איך טענה'ן — איז אייער יוגנט צופיל אונטער דער השפּעה פון די פּאַרטייען און פּאַרטיי־פירער און דערפאַר, קאָן אַמאָל קומען אַ צייט, אַז די טאַטעס זאָלן זיך אומקוקן אַז... זיי האָבן ניט קיין קינדער, אָדער וואָס נאָך ערגער: — עס קאָן קומען אַ צייט, ווען די ישראל־קינדער זאָלן וועלן אויסבויען פאַר זייערע עלטערן ... גרויסע מעברות, גרויסע כפר זקנים'ס און זיי דאַרט באַזעצן אַלס אומנוצלעכער עלעמענט פון דער מדינה...

פאָרנדיק איצט מיטן שאָפער פון דער מעברה און פון קרית ביאַליסטאָק, און האָבנדיק פאַר זיך אַ אינטעליגענטנעם חברה־מאַן, אַ בחור וואָס רעדט עטלעכע שפּראַכן — שפּאַניש אַריינגערעכנט, האָב איך מיט אים פּראָוואָצירט אַ שמועס וועגן דער ישראל־יוגנט! איך האָב געפּרואווט בײַ אים „אָנטאַפּן", וואָס איז זיין מיינונג, פאַרוואָס איז פאַראַן לעצטנס אַזויפיל פאַרברעכער צווישן דער יוגנט? פאַרוואָס זיינען פאַראַן אַזויפיל טעראָריסטן בײַ דער יוגנט? פאַרוואָס זעט מען אַזוי ווייניק אין ישראל, אַז טאַטע און זון, זאָלן צוזאַמען גיין שפּאַצירן, רעדן, פאַרברענגען און אַפילו — אַרבעטן אין איין געשעפט?

בײַ אונז, אין חוץ לארץ, איז אַ מיידל און אַפילו אַ אינגל ביז זיבעצן אָדער אַכצן יאָר — אַ שטוב־קינד. איז אונטער די עלטערנס השפּעה, אויב אַ מיידל — איז זי די מוטערס חבר'טע און אויב אַ בחור — איז ער דעם פאָטערס חבר. רעדט מיט אים, גייט מיט אים און העלפט אים אָפט, אָפט אין זיין אַרבעט! בכל אופן — ער איז צוגעבונדן צו די עלטערן וועלכע קאָנען אים אָדער איר, רעקאָמענדירן אָדער פאַרבאָטן דאָס און דאָס צו טאָן!

בײַ אייך, אין ישראל, איז דער בחור און דאָס מיידל פרעמד און אָפּגעפרעמדט פון די עלטערן! שטאַרק אָפּגעפרעמדט! איך רעדשוין ניט, אַז דער בחור גייט אָפט — שוין צו אָפט — אַוועק אין אַנדערע פּאָליטישע וועגן ווי זיין פאָטער, און אַפילו — אין אַ לאַגער וואָס באַטראַכט זיין פאָטער אַלס אַ שונא!...

מיין שאָפער הערט מיך אויס. שלאָגט ניט איבער. ווי האָט ער דערנאָך געזאָגט — ער האָט מיך געלאָזט זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן! ווען איך האָב געענדיקט, רופט ער זיך אָן:

איך לייקן עס ניט — און איך באַשטעטיק עס פולשטענדיק! מיר — דאָ אין ישראל, האַלטן, אַז דאָס וואָס די יוגנט איז ווייט פון די עלטערן — דאָס איז אַ מעלה! דערפאַר האָבן מיר אַ מדינה! ווען מיר

זאָלן געווען וואַרטן אַז די עלטערן זאָלן זיי הייסן קעמפן פאַר אַ מדי־נה — וואָלטן מיר נ אָ ך איצט געוואַרט! זיי — די עלטערן, וואַרטן דאָך אויף משיח׳ן!

וואָס איז שייך פאַרברעכנס פון יוגנט! עס איז אויך אמת! אָבער עס איז נאָרמאַל! אַבסאָלוט נאָרמאַל! אַזוי דאַרף זיין אַ מדינה! פאַר־ברעכער, פּראָסטיטוטקעס, גנבים, מערדער, דעגענערירטע, שווינדלער און אויסוואורפן! מיר, די יוגנט אונזערע, האָט אויסגעמעקט פון די תפילות דעם „לשנה הבאה בירושלים״, און וויל אויך אויסמעקן דעם „אתה בחרתנו מכל העמים!״

איך ווייס ניט צו איך זאָל באַדויערן אָדער זיין צופרידן. עס איז אָבער אַ פאַקט. אַ גרויסע טייל פון אונזער וועלטלעכע יוגנט, וואַקסט אָן אַ גלויבן אין... גאָט, אין עפּעס העכערס, און אָן דרך ארץ פאַר זיי. ווי זשע קאָנען זיי האָבן דרך ארץ פאַר... פשוטע עלטערן? אונזער יוגנט האָט אַ שולע וואָס הייסט... השומר הצעיר, אַ צווייטע שולע וואָס הייסט — מפ״ם און — עס זאָל אייך קיין בזיון ניט זיין — אַ דריטע שולע וואָס הייסט מפא״י און אויף אַלע דריי שולעס שטייט אָנגע־שריבן מיט גרויסע אותיות:

ל א ת כ ב ד את אביך ואת אמיך! עס שטייט דאָרט גוט אָנגע־שריבן אַז דאָס וויכטיקסטע איז די פּאַרטיי און דער עצה-געבער דיינער איז דער פּאַרטיי-מדריך! און — די יוגנט פאָלגט זיי! און ווען די פּאַר־טיי און פּאַרטיי-פירער האָבן געזאָגט: — גיי, כאַפּ ענגלישע אָפיצירן און שמיים זיי אָן — איז מען געגאַנגען! און ווען די פּאַרטיי-פירער האָבן געזאָגט: — בעט ניט קיין באַגנאַדיקונג און גיי צו דער תליה — איז מען געגאַנגען! און ווען די פּאַרטיי פירער האָבן געזאָגט: — גיי, האַלט מילחמה און שאַף אַ מדינה — איז מען געגאַנגען! איצט, קלויבט אייך אויס — וואָס איז בעסער: — כבוד אב ואם — אָדער אידישע מדי־נה נאָך צוויי טויזנט יאָר?...

דער אמת איז אויך. אונזער יוגנט איז איצט מבולבל! די מילחמה צווישן מפא״י-מפ״ם האָט צעשרויפט און צעטיילט אונזער יוגנט. מען רייסט זיך און מען בייסט זיך און ווער ווייסט צו וואָס עס וועט דער־גרייכן? סיידן, די נייע יוגנט-אָרגאַניזאַציע וועלכע איז ערשט ניט לאַנג געשאַפן געוואָרן און וואָס טראָגט דעם נאָמען „חוגי הרעים״ (קרייז פון פריינט) אָט די אָרגאַניזאַציע פון יוגנטלעכע, האָט זיך געשטעלט אַלס ציל אַרויסצוגעמען די יוגנט פון די פּאַרטיי-הענט און זיי מאַכן פאַר

זעלבשטענדיקע מענטשן. צו דער דאָזיקער פּאַרטיי, קענען געהערן בלויז אַזעלכע וואָס זיינען אין ערגעץ, אין קיין שום פּאַרטיי, ניט פאַר־רעגיסטרירט! דער ציל פון דער נייער פּאַרטיי איז:

„שטאַרקן דעם גייסט פון פריוואַליקייט ביי דער יוגנט, טיף פאַר־אינטערעסירן די יוגנט אין נאַציאָנאַלע, געזעלשאַפטלעכע און מענטשלעכע שטרעבונגען, איינפּלאַנצן אין אים פּיאָנערישקייט, און פּערזענלעכע מוסטערהאַפטיקייט".

די גרינדער פון אָט דער נייער פּאַרטיי, זיינען געווען אַכציק אינג־לעך און מיידלעך וועלכע זיינען פריער געווען פּאַרטיי־מיטגלידער אין פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס און האָבן זיך דאָרט אַנטוישט. זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט אַז די פּאַרטייען פרעסן אויף די יוגנט און נוצן זי בלויז אוים פאַר זייערע צוועקן.

דער שאָפער בלייבט אויף אַ מינוטקעלע שטיל און איך נוץ אוים די געלעגנהייט צו פרעגן:

— און איר דענקט אַז די פּאַרטיי וועט קאָנען עקזיסטירן?

— דער שאָפער ענטפערט ערנסט: — איך גלויב אַז ניין! די פּאַרטייען האָבן אין זייערע הענט אַ מאַגנעט וואָס טראָגט דעם נאָמען „פּרנסה". מיט אָט דעם מאַגנעט, איז שווער צו קעמפן!

— נו, און איר סימפּאַטיזירט מיט אָט דער נייער פּאַרטיי?

— יאָ! איך בין איינער פון די גרינדער! איך בין געווען ביים פייערלעכן אַקט, פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. מען האָט געזאָגט אויף אונז אַז מיר האָבן זיך משוגע געמאַכט, אַז מיר האָבן געטאַנצט ווי אינדיאַנער ביי אַ פייער, אַז מיר האָבן, אַפילו, זיך ניט אויפגעפירט מאָראַליש ווי עס דאַרף צו זיין! עס איז אַלץ אַ ליגן! מיר האָבן טאַקע געמאַכט אַ שותפותדיקע סעודה, געטאַנצט און פאַרבראַכט ביז טאָג, אָבער, מיר האָבן אויך ערנסט באַהאַנדלט די לאַגע, געהאַלטן קורצע רעדעס — ניט ווי די פּאַרטיי־מענטשן וואָס ווען זיי הויבן אָן רעדן — פאַרגעסן זיי צו ענדיקן און מיר האָבן זיך געשוואוירן אַריינ־ציען אונדזער יוגנט אין אונזער אָרגאַניזאַציע! זי באַפרייען פון פּאַר־טיי־איינפלוס און מאַכן פון זיי: — געטרייע בירגער פון גאַנץ יש־ראל, ניט בלויז פון זייער פּאַרטיי!...

אַ שאָד וואָס מיר זיינען שוין אין שטוב! איך וואָלט נאָך מיטן שאָ־פער געפאָרן און געפאָרן! זיינע פופצן פונט וואָס ער האָט מיך גע־קאָסט — האָט ער כשר פאַרדינט!

30־טער אַפּריל:

איך פאַרצייכן איצט אַ טאָג וואָס וועט מיר אייביק בלייבן אין זכרון. מיר זיינען געווען אין סדום!

סדום? עפּעס אַ קליינינקייט אַרויסרעדן דאָס וואָרט סדום! ווען איך בין אַלט געווען פיר יאָר האָב איך שוין דאָס וואָרט געהערט און — ווען הערט מען דען ניט דאָס וואָרט „סדום"? דאָס וואָרט „סדום" איז שטענדיק געווען געקניפּט און געבונדן מיט... שלעכטס, ביטערס, און טאַקע — מיט אַ קללה אויף די ליפּן! איך האָב אָנגעהויבן שעלטן סדום און די סדום מענטשן ווען איך האָב נאָר אָנגעהויבן צו לערנען חומש און בין געוואוירע געוואָרן, ווי אַזוי די סדום־מענטשן פלעגן אויפנעמען אַ גאַסט, ווי אַזוי זיי פלעגן אים אַריינלייגן אין אַ בעטל און אים „צו־פּאַסן" לויט דער גרויס פון בעטל!...

ווען מיר זיינען געקומען קיין ישראל, האָב איך געטראָפן אַלע טאָג נייע פּלאַקאַטן אויף די ווענט, אַז מען גרייט צו „טיולים" (שפּאַצירן) קיין סדום. אויך מיינע פריינט האָבן — פון ערשטן טאָג אָן — מיר גע־האַלטן אין איין איינרעדן, אַז איך זאָל ניט אַוועקפאָרן פון ישראל אָן צו האָבן געזען סדום!

און, היינט בין איך געווען אין סדום! אונזער באַוואוסטער אַרגענטינער עסקן, איסאַיאַס וואָטשוק האָט אונז איינגעלאַדן מיט־פאָרן מיט אים אין זיין אויטאָ.

מיר פאָרן אויפן באַקאַנטן וועג וואָס פירט צום נגב. איך בין שוין אויף אַט דעם וועג אַ שטיק „היימישער" איך בין שוין דאָ געפאָרן, שוין געווען אין מגדל אַשכלון, שוין געווען אין יד מרדכי און מיין שוין אַז... איך קאָן שוין שרייבן וועגן זיי.

אונזער „נהג" (שאָפער), יצחק הייסט ער, ווייזט מיר באַלד אַז איך בין נאָך אַ „שטיק עם הארץ" אין אַט דער געגנט. ער פאַרקערעוועט אין אַ זייט, פירט אונז דורך די קיבוצים: גבר עם, זיקנים, נצנים, מב־קיעים און — מיר פאָר ווידער אַריין אין „יד מרדכי". זעלטן אַז אַ שאָ־פער זאָל מיט אייך פאָרן יענעם וועג און זאָל זיך ניט אָפּשטעלן אין יד מרדכי, זאָל אייך ניט אַרומפירן איבערן קיבוץ און אייך ווייזן די לע־כער פון דעם גרויסן טאַנק פון וואַסער וואָס שטייט אויסגעבויגן און ער־דערמאָנט אייך אין אידישער גבורה. אויך „גבר עם" האָט זיך ניט וואָס צו שעמען מיט זיין געשיכטע. דער קיבוץ איז נאָך אַ יונגער — קוים צען יאָר אַלט, אָבער, ער האָט אָפּגעהאַלטן אַזעלכע נצחונות אי־

בער די מצרים, אַז — מעגלעך — אַ דאַנק זיי, האָט זיך געראַטעוועט תל אביב. וועגן יד מרדכי — זאָגט מען אויך דאָס זעלבע, וואָס שייך נצנים איז גאָר קיין פראַגע ניט אַז דער קיבוץ האָט גרויסע העלדיש־קייטן דערוויזן אין פאַרטיידיקן זיך און דערמיט — געווינען צייט! יצחק — אונזער שאָפער, ווייזט אונז אָן יעדער שטיקעלע ערד וואו מען האָט זיך געשלאָגן מיט די מצרים. ער איז דאָ — אין יענע הייסע טעג — ניט איינמאָל געווען אַלס שאָפער פון אַ קריגס־קאַמיאָן וואָס האָט גע־פירט פאַרשטאַרקערונג אַהער.

מיר דרייען זיך אַרום אין יד מרדכי אַ שטיק צייט. ווי דער שטיי־גער איז — קיינער קוקט זיך ניט אום אויף אונז. פריינט וואָוטשוק וויל שוין ווערן... ברוגז. וואָלט מען צוגעקומען צו אונז, אונז עפּעס געפרעגט, פאַרבעטן אינעווייניק, וואָלט ער דאָ איבערגעלאָזט אַ שיינע מתנה! קיינער קומט צו אונז ניט צו, און איך גיב וואָוטשוקן דעם סקאַרבאָוון תירוץ אַז „מען איז שטאַרק פאַרנעמען ביי אַרבעט און מען האָט קיין צייט ניט זיך אומקוקן אויף געסט, סיידן זיי קומען רעקאָ־מענדירט פון אויבן"...

אַז מען זאָל אין אַ קיבוץ זיך אומקוקן אויף אייך — דאַרף פריער די פּ אַ ר ט ײ מעלדן וועגן אייער קומען. אונזער „אומפּאַרטייאישע פּאַרטיי" האָט וועגן דעם קיינעם ניט געמעלדעט...

פון יד מרדכי — שטעלן מיר זיך אין ערגעץ ניט אָפּ! מיר איילן זיך קיין באר שבע. דאָרט וועלן מיר עסן מיטיק און גיין אָנ־קוקן... אברהם אבינוס ברונעמער וואָס ער האָט געגראָבן, און ספּע־ציעל דעם אשל אברהם!

דער גאַנצער וועג איז באַדעקט מיט גרינס. ווי אַ גלייכער גרינער ליילעך זאָל זיין אויסגעשפּרייט איבער דער גאַנצער געגנט. אונזער שאָ־פער הייסט זיך אונז גוט איינקוקן אין אָט די גרינע פעלדער, שפּעטער וועט ער אונז עפּעס ווייזן...

קיבוצים, ישובים, זיינען שוין דאָ וויניקער. פאַראַן פּלאַץ און גע־נוג פעלד פאַר טויזנטער עולים וואָס זאָלן איבערלאָזן די לילענבלום־גאַס, די שדרות־רויטשילד־גאַס און טאָקע די וויסטע — פינצטערע מעברות און קומען אַהער זיך דאָ באַזעצן און האָבן אַ צוקונפט...

מיר פאָרן דורך עטלעכע קיבוצים. סעד, בארות יצחק, משמר הנגב און מיר פאָרן „מאַיעסטעטיש" אַריין אין דער „הויפּט־שטאָט פון נגב — אין באר שבע.

צו קלאפט ניט דאס הארץ ווען פארן אריינפארן דערזעט איר א שילד אין העברעאיש „באר שבע״? צו גיט איר ניט קיין ציטער פאר עמאציע ווען איר דערמאנט זיך, אז אט זענט איר זוכה צו זיין אין א שטאט וועלכע ווערט אזוי פיל מאל דערמאנט אין חומש. אט שטייען מיר פאר די אויגן די ווערטער פון דער פרשה וירא, ווי אברהם אבינו שפארט זיך מיט קעניג אלימלך וועגן א ברונעם וואס אבימלך׳ס קנעכט האבן צוגעגזל׳ט ביי אברהם אבינו! מען האט אוועקגעשטעלט אין דער זייט... זיבן שעפעלעך אלס עדות אז אברהם האט געגראבן זיבן ברונעמער און טאקע דערפאר האט מען א נאמען געגעבן דער „שטאט״ באר שבע! אט, דא דארף זיך אויך געפונען א „אשל״-בוים וואס אונזער עלטער-עלטער-זיידע אברהם האט געפלאנצט און האט אים א נאמען געגעבן „אל עולם״! און אט גייט אברהם פון דער עקידה וואו ער האט געזאלט ברענגען זיין בן יחיד יצחק׳ן פאר א קרבן צו גאט און עס שטייט צוויי מאל געשריבן: — איינמאל — אז ער מיט זיינע „יונגלעך״ זיינען געגאנגען צוזאמען קיין באר שבע און באלד שטייט טאקע אז אברהם האט זיך באזעצט אין באר שבע!

אט דאס אלץ שוועבט איצט פאר מיינע אויגן ווען איך בין אריינגעפארן קיין באר שבע! איין חלוק בלויז! אנשטאט א „אשל״-בוים שטייען מאדערנע קאזארמעס, א פאר מאדערנע הייזער און א סך נייע שיכונים פאר די עולים וואס האבן זיך דארט באזעצט. ווען איך האב שפעטער א פרעג געטאן דעם בעל הבית פון רעסטאראן וואו די זיבן ברונעמער געפינען זיך? האט ער מיר געענטפערט, אז עס זיינען איצט געבליבן בלויז פינף פון זיי. וואו זיינען די אנדערע צוויי? — איז דער ענטפער א קאמישער: —

די רומענישע אידן האבן זיך אריינגעצויגן אהער!...

וואס האט מען זיך אנגעטשעפעט צו די רומענישע אידן? ווער האט עס זיי פארוויגט אין וויגעלע פון... גנבים?

מיר שטעלן זיך אפ ביי א „צענטראלן״ רעסטאראן. מען גרייט א טיש פון „כל טוב״. זופ, פיש, און אפילו א גוט שטיקל עוף איז אויך פאראן! ווער וועט עס זאגן אז אין נגב קאן מען שטארבן פאר הונגער? נאכן עסן, דארף מען זיך אפרוען און איך נוץ אויס די געלעגנהייט צו כאפן א שפאציר איבערן שטעטל.

איך ווער אינפארמירט: פאראן דא א פאר און צוואנציק טויזנט איינוואוינער. צווישן זיי — א דריי טויזנט אראבער. איינעם אזעלכן

האָבן מיר באַגעגנט זיך אַרומדרייען — עוג מלך הבשן, איז געווען אַ קינד קעגן אים! ווען מיר לעבן אין אַן אַנדער צייט און אַ איד באַגעגנט אין באר שבע אזא ריז — וואָלט ער דערנאָך געבענטשט גומל וואָס ער איז אַרויס אַ לעבעדיקער. איצט גייט דער ריז איבער דער גאַס. ווען ער טוט אַ טריט ווערט אַ לאָך אין דער ערד! טאַקע ממש אַ ריז! אָבער — מען דאַרף פאַר אים קיין מורא ניט האָבן! ער איז גערן אַז מען פאַרטשעפּעט אים ניט!

פאַראַן אין באר שבע אַ גרויסע פאַבריק פון פאָרצעליי. עולים און אַראַבער אַרבעטן דאָרט און לעבן זיך בשלום! די נייע עולים וועלן ניט אָנפאַלן אויף זייערע אַראַבישע חברים און זיי אויסקוילן ווי די אַראַבער האָבן עס געטאָן — אַמאָל — אין חיפה.

דערציילט אונז דער רעסטאָראַטער:

פאַראַן אַפילו אין באר שבע אַ... קונסט-מוזעאום. ערשט דריי חדשים ווי אַט דער מוזעאום עקזיסטירט און דאָך איז ער שוין באַרימט געוואָרן מיט זיינע אַנטיקן. דער גרינדער פון אַט דעם מוזעאום איז אַ דענטיסט פון באר שבע מיטן נאָמען דר. בן צבי. ער האָט אַהין צענויפ-געבראַכט אַלץ וואָס איז היסטאָריש פון און אַרום באר שבע. ספּעציעל — אַרכעאָלאָגישע אויסגראַבונגען.

דער ראש העיר (בירגערמייסטער) פון באר שבע ה' דוד טוביהו און דער אָנפירער פון דער וואַסער-לייטונג אין באר שבע ה' צבי עופר געבן זיך שטאַרק אָפּ מיט אַט דעם מוזעאום וועלכער איז געוואָרן אַ צוציאונגס-פונקט פון טוריסטן.

— — — — — — — — — — — — —

מיר פאָרן אַרויס פון באר שבע אויפן וועג קיין סדום. גאַטעניו! וואָס פאַר אַ חילוק? איצט ווייסן מיר שוין וואָס יצחק דער שאָפער האָט געמיינט ווען ער האָט זיך אונז געהייסן צוקוקן צו די גרינע פעלדער פון דער ערשטער זייט פאַר באר שבע! דאָ, אין דער זייט — מדבר! וויסטע בערג, פונקט אַזוי ווי זיי זיינען באַשאַפן געוואָרן בששת ימי בראשית.

מיר פאַרנעמען זיך אויף דעם וועג וואָס טראָגט דעם נאָמען „כור-נוב-סדום". פון ביידע זייטן — זאַמד און זאַמד. פון דער ווייטנס — אַראַבישע פּאַלאַטקעס. דאָ וואוינען זיי אַלע זייערע יאָרן. אין דער צייט פון קריג זיינען זיי געווען רואיק און אַ סך פון זיי — ספּעציעל די דרוזן

— האָבן מיטגעהאָלפן ישראל אין קאַמף מיט די מצרים. לענגויס דעם וועג שטייען אַראַבישע „שקאַצעמלעך" און האַלטן אין דער האַנט „סחו־רה" צו פאַרקויפן! די סחורה באַשטייט פון... אַן איי! זיי ווייסן אַז די שטאָטישע אידן נויטיקן זיך אין אָט דעם פּראָדוקט. אין ישראלישע שטעט, זיינען אייער ראַציאָנירט און מען גיט דריי אייער אַ וואָך אויף אַ פּערזאָן. ווילן אונז די אַראַבישע שקאַצעמלעך אַרויסהעלפן אין אונ־זער „נויט". איך וואָלט אַ בעלן געווען זיך אָפּשטעלן, קויפן ביים שוואַרצן שייגעצל דאָס איי און... עס צעברעכן פאַר זיינע אויגן! זאָל ער זען, אַז די שטאָטישע אידן נויטיקן זיך ניט אין זיין הילף. וואַוואַטשוק לאָזט עס מיך ניט טאָן. שפּעטער — האָב איך עטלעכע אייער אַזעלכע צעבראָכן! איך האָב זיך ערשט דעמאָלט באַרואיקט!

וואָס נעענטער מיר דערנענטערן זיך צו סדום — אַלץ מער בעדואינער פּאַלאַטקעס טרעפן מיר! אָט פאָרן מיר דורך ניט ווייט פון איין בעדואישער „שייך" וואָס האָט אייגענע... פערציק ווייבער, האָט אַ הויז פון מאַטעריאַל און האָט — לויט ווי יצחק זאָגט — אַריבער צוויי הונדערט קינדער. די פערציק ווייבער באַאומרואיקן מיך ניט! די צוויי הונדערט קינדער — יאָ! ווער ווייסט וואָס פון זיי וועט אויסוואַקסן?

וועגן דאָזיקן „שייך", וואָס הייסט סולימאַן אבו הוזעל גייען אַרום פאַרשידענע וויצן און לעגענדעס איין מעשה, למשל, איז אַזעלכע:

איינמאָל האָט זיך צו אים געווענדעט אַ בעדואיניש מיידל פון אַ יאָר צוואַנציק. זי האָט אים עפּעס געבעטן פאַר איר מוטער. דאָס מיידל איז געפעלן געוואָרן דעם אַלטן בעל עבירה'ניק און ער פרעגט זי: ווי אַזוי הייסט דיין טאַטע? געמיינט האָט ער, אַז ער וועט שיקן רופן דעם טאַטן און ביי אים אָפּקויפן אָט די שיינע מויד! דאָס מיידל ענטפערט רואיק:

מיין טאַטע הייסט... סולימאַן אַבו הוזעל! דאָס הייסט — ער אַליין איז טאַקע איר פאָטער, נאָר אַזוי ווי ער קען ניט אַ סך פון זיינע קינ־דער — קען ער זי אויך ניט!...

אָט אַזוי, וואַקסן ביי די אַראַבער די קינדער, ווי קראָפּעווע!...

ווען איך בין שפּעטער מיט עטלעכע טעג געווען ביים דר. יוסף קלויזנער, האָט ער אויך גערעדט וועגן דעם, אַז די אַראַבער אין יש־ראל און אויסער ישראל מערן זיך פון טאָג צו טאָג און די אידישע מאַ־מעס פון ישראל פּראַקטיצירן „געבורט־קאָנטראָל"...

מיר הויבן זיך אָן צו שלענגלען אַרום הויכע בערג. איך פאַרמאַך

די אויגן ניט צו זען דעם אָפּגרונט נעבן מיר. עס ווייזט זיך מיר אויס אַז דער וועג איז צו שמאָל! טאָמער קומט אָן אַן אויטאָ אַקעגן — זיינען מיר קאַפּוט! עס קומען שפּעטער אָן עטלעכע אויטאָבוסן און מען מיידט זיך זייער לייכט אויס. אונזער שאָפער — יצחק זאָל לעבן — זעט מיין אומרואיקייט, געפינט אויס אַ תירוץ אַז... דאָ איז גוט צו פאָטאָגראַפירן, מיר גייען אַראָפּ, איך אָטעם אָפּ אַביסל פרייער, נעם אַראָפּ עטלעכע בילדער און מיר פאָרן ווייטער!

ווען ניט די גרויסע בערג און...די מורא פון פאָרן אויף אַ באַרג — וואָלט איך פון ישראל מ ע ר הנאה געהאַט!...

דאַנקן גאָט! אָט איז שוין סדום! מיר פאָרן פאַרביי אַ פּלאַץ וואו עס אַרבעט אַ גראַב-מאַשין און מען לעכערט די ערד. מיר שטעלן אָפּ דער אויטאָ, איך גיי אַראָפּ, ווייז דעם „מנהל” ווער איך בין און פרעג אים וואָס מען זוכט דאָ?

זיין ענטפער איז אַ גאַנץ לאַקאַנישער:

— מיר זוכן נ א פ ט! נאָר אויב מיר וועלן געפינען וואַסער — מאַכט א ו י ך ניט אויס!...

די ישראל-מענטשן האָבן צוויי גוטע זאַכן: — געדולד און האָפענונג. אָט דאָס האָט זיי געהאָלפן אין משך פון די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָרן!

מיר זיינען שוין אין „צענטער” פון סדום. מיר געפינען זיך אין דער פאַבריק וואָס אַרבעט אויס די מינעראַל פון פאָספאַט און זאַלץ — מינעראַלן פון ים המלח. איינער פון די אינזשעניערן —אַ נייער עולה מיט פיר יאָר רעזידענץ אין ישראל און צוויי יאָר אין סדום, זעצט זיך אַריין מיט אונז אין אויטאָ, פאָרט אונז ווייזן „סדום” און ער דערציילט אונז וואָס פאַר אַ גרויסע זאַכן עס איז צו דערוואַרטן פון אַלץ וואָס מען וועט דאָ געפינען. ער דערציילט אונז אַז פריער האָט מען דאָ ניט געקאָנט איינזיצן קיין צוויי מאָנאַטן. איצט האָט די רעגירונג געשאַפן אַזעלכע מעגלעכקייטן, אַז אויך פרויען אַרבעטן דאָ, — אמת! זיי זיינען אידעאַליסטקעס! — מען ווערט אָפּגעברענט פון היץ און ניט שטענדיק איז דאָ אַביסל וואַסער צו דער האַנט אַ טרונק צו טאָן, אָבער, מען איז צופרידן! מען שאַפט עפּעס גרויסעס פאַרן פאָטערלאַנד! אין אַלגעמיין, איז דאָ דער קלימאַט אַ גוטער! הייסע טעג און... קאַלטע נעכט! אויך דער וועג קיין באר שבע איז שוין אַ גוטער און אַ ל ע טאָג איז דאָ פאַרבינדונגען! מען האָט, אפילו, אַלע טאָג פּאָסט און צייטונגען פון

זעלבן טאָג! איצט, האָפט מען, אַז אינגיכן זאָל דאָ אַנטשטיין אַ „ציווילער" ישוב און סדום וועט ווערן אויס... סדום נאָר אַן איינגענעמע שטאָט צו לעבן און צו מאַכן אַ לעבן! די אַרבעטער אין פאַבריק מאַכן דערווייל אַ ניט-באַקוועמען און ניט — קיין גוט — געצאָלטן לעבן! ווער ס'מאַכט דאָ „שטיקער גאָלד" איז דער איינציקער „סוחר" פון סדום וואָס שטייט מיט אַ בודקעלע פון... „גזוז" און ביי וועמען מיר האָבן זיך מחיה געווען מיט אַ קאַלטן טרונק פון „זעלצער וואַסער". דער דאָזיקער בחור — אַ געוועזענער סאָלדאַט אין דער הגנה, האָט שוין זאָרג. ער איז געוואָרן געוואָרע אַז אַ צווייטער „סוחר" וויל קומען אַהער און אים מאַכן קאָמפּעטענץ!...

מיר קומען צו צו דער גרויסער הייל אין זאַלץ-באַרג וואָס געפינט זיך אַקעגן דעם ים המלח. מיין פרוי גייט אַריין טיף אינעווייניק! איך האָב... מורא וויים צו גיין! דערפאַר, טו איך אויס די שיך און... שפּאַן אַריין אין ים המלח! פאַר מ י ר, איז דאָס אויך אַ זכות וואָס איך האָב דערלעבט! איך באַטראַכט אָט דעם קליינעם שטח ים וואָס איז בכוח מיט זיין זאַלץ צו באַשפייזן די... גאַנצע וועלט, איך באַטראַכט די עטלעכע „טויטע" שיפלעך וואָס שטייען אויפן ים און וואָס געהערן צו... קיינעם ניט און איך קוק שוין אויך אַריבער אַנטקעגן, צו דער אַראַבישער זייט, וואָס מען זעט אַזוי נאָענט און וואו עס איז א ז ו י גרין! מיין יצחק טרייסט מיך! ווען איר וועט קומען אַהער דאָס צווייטע מאָל — וועט „אין ד ע ר זייט" אויך זיין אַזוי גרין! דערווייל האָבן מיר בילכערס אינזינען! מען דאַרף מאַכן אַ באַן-ליניע קיין סדום, כדי עס זאָל קאָסטן ביליק דער טראַנספּאָרט פון סדום קיין חיפה — ניט ווי איצט — וואָס קאָסט אַזוי טייער!...

מיר געפינען זיך אין דער מיט פון אַ מיליטערישן לאַגער פון סדום. דאָ, זיינען, די ישראל-מאַרינען — די ים-קרעפטן — די היטער פון דער גרענעץ! יונגע חברה, איינס און איינס! מען באַהאַנדלט דעם טוריסט — און אַ זשורנאַליסט ספּעציעל — מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט, מען גיט אייך אַלערליי ענטפערס אויף פראַגעס וואָס מען... מעג ענטפערן! און מען בעט אייך איין זאַך: —

העלפט אונז גרוים-מאַכן ישראל!

מיר ווילן ניט פאַרכאַפּן קיין פרעמדע פעלדער און שטעט! מיר

וועלן אָבער פאַרטיידיקן אונזערס! מיר נויטיקן זיך אין דער הילף פון וועלט-אידנטום, ווייל אין זייער נאָמען און אין זייער כבוד האַנדלט זיך!...

איך האָב אים ניט געזאָגט אַז ניין!... איך האָב אים צוגעזאָגט צו דערציילן אַלעם וואָס מיר האָבן געזען אין סדום.

— — — — — — — — — — — —

מיר האָבן נאָך חשק צו פאָרן קיין אילת! פון דאַנען — איז שוין „ניט ווייט", אינגאַנצע אַוועלכע זעקס אָדער אַכט שעה רייזע מיטן אויטאָ. ביי די ווייבער — האָבן מיר שוין געפועלט! ביי די מע־נער — אויך! דאָס וויכטיקסטע וואָרט, האָט, אָבער, יצחק! ער, דער שאָפער, זאָגט, אַז אויף צו פאָרן מיטן אויטאָ קיין אילת דאַרף מען זיין צוגעגרייט, כאָטש מיט אַ „סעט" נייע רעדער צום אויטאָ. דער וועג אַהין איז זייער אַ שלעכטער. אַהין — דאַרף מען פליען!

וואָס איז אַזוינס אילת?

דאָס איז דער ברעג פון ים סוף! דאָס איז דאָס שענסטע און מיט דער צייט — וויכטיקסטע וואָס ישראל פאַרמאָגט. די אילת-בוכטע גע־הער צו... 4 מלוכות: — צו ישראל, צו ירדן, צו סאַאד-אַראַביע און צו מצרים.

דער פאָרט פון אילת איז פאַרנעמען געוואָרן פון דער הגנה דעם 9-טן מערץ פון 1949 און פון דעמאָלט אָן — לייגט ישראל גרויס האָ־פענונג אויף יענעם מקום.

מען דערציילט אין ישראל, אַז ווען דער גענעראַל, וואָס האָט איינגע־נומען אילת, האָט עס געמעלדעט בן-גוריונען, האָט אים בן-גוריון גע־פרעגט: —

— וויפל מאָל ווערט דער נאָמען אילת דערמאָנט אין תנ"ך?

דערויף זאָל דער גענעראַל האָבן געענטפערט: — זעקס מאָל.

שוין דאַן, אין יענע יאָרן ווען דער ערשטער בית המקדש האָט עק־זיסטירט, איז אילת געווען אַ וויכטיקער פונקט, און ניט ווייט פון אילת, האָט שלמה המלך געבויעט שיפן און אפילו געהאַט אַ שמעלצונג פון קופער.

לעצטנס, האָט מען מיט אילת זיך שטאַרק אָנגעהויבן אינטערע־סירן אין אַלע קרייזן — אַמעריקע אַריינגערעכנט! קאַפּיטאַליסטן און אונטערנעמער זעען אין אילת גרויסע אויסזיכטן פאַר גאָר גרויסע אונ־טערנעמונגען. אגב. פון אילת איז פאַראַן אַ גלייכער וועג קיין... איינ־

דיע, קיין אַפריקע, צום וויטן מזרח און קיין אויסטראַליע. דאָס אַלץ, ווערט גוט גענעמען אין אַכט. דאָס וויכטיקסטע, אָבער, פון אילת — איז אירע פיש־פאַנג אונטערנעמונגען. ביז איצט ,פאַרזאָרגט אילת מיט פיש אַ גרויסע טייל פון לאַנד און מיט דער צייט, וועט גאַנץ ישראל, און אפשר אנדערע לענדער אויך — עסן פיש פון אילת. פאַראַן דאָרט — זאָגט מען — דריי הונדערט קלאַסן פיש, צווישן זיי — „עלעקטרי־שע". ווען מען רירט אָן אַזאַ פיש — כאַפּט מען אַן עלעקטרישן „שאָק", און — אויב עס איז ווידער אמת — האָט מען שוין געכאַפּט אין אילת אַ פיש וואָס האָט געוואויגן צוויי הונדערט קילאָ.

דערווייל — איז קיין אילת שווער צוצוקומען. דער וועג אַהין, איז זייער אַ שווערער פאַר אויטאָס. טוריסטן — אַז זיי ווילן זעען אילת — פליט מען פון לוד ביז אַהין. אַז מען פאָרט מיט אַ אויטאָ — דאַרף מען זיין גרייט צו קומען צוריק... אָן זייטן און מיט אַ צעהאַקטן אויטאָ און צעשניטענע רעדער. גאָר אינגיכן, וועט מען שוין קיין אילת קאָנען צוקומען לייכט! מען מאַכט שוין אַ וועג, אויף וועלכן אַ אויטאָבוס וועט פאָרן פון תל אביב ביז אילת, אין זעקס שעה.

אונזער יצחק איז שוין דווקא געווען צוויי מאָל אין אילת. איינ־מאָל — מיט אַ מיליטערישן „זשיפּ" און דאָס צווייטע מאָל — מיט אַ פּרעמדן אויטאָ. ער דערציילט אונז, אַז אין אילת איז שוין פאַראַן אַ פיינער ישוב, פאַראַן אַ האָטעל אויפן נאָמען פון גרינדער פון דער־הגנה אליהו גאָלאָמב ע"ה, דער „בירגערמייסטער" פון אילת, איז אַ האָלענדישער איד, און זיינע עטלעכע הונדערט „אונטערטאַנען" האָבן אים שטאַרק ליב און פאָלגן אוים זיינע דעקרעטן.

פאַרשטייט זיך, אַז אויך דאָ איז שוין פאַראַן אַ „גרויסער סוחר וואָס פאַרדינט שטיקער גאָלד." דער דאָזיקער סוחר פאַרקויפט... גזוז און סיגאַרעטן. כל זמן ער איז דאָ דער איינציקער אויפן מאַרק — „שאַרט ער גרידעס גאָלד" ער פאַרדינט — אַזוי פאַרזיכערט יצחק — אפשר 20 פונט אַ טאָג...

גיי ווייס ווען מען דאַרף מקנא זיין! אָבער, אַז ער לעבט רואיקע־ אַפילו פון... רויטשילדן — אין דעם איז קיין ספק ניט!

— — — — — — — — — — — —

דער וועג צוריק איז שוין געווען אַ... שווערער ! די עמאָציע פון טאָג, דאָס אַלץ זען און איבערלעבן — האָט זיך שטאַרק אָפּגערופן אויף

יעדן איינעם פון אונזערע פיר פּאַסאַזשירן. מיר קומען צוריק קיין באר שבע, טרינקען אָפּ מילך מיט קאַווע — אַזוי האָט דער אייגנטימער פון „באַר" געזאָגט אַז עס הייסט, דאָס וואָס ער האָט אונז דערלאַנג — און מיר לאָזן זיך אַהיים דורך נייע וועגן און נייע קיבוצים.

עס איז שוין גוט פינצטער ווען יצחק מעלדעט אונז אַז מיר זיינען אין... יבנה! דערהערט י ב נ ה — גיט עס אַ וואָרף מיט מיר! ס'הייסט? זיין אין יבנה און זיך ניט אָפּשטעלן! עס איז שוין אָבער, שפּעט! אָבער, איך וועל נאָך זיין אין יבנה אַ צווייט מאָל!...

1־טער מאַי 1953:

ווען איך בין געפאָרן קיין ישראל האָב איך אויסגערעכנט אַז איך וועל אָנטרעפן אין ישראל אַ פּאָר פייערונגען וועלכע אין חוץ לארץ האָב איך ניט געחלומט צו זען. איינע פון אָט די יום־טובים, איז געווען פאַרעכנט — זען ווי אַזוי ישראל — דאָס סאָציאַליסטישע ישראל, פייערט דעם ערשטן מאַי.

צוליב דעם ערשטן מאַי, האָט דאָס אידישע פאָלק — אין צענדליגער לענדער פון דער וועלט, פאַרגאָסן אַ סך בלוט. אין וואַרשע און אין פעטערבורג, אין לאָנדאָן און אין בערלין, זיינען אידישע אַרבעטער געגאַנגען אין פראָנט פון די ערשטע־מאַי־מאַניפעסטאַציעס און... די ערשטע קלעפּ און קוילן פון דער פּאָליציי אַריינגעכאַפּט! נו. איצט פייערן די אידן דעם ערשטן מאַי אין ז יי ע ר לאַנד, עס פייערט דעם ערשטן מאַי אַ פאָלק וועמענס „פּראָלעטאַריער" זיינען אַלע בעלי־הבתים, אַליין „עקספּלאָטאַטאָרס" און אַליין — די הערשער פון דער מדינה.

היינט בין איך דערום, אויפגעשטאַנען גאָר פרי. איך האָב געוואָרט צו זען, ווי אַזוי די שטאָט הויבט אָן, אָט דעם, „אַרבעטער"־טאָג. איך בין געווען זיכער, אַז היינט וועל איך ניט עסן די געשמאַקע „לחמניות" (פּיראָזשנעס, פּוטער־בולקעלעך) וואָס איך טרעף אַלע אינדערפרי אויפן טיש. איך האָב, בכלל ניט געוואָרט אויף קיין פרישע ברויט! טאַקע? וועלכע אַרבעטער וועלן עס באַקן ברויט אין ערשטן מאַי? איך האָב זיך ניט גערעכנט אויף קיין מילך צו מיין „מאַטע"! וועלכער מילך־פירער וועט עס היינט ברענגען מילך? מעג אַפילו אונזער מילך־פירער טראָגן אַ קליין יאַרמעלקעלע, פאָרן אויף אַ ביסיקלעט און קאָנען... גאַנץ ש"ס אויסנווייניק. אָבער אַ „פּראָלעטאַריער" איז ער דאָך?

ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן, ווען איך האָב דערזען, אַז אַלץ גייט נאָרמאַל! גברת ערנסט איז אַוועקגעגאַנגען אין שפּייז־קראָם, דער מילעכדיקער האָט געבראַכט מילך, דער בעקער — ברויט, גלייך ווי היינט זאָל זיין אַ „פּשוטער" טאָג.

ווען מיין האַרציקע בעל הבית'טע איז געקומען צוריק פון קלייט, האָט זי אונז אויפגעקלערט, אַז דער ערשטער מאַי, צייכנט זיך דאָ ווייניק אויס מיט „רעוואָלוציאָנערישקייט" אַפילו די „סאָציאַליסטישע" רעגירונגס אינסטיטוציעס, זיינען אָפן. בלויז אַ פּאָר פּאָליטישע פּאַרטייען — און היינטיקס יאָר בלויז מפּ"ם און די קאָמוניסטן, מאַכן גאַסן־מאַניפעסטאַציעס.

איך בין געבליבן אַביסעלע אַנטוישט. מעגלעך — אַז דאָס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס איך ווער אַנטוישט! אָבער — אינגאַנצן פאַרלוירן — האָב איך נישט! אַרום צען אַזייגער אינדערפרי הויבן זיך אָן וויזן די ערשטע גרופּעס מאַניפעסטאַנטן — די קאָמוניסטישע וואָס טראָגן גרויסע פּלאַקאַטן: — „אַרבעטער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך"! ווי קאָמיש זיינען זיי געווען! זיי — רעדן וועגן אַרבעטער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך, און אַליין קאָן זיך, קיין שום רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער פּאַרטיי — ביי זיך אין לאַנד נישט פאַראייניקן.

אויף היינט, איז אַנאָנסירט אין תל אביב, דריי מאַניפעסטאַציעס פון „אַרבעטער", און אַלע דריי, וואָס פאָדערן „פאַראייניקונג" וואָלטן זיך איינס דאָס אַנדערע, איינגעשלונגען. מען רעדט טאַקע, אַז היינט וועט קומען צו אַ בלוטיקן צוזאַמענשטויס, נישט צווישן די אַרבעטער און דער פּאָליציי — ווי אין פעטערבורג און אין וואַרשע פלעגט טרעפן — נאָר צווישן אַרבעטער און אַרבעטער, וועלכע געהערן צו פאַרשידענע „שטראָמען" אין פּאָליטישן לעבן פון ישראל!

עס מאַרשירט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. איר זאַמלפּונקט איז דער שמוציקער „בית עם", וועלכער וואָלט גיכער געפּאַסט ווען ער שטייט אין דזשעבעליע פון יפו איידער אין צענטער פון דער „בן־יהודה"־גאַס. די מאַנפעסטאַנטן טראָגן די בילדער פון: — מאַרקס, ענגעל, לענין און סטאַלין. אַ פּאָר אַלטע מיידן ווערן הייזעריק שרייענדיק: יחי סטאַלין! איך בין גרייט איינלייגן אַ טויזנטער קעגן אַ גראָשן, אַז איבער אַ יאָר וועט מען שוין סטאַלינס בילד נישט טראָגן און זיין הייליקן נאָמען

ניט דערמאָנען! דערווייל — דערמאנט מען ניט מאַלענקאָוון! לצים שטייען אין דער זייט און ווייצלען זיך אַז מען האָט ניט געוואוסט וועמען צו טראָגן מאַלענקאָוון צו בעריאַן? — טראָגט מען דערווייל ביידע ניט.

אַן אַנדערער וויצלט זיך: די קאָמוניסטן האָבן דאָך זיך דערשלאָגן צו אַ „פּאַראייניקונג". משה סנה האָט זיך מיט זייער פּאַראייניקט.

„איך שטעל איין דאָס לעבן", איך גיי אַוועק אין בית עם אָנקוקן דעם ספּעקטאַקל פון די ליאַלקע-שפּילער, וועלכע נאַרן זיך אַליין — אויך ניט אָפּ! זיי — די ליאַלקע-שפּילער, ווייסן זייער גוט אַז זיי זיינען ניט קיין בלי הבתים איבער דער לאַגע און זיי ווייסן אויך גוט, אַז דאָס ביסל מענטשן וואָס איז זיי געקומען הערן — איז געקומען, פּונקט ווי איך! לשם קוריאָז!

איך שטיי און באַטראַכט דעם מנוול סנה וואָס איז אַמאָל געווען אַזאַ שונא פון סאָוועטן פאַרבאַנד! איך הער זיין רעדע ווי ער... וואָרנט פּאַסטער דאולס ניט קומען קיין ישראל ווייל ער וועט אים אַהיים-טרייבן, פּונקט ווי „ער", סנה, האָט אַרויסגעטריבן... די ענגלענדער. איך טראַכט דעמאָלט: — ווי דערלעבט מען שוין דעם טאָג אַז זאָלסט פאַרבלאָנדזשען קיין פּראָג אָדער מאָסקווע! דו וואָלסט זיך שוין דאָרט מחיה געווען ווי עס דאַרף צו זיין!

פון „בית עם" מאַרשיר איך אַוועק אויף אַלענבי-גאַס. דאָרט גייט איצט די „גרויסע" מפּ"ם מאַניפעסטאַציע. זיי האָבן מאָביליזירט אַלע זייערע קיבוצים, אַלע פּאַרטיי-מענטשן און אַלע „קעפּ" פון דער באַוועגונג. די מאַניפעסטאַציע האָט געזאָלט גיין צום גרויסן „סטאַדיום" וואו די מפּ"אי האָט דורכגעפירט איר ערשטן מאַי יום-טוב אין פאַרמאַכטע סאַלאָנען! ווען זיי גייען אַהין — קומט זיכער צו אַ צוזאַמענשטויס און עס וואָלט זיך געווען „פּאַראייניקט" דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון ביידע פּאַרטייען. צום גליק — און אפשר פאַר מורא — האָט די מפּ"ם פאַרקערעוועט איר מאַניפעסטאַציע אין גרויסן שטאָט-פּאַרק וואָס טראָגט דעם נאָמען „גן העצמאות" און דאָרט האָט זי אויסגעלאָדן איר גאַנץ האַרץ אויף בן גוריונען, אויף די אַלגעמיינע ציוניסטן און אויף דער גאַנצער בורזשואַזיע! קעגן רוסלאַנד, קעגן פּראַג, קעגן פאַרהאַלטן און האַלטן אונטער גראַטעס איר פירער מרדכי אורען, קעגן סאָוועטישן און טשעכאָסלאָוואַקישן אַנטיסעמיטיזם — אַפילו קיין וואָרט נישט!

מ'דאַרף מודה זיין: די מפּ"מישע מאַניפעסטאַציע איבער די גאַסן, האָט

אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק! דאָס ברענגען די קינדער פון אַלע קיבוצים מיט זייער גאַנצן רעמאַנענט, ווי אַ מאַסקאַראַד-באַל אין קאַרנאַוואַל, דאָס ברענגען די... עופות מיט די ציגעלעך אין שטייגלעך און דאָס ברענגען זייערע „באָיוווקעס" צו אַ מאַי-מאַניפעסטאַציע, איז געווען פאַר אונז — טוריסטן — אַ שיינער, אומזיסטער ספּעקטאַקל! דער תּל אביבער עולם, איז געשטאַנען און געוואַרט אַז ער זאָל קאָנען דורכגיין די גאַס און... זיך קוים, קוים, אומגעקוקט אויף די מאָדערנע פּורים-שפּילער.

די מפּ"אי האָט עס געמאַכט ערנסטער, בעל הבתישער און אונטער דעם לאָזונג: — באַפרייען די אידן פון הינטער דעם אייזערנעם פאָרהאַנג. דער הויפּט-רעדנער איז געווען, דער גענעראַל-סעקרעטאַר פון תּל אביבער אָפּטיילונג, הער אלעזר שעכטער און די פּאָר און צוואַנציק טויזנט צוהערער — אַזוי פיל האָט אָנגעגעבן די פּאָליציי — האָבן רואיק אויסגעהערט די רעדנער און נאָך רואיקער זיך צעגאַנגען!...

פאַרנאַכט, האָבן מיר אָפּגענעמען אַ גרוס פון חיפה וועלכער איז גאָרניט געווען קיין איבעריק-פריילעכער. מען ווערט געוואָוירע, אַז פונקט ה י י נ ט, דעם ערשטן מאַי איז אָנגעקומען פון אַמעריקע אַ לוקסוס-שיף מיט אַמעריקאַנער מיליאָנערן-טוריסטן, וועלכע פאָרן אויף אַ שפּאַציר איבער נאָענטן מזרח — ישראל אַריינגערעכנט. ווי נאָר זיי זיינען אַראָפּגעגאַנגען פון דער שיף האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף דער מפּמ"עשער-קאָמוניסטישער מאַניפעסטאַציע מיט זייערע לאָזונגען קעגן אַמעריקע און קעגן אַלץ וואָס איז אַמעריקאַניש...

עס איז איבעריק צו זאָגן וואָס פאַר אַן איינדרוק אָט די מאַניפעסטאַציע פון חיפה'ער, גאַנצע און האַלבע, קאָמוניסטן האָט געמאַכט אויף די געהויבענע געסט. אַ סך פון זיי זיינען באַלד אַוועק צוריק אויף דער שיף. זיי האָבן געמיינט אַז אין ישראל האָט שוין אויסגעבראָכן די סאָציאַלע רעוואָלוציע און די קאָמוניסטן זיינען שוין ביי דער מאַכט...

אויב מען וויל געדענקען, אַז די מיליאָנערן זיינען איצט ביי דער מאַכט אין אַמעריקע און ווען זיי וועלן אַהיימקומען און דערציילן ווי אַזוי אין ישראל פירט זיך — וועט אונז קיין קרעדיט דערפון ניט צוקומען — אויב מען וויל דאָס נעמען אין אַכט, פאַרשטייט מען שוין פאַרוואָס די מלוכה-באַהערדן האָבן זיך געאיילט — אַזוי האָט מען אין

תל אביב דערציילט — צו שיקן דעלעגאַציעס צו די פּאַסאַזשירן פון דער שיף און זיי געבעטן ווידער אַראָפּגיין פון שיף און באַטרעטן דאָס לאַנד — דאָס פרידלעכע ישראל־לאַנד.

צו די פּאַסאַזשירן זיינען מאָקע אַראָפּגעגאַנגען האָט מען ניט געוואוסט צו דערציילן. אָבער אַ דיסקוסיע אין דער עפנטלעכקייט איז שוין געוואָרן. מען האָט — פון די בירגערלעכע קרייזן — אָנגעהויבן פאָדערן ענערגישערע מיטלען קעגן די יעניקע „רויטע" לייט, וועלכע פאַרשווארצן — מיט זייער טעטיקייט — ישראל׳ס נאָמען אויף דער וועלט. מען האָט אָנגעהויבן פאָדערן, ניט בלויז פאַרבאָטן די רויטע פאָן ביי פייערלעכע נאַציאָנאַלע ימים טובים — נאָר בכלל אָפּשאַפן די אָפיציעלע פייערלעכע פאַראַדן פון ערשטן מאַי.

פון אָט דער דיסקוסיע איז שפּעטער אַרויס אַ... מיניסטאָרן־קריזיס. די געשעענישן פון ערשטן מאַי אין חיפה — האָבן פאַרשנעלערט די דעפיניציע פון דער פראַגע: וויפל אָפיציעלע פאָנען האָט ישראל און וויפל אָפיציעלע הימנען דאַרף מען זינגען?...

נאָך די מאַניפעסטאַציעס און רעדנערייען — באַטראַכט איך די תל אביב׳ער גאַסן! אַ טאָג גלייך ווי אַלע טאָג! מען גרייט זיך צום שבת. מען קויפט איין קוילעטשן, די געשעפטן זיינען אָפן, די אויטאָס און אויטאָבוסן פאָרן, די שטאָט לעבט איר נאָרמאַלן לעבן; איך גיי צו צו אַ טאַקסי, באַדינג זיך מיט אים פאַר אַ רייזע קיין... מגדל אשכלון. איך בין שוין דאָרט דריי מאָל געווען. איצט וועל איך פאָרן באַזוכן פריינט. איך פאָר צו אַ געוועזענעם אַרגענטינער תושב — דעם זייער פּאָפּולערן אידן פון סאַנטאַ־פּע, י ו נ ה ק ר יי ט ש י ק. ער וואוינט אין אָט דעם סטראַטעגישן פונקט. ער אַרבעט דאָרט — ניט פאַר דער פאַרטיידיקונג פון לאַנד, ער מאַכט ניט קיין גרויסע רעדן פאַר וואַסער — ער איז דאָרט — אַ שניידער און באַקלייט די אַרבעטער און סתם אידן פון אַשכלון.

דער שאָפער וואָס פירט אונז קיין מגדל אשכלון איז... אַ געוועזענער אַדוואָקאַט אין ווין! אין זיין פרעגן מיך, אין וועלכע שפראַך איך וויל רעדן? — האָב איך פאַרשטאַנען אַז דאָ שטייט ניט פאַר מיר אַ פּשוטער בעל עגלה. ווי נאָר מיר זיינען אַרויסגעפאָרן פון תל אביב — האָט זיך אַנטוויקלט אַ וואַרעמע באַציאונג צווישן אונז און דער שמועס — וועלן איך האָב פראָוואָצירט, — איז געווען אויף דער טעמע:

— פאַרוואָס קומען לעצטנס אַזוי וויניק אידן קיין ישראל און פאַר-וואָס... פאָרן אַרויס, פאַרוואָס פאַרלאָזן אידן די מדינה?

עס איז געווען פאַר מיר אַ ווייטיקלעכע פראַגע. איך האָב זי לעצטנס זייער אָפט געהערט באַרירן. ערשט נעכטן אויף דער נאַכט, אין קאַפע נעבן מיין וואוינונג, זיינען געזעסן אידן און גערעדט דערפון! איך האָב געוואָלט וויסן די מיינונג פון אָט דעם דאָקטאָרישן שאָפער, וואָס איז שוין 18 יאָר אין לאַנד און וואָס גיט זיך אָפּ מיט פירן פּאַסאַ-זשירן, מערסטייל — טוריסטן און וואָס רעדט מיט צענדליקער מענטשן אַ טאָג.

מיין מיטשמועסער ענטפערט מיר על ראשון-ראשון. לויט זיין מיי-נונג, איז דאָס פעלן פון עולים און טוריסטן, בלויז און בלויז שולדיק די טעות'דיקע פּאָליטיק פון דער רעגירונג. מען האָט די עולים שלעכט באַהאַנדלט, אַבי מען האָט זיי אַריינגעפּאַקט, אַבי זיי האָבן זיך צעבראָכן אין זייערע אַלטע היימען און געקומען אַהער — האָט מען זיי געלאָזט אויף גאָטס באַראָט, מען האָט זיי שלעכט פאַרשטאַנען, זיך ניט צוגעהערט צו זייערע ביטעס און ניט איינמאָל — זיי אומרחמנותדיק רואינירט! צו דאָס איז געווען אין פּראָגראַם פון „סאָציאַליזם" צו דערפאַר ווייל עס האָט געהערשט אַ תהו ובהו אין גאַנצן אימיגראַציע-סיסטעם — איז ניט וויכטיק! דער פאַקט איז: אַ קלאַנג איז אַרויס אין חוץ לארץ אַז דאָ איז שלעכט, אַז דאָ באַהאַנדלט מען שלעכט דעם עולה, איז ווער עס האָט דאָרט געקאָנט בלייבן אויפן אָרט — איז געבליבן!

ערגער איז געווען מיטן טוריסט! אים האָט מען זייער שלעכט אויפגענומען! געווען אַ סך פאַלן ווען מען האָט געקוקט אויף אים פון אויבן אַראָפּ! געווען פאַלן ווען מען האָט זיך געשפּילט מיט זיין כבוד, מיט זיין ווירדע און מיט זיין פאַרמעגן.

געקומען אַ טוריסט פון אַמעריקע, געבראַכט מיט זיך דאָלאַרן, האָט מען זיי צוגענומען ביי אים, אים געגעבן 35 פּיאַסטער פאַר אַ דאָ-לאַר, ווען אין דער אמת'ן איז דער דאָלער ווערט געווען... זעקס מאָל אַזויפיל! דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ ענין זוכעניש אין זיין באַגאַזש! מען האָט דאָס זוכעניש איבערגעגעבן אין די הענט פון נאַרישעוואַטע בחורימלעך וואָס האָבן ניט פאַרשטאַנען, אַז יעדער חוזק-אויסדרוק אויפן חשבון פון טוריסט — שעדיגט די רעגירונג, שעדיגט דעם לאַנד! נו, אַז אַזאַ טוריסט קומט צוריק אַהיים, דערציילט וואָס מיט אים איז געשען, מאַכט ער שוין קאַליע אַנדערע הונדערט פריינט זיינע אַז זיי

זאָלן ניט פאָרן! צו דעם, דאַרף נאָך צוגיין, אַז אין האָטעל — אויב ער האָט געוואָלט אַ שטיקל פלייש — האָט ער געדאַרפט צאָלן מיט דאָ־לאַרן — און צאָלן אין טאָג אַריין, ביז עס איז געקומען אַ טאָג, ווען שיפן האָבן אָנגעהויבן קומען... ליידיקע! עס האָט זיך אָפּגעשטעלט דער טוריזם קיין ישראל און אין לאַנד איז געוואָרן אַ קריזיס!

אָבער, דאָס איז שוין אַוועק! זייט עטלעכע חדשים האָט זיך די לאַגע ראַדיקאַל געענדערט! מען באַציט זיך שוין גאָר אַנדערש צום טו־ריסט! מען באַראַבעוועט אים שוין ניט! און ביז, אָט, דאָס אַלץ, וועט באַוואוסט ווערן אין די תפוצות ישראל און ביז די טוריסטן וועלן ווידער אָנהויבן פאָרן — וועט געדויערן אַ פּאָר חדשים!

וואָס איז שייך עולים פון די לאַגערן? — מיט זיי איז אַ שטיק צרה. זיי האָבן שטאַרק געליטן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און אַ סך פון זיי מיינען, אַז מדינת ישראל דאַרף זיי... באַצאָלן דערפאַר! אַז די מדינה דאַרף זיי אויפנעמען, געבן זיי באַקוועמע הייזער, זיי לאָזן זיך אויסרוען אַ יאָר צוויי און זיי דערווייל אויסהאַלטן! מעגלעך, אַז די שליחים וואָס האָבן זיי געבראַכט אַהער, האָבן זיי עפּעס צוגעזאָגט! די שליחים האָבן געוואָלט ווייזן אַז זיי „שיקן מענטשן", האָבן זיי זיי צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן. דער אמת אָבער איז: מיר, דאָ אין ישראל, קאָנען זיי — אַ חוץ אַ צריף אין מעברה — גאָרנישט געבן! און דער וואָס באַנוגט זיך ניט דערמיט — פאַרלאָזט דאָס לאַנד, וואַלגערט זיך ערגעץ אין אַ פרעמ־דער מדינה און וואַרט אויף אַ וויזע קיין קאַנאַדאַ, אלא ניט, האָט ער אַן אַנדער וועג — ער שמד'ט זיך און פאַרלאָזט דאָס לאַנד אַלס גוי!

— צו זיינען אַלע עולים פון די לעצטע פּאָר יאָר אַזוינע „מיוחסים"?

— חלילה. פאַראַן אַ געוויסער פּראָצענט פון זיי אידעאַליסטן, בע־סער געזאָגט — אַזעלכע וואָס פאַרשטייען די לאַגע, ווייסן אַז קיינער דאַרף פאַר זיי גאָרניט צוגרייטן און זיי האָבן גדולד, וואַרטן אויף בעסע־רע צייטן! און ווען ניט די „רויטע" וואָס העצן זיי אונטער — וואָלטן זיי געווען זייער גוטע עלעמענטן פאַרן ישוב! מיט די רויטע — איז בלויז די רעגירונג שולדיק! וואָלט מען געווען שטרענגער מיט זייער דעסטרוקטיווער טעטיקייט, וואָלט מען מיט זיי געהאַנדלט ווי זייערע מענטשן האַנדלען מיט אונזעריקע — וואָלט גענומען אַ סוף צו אַ סך צרות!

— וואָס זשע דאַרף די רעגירונג טאָן? זיי איינשפּאַרן אין די תפו־סות און זיי אויסהאַלטן מיט אַלעם גרייטן?

— ניין! מען דאַרף זיי פּשוט דעפּאָרטירן! מען דאַרף זיי אי־בערשיקן אין זייער אויסגעחלומט לאַנד אַריין! כל זמן מען וועט זיי דערלויבן פראַנק און פריי עפנטלעך און פאַרבאַרגענערהייט גראָבן קעגן דער מדינה — וועלן מיר האָבן צרות פון זיי...

ווען מיר זיינען געקומען קיין מגדל אשכלון, האָבן מיר געטראָפן די שטאָט יום־טוב׳דיק. דאָ האָט זיך שטאַרק געפילט דער ערשטער מאַי. די גרעסטע טייל פון שטאָט זיינען אַרבעטער און מפ״איניקעס, האָבן זיי געפראוועט דעם אַרבעטער יום־טוב, זיצנדיק אין דער היים און פאַר־ברענגענדיק מיט ווייב און קינדער.

צו געפינען די וואוינונג פון אונזער לאַנדסמאַן קרייטשיק, האָט אונז געקאָסט אַרבעט. ער וואוינט אין די נייע „שיכונים״ וואָס די אידישע אַגענץ האָט אויסגעבויט. צוגלייכן זיין וואוינונג דאָ, אין מגדל אשכלון אויף ישראל־ערד ,מיט זיין אייגענער וואוינונג וואָס ער האָט געהאַט אין סאַנטאַ־פע, גיט... אַ ריס ביים הארצן! דאָרט — אין חוץ לארץ, האָט ער זיך „געמוטשעט״ אין דריי פיר צימערן, אין אַ גרויסער קיך און אין אַ זאַל וואו ער האָט אָנגעפירט זיין שניידעריי. דאָ, — דאָ וואוינט ער מיט זיין גרעסערע פאַמיליע אין „אָנדערהאַלבן״ צימערן און... מען איז צופרידן! ממש גליקלעך! זאָגט מיינע חברים אין אַרגענטינע, אַז זיי זאָלן קומען אַהער — שרייט ער מיר נאָך!...

איך האָב ניט געוואוסט צי ער וויל אַז זיינע חברים זאָלן קומען אַהין, כדי אויך צו זיין אַזוי גליקלעך ווי ער, אָדער, ער פאַרגינט זיי ניט, וואָס זיי טרינקען מאַטע, עסן אַ גוטע אַסאַדע, וואוינען אין באַקוועמע וואוינונגען, און ער דאַרף זיך מוטשען אין אַזאַ ענגשאַפט, גיין אַ שטיק וועג צופוס צו זיין קלייטל, און זיך באַנוגענען מיט קעז און זויערמילך!

איך גלויב אין ערשטן!...

מיר שפּאַצירן אַרום איבערן „שטעטל״. היינט, איז אשכלון אָפּגעזונדערט פון דער וועלט. אַזוי ווי היינט גייען ניט די אויטאָבוסן, מוז מען זיין „פאַרשלאָסן״ אין שטעטל און מען גייט צו גאַסט צו באַקאַנטע.

גייענדיק איבער דער „גאַס״, דערמאָן איך זיך וואָס איך האָב ערשט ניט לאַנג געלייענט וועגן אַשכלון. אַ זייער פּעאיקער שרייבער ד. אריאן, באַשטרייבט אשכלון אַזוי:

פאַראַן אַ מסורה, אַז אין אשכלון איז געווען אַ ברונעם וועלכן אַב־

רהם אָבינו האָט געגראָבן נאָך אין די צייטן, ווען די פּלשתים האָבן גע־הערשט אין דעם טייל לאַנד.

אַ צווייטער אברהם, ר' אברהם פון טאָדעלא, וועלכער האָט באַזוכט דאָס לאַנד אין סוף פון 12־טן יאָרהונדערט, באַשטעטיקט די מסורה און גיט צו, אַז דאָס וואַסער צום ברונעם קומט פון די שילוח־קוואַלן, וואָס פליסן ביי ירושלים.

אויך דער נאָמען פון שלמה המלך איז פאַרבונדן מיט אַשכלון.

אין דער אַלטער העברעאישער ליטעראַטור ווערט דערציילט וועגן קלוגן שמועס פון שלמה המלך מיט דער קעניגין פון די מוראַשקעס, וואָס איז פאָרגעקומען ביי אשכלון.

ווען שלמה המלך האָט באַדאַרפט איינמאָל אַדורכגיין מיט זיין מי־ליטער אַ טייכל ביי אשכלון האָט ער געהערט ווי אַ מוראַשקע זאָגט: „גייט אַריין שנעל אין אייערע וואוינונגען, איידער די זעלנער פון שלמה המלך וועלן אייך נישט צעטרעטן".

דער קלוגער שלמה, וועלכער האָט זיך געקאָנט אויסשמועסן מיט אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן, האָט געשיקט רופן צו זיך די מוראַשקע, וועלכע האָט פאַראָרדנט צו אַנטלויפן פאַר זיין מיליטער. איז געקומען צו אים אַ גרויסע און שיינע מוראַשקע און מודה געווען: „איך האָב עס געגעבן אַזאַ פאַראָרדענונג ווייל איך בין די קעניגין פון די מוראַש־קעס אין דער סביבה".

שלמה המלך האָט דאַן צו איר געזאָגט: „אויב דו ביסט די קעניגין, וועלן מיר באַלד זען, צי דו ביסט אויך אַזוי קלוג" — זאָג מיר גנעדיקע קעניגין, צי איז דאָ אַ גרעסערער פון מיר אויף דער וועלט"?

האָט די קעניגין געענטפערט:

„הויב מיך פריער אויף פון דער ערד, וועל איך דיר ענטפערן, ווייל איך לייד, ווען דער, וואָס רעדט צו מיר, בלייבט זיצן און איך ליג צו זיינע פיס".

און ווען שלמה המלך האָט די מוראַשקע אויפגעהויבן און אַוועקגע־שטעלט אויף דער האַנט־פלאַך, האָט די קעניגין געענטפערט:

„הער, קלוגער קעניג, עס איז דאָ עמעצער, וואָס איז העכער פון דיר — איך! און אַ סימן האָסטו — ווען איך זאָל נישט זיין העכער פון דיר, וואָלסטו נישט געקומען אַהער, כדי צו טראָגן מיך אויף דיינע הענט".

דער קלוגער מלך איז געוואָרן אין כעס, אַוועקגעוואָרפן די מוראַש־

קע אויף דער ערד און געזאָגט: „דו נידעריקע מוראַשקע, צי ווייסטו ניט, ווער איך בין? -- איך בין דאָך שלמה המלך, דער זון פון דוד" — און איז אַוועק פון דעם פּאַרצאָרנט.

די זעלבע מסורה געפינען מיר אויך אין דער אַראַבישער ליטעראַ־טור. די אַראַבער פון דער סביבה ווייזן אַפילו דאָס ריכטיקע אָרט, וואו עס איז פאָרגעקומען דער צוזאַמענטרעף צווישן שלמה המלך מיט... דער מוראַשקע.

און אַ צווייטע געשיכטע ווערט דערציילט וועגן אשכלון, די דאָזי־קע געשיכטע האָט אונז דערציילט דער מלמד עלי שיכמאַן און אונז אויסגעמאָלט אַזוי גלייך ווי ער אַליין האָט עס געזען:

אין די צייטן פון נשיא שמעון בן שטח זיינען אין דער אומגעגנט פון אשכלון אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז אין אַ הייל געפינען זיך אַכציק כישוף-מאַכערינס. אשכלון מיט דער גאַנצער סביבה האָבן געציטערט פון שרעק פאַר די מכשפה׳טעס. ווען די קלאַנגען זיינען דערגאַנגען צום נשיא, ר׳ שמעון בן שטח האָט ער באַשלאָסן זיי אויסצוראָטן.

ר׳ שמעון בן שטח האָט אויסגעקליבן אַכציק יונגע, שיינע און גע־זונטע מענער, האָט זיי אָנגעטאָן אין שיינע קליידער און זיי אָנגעזאָגט, אַז ווען ער וועט אַריינגיין אין הייל און וועט פון דאָרטן געבן אַ צייכן, זאָלן זיי אַלע אַריינלויפן אין הייל, כאַפּן יעדער איינער אַ כשוף-מאַכערן און אויפהויבנדיק איר פון באָדן, זאָל ער זי אַרויסטראָגן פון הייל, וואו מען וועט זיי פאַרטיליקן.

די בחורים האָבן צוגעזאָגט טאָן ווי מען האָט זיי אָנגעזאָגט.

אין אַ רעגן-טאָג איז ר׳ שמעון בן-שטח צוגעקומען צו דער הייל, צוזאַמען מיט זיין גרופּע, אָנגעקלאַפּט אין הייל און גערופן: „כשוף-מאַ־כערינס — עפנט, דאָס בין איך, איינער פון אייך".

זיי האָבן אים געענטפערט: „וואָס ווילסטו דאָ, און פאַרוואָס ביסטו טרוקן אין אַ רעגן-טאָג?"

האָט ר׳ שמעון זיי געענטפערט: „איך קום צו אייך לערנען און איך בין טרוקן, ווייל איך בין געגאַנגען צווישן די טראָפּנס וואַסער, דערי־בער האָב איך זיך נישט פאַרנעצט".

די מכשפות האָבן באַקומען צוטרוי צו אים, געעפנט די הייל און אים מקבל-פּנים געווען מיט ברויט און ווײַן. דערנאָך האָבן די כשוף־מאַכערינס אים געפרעגט: „וואָס קענסטו אונז ווייזן פון כשוף?" האָט

ר׳ שמעון געענטפערט: „איך וועל געבן אַ צייכן און אַבציק שיינע מע־נער וועלן אָנקומען אַהער, כדי אייך צו וויילן״.

דער סיגנאַל איז געגעבן געוואָרן און די אַבציק בחורים זיינען אָנ־געפאַלן אויף די מכשפות, אויפגעהויבן זיי פון באָדן, כדי זיי זאָלן ניט קענען מאַכן וועלכן ס׳איז כשוף, אַוועקגעטראָגן זיי אויסערן הייל, און זיי אַלע פאַרטיליקט!

ווען דער רבי האָט עס אונז דערציילט האָט זיך אונז געשטעלט טרערן אין די אויגן, ווייל מיר קינדער פלעגן אויף זיי... רחמנות האָבן...

ענדע פון ערשטן באַנד

Este tomo se acabó de imprimir el 20 de octubre de 1953, en la "IMPRESORA BAIRES" de Simón Eidelman, Cangallo 2981 T. E. 86-0119, - Buenos Aires